אָסיפּ דימאָוו

וואָס איך געדענק

(זכרונות)

ערשטער באנד

ציקאָ ביכער־פאַרלאַג

ניו־יאָרק

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2022

OSIP DIMOW
"VOS ICH GEDENK" — MEMOIRS
Volume 1.

COPYRIGHT 1943
By Central Yiddish Culture Organization (CYCO).

Published by
"CYCO" BICHER-FARLAG
425 Lafayette St., New York, N. Y.

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2022

אָסיף דימאָוו

וואָס איך געדענק

Printed in U. S. A.



אָסיפּ דימאָוו

אַרויסגעגעבן פֿון

מאָריס אײַזענמאַן ליטעראַטור-פֿאָנד

בײַם ציקאָ ביכער־פֿאַרלאַג

בלויז איצט, אין דער פערספעקטיוו פון צייט, ווען איך קוק אויף צוריק, פארשטיי איך וואס מיר איז אויסגעקומען איבערצו־לעבן און דורכצופילן אין רוסלאנד אין די יארן פון מיין יוגנט און שפעטער אין די מער רייפע יארן אין איראפע.

די צעבליאונג פון א גרויסער אימפעריע — רוסלאנד, איר אויפ־שטייג צו דער העכסטער מדרגה פון קולטור, און דערנאך, דער אנהייב פון סוף פון צארישן רעזשים, איז דורכגעגאנגען פאר מיינע זשעדנע אויגן. צופאל און אומשטענדן האבן אזוי געבראכט, אז אפט בין איך געווען נאענט צו פאסירונגען און מענטשן, וואס האבן דעמאלט אויסגעזען צו זיין וואכעדיק און ניט וויכטיק, און וועלכע האבן שפעטער באקומען א היסטארישע וויכטיקייט. ניט איינמאל איז מיר אליין אויסגעקומען צו זיין פארבונדן מיט יענע פאסירונגען. אן אויסערגעוויינלעך רייכע גאלעריע פון מענטשן, וועמענס נעמען און טעטיקייט עס איז געווען באקאנט איבער גאנץ רוסלאנד, זענען דורכגעגאנגען נאענט פאר מיינע אויגן. איך האב זיי געזען, געהערט, געזעסן ביי זייער טיש און געארבעט מיט זיי. דער געניוס פון צייט איז געווען גנעדיג צו מיר, און מיך ארייגעכאפט אין זיין רוישיקן שטראם.

אויף מיין גורל איז אויסגעפאלן דורכצולעבן און צו זען די העכסטע און לעצטע שעה, וואס דאס רוסישע און מיטל־איירא־פעאישע יידנטום האט דורכגעלעבט צוזאמען מיט די לענדער, מיט וועלכע זיי זענען געווען צונויפגעוואקסן. די שענסטע און באליבטסטע פיגורן פון אונזער פאלק זענען פארבליבן אין מיין זכרון, און נאך טיפער — אין דעם בלוט פון מיין הארצן. צו זיי, צו זייער אנ־דענקען, טוליעט זיך צו מיין וואנדערנדיקער גייסט אין די מינוטן פון גייסטיקער מידקייט.

איך בין דאנקבאר דעם צופאל, וואס האט געשפילט זיך מיט מיין לעבן, און שפילנדיק ניט זעלטן מיך געמאכט פאר אן עדות און אויך פאר א צופעליקן שומר פון דער פארביי־לויפנדיקער גע־

שיכטע. דאָס איז אייגנטלעך דאָס רייכטום, וואָס איך האָב אָנגעקליבן און אָפּגעשפּאָרט.

איך בין טיף דאַנקבאַר אַלע די, וואָס האָבן פֿאַר מיר מעגלעך געמאַכט זיך צו טיילן מיט מײַן רײַכטום און איך זאָל ניט ווערן אָרעמער, נאָר פֿאַרקערט.

איך וויל אויסדריקן מײַן דאַנק צו אַב. קאַהאַן, דעם רעדאַקטאָר פֿון „פֿאָרווערטס", וואו מײַנע זכרונות זענען צוערשט דערשינען אין אַ גאַנצער סעריע, און אויך צו אַלע די, ווי די קאָלעגן ל. קרישטאָל און י. קיסין, וואָס האָבן פֿאַרלײַכטערט און דערמונטערט די דאָזיקע אַרבעט מײַנע אין „פֿאָרווערטס".

איך וויל אויך אויסדריקן מײַן האַרציקן דאַנק צו מאָריס אײַזענמאַנען, וועמענס מערקווירדיקע יוגנט־ביאָגראַפֿיע איך באַ־שרײַב אין קאַפּיטל זעקס פֿון ערשטן באַנד, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער שוידערלעכער טראַגעדיע פֿונם פּוילישן דאָקטאָר גראַנאָווסקי. די פֿרײַנטלעכע און ברייטהאַרציקע באַציאונג פֿון דעם אַמאָליקן „משה פֿון ביאַליסטאָק", האָט עס מעגלעך געמאַכט, אַז אָט די זכרונות זאָלן קענען דערשײַנען אין בוך־פֿאָרם.

מײַן ביאַליסטאָקער דאַנק געהערט צו מײַנע טײַערע לאַנדסלײַט, צו דעם „ביאַליסטאָקער צענטער" אין ניו־יאָרק, מיט זײַנע באַ־ליבטע הונדערטער טוער, פֿון וועלכע איך דאַרף באַזונדער דער־מאָנען איזראַעל קאַגאַן, סאָל בינדלער, וויליאַם אייבראַמסאָן און דזשייקאָב גינזבורג, מיט דוד סאָהן אין דער שפּיץ. די פֿרײַנד־שאַפֿט און איבערגעבנקייט פֿון מײַנע לאַנדסלײַט איז געווען און פֿאַרבלײַבט דער צעמענט צווישן דעם מחבר און דעם לייענער פֿון זײַן בוך.

איך דריק אויס מײַן קאָלעגיאַלן דאַנק צו דער צענטראַלער יידישער קולטור אָרגאַניזאַציע („ציקאָ"), וועמענס קולטורעלע אַר־בעט באַקומט איצט אין אַלגעמיין אַ באַזונדער גרויסן ווערט אין די שווערע קריטישע צײַטן, וואָס דאָס יידישע וואָרט לעבט איצט איבער.

און אַ באַזונדער דאַנק צו פֿרײַנד און קאָלעגע י. קרעפּליאַק פֿאַר דער שווערער און וויכטיקער אַרבעט, וועלכע ער האָט אַרײַנגעלייגט אין די צוויי בענדער פֿון מײַנע זכרונות.

דער מחבר

ערשטער טייל

קאַפּיטל אײנס.

איך בין געבאָרן געוואָרן אין ביאַליסטאָק, די קלײנע קרוין פון ליטע, װײל די גרעסערע קרוין איז דאָך געװען װילנע. אין דער צײט, װען עס האָט זיך אָנגעפאַנגען מײן לעבן,דאָס הײסט, בײם סוף פון די זיבעציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט, איז ביאַליסטאָק געװען צוטײלט אין צװײ ניט־גלײכע טײלן — אין צענטער פון דער שטאָט, אויף אַלעקסאַנדראָװסקאַיאַ, ניקאָלאַיעװסקאַיאַ און ליפּאָװער גאַסן, האָבן געװאױנט די „געקליבענע״, די אינטעליגענץ; אָרום זײ, אויף דער גומיענער גאַס, אויף די פּיאַסקעס, אויף דער יאַטקע־גאַס, האָט געװאױנט דאָס פאָלק, די אמתע ײדישע ביאַליסטאָק.

די אינטעליגענץ האָט גערעדט דײטש, װײל די דײטשע גרענעץ איז געװען נאָענט, און רוסיש, װײל דער רוסישער טשינאָװניק איז געװען נענטער. א חוץ דעם, האָבן זײ געהאַלטן אין שטוב דינסט־מײדלעך, ניאַניעס און אַמען, װעלכע האָבן גערעדט פּויליש. דאָס פאָלק האָט גערעדט ײדיש און געקענט העברעיש, — אויב נישט א סך, איז פאָרט מער װי די אינטעליגענץ.

הינטער דער שטאָט האָט זיך געצויגן דער װאַלד, װאָס מען האָט גערופן „זװערינעץ״ און נאָך װײטער — דער סאָסנאָװער װאַלד. װען א װינטל האָט געבלאָזן, אָדער א שטורעם האָט אויסגעבראָכן, האָבן די װעלדער גערעדט אויף זײער אוניװערסאַלער שפּראַך, װאָס איז אײנע־און־דיזעלבע אויף דער גאַנצער װעלט.

ביאַליסטאָק איז אַלט. א פינף־הונדערט יאָריקער הימל הענגט איבער דער שטאָט און אירע װעלדער. די היסטאָריע האָט געהאַט גענוג צײט און פּלאַץ װאו צו צעהוליען זיך, — אַט האָט זי גערעדט ליטװיש, אַט פּויליש, דערנאָך מאַלאָרוסיש; און אויף יעדער שפּראַך

און אין יעדער עפּאָכע האָט מען פאַרפאָלגט און געטריבן די ייִדעס און עלטער־ייִדעס פון די ייִדן, וואָס זענען אין מײַן צײַט געווען די אײַנוואוינער פון די „יאַטקעס" און די „פּיאַסקעס".

שיין איז געווען דער „זווערינעץ"־וואַלד, דער געהיימניספולער פרײַנד פון מײַן יוגנט. ער האָט גערעדט צו מיר מיט דעם שאָרך פון זײַנע ביימער, מיט דעם צוויטשערן פון זײַנע פייגל. ער האָט מיך באַגריסט מיט זײַן גרינקייט, מיט די קאָלירן און פאַרבן פון זײַנע באַשיידענע בלומען; מיט דעם העל־בלויען הימל, וואָס האָט געקוקט אויף מיר דורך די צווײַגן פון די הונדערט־יאָריקע ביימער זײַנע. שיין איז געווען דער „זווערינעץ" אויך שפּעטער, אין דער צײַט פון די פאַרבאָטענע „מאַיאָווקעס", ווען מיר, די גימנאַזיסטן, האָבן גע־פײַערט דעם ערשטן מאַי צוזאַמען מיט די פאַבריק־אַרבעטער, מיט די וועבערס פון נאָוויק, וועלטער און בראָוניקס וואָל-פאַבריקן.

אָבער פריער, אין די צײַטן פון העטמאַן בראַניצקי, איז עס געווען אַנדערש. די פּאַנעס האָבן געקאָמאַנדעוועט איבער ביאַליסטאָק, ברענ־גענדיק שרעק און אומגליק אויף ייִדן. דער וואַלד „זווערינעץ", ווי דער נאָמען ווײַזט עס אָן איז דאַן געווען פול מיט ווילדע חיות („זווער" מיינט אין רוסיש „חיה"). דאָ זענען די פּאַנעס געגאַנגען אויף יאַגד, געשאָסן בערן, וועלף, פוקסן און „זוברעס"—אַ מין ווילדער אָקס, וואָס איז ענלעך צו דעם אַמעריקאַנישן באַפאַלאָ. אויף דעם „סטאַוו", וואָס האָט זיך געפונען אמאָל אינמיטן שטאָט, זענען די פּאַנעס ארומגעפאָרן אין קליינע שיפלעך, געזונגען, געפירט ליבעס, געצונדן פײַערווערק פון פאַרגעניגן וועגן. פון פאַרגעניגן־וועגן האָבן די פּאַנעס אויך גע־צונדן ייִדישע הײַזער און כאַטקעס.

אונזערע אור־אור־עלטערן זענען אָפטמאָל געווען געצוואונגען צו באַהאַלטן זיך אין די וועלדער, טאַקע אין דעם זעלבן „זווערינעץ", און אַליין ווערן ווי חיות, ווי פוקסן, אָדער זוברעס, נאָך וועלכע מען האָט זיך געיאָגט. דערפאַר, ווען מען הערט זיך גוט אײַן אין דער גרינער שפּראַך, אויף וועלכער עס רעדן די וועלדער ארום ביאַ־ליסטאָק, קאָן מען, דוכט זיך, דערהערן ווײַטע האַלב־פאַרשוואונדענע קרעכצן, ייִדיש געוויין, א ווײַטן פאַרשטיקטן אויסגעשריי, — אן אָפּקלאַנג פון פאַרשוואונדענע תפילות, דאָס ווידערקול פון א האַרצ־

רײַסנדיקן „שמע ישראל!“ אַרויסגעשטויסן פון האַרצן אין אַ מאָמענט פון פאַרצווייפלונג. די אַלטע ליטווישע וועלדער, פונקט אַזוי ווי די פּוילישע, שמעקן מיט יידיש בלוט.

פאַרשוואונדן זענען די אַלטע צײַטן פון העטמאַן בראַניצקי, דעם אַמאָליקן הערשער פון ביאַליסטאָק, איבערגעבליבן איז בלויז זײַן שיינער פּאַלאַץ, וואָס יידישע הענט האָבן געהאָלפן בויען. דער פּאַלאַץ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אינסטיטוט, וואו עס האָבן זיך געלערנט קריסטלעכע מיידלעך פון די „בעסערע“ פאַמיליעס, אַן „אינסטיטוט דליאַ בלאַגאָראָדניך דיעוויץ“.

די העטמאַנס און די פּאַנעס זענען אַוועק אַזוי ווי זיי וואָלטן קיינמאָל אויף דער וועלט נישט געווען. יידן זענען געבליבן. זיי האָבן ווײַטער געבויט ביאַליסטאָק, שריט בײַ שריט, שטיין בײַ שטיין... אַזוי איז אויסגעוואַקסן מײַן מוטער־שטאָט, די קליינע קרוין פון ליטע, דאָס אָרט, וואו איך האָב געעפנט מײַנע נײַגעריקע אויגן.

דאָס פאָלק זאָגט, אַז דאָס קינד, וואָס ווערט געבוירן אין דעם יאָרטאָג פון זײַנע עלטערנס חתונה, איז אַ מזלדיק קינד. מײַן געבורטסטאָג איז דעם פערטן פעברואַר, פונקט אין דעם טאָג פון טאַטע־מאַמעס חתונה. מאַלע־וואָס דאָס פאָלק זאָגט! און דאָך בין איך פאַרט געווען מזלדיק. ניט איינמאָל בין איך געווען נאָענט צום טויט, און איך בין געראַטעוועט געוואָרן ווי דורך אַ נס. פיר מאָל האָט מען אויף מיר געשאָסן פון אַ שטרעקע פון דרײַ שפּאַן. אַ מאָל האָט געצילט אין מײַן קאָפּ. די קויל איז פאַרבײַגעפלויגן לעבן מײַן אויער. נאָך אַ קויל איז געווען געצילט אין מײַן ברוסט; דער שיסער האָט גוט געצילט, אָבער געטראָפן האָט ער פונקט אין דעם קליינעם בלעכל פון מײַנע שלעיקעס. דאָס קליינע בלעכל האָט מיר געדינט ווי אַ פּאַנצער. איך בין אַרויסגעפאַלן פון אַ שליטן אין מיטן שנעלסטן „פליען“, ארײַנגעקײַקלט זיך אין אַ באַרג שניי, און — זיך צעלאַכט.

איך בין צוויי מאָל געלעגן צוקלאַפּט פון אַן אויטאָמאָביל — איינמאָל אין בערלין, אַ צווייט מאָל אין לאָנדאָן. אַ גרויזאַמע קראַנקהייט — אַסטמאַ — וואָס איז כמעט נישט צום אויסקורירן, האָט

מיך אָפּגעלאָזט מער ווי אויף 26 יאָר. אויסערגעוויינלעך מזלדיק בין איך געווען אין געווינען פאַר זיך גוטע אמתע פרײַנד צווישן די פײַנסטע מענטשן פון דער וועלט — יידן און קריסטן, מענער און פרויען.

דאָס געסל, אין וועלכן איך בין געבאָרן געוואָרן, האָט נישט געהאַט קיין אָפיציעלן נאָמען — ס׳איז געווען גלאַט א זײַטיק געסעלע, א „פּערעאולאָק". אין ביאַליסטאָק זענען געווען א סך אזעלכע געסלעך אָן נעמען, ווײַל א יעדער איינער האָט דאָך סײַ־ווי געוואוסט וואוהין צו גיין. אָבער א צו־נאָמען האָט אונזער געסעלע יאָ געהאַט. מ׳האָט עס גערופן: „שניאור גוטמאַנס געסעלע", ווײַל שניאור גוט־מאַן האָט דאָרט פאַרמאָגט א הויז מיט א הויף, און מיט אַ גאָרטן. און טאָקע אין דעם גוטמאַנס הויז האָב איך צום ערשטן מאָל טריאומ־פירנדיק אויסגעשריען: „יידן פון ביאַליסטאָק, איך בין דאָ!" דאָס הייסט, איך האָב אפשר געוואָלט אזוי אויסשרײַען. אין דער אמתן אָבער איז דאָס געווען דאָס געוויינלעכע שרײַענדיקע געוויין פון אַ נײַ־געבאָרן מענטשעלע — וואָס איידער וואָס־ווען האָט עס שוין חרטה וואָס ס׳איז געקומען אויף דער וועלט.

גוטמאַנס געסעלע איז געווען נאָענט צום צענטער פון דער שטאָט. מיט איין עק האָט עס געקוקט צו דער יאַטקע־גאַס; מיט דעם אַנדערן — צו דער „ניקאָלאַיעווסקע" אָדער וואַשליקאָווער גאַס, ווי מ׳האָט זי אויך גערופן. אין דער יאַטקע־גאַס האָבן געוואוינט, ווי איך האָב שוין פריער דערציילט, פשוטע, באַשיידענע יידן, באַל־מעלאָכעס, קליינע קרעמער, גלאַט אָרעמעלײַט — דאָס פאָלק, דאָס אמתע ביאַליסטאָק. אויף „ניקאָלאַיעווסקע" האָט געוואוינט די אינ־טעליגענץ, דער מער אָדער ווייניקער געבילדעטער קלאַס. דאָרט האָט מען געהערט די רוסישע און די דײַטשע שפּראַך.

דאָרט און ווײַטער ארום דער „ניקאָלאַיעווסקע" זענען געווען די רײַכע קראָמען, יידישע און ניט־יידישע, ווילבושעוויטשס אַפּ־טייק, מוראַוויאָווס מאַגאַזין, דער קלוב („בלאַגאָראַדנאָיע סאָבראַניע"). דאָרט האָבן געוואוינט די דאָקטוירים — דאָקטאָר באַמאַש, וואָס איז, נעבאַך, געווען א הינקענדיקער; דאָקטאָר כאַזאַנאָוויטש, דער יידי־

שער טרוימער, דער מאַן וואָס איז געווען אַ ציוניסט נאָך איידער דער ציוניזם איז געוואָרן אַ באַוועגונג.

גוטמאַנס געסעלע איז, אַזוי צו זאָגן, געלעגן צווישן צוויי וועלטן: פון איין זייט איז געווען דאָס היימישע, מאַמע־לשונדיקע ביאַליס־טאָק, און פון דער אַנדערער זייט — די „אויפגעקלערטע", די איי־ראָפּעאישע שטאָט, וואָס מ'האָט גערופן אויף רוסיש „ביעלאָסטאָק". אונזער געסעלע האָט צוטיילט און אין דערזעלבער צייט פאַרבונדן די צוויי וועלטן.

און טאַקע דאָרט, צווישן „ביאַליסטאָק" און „ביעלאָסטאָק", בין איך געבאָרן געוואָרן. אַ צופאַל, פאַרשטייט זיך, אָבער אָט דער פאַקט האָט געהאַט אַן איינפלוס און זיך אָפּגעשפּיגלט אין מיין נאַ־טור און אין מיין לעבן, איך בין געווען אַ טייל פון דעם געזונטן, פעסטן קערן פון דער יאַטקע־גאַס, און אין דער זעלבער צייט האָט עס מיך געצויגן צו דער „ניקאָלאַיעווסקאַיאַ אוליצאַ", צו נאַשן פון דער וועלטלעכער בילדונג, צו לערנען רוסיש, דייטש, פראַנצויזיש; צו זען, צו הערן, צו קענען, צו וויסן — אַרויס פון דער ענגער היים אין דער ברייטער פרעמדער וועלט.

דאָס איז געווען ניט נאָר מיין פּערזענלעכער וועג. איך האָב דורכגעמאַכט דאָסזעלבע, וואָס עס האָבן איבערגעלעבט און דורכ־געמאַכט אַ סך ייִדישע יונגעלייט פון מיין דור. מיך האָט געטראָגן אויף זיינע פליגלען דער ווינט פון דער צייט. אָבער — —

— — אָבער אַזוי איז געווען בלויז די ערשטע העלפט פון מיין אומרואיק לעבן. די צווייטע העלפט איז געווען דער וועג צוריק: פון רוסלאַנד, פון דער ציוויליזירטער אייראָפּע, מיט איר גאַנצן גלאַנץ — צוריק אַהיים, צו דעם ייִדישן ביאַליסטאָק, צו דעם פּשוטן באָדן אונטער די פיס, צו דעם אור־אַלטן ייִדישן לעבן.

איך האָב דאָס צוריק געפונען, נישט נאָר אין דער ביאַליסטאָ־קער יאַטקע־גאַס, נאָר אויך אין וויען אויף דער געוועזענער טאַבאָר־שטראַסע; אין בערלין אויף דער ייִדישלעכער אָראַניענבורגער שטראַסע; אויף די איסט־סאַידער גאַסן פון ניו יאָרק; אין לאָנדאָנער ווייטשעפּל און גאָלדערס גרין — אומעטום האָב איך נאָכאַמאָל און

ווידעראַמאָל געפּונען שניאור גוטמאַנס געסעלע, „וואו מײַן וויגעלע איז געשטאַנען".

איך בין דורכגעגאַנגען דאָס געסעלע צוויי מאָל — אהין און צוריק.. און כאָטש דאָס געסעלע איז געווען זייער קליין, האָט עס מיר גענומען כמעט זעכציק יאָר און איך בין נאָך אַלץ דערמיט נישט פאַרטיק. איך האַלט נאָך אין גיין...

קאַפּיטל צוויי.

איך האָב אין זיך „קאָונער" בלוט — אויב עס איז פאַראַן אַזאַ בלוט. מײַן מאַמע שטאַמט פון קאָוונע — העבריעטאַ ערליך איז גע־ווען איר מיידלשער נאָמען. מײַן טאַטע אָבער איז געווען פון ליק, אַ דײַטשער, אַ פּרײַסישער ייד, איזידאָר פּערלמאַן. פאַר וואָס מען רופט מיך אָסיפּ דימאָוו — וועגן דעם וועל איך שפּעטער דערציילן. ווי אַזוי מײַן טאַטע איז געקומען קיין רוסלאַנד און זיך באַגעגנט מיט מײַן מאַמען ווייס איך נישט גענוי און וועל זיך שוין, מן הסתם, קיינמאָל נישט דערוויסן. נאָר מאַלע וואוהין עס ווערט פאַרוואָרפן אַ ייד, אפילו א דײַטשער!

ווי ווײַט אָבער איך האָב זיך געקאָנט דערוויסן, איז די זאַך געווען אַזוי:

אין ביאַליסטאָק האָט געלעבט אַ ייד, קאַמינקע, און ער איז געווען בערל וואָלקאָוויסקיס איידעם. וואָלקאָוויסקי איז געווען פאַר־רעכנט צווישן די גרעסטע גבירים אין שטאָט. קאַמינקע איז אויך געווען רײַך, געהאַנדלט מיט וואָל, געפירט געשעפטן מיט אויס־לאַנד און האָט זיך געניטיקט אין א גוטן בוכהאַלטער. דער בוכ־האַלטער איז געווען מײַן טאַטע. ער האָט געהאַט א שטעלע בײַ קאַמינקען אין ביאַליסטאָק.

איך בין געווען דרײַ אָדער פיר יאָר אַלט, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען מײַן טאַטן. אָבער זייער ווייניק איז געבליבן דערפון אין מײַן זכרון. איך געדענק צוויי פאַרקריפּלטע פינגער־שפּיצן פון זײַן האַנט. ער איז געפאָרן אויף א „איזוואָזטשיק", א ראָד איז אָפּגעשפּרונגען, דער טאַטע איז אַראָפּגעפאַלן און, כדי צו באַ־שיצן זײַן קאָפּ, האָט ער אונטערגעלענט די האַנט. צי ס'איז אַזוי

טאַקע געווען, קאָן איך נישט זאָגן, נאָר דער דאָזיקער נישט וויכ־טיקער פאַל האָט געמאַכט אויף מיר אַ טיפן איינדרוק. מער ווי אַ האַלב יאָרהונדערט איז אַוועק און ביז היינט זענען געבליבן אין מיין זכרון דעם טאַטנס צעקאַליעטשעטע פינגער־שפיצן.

די ערשטע אמתע איבערלעבונג פון מיין קינדהייט, וואָס איך געדענק, איז פאַרבונדן מיט מיין מאַמעס טרערן.

איך האָב זיך מיט פרייד אריינגעריסן אין שטוב צו דערציילן דער מאַמען, אַז איך האָב געשפּילט אין באַל און דריי מאָל נאָכאַ־נאַנד דעם באַל געכאַפּט. איך האָב געעפנט די טיר פון טאַטנס קאַבינעט־צימער און — געבליבן שטיין אויף דער שוועל אַ דער־שראָקענער פון דעם וואָס איך האָב דערזען. אין דעם גרויסן שטול, ביים טיש, איז געזעסן מיין טאַטע, און לעבן פענצטער, מיט דעם רוקן צו מיר, איז געשטאַנען די מאַמע. ווען איך האָב אויפגעריסן די טיר, האָט זי זיך א קער געטאָן און איך האָב דערזען, אַז זי וויינט — וויינט אַנדערש ווי מיר, קינדער, וויינען. אָן געשרייען און אָן אַ פאַרקרימטן פּנים — נאָר טרערן האָבן זיך געגאָסן איבער אירע בלאַסע באַקן.

דער טאַטע איז געזעסן רואיק אין זיין באַקוועמען שטול. זיינע טונקל־בלאָנדע האָר זענען געווען אַקוראַט פאַרקעמט. אַקוראַט איז אויך געלעגן דער ווייסער, שטייפער קראַגן אַרום זיין נידריקן האַלדז. — זיכער האָט ער דאָס געמאַכט, אַז די מאַמע זאָל וויינען! — האָב איך באַשלאָסן ביי זיך. ער מוטשעט זי הינטער דער פאַרמאַכ־טער טיר, ווען קיינער ווייס נישט און קיינער זעט נישט!

די פרייד וועגן דעם דריי מאָל געכאַפּטן באַל איז מיטאַמאָל אָפּגעשטאָרבן אין מיר. איך האָב דערפילט, ווי מיין קליין האַרץ ווערט אָנגעגאָסן מיט ברענענדיקן רחמנות צו דער מאַמען.

שטיל און דערשלאָגן האָב איך זיך אָפּגעטראָגן פון שטוב און זיך געלאָזט לויפן, — לויפן, זוכן אַן אָרט וואו קיינער זאָל מיך נישט קאָנען געפינען, נישט קאָנען דערזען מיין ווייטאָג צוליב דעם, וואָס איך דאַרף זיך שעמען מיט מיין טאַטן.

ביי אונז אין הויף זענען געשטאַנען גרויסע הילצערנע קאַסטנס, קאַמינקעס קאַסטנס, אָנגעפּאַקט מיט וואָל, אָנגעשטעלט איינער אויפן

צווייטן. ווי אַ קאַץ בין איך אַרײַנגעקראָכן צווישן די קאַסטנס, וואָס אַ יעדער איינער איז געווען צוויי מאָל אַזוי הויך ווי איך, געפונען אַ ווינקעלע און פאַרבליבן שטיל זיצן — נישט אַזוי שטיל ווי איך וואָלט געוואָלט — ווײַל איך האָב געהערט גאַנץ נאָענט — טאַקע ערגעץ אין זיך אַליין — דאָס אומאויפהערלעכע קלאַפּן פון אַ טעמפּן האַמער: טוק־טוק — טוק־טוק... דאָס האָט געקלאַפּט און געהאַמערט מײַן האַרץ.

איך האָב דעמאָלט נישט געוואוסט, אַז איך האָב אַ האַרץ און, אַז אַ האַרץ האָט אַ טבע צו קלאַפּן. האָב איך באַשלאָסן, אַז איך בין זייער קראַנק. אַ סימן האָב איך — עס קלאַפּט: טוק־טוק, טוק־טוק, און עס וויל זיך נישט אָפּשטעלן. אָבער איידער וואָס־ווען מוז מען עפּעס טאָן וועגן מײַן מאַמען. מ׳טאָר נישט צולאָזן, אַז דער טאַטע זאָל זי ווײַטער מאַכן צום וויינען. אָבער ווער קאָן אים עפּעס זאָגן? ער טוט וואָס ער וויל. ער האָט נעכטן אָנגעשריען אויף מײַן עלטערן ברודער הערמאַן. ער וועט אָנשרײַען אויף מיר...

עמיצער רופט מיך פון ווײַטן בײַ מײַן נאָמען. איך הער זיך אײַן, דאָס זוכט מיך מײַן ניאַניע. זאָל זי זוכן! איך וועל פון דאַנען נישט אַרויסקריכן.

איך זע איבער מײַן קאָפּ דעם הימל. אַ שטיק ווײַסע וואַטע ציט זיך אין דער הויך און פאַרשווינדט הינטער דעם ראַנד פון דעם קאַסטן. ווי הויך קאָן דער הימל זײַן? זיכער העכער ווי דער שטאָט־זייגער, וואָס שטייט אין מיטן מאַרק.

—„יאַ־אַ־זעף! יאָזעפּ־כען!״ — רופט די ניאַניע פון ווײַטן (אַסיפּ האָט מען מיך אָנגעהויבן רופן מיט יאָרן שפּעטער). איך דערהער דראַבנע, גיכע טריט אויפן הויף, אַהין און צוריק. ניין, איך וועל זיך נישט ווײַזן, איך בלײַב דאָ! דער טאַטע איז אַ שלעכטער, די מאַמע וויינט און איך קאָן גאָרנישט טאָן — צו וואָס זאָל איך אַרויסקריכן?

איך טראַכט אַלץ וועגן מײַן טאַטן און עס ווערט מיר קלאָר, אַז ער איז אַ גאָר איבעריקער מענטש אין שטוב. צו וואָס, אייגנט־לעך, דאַרף מען אים? די מאַמע — יאָ. זי איז שטענדיק אין שטוב, זי גייט אַהער און אַהין, זי קלינגט מיט די שליסלען, זי פאַרמאַכט די שאַפעס, זי מאַכט זיי ווידער אויף, — און אַ חוץ דעם, איז זי

דאָך אַ מאַמע. די ניאַניע דאַרף מען אויך. זי שטריקט זאָקן און יעדן אָוונט צינדט זי אָן דעם לאָמפּ אין דער קינדער־שטוב. מער פון אַלעמען אַרבעט דאָס דינסטמיידל: זי וואַשט די פּאַדלאָגעס, אַמאָל אויך די וועש, און קאָכט יעדן טאָג ביז מיטאָג. נאָכמיטאָג קאָכט זי נישט און איז פרײַ: קלאַפּט מיט טעלערס. אָבער דער טאַטע — ער טוט גאָרנישט אין שטוב. ער איז איבערהויפּט זעלטן אין דער היים, גייט אַוועק פרי, קומט שפּעט צוריק און עסט. צו וואָס דאַרף מען אים האַלטן אין שטוב? זאָל ער זיך גיין געזונטערהייט, מיר וועלן שוין אויסקומען אָן אים.

איך טראַכט נאָך אביסל און באַשליס, אַז גאָר אויסקומען אָן אַ טאַטן וועט זײַן שווערלעך. מען מוז האָבן אַ טאַטן, ווײַל מענטשן פרעגן זיך אָפּט: וואו איז דער טאַטע? ווען קומט ער? נו, קאָן מען אַרײַננעמען אין שטוב אימיצן, אַן אַנדערן אויף זײַן פּלאַץ. קאָ־מינקעס קוטשער פיליפּ וואָלט געווען זייער אַ פּאַסיקער טאַטע פאַר מיר. ער זיצט הויך אויף די קאָזלעס פון דער קאַרעטע, ער קנאַקט מיט דער בײַטש, ער נעמט מיך שטענדיק אויף די הענט און זעצט מיך אַוועק אויבנאָן אין דער קאַרעטע לעבן זיך און מיר פאָרן... די פערד פאָלגן אים — דאָס איז אַ טאַטע!

איך וויל עסן. איך וויין אַביסל פון הונגער און דערנאָך שלאָף איך אײַן מיט דעם קאָפּ צוגעשפּאַרט צום קאַסטן. איך פיל דעם גערוך פון האָלץ און סחורה. ס'איז מיר זיס אין די ביינער. פּלוצים דערהער איך אַ טײַוולִיש געשריי, דוכט זיך טאַקע דאָ, לעבן מײַן אויער. עס באַפאַלט מיך אַ פּחד און איך הויב אָן ציטערן. דאָס שרײַט איבער מײַן קאָפּ דער האָן און פּאַטשט מיט די פליגלען זײַנע, און דערציילט אַלעמען אויף אַ הויכן קול, אַז איך זיץ דאָ. — „קומט אַלע אַהער, כאַפּט דעם יאָזעפּכען — קו־קערע־קו...” און שלאָגט און פּאַטשט מיט די פליגל אָן אויפהער.

איך קריך אַרויס פון צווישן די קאַסטנס. אין הויף איז שוין האַלב־טונקל. איך לויף אַרײַן אין דער ליכטיקער קיך. די ניאַניע כאַפּט מיך אַרום און רעדט עפּעס צו מיר און דאָס רויטע טיכעלע איבער איר קאָפּ האַלט אין איין טאַנצן. די מאַמע באַוויַזט זיך. איך שעם זיך צו קוקן אויף איר, ווײַל איך ווייס דאָך איר סוד. איך וויל

איר נישט וויַזן, אַז איך ווייס דאָס — זאָל זיך איר דוכטן, אַז איך האָב נישט געזען ווי זי האָט געוויינט. זאָל איך איר שוין אָנזאָגן, אַז איך וויל פּיליפּ דעם קוטשער פֿאַר אַ טאַטן? ווען זי דרייט זיך אָפּ פֿון מיר און האַלט די האַנט הינטער דעם רוקן, קום איך שטי־לערהייט נענטער און גיב איר אַ קוש אויף איר שיינער ווייכער האַנט מיט דעם גאָלדענעם רינגל אויפֿן פֿינגער.

— וואָס איז מיט דיר? — פֿרעגט זי מיך פֿאַרוואונדערט. איך וויל עפּעס זאָגן, אָבער די ווערטער בלײַבן מיר שטעקן אין האַלדז.

— ביסט, חלילה, נישט געזונט? — פֿרעגט די ניאַניע.

איך ווייס נישט וואָס צו ענטפֿערן און וויל זיך באַהאַלטן אין מײַן געווײנלעכן פּלאַץ — צווישן דער וואַנט און דעם אויוון.

אין קיך זיצט האַדעס די קורעלאַפּניצע מיט די צוויי קאָשיקעס, וואָס זענען איר צוגעוואַקסן צו די הענט. אַזוי זאָגט די מאַמע. אין איין קאָשיק האַלט זי אייער; אין צווייטן — לעבעדיקע הינער, וואָס קוואָקען. די אייער זענען שטענדיק פֿריש. ניט פֿרישע האָט זי נישט, כאָטש די מאַמע האַלט אין איין פֿרעגן: „אפשר זענען זיי נישט פֿריש?‟ קיינער האָט קיינמאָל נישט געזען האַדעסן אָן די קאָשיקעס. איצט, ווען זי זיצט דאָ אין קיך, בלײַב איך שטיין און קוק זיך אײַן אין אירע הענט. האַדעס קוקט אויף מיר מיט אירע ווײַסלעכע הינערישע אויגן און קרעכצט. איר קרעכצן איז ווי דאָס קוואָקען פֿון אַ הון. מסתמא טוט עס פֿאַרט וויי צו האָבן צוגעוואַקסענע קאָשיקעס. און ווי אַזוי שלאָפֿט זי מיט די קאָשיקעס אין בעט? און וואָס איז מיט די הינער? און די אייער?

— ררר־אַ־אַ, הויבט זי אָן ווי אַהון. — זאָג דער מאַמען, אַז איך האָב געבראַכט פֿרישע אייער.

— ררר־אַ־אַ! — קוואָקטשען צו די הינער, ווי זיי וואָלטן איר נאָכגעקרימט און חוזק געמאַכט פֿון האַדעסן. איך קאָן זיך נישט צוריקהאַלטן און איך הויב אָן קוואָקען, איבערקרימען די הינער.

די ניאַניע דערהערט עס, לויפֿט־צו און שלעפּט מיך אַרײַן אין עס־צימער. די מאַמע קוקט מיך אָן פֿאַרזאָרגט, לייגט צו איר האַנט צו מײַן קאָפּ:

— טוט דאָס קעפּעלע וויי? — פֿרעגט זי.

איך ענטפער נישט. זי ווייסט דאָך וואָס איך האָב געזען ביים טאַטן אין קאַבינעט. איז בעסער נישט רעדן פון דעם. די ניאַניע רוימט אײַן דער מאַמען אַ סוד אין אויער, און די מאַמע גיט איר די שליסל. די ניאַניע גייט אַרויס און קומט באַלד צוריק מיט דעם „סלאָי" געפּרעגלטע מאַלינעס און אַ טיי־לעפעלע.

— קום אַהער, יאַזעפּכען, — רופט מיך צו די מאַמע. — ווילסט מאַלינעס? דו האָסט דאָך ליב מאַלינעס.

עס ווערט מיר נאָך שווערער אויפן האַרצן. ווי גוט די מאַמע איז! אָט האָט זי נאָר וואָס געוויינט. זי טראַכט אָבער נישט פון זיך, זי זאָרגט זיך פאַר מיר. אַ שאָד וואָס די ניאַניע דרייט זיך דאָ אַרום. איצט וואָלט געוועזן די בעסטע צײַט צו רעדן וועגן דעם קוטשער פּיליפּ.

די מאַמע שטעקט מיר אין מויל אַרײַן דאָס לעפעלע פול מיט רויטע, אײַנגעפּרעסטע מאַלינעס. מיט דאַנקבאַרקייט אין האַרצן בין איך גרייט אַרונטערצושלינגען די זיסע נאַשעריי. פּלוצים דער־פיל איך דעם טעם פון עפּעס גלישיגעס, זייער פּעטעס, פאַררע־טערישעס, — דאָס איז ריצנאייל. איך וויל דאָס אַרויסשפּײַען, ווײַל אַרונטערשלינגען דאָס קאָן מען נישט... נאָר די ניאַניע האַלט מיך שוין פעסט בײַם קאָפּ. די מאַמע רוקט מיר דאָס לעפעלע טיפער אין האַלדז אַרײַן און איך שלינג אַרונטער די מאַלינעס מיטן ריצנטייל.

איך פיל זיך אַזוי אָפּגענאַרט, אַזוי פאַרראַטן!

איך ליג אין מײַן בעטעלע און מײַן פּנים איז נאַס פון ביטערע טרערן. נישט צוליב דעם ריצנאייל וויין איך, נאָר צוליב דער אַנ־טוישונג, צוליב דער טיפער באַליידיקונג, וואָס מען האָט מיר אָנ־געטאָן... מײַן האַרץ איז געווען פול מיט ליבע צו דער מאַמען, מיט ליבע, וועלכע איך האָב נישט געוואוסט ווי אויסצודריקן. און זי האָט מיך באַלוינט מיט — ריצנאייל...

שפּעטער אין לעבן בין איך נישט איינמאָל באַלוינט געוואָרן מיט ריצנאייל פאַר ליבע, אָבער קיינמאָל איז דאָס נישט געווען אַזוי ביטער, אַזוי פאַררעטעריש, ווי דענסטמאָל.

שפעטער איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז מײַנע דעמאָלסדיקע גע־דאַנקען וועגן דעם, אַז דער טאַטע „באַליידיקט" און „מוטשעט" די מאַמע ווען קיינער זעט נישט, זענען געווען נישט מער ווי אַ רעזול־טאַט פון מײַן צעהיצטער קינדערישער פאַנטאַזיע. אַרום יענער צײַט איז פּלוצים געשטאָרבן מײַן טאַטנס ברויטגעבער קאַמינקע, און עס איז געווען נישט מער ווי נאַטירלעך, אַז מײַן מאַמע זאָל אים באַ־וויינען. די מאַמע האָט דעמאָלט אויך געקאָנט וויינען פון זאָרג פאַר דער צוקונפט פון אונזער פאַמיליע, אויב דער טאַטע זאָל פאַרלירן זײַן שטעלע איבער קאַמינקעס טויט.

דאָס אַלץ איז מיר קלאָר איצט, ווען איך טראַכט אויף צוריק... אָבער דעמאָלט איז די וועלט געווען פאַרשלאָסן פאַר מיר אויף זיבן שלעסער און מײַן פאַנטאַזיע האָט זיך צושפּילט בײַ דער מינדס־טער געלעגנהייט.

באַזונדערס שטאַרק פלעגט זיך צושפּילן מײַן פאַנטאַזיע אין אָוונט פאַרן אײַנשלאָפן. מײַן עלטערער ברודער הערמאַן און מײַן שוועסטער אַנאַ, וועלכע איז געווען מיט אַנדערטהאַלבן יאָר ייִנגער פון מיר, פלעגן שטילערהייט אַרויסקריכן פון זייערע בעטלעך און אַרײַן צו מיר אין בעט. הערמאַן פלעגט קומען טראַגנדיק אויפן קאָפּ זײַן קישן פאַרקוועטשט אין אַ דרײַעק. דער פראַנצויזישער קייסער נאַפּאָלעאָן האָט געטראָגן פּונקט אַזאַ הוט, נאָר אַ שוואַרצן.

— דערצייל פון די פּאָזשאַרניקעס (פײַערלײַט) — פלעגט דער ברודער־נאַפּאָלעאָן מיך בעטן.

איך געדענק נישט וואָס אַזוינס איך האָב דערציילט און וואָס אייגנטלעך ס'האָט אַזוי אויסגענומען בײַ אים. אָבער דאָס געדענק איך יאָ: די לעכער אין דעם אָפּגעריסענעם שפּאַליר (וואַנט־פּאַפּיר) זענען געווען די פלעצער, פון וואַנען די רויטע און די בלויע און די שוואַרצע פּאָזשאַרניקעס פון מײַן פאַנטאַזיע פלעגן אַרויספאָרן... אייניקע זענען געפאָרן אַהער, די אַנדערע אַהין, האָבן זיך צוזאַמענ־געשטויסן, געפאַלן; מען פלעגט זיי אַרײַנטראָגן צוריק אין די פאַ־פירענע לעכער אויף דער וואַנט איבער מײַן בעטל... הערמאַן האָט זיך נישט איינמאָל שטאַרק פאַרטראַכט. אַנאַ פלעגט קוקן אויף מיר מיט אַ פאַרקרימטע פּנימל, גרייט צו וויינען... דורך אַ שפּאַלט פון

דער צוגעמאַכטער טיר זעט זיך אַ געלבליכער שטרייף ליכט, די נאַכט האָט זיך צוגערוקט נאָענט צום פענצטער. ביאַליסטאָק שלאָפט, די וועלט שלאָפט, נאָר מײַנע פּאַזשאַרניקעס שלאָפן נישט, לויפן אַרום איבער דער גאַנצער וואַנט...

איין נאַכט געדענק איך קלאָרער ווי אַלע אַנדערע, ווײַל עפּעס גאָר אומגעוויינלעכס איז געשען.

די ניאַניע האָט אונדז אויפגעוועקט. עס איז געווען שטאָק־פינצטער. זי האָט נישט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און אין דער פינצטער גענומען, אין אײַלעניש, אונדז אָנטאָן. זי האָט געשוויגן און די הענט אירע האָבן זיך געטרייסלט. דאָס רויטע טיכל, וואָס זי האָט גע־טראָגן אויף איר קאָפּ, האָט זיך אַרונטערגערוקט העט־אַראָפּ און געלעגן אויף איר רוקן. איך האָב דערזען צום ערשטן מאָל אירע גרויע, דינע האָר. „זע נאָר, זי איז גאָר אַן אַלטע", האָב איך צו זיך אַליין געזאָגט.

— טו זיך אָן גיכער, — האָט זי געמורמלט.

וואו איז די מאַמע?

— זי שלאָפט. אַלע שלאָפן, — האָט זי געענטפערט.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זי זאָגט ווידער אַ ליגן. די לעצטע טעג האָט זי געהאַלטן אין איין זאָגן ליגנס נאָך ליגנס. מיר קינדער, האָבן זיך געוואָלט דערוויסן פון איר, פאַרוואָס אונזער שטוב שמעקט מיט מעדיצין; פאַרוואָס מען האָט אַרײַנגעטראָגן דעם טאַטנס בעט אין דעם גרויסן זאַל אַרײַן. „דער טאַטע האָט היץ", האָט זי אונדז איינמאָל געענטפערט.

— נו, אַז היץ, איז וואָס? — דאַרף דער דאָקטאָר קומען דרײַ מאָל אַ טאָג?

— יאָ, — האָט זי געענטפערט, — וואָס מער היץ אַלץ אָפטער קומט דער דאָקטאָר.

— איך זע נישט אין דער פינצטער, — האָט מײַן שוועסטער אַנאַ געבורטשעט.

די ניאַניע האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ. ווען מען צינדט פּלוצים אָן דעם לאָמפּ בײַנאַכט, זעט אויס אַלצדינג כמעט אַזוי ווי בײַטאָג, נאָר אין דער אמתן איז אַלצדינג אַנדערש: די שאַפע, דער אויוון,

יעדע שטול שטייט מאַקע אויף דעם זעלבן פּלאַץ. נאָר זיי זענען גאָר אַנדערש, זיי באַלאַנגען צו אַן אַנדערער טונקעלער וועלט, וואָס שלאָפט נישט בשעת מיר אַלע שלאָפן.

און וואָס אַזוינס טוט זיך אין די אַנדערע צימערן? פרעמדע מענטשן גייען אַרום אין זאַל און אין קאָרידאָר. מיר האָט זיך אויס־געוויזן, אַז איך האָב אויף דערהערט הינטער דער פאַרמאַכטער טיר די שטימע פון דעם דאָקטאָר. וואָס טוט ער ביי אונז אין הויז בײַ־נאַכט? ווידעראַמאָל היץ? אויב דער טאַטע איז קראַנק, מוז מען דאָך אים לאָזן שלאָפן און נישט אַרומגיין אין זײַן צימער און עפּעס שלעפן און עפּעס רעדן, — און ווער וויינט עס?

— ניאַניע, די מאַמע וויינט. פאַרוואָס וויינט די מאַמע?

— קיינער וויינט נישט. עס האָט זיך דיר אויסגעוויזן. טו־אָן דײַן מאַנטל און די הענטשקעס. האָסט דײַנע הענטשקעס?

איך האָב זיי יאָ געפונען, מײַנע בלויע, וואָלענע קינדערשע הענטשקעס, נישט געוואָלט אָבער אַרײַנשטעקן דעם גראָבן פינגער באַזונדער, זאָל ער זײַן צוזאַמען מיט די אַנדערע פינגער. אַ־ניט וועט אים זײַן אומעטיק, דערצו נאָך בײַנאַכט.

אין פאָדערצימער איז געווען קאַלט. די גרויסע שאָטנס אויף די ווענט יאָגן זיך נאָך דעם פלאַם פון לעמפּל, אָבער כאַפּן אים קאָנען זיי בשום אופן נישט.

פּלוצלונג האָט זיך באַוויזן די מאַמע. ווידער זענען איר גע־שטאַנען טרערן אין די אויגן. גאָט מײַנער, וואָס טוט זיך דאָ?... בײַנאַכט מוטשעט ע ר זי אויך? אַ קראַנקער, מיט היץ, מיט מעדי־צין, און פאַרט לאָזט ער זי נישט אָפּ, און זי מוז וויינען!

איך האָב נישט אויסגעהאַלטן. איך בין צוגעפאַלן צו דער מאַ־מעס קלייד און אַרויפגעשושקעט צו איר:

— מאַמע, קאָנסט מיר געבן ריצנאייל, מיך אַרט נישט, אַבי ווײַן נישט, טײַערינקע...

זי האָט מיך אַרומגעכאַפּט און באַדעקט מײַן פּנים מיט אירע טרערן.

איך האָב איר געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, אָבער זי האָט מיר גע־עפנט די דרויסן־טיר און — אָט האָסטו דיר: דאָ אויף דעם הויף, בײַ

דער סאַמע טיר, שטייט דאָך קאַמינקעס קאַרעטע מיט די צוויי פערד, און אויבן, אויף די קאָזלעס, זיצט פיליפּ דער קוטשער און האַלט אין דער האַנט די לאַנגע בײַטש זײַנע. איך האָב דערוואַרט, אַז ער וועט באַלד אַ קנאַק טאָן מיט דער בײַטש. אָבער, ווי עס זעט אויס, קנאַקט מען נישט מיט אַ בײַטש בײַנאַכט.

מיר האָבן זיך אַרײַנגעזעצט אין דער קאַרעטע. די פערד האָבן אָנגעפאַנגען צו לויפן איבער די פוסטע גאַסן. יעדעס מאָל וואָס איך האָב געזען צוויי אײַנגעשפּאַנטע פערד לויפן, האָב איך זיך געוואונ־דערט, ווי קומט עס, וואָס זיי מישן נישט צוזאַמען די אַכט פיס זייערע? ווי ווייסן זיי דאָס מיט וואָס פאַר אַ פוס און ווען אָנצוהייבן. ווען איך, למשל, האָב פיר פיס, און מײַן ברודער הערמאַן — פיר, און מיר גייען זיך שפּאַצירן איבער דער גאַס — וואָס פאַר אַ מיש־מאַש עס וואָלט אַרויסגעקומען!

די פּערדלעך לויפן אַלץ ווייטער: די הײַזער מיט די פאַרמאַכטע לאַדנס, דער שטאָט־זייגער אינמיטן דעם פוסטן מאַרק, די ביימער, — אַלץ, אַלץ לויפט אונז אַנטקעגן. נאָר די שטערן אויבן רירן זיך נישט פון אָרט.

די קאַרעטע איז אַרײַנגעפאָרן אין קאַמינקעס הויף, און פיליפּ דער קוטשער האָט געהאָלפן אונז אַרויסקריכן, און געמאַכט אַן אָנ־שטעל, ווי ער וואָלט מיר נישט דערקענט. דאָס אַלץ איז געווען אַזוי נישט־ענלעך צו יעדער אַנדער נאַכט, אַז איך האָב פאַרגעסן זיך נאָכ־צופרעגן צו וואָס, אייגנטלעך, האָט מען אונז געבראַכט אַהער?

יעוואַ קאַמינקע, אַ מיידל מיט אַ ווײַט־אַרויסגערוקטער אונ־טערשטער ליפּ, האָט זיך גענומען אונז אויסצופּאַקן פון אונזערע קליידער. קענטיק, אַז זי איז געווען אומצופרידן מיט עפּעס, ווײַל אירע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט טרערן, ווען זי האָט געמאַכט אַ פּרווו צו רעדן מיט אונז.

מען האָט אונז געגעבן מילך מיט קוכן; און כאָטש דער קוכן איז געווען זייער געשמאַק, איז דאָך מײַן אויפמערקזאַמקייט געווען פאַר־נומען מיט די ברייטע האַלב־רונדע טרעפּ פון אַ ברוינעם פּאָלירטן גאַניק אינמיטן שטוב, וואָס האָט געפירט אין צווייטן שטאָק. טרעפּ גאָר! אַ גאַניק פאַר זיך אַליין — און אינעווייניק אין שטוב, נישט

אינדרויסן, ווי אַלע טרעפּ דאַרפן זײַן. איך האָב באַשלאָסן, אַז ווען מענטשן זאָגן, אַז „קאַמינקע איז רײַך", מיינען זיי דאָס די פּאָלירטע טרעפּ אינעווייניק אין הויז. מיר אָבער זענען אָרעם, האָבן מיר ניט קיין גאַניק אין שטוב, נאָר אַ פּאַרטעפּיאַן.

מען האָט אונז געפירט שלאָפן אויפן צווייטן שטאָק, און איך האָב מיט גרויס הנאה באַטראַכטן יעדע טרעפּ, איינע נאָך דער צווייטער...

איך בין געלעגן אין אַ פרעמד, זייער ברייט בעט. איבער מײַן קאָפּ האָט זיך באַוויזן מײַן ברודער הערמאַן.

— ווילסט זען אַ נאַכט־וואַנדלער? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ, איך וויל, — האָב איך גיך געענטפערט, — וואָס איז אַ נאַכט־וואַנדלער?

מיר זענען צוגעקראָכן צו דער טיר, וואָס האָט געפירט צו דער „רײַכער" טרעפּ, און אַרויסגעקוקט. קיין לאָמפּ האָט נישט גע־ברענט, נאָר די לבנה האָט אַרײַנגעשײַנט מיט אַ בלויער ליכטיקייט.

אויף די טרעפּ איז געגאַנגען קאַמינקעס יינגסטער זון, איזידאָר, אַ יינגל מיט אַ פּאָר יאָר עלטער פון מיר. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן נאַכטהעמד, מיט באָרוועסע פיס. איין האַנט האָט ער געהאַלטן אויסגעשטרעקט אין דער לופטן. זײַנע אויגן זענען געווען פאַרמאַכט, אָבער געגאַנגען איז ער נישט ווי עס גייט אַ בלינדער, וואָס טאַפּט פאַר זיך דעם וועג, נאָר מיט אַ זיכערקייט פון אַ זעעוו־דיקן מענטשן. דאָס אַלץ וואָלט נאָך נישט געווען אַזוי מוראדיק, ווען נישט זײַן קריצן מיט די ציין.

— פאַרוואָס מאַכט ער אַזוי מיט די ציין? — האָב איך געפרעגט מײַן ברודער הערמאַן.

נאַכט־וואַנדלער מוזן אַזוי טאָן. באַהאַלט זיך, ער זאָל דיך נישט דערזען.

די שרעק אין מיר איז געוואַקסן. איך האָב געוואָלט אַנטלויפן, אָבער איך האָב זיך געשעמט פאַר הערמאַנען.

איזידאָר איז געגאַנגען אַרונטער מיט די טרעפּ אַזוי לאַנגזאַם־לאַנגזאַם, פּונקט ווי ער וואָלט געהאַט גלעזערנע פיס.

וואוהין גייט ער דאָס?

— ער גייט מיט אַ וועג, וואו די לבנה שײַנט אַמשטאַרקסטן. אַזוי זענען אַלע נאַכטוואַנדלער, — האָט מיר הערמאַן געענטפערט.

איך האָב נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט. מײַנע ציין האָבן געקלאַפּט, כאָטש איך האָב נישט געפילט קיין קעלט.

פּלוצים איז פרוי קאַמינקע, איזידאָרס מאַמע, אַרויסגעלאָפן אויף די טרעפּ. זי האָט באַשפּריצט דעם זונס פּנים מיט קאַלט וואַסער. ער האָט ווי אַ זיפץ געטאָן — אַ־אַ־אַ! און איז שיר נישט אומגעפאַלן. די מוטער האָט אים אונטערגעכאַפּט, און ביידע זענען פאַרשוואונדן.

אין יענער נאַכט איז מײַן טאַטע געשטאָרבן, אָבער איך האָב עס נישט געוואוסט.

דער טאָג פון מײַן טאַטנס לויה, דער טראַגישסטער טאָג פון מײַן יוגנט, איז פאַרבליבן אין מײַן זכרון אין בילדלעך, סצענקעס און אײַנדרוקן, וואָס זייער אמתן זין האָב איך דענסטמאָל נישט געקאָנט באַגרייפן. איך בין אומשולדיקערהייט באַשטראָפט געוואָרן, אָבער איך האָב נישט געפילט די גאַנצע גרויזאַמקייט פון דער שטראָף. איך האָב פאַרלוירן מײַן פאָטער. ווייסט איר, וואָס דאָס איז? איך האָב נישט געהאַט זיין הילף, זיין עצה, זיין איינפלוס, זיין ליבע. אפשר האָב איך שפּעטער געקאָנט געווינען זײַן אַכטונג און זײַן שטאָלץ דערמיט, וואָס איך טו, דערפון וואָס איך בין געוואָרן.

איך בין אויסגעוואַקסן אָן אַ טאַטן און די דאָזיקע טראַגעדיע האָט בײַ מיר, אין אַ געוויסן זין, אָוועקגעריבט אויך מײַן מאַמען.

ווען דער טאַטע איז געשטאָרבן, האָט די מאַמע געמוזט זיין מער ווי אַ מאַמע, און צו זײַן מער ווי אַ מאַמע איז דאָס זעלבע ווי צו זײַן ווייניקער ווי אַ מאַמע. זי מוז שפּילן אַ פאַרקריפּלטע, אַ נישטנאַטירלעכע ראָלע, און די אייגענע קינדער דערפילן דאָס באַלד. דו האָסט אונז, מאַמע, אָוועקגעגעבן דײַן גאַנץ לעבן! דו האָסט שווער געאַרבעט מיט טאָפּלטער האָרעוואַניע, אי פאַר זיך, אי פאַר דעם טאַטן. געבענטשט זאָל זײַן דײַן נאָמען, פרוי פּערלמאַן, לערערקע פון ביאַליסטאָק...

נאָר אַ מאַמע, נישט אַ פאַרבעסערטע, נישט אַ „פּאַרטאַפּלטע"— נאָר אַ פּשוטע, אַ צערטלעכע מאַמע—דאָס האָב איך ניט געהאַט. איך

האָב זי פֿאַרלאָרן אין דעמזעלביקן טאָג ווען איך האָב פֿאַרלאָרן דעם טאַטן.

עס איז דער טאָג פֿון מײַן טאַטנס לויה. ווידער בין איך צוריק אין אונזער הויז. עס איז אַ קאַלטער פֿרימאָרגן. אַלע טירן שטייען אָפֿן. מענטשן קומען. מען שטופּט זיך, מען רעדט אויף אַ האַלב קול. אַלע שפּיגלען אין שטוב זענען פֿאַרהאָנגען. אין זאַל רעדט אימיצער די גאַנצע צײַט אַן אויפֿהער אויף אַ שפּראַך וואָס איך קאָן נישט פֿאַרשטיין. ער רעדט און רעדט ווי צו דער וואַנט. קיינער ענטפֿערט אים נישט. איך שטופּ זיך דורך און דערזע אַ קליין מענטשעלע אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע. ער זיצט רואיק אין ווינקל, הייבט נישט אויף דעם קאָפּ און רעדט פֿון אַן אַלט בוך אַרויס, און לעבן דעם בוך שטייט אַ ליכטל און עס ברענט, כאָטש עס איז ליכטיק און מען דאַרף קיין ליכטל נישט.

דער ייד געפֿעלט מיר. איך פֿיל, אַז ער טוט עפּעס גוטס, עפּעס פֿרײַנדלעכס פֿאַר מיר. ער וויל מיר העלפֿן, ער וויל אויך העלפֿן דעם טאַטן מײַנעם.

איך שטעל זיך לעבן אים, אונטער זײַן האַנט, און איך קוק אים אין פּנים אַרײַן — פֿון אונטן אַרויף. אפֿשר לייענט ער דאָס גאָר מיט פֿאַרמאַכטע אויגן — אַזוי ווי אַ נאַכט־וואַנדלער?

מיטאַמאָל ווערט דאָס שטופּן־זיך גרעסער. נאָך און נאָך מענטשן קומען אַרײַן אין זאַל. אָבער מיך שטופּט מען נישט. פֿאַרקערט, מען לאָזט מיך גיין פֿריער פֿאַר אַלע. פּלוצים דערזע איך גאַנץ נאָענט פֿאַר זיך אַ מאַן מיט רויטלעכע וואָנצעס, וואָס איז אַ ביסעלע ענלעך צו מײַן טאַטן. דער מאַן שלאָפֿט אין מיטן פֿון גאַנצן טומל. אַ שרעק כאַפּט מיך אַרום. איך וויל אַוועקלויפֿן. עמיצער נעמט מיך אויף די הענט און טראָגט מיך צו צו דעם שלאָפֿנדיקן.

— געזעגן זיך מיטן טאַטן, — רוימט מען מיר אַרײַן אין אויער.

איך בין געווען זיכער, אַז אָט־אָט וועט דער מאַן עפֿענען די אויגן, אויפֿשפּרינגען און מיך אַ כאַפּ־טאָן. האָב איך גענומען בריקען מיט די פֿיס און בײַסן מ׳זאָל מיך אָפּלאָזן, אַנטלויפֿן וואָס ווײַטער פֿון דעם מאַן מיט די רויטע וואָנצעס.

דערנאָך, געדענק איך, ווי מיר פאָרן אין דער קאַרעטע און פיליפּ זיצט אויבנאָן אויף די קאָזלעס.

די קאַרעטע פאָרט פּאַמעלעך — קוים וואָס זי שלעפּט זיך. מיר, קינדער, זיצן אַליין, קיינער פאָרט נישט מיט מיט אונז. עס ווערט קאַלט, און איך פיל, אַז דער גראָבער פינגער פון מײַן רעכטער פוס טוט מיר ווײ. איך ווייס, אַז עס איז נישט שיין צו וויינען אויף אַ לויה צוליב דער קעלט: וויינען מוז מען צוליב אַן אַנדער זאַך. אָבער דער פינגער טוט פאָרט ווײ, און ענדלעך צעוויין איך זיך. אויף מיר קוקנדיק צעוויינט זיך מײַן שוועסטערל אַנאַ אויך. קוקנדיק אויף אונז ביידן שלעפּט מײַן ברודער הערמאַן ארויס זײַן טאַשנטיכל און ווישט זיך די טרערן.

די קאַרעטע האָט זיך אָפּגעשטעלט. איך דערזע הויכע ביימער און קליינע בערגלעך באַדעקט מיט שניי. לעבן די בערגלעך שטייען שטיינער אויסגעשניצט ווי ברעטער, טייל גרעסער, טייל קלענער. ס'איז געווען אַ פעלד און נישט קיין פעלד. דער שניי איז דאָ ריינער און ווײַסער ווי אין די גאַסן אין שטאָט. מענטשן האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום אַ פּיר-קאַנטיקע, שמאָלע גרוב... זיי טוען עפּעס מיט מײַן טאַטן, — האָב איך געפילט, — עפּעס שוידערלעכעס, וואָס מען טאָר נישט צולאָזן. אָבער, ווי עס זעט אויס, איז די מאַמע אויף זייער זײַט און דערלאָזט דאָס צו טאָן, כאָטש אין דערזעלבער צײַט יאָמערט זי און קלאָגט.

אַ שיינע שטימע הויבט אָן צו זינגען. אַלע אַרום מיר הייבן אָן שטאַרק צו וויינען. איך הער ווי מײַן מאַמע שרײַט — קיינמאָל פריער האָב איך זי נישט געהערט אַזוי שרײַען.

מיט אַמאָל ווערט שטיל. איך הער דאָס שאַרן פון אַ לאָפּאַטע אין דער ערד. וואָס איז עס? די מענטשן וואָס שטייען פאַר מיר, פאַרשטעלן פון מיר אַלצדינג. וואָס טוען זיי דאָרט מיט מײַן טאַטן?

די מענטשן צוגייען זיך שטילערהייט און קוקן זיך נישט אום. איך האָב דעם אײַנדרוק, ווי זיי וואָלטן זיך געשעמט מיט דעם וואָס זיי האָבן געטאָן.

איך האָס זיי אַלע דערפאַר, וואָס זיי האָבן „דאָס" געטאָן מיט מײַן טאַטן. מיט שרעק און מיטלייד דערזע איך אַ שמאָל און לאַנג

בערגל פֿון געלער ערד און צעטראָטענעם שניי אויף דעם זעלבן פּלאַץ וואו מען האָט געזונגען. איצט ווערט מיר קלאָר, אַז אונטער דעם בערגל געפינט זיך מײַן טאַטע. אָט וואָס זיי האָבן געטאָן מיט אים בשעת ער איז געשלאָפן זײַן מאָדנעם שלאָף און נישט געקאָנט זיך רירן פון אָרט.

— טאַטע זיסער, טאַטע מײַנער! — שרײַ איך אויס און לויף צוריק צו דעם נידריקן בערגל ערד. אָבער הענט כאַפּן מיך אונטער און מען טראָגט מיך אַוועק אין דער קאַרעטע, און דעם טאַטן לאָזט מען איבער אַליין — אַליין צווישן שוואַרצעביימער, ווײַסן שניי און קורצע שטיינערנע ברעטלעך. שוואַרצע פייגל, וואָס האָבן זיך ביז איצט געהאַלטן פון ווײַטן, קומען צופליען נעענטער און שרײַען איבער דעם פרישן בערגל.

מיט יאָרן שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט מער אויספירלעך וועגן דעם טויט פון מײַן טאַטן. ער איז געווען דער קרבן פון דער דײַטשער מיליטערישער מאַשין, וועלכע האָט שוין געאַרבעט אין יענע יאָרן, — און ווען האָט זי דען נישט געאַרבעט? — דענסטמאָל האָט דײַטש־לאַנד געפאָדערט, אַז אירע בירגער, וועלכע האָבן שוין אָפּגעדינט זייער טערמין אַלס זעלנער, זאָלן שפּעטער אויך דורכמאַכן אַ ווי־דערהאָלונגס־דינסט. מײַן טאַטע, נאָך אַ יונגערמאַן, האָט געמוזט אַוועקפאָרן קיין פּרייסן ווי אַ „רעזערוויסט" און מיטמאַכן די מאַ־נעווערס פון זײַן רעגימענט. עס איז געווען האַרבסט; עס איז געווען נאַס און קאַלט. מײַן טאַטע האָט פאַרבראַכט אַ נאַכט אין אַ גרוב אָנגעפילט מיט קאַלט וואַסער. ער האָט זיך שטאַרק פאַרקילט און איז געקומען אַהיים קיין ביאַליסטאָק אַ געפערלעך־קראַנקער אויף לונגען־ענטצינדונג. ער איז געשטאָרבן פאַר דער מאַמעס אויגן. זי איז געזעסן בײַ זײַן בעט ביז זײַן לעצטן אָטעם־צוג.

קאַפּיטל דריַי

יעדן אינדערפֿרי, באַלד נאָך פֿרישטיק, האָט די מאַמע אָנגעטאָן מיך און מײַן ברודער הערמאַן אין אונזערע וואַרעמע מאַנטלען און מיר האָבן פֿאַרלאָזן דאָס הויז. עס איז געווען קאַלט. דער שניי האָט פֿריילעך געסקריפּעט אונטער די פֿיס. עס וואָלט געווען גוט זיך אַ ביסל צו שפּילן אויף דער גאַס, אָבער אַפֿילו טראַכטן וועגן דעם טאָר מען נישט. מע דאַרף נאָר טראַכטן וועגן דעם וואוהין און צוליב וואָס מיר גייען דאָס: אין שול אַרײַן זאָגן קדיש נאָכן טאַטן. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז דער טאַטע, וואָס ליגט ערגעץ דאָרט „אויפֿן פֿעלד" אונטער אַ געל בערגל ערד, דאַרף דאָס זייער נייטיק האָבן און מען טאָר עס נישט פֿאַרפֿעלן.

איך האָב געזאָגט דעם קדיש אין אַ שול, וואָס מען האָט אין ביאַליסטאָק גערופֿן „דער פֿאָלקאָוואַי בית מדרש". די שול איז געווען אַ גרויסע, אַן אַלטע, און אָפּטמאָל אַ קאַלטע. גרויסע געלע ליכט האָבן געברענט. עטלעכע פֿון זיי האָבן געשטעקט אין אַ קעסטל אָנגעשאָטן מיט זאַמד. די ליכט זענען געשטאַנען נישט גלײַך, נאָר איינס אָנגעבויגן אַהער, דאָס צווייטע — אַהין. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז כאָטש די ליכט וואַקסן אַלע צוזאַמען אין איין קאַסטן, קענען זיי זיך נישט; זיי זענען איינער צום צווייטן פֿרעמד.

אַחוץ איך און הערמאַן זענען פֿאַראַן אַלטע יידן מיט בערד און איינער מיט אַ צאָן־ווייטאָג. די יידן זיצן נישט צוזאַמען; זיי זענען צווואָרפֿן איבער דער גאַנצער שול — איינער דאָ, דער צווייטער דאָרט. זיי דאַווענען, יעדער פֿאַר זיך אַליין, אויף פֿאַרשיידענע קולות, גלײַך ווי זיי קענען זיך גאָרנישט. נאָר ווען עס קומט צו

זאָגן „אָמן" — רופן זיי זיך אָפּ אַלע מיטאַמאָל. שטענדיק אין צײַט און קיינמאָל מאַכן זיי נישט קיין טעות. הייסט עס, זיי זענען גאָר־נישט אַזוי פרעמד צווישן זיך...

אַ לאַנגער ייִד מיט אַ רויט בערדל, אין אַן אָרעמער קאַפּאָטע, שטייט לעבן דעם קאַסטן מיט די ליכט און ווינקט צו אונז מיר זאָלן צוגיין נענטער. ווער ער איז, ווי ער הייסט, וואָס פאַר אַ שייכות ער האָט צו אונז אָדער צו אונזער פאַרשטאָרבענעם טאַטן, ווייס איך נישט. נאָר איך וואונדער זיך נישט. אַלץ, וואָס האָט צו טאָן מיט דער שול, מיטן דאַווענען, מוז אַזוי זײַן ווי עס איז. קיינער פרעגט נישט קיין קשיות.

דער לאַנגער ייִד רײַבט זיך די הענט. אים איז אויך קאַלט. זײַן רויט, שפּיציק בערדל וואַקסט אַן אַ זײַט, אויסגעבויגן, און דערמאַנט די ליכט, וואָס שטייען אויסגעבויגן אין דעם הילצערנעם זאַמד־קאַסטן.

מיר גייען צו נענטער צום עמוד. דער ייִד בייגט זיך צו מיר צו און זאָגט מיר אונטער:

„יתגדל ויתקדש" — — —

„יתגדל" — זאָגט אים נאָך הערמאַן.

"ויתקדש" — זאָג איך נאָך.

„שמיה רבא" — זאָגט ווײַטער דער ייִד מיט פאַרמאַכטע אויגן און וואַרט ביז מיר וועלן איבערחזרן.

„שמיה" — זאָגט נאָך הערמאַן און לאָזט מיר איבער דעם „רבא", ער עפנט די אויגן און זאָגט:

„בעלמא דיברא" — און פאַרמאַכט ווידער די אויגן.

איך ווייס, אַז צוליב דעם וואָס איך זאָג נאָך די תפילה יעדן פרימאָרגן, ווערט מײַן טאַטן גרינגער. וואָס גרינגער, ווי אַזוי גרינ־גער — פרעג איך נישט. נאָר איך ווייס דאָס אויף זיכער. מײַן מאַמע ווייס עס, דער לאַנגער ייִד און אַלע ייִדן אין שול ווייסן דאָס. און כאָטש איך ווייס עס אויף זיכער, שווינדל איך פאָרט מיט דעם היי־ליקן קדיש: — איך דאַרף דאָך נאָכזאָגן וואָרט בײַ וואָרט וואָס דער לאַנגער ייִד זאָגט אונז, אָבער איך טו עס נישט און הערמאַן אויך נישט. ער נעמט אין מויל דאָס ערשטע וואָרט און לאָזט מיר איבער

דאָס צווייטע. נאָכדעם זאָגט ער ווידער נאָר דאָס ערשטע און איך ווידער דאָס צווייטע. ווען דעם טאַטן זײַן גרינגער פון אַזאַ קדיש ווי אונדזערער? אפשר יאָ, ווײַל דער ייד מיט דעם פאַרקרימטן בערדל הערט דאָך דאָס אַלץ און זאָגט קיין וואָרט נישט. אָבער טיף אין האַרצן פאַרשטיי איך, אַז אַזוי גלאַטיק איז עס נישט. עס וואָלט גע־ווען אַ סך בעסער ווען איך זאָל נאָכזאָגן דעם גאַנצן קדיש, וואָרט נאָך וואָרט. אָבער די פרעמדע, שווערע ווערטער האָבן זיך פשוט נישט געלייגט אויף דער צונג. הײַנט וואָס פאַר אַ ווערט האָט שוין געקאָנט האָבן אַזאַ קדיש?

דאָס גיין אין שול איז געוואָרן אַ מאַטערניש פאַר מיר, אַ שווער אָפּקומעניש. טונקעלע, שלעכטע געפילן צום טאַטן, פאַר וועמען איך מוז דאָס אַלץ טאָן, האָבן מיך געדריקט, פאַרסמט מײַן נשמה. די שול, וואו אַלצדינג דאַרף זײַן הייליק, איז געוואָרן פאַר מיר דער פּלאַץ, וואו איך האָב געזינדיקט מער ווי וואו עס איז אַנדערש. און אויב אַנדערע האָבן דערפון נישט געוואוסט, האָט דער טאַטע דאָך דאָס יאָ געוואוסט. דאָס איז דאָך אַלץ צוליב אים. כאָטש דער טאַטע איז נישט געווען אין שול, איז ער דאָך יאָ געווען. ער האָט געהאַט עפּעס אַ שייכות צו דעם קאַלטן בית־מדרש, צו די געלע ליכט, צו די הילצערנע בענק מיט זייערע האַרטע, פּלייצע־ווענטלעך.

אַחוץ דעם טאַטן איז דאָך אין דעם „פּאַלקאָוואַי בית־מדרש" געווען — אָדער געדאַרפט זײַן — נאָך אימיצער, אַ סך וויכטיקער אַפילו פון טאַטן, וואָס האָט אויך אַלצדינג געוואוסט און אַלצדינג געזען, וואָס שווײַגט דערווײַל, אָבער וואָס וועט אַמאָל זיך אָפּרע־כענען מיט מיר.

איינמאָל, אויפן וועג אין שול אַרײַן, האָב איך גע'חלש'ט אויף דער גאַס, נישט ווײַט פון דער בריק. הערמאַן האָט מיך געבראַכט אַהיים אויף אַן „איזוואָזטשיק". איך האָב געהאַט היץ און געצי־טערט פון קעלט. אויפן דריטן טאָג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך האָב אָנגעהויבן מאָזלען.

עס איז גוט צו זײַן קראַנק. מען ליגט אין דער מאַמעס בעט אויף צוויי הויכע, ווייכע קישנס. מען דאַרף נישט גיין אין שול אַרײַן, מען טרינקט מילך וויפיל מען וויל. אמת, פון צײַט צו צײַט

מוז מען אַרונטערשלינגען ביטערע וואַסערלעך, אַזוי הייסט דער דאָקטאָר כאַזאַנאָוויטש, און מ׳מוז אים פאָלגן.

דאָקטאָר כאַזאַנאָוויטש איז אַ דאַרער, אַ פלינקער, אַ נערוועזער מענטש פון מיטעלן וואוקס. ער האָט יאָ אַ באָרד און נישט אַ באָרד. ביי אים קאָן מען דאָס נישט וויסן: עס וואַקסן האָר, אָבער עס איז עפּעס קיין באָרד נישט. זיין קאָפּ איז קורץ אָפּגעשוירן — „פּאָ־סאָלדאַטסקי״; זיינע באַקן זענען איינגעפאַלן, די פלינקע, קלוגע, גוטע אויגעלעך קוקן און זעען נישט. ער הערט זיך נישט צו וואָס מען רעדט, אָבער ער ווייס גאַנץ גוט, וואָס עס טוט זיך אַרום אים. ער טראָגט נישט קיין קאַשקעט און אויך נישט קיין באַלעבאַטישן קאַ־פעליוש, נאָר עפּעס אַ קעפּקע, וואָס קיינער טראָגט נישט, סיידן אַ פּראָסטער מענטש, אָדער גאָר עפּעס אַן אַלטער אָפּגעדראָשענער פּריצ׳ל. (ערשט שפּעטער מיט יאָרן האָב איך אויסגעפונען, אַז דער דאָקטאָר כאַזאַנאָוויטש האָט אָפּגעגעבן זיין גאַנץ לעבן צו שאַפן אַ נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק פאַר ארץ ישראל).

ער האָט נעכטן געזאָגט, אַז גאַנץ פרי וועט ער קומען, אָבער עס איז שוין באַלד אָוועק דער טאָג און ער איז נאָך נישטאָ. ערשט שפּעט נאָכמיטאָג הערט מען ווי אויף דער גאַס, הינטערן פענצטער, האָט זיך אָפּגעשטעלט אַן „איזוואָזטשיק״. דאָס אַליין איז שוין אַן אומגעוויינלעכע פּאַסירונג, ווייל נישט יעדן טאָג שטעלט זיך אָפּ לעבן אונזער פענצטער אַן אמתער „איזוואָזטשיק״. די מאַמע לויפט צום פענצטער, קוקט אַרויס און זאָגט אַביסל פאַרערגערט:

— דער דאָקטאָר!

זי פאַריכט דאָס בעט, און וואַרט מיט אַן ערנסטן און אַ ביסל צושראָקענעם פּנים. איך שרעק זיך אויך אַ ביסל און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך באַקום היץ.

די טיר עפנט זיך און דאָקטאָר כאַזאַנאָוויטש קומט אַריין. — ער גייט נישט, ער שפּרינגט אַריין אויף איין פוס, ווייל איינער פון זיינע הויזן האָט זיך אַרויפגערוקט און פאַרטשעפּעט איבער דעם שוך, שפּרינגט ער אונטער, דער הויז זאָל זיך אויסגלייכן, און אין דער זעלבער צייט רעדט ער:

— איך גיב קיינעם נישט די האַנט. אַ דאָקטאָר טאָר נישט געבן די האַנט. אַ דאָקטאָר גייט פון איין חולה צום אַנדערן, קאָן ער נאָך איבערטראָגן די קראַנקהייט.

אַנשטאָט צו ענטפערן דער מאַמען אויף איר באַגריסונג זאָגט ער:

— גוט, גוט, שיקט אַרויס צוואַנציק קאָפּיקעס דעם איזוואָז־טשיק. וואו איז דער קראַנקער?

ער רעדט גיך, קוים וואָס מען קאָן אים פאַרשטיין.

די מאַמע הייבט אים אָן צו דערציילן וועגן מיַין קראַנקהייט. אָן שום צערעמאָניעס שלאָגט ער איר איבער:

— ער וועט זיַין געזונט... נישקשה... אַ לעפעלע! — קאָ־מאַנדעוועט ער.

דער דאָקטאָר הייסט מיר עפענען דאָס מויל, רוקט מיר דאָס לעפעלע אין גאָרגל אַריַין און רעדט, בורטשעט:

— מ׳דאַרף עפּעס טאָן. — זאָג אַ־אַ־אַ! — פון זיך אַליין וועט עס נישט ווערן גוט! אַ־אַ־אַ!

— אַ-אַ־אַ — פּרווו איך נאָכזאָגן און איך פאַרהוסט זיך.

— דאָקטאָר, ס׳איז אים ערגער געוואָרן? — דערשרעקט זיך מיַין מאַמע.

— ערגער? ניין, געזונט ווי אַ פיש. מילך, מילך דאַרף ער טרינ־קען. גיט אים אַ גאָגעל־מאָגעל... שמירן...

ער רעדט עפּעס צו דער מאַמען זייער שנעל, און פאַרגעסט אַרויסצונעמען דאָס לעפעלע פון מיַין מויל. איך הער ווי ער זאָגט עפּעס וועגן סולטאַן, פּאַלעסטינע און ער פאַרענדיקט:

— שמירן מוז מען... דריַי מאָל אַ טאָג... איך וועל פאַר־שריַיבן. רופט יאָשע דעם פעלדשער, ער וועט שמירן אין האַלדז... און גאָגעל־מאָגעל... צוויי אייער.

דערנאָך רעדט ער עפּעס ווידער זייער גיך וועגן דעם סולטאַן און וועגן שיקן ביכער קיין פּאַלעסטינע, און גיט צו:

— יאָ, ער וועט זיַין געזונט. באַצאָלט דעם איזוואָשטשיק? אַדיע!

די מאַמע שטרעקט אויס די האַנט, וויל אים געבן אַ רובל, אָבער דער דאָקטאָר הייבט זיך אָן דרייען און בורטשעט:

— גוט, גוט... מ׳דאַרף נישט... נישט יעדעס מאָל... אָן

אַלמנה, קליינע קינדער... געלט? ניין? פאַרן איזוואָזטשיק איז אַן אַנדער זאַך, און דער דאָקטאָר איז גאָר עפּעס אַנדערש... אַן אַנדערש מאָל... גוט, גוט.

נעמען געלט ביי אַן אַלמנה — צו דעם קאָן דער גוטער דאָקטאָר כאַזאַנאָוויטש זיך נישט צוגעוואוינען. ער פּראַקטיצירט אין ביאַ־ליסטאָק שוין אַ היבש ביסל יאָרן. אַלע קענען אים און ווייסן, אַז ער שעמט זיך צו נעמען געלט פאַר העלפן קראַנקע. די מאַמע דאַנקט אים און ער ווערט בייז און אַפילו גראָב, און אָט האָט ער חרטה, וואָס ער איז געוואָרן אין כעס אויף מיין מאַמע, ווערט ער נאָך מער צופּוזשעט און לאָזט זיך לויפן. דערביי מאַכט ער אַ טעות און אַנ־שטאָט צו גיין אין קאָרידאָר גייט ער גאָר אין עס־צימער אַריין, לויפט צוריק, בורטשעט עפּעס און דערזעט מיך לאַכן אין בעט. ער גיט מיר אַ ליינכטן שטויס אין זייט און וואָרנט מיך:

— אַז מען מאָזלט לאַכט מען נישט; מען שמירט אין האַלדז מיט אַ פּינזל, ווערסט זיין געזונט.

איך בין געווען דער ערשטער צו ווערן קראַנק. דערנאָך האָבן אָנגעהויבן מאָזלען מיין ברודער הערמאַן, מיין שוועסטער אַנאַ און מיין יינגסטער ברודערל יאַקאָב סאַלאָמאָן און דאָס פּיצעלע קינד סאָניאַ. זי איז געווען אַלט נישט מער ווי עטלעכע וואָכן און איז געבאָרן געוואָרן נאָך דעם טאַטנס טויט. איך הער זאָגן, אַז איך האָב זיי אָנגעשטעקט מיט די מאָזלען און איך בין שטאָלץ מיט דעם, וואָס ליגנדיק אין בעט אַ קראַנקער האָב איך די קראַפּט אָנצושטעקן מיט דער קראַנקהייט פיר קינדער נאָכאַנאַנד.

אַ פּאָר טעג שפּעטער שטאַרבט אַוועק דאָס פּיצעלע קינד סאָניאַ. קיינער וויינט נישט, קיינער פרעגט נישט אויף איר. אָבער אַלע אין שטוב שוויַגן מער ווי שטענדיק. עפּעס בין איך דאָ שולדיק: איך האָב זי דערהרגעט מיט דער קרענק וואָס זי האָט געכאַפּט פון מיר... ווען עס ווערט טונקל און קיינער זעט נישט, באַדעק איך מיין פּנים מיט דער קאָלדרע און וויין זיך אויס אין בעט: „גאָט, נעם אַוועק פון מיר די קראַפט, וואָס דו האָסט מיר געגעבן!". פון מיין „קראַפט" שטיקט מיר אַזוי נישט־גוט, אַזוי נישט־גוט.

איך ווער געזונט און זע ווי מען טראָגט אַרויף אויפן בוידעם

די הויכע קינדער־שטול, אויף וועלכער מיר, קינדער, זענען געזעסן יעדער איינער אין זײַן צײַט. ווי דורכן שלאָף הער איך ווי די ניאַניע זאָגט צו דער דינסט, אַז מען דאַרף נישט מער די הויכע שטול, ווײַל עס וועלן מער נישט זײַן קיין קינדער. איך ווייס, אַז דאָס האָט עפּעס צו טאָן מיט דער מאַמען, ווײַל ווען זי קומט אַרײַן, בלײַבט די ניאַניע שטיל, רעדט נישט מער אַ וואָרט. איך קלער בײַ זיך: ווייסט די מאַמע, אַז עס וועט מער נישט זײַן קיין נײַ ברודערל, קיין נײַ שוועס־טערל? אָט שטייט זי דערבײַ ווי מען טראָגט אַרויס די שטול. אירע אויגן זענען אַרונטערגעלאָזן, זי קוקט נישט. מיר דאַכט זיך, אַז זי האַלט פאַרמאַכט די אויגן און זי וויל וויינען, און מײַן האַרץ גייט אויס פון מיטלייד צו איר.

אין יענעם מאָמענט האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען מײַן מאַמען אין איר גאַנצער גרויס. ביז דאַן האָב איך זי געזען בלויז שטיקלעכווײַז: אַמאָל די צאַרטע, וואַרעמע האַנט, וואָס האָט געגלעט מײַנע האָר; אַמאָל אַ בליק פון אירע ברוינע אויגן, די טרער וואָס איז געהאַנגען אויף איר באַק; די האָר, די ליפּן, דאָס גלאַטע רינגל אויפן פינגער, דעם קלאַנג פון איר שטימע... איצטער האָבן זיך די אַלע „שטיקלעך" פון דער מאַמען צוזאַמענגענומען, צוזאַמענגע־שמאָלצן, און צום ערשטן מאָל האָב איך דערזען די גאַנצע גע־שטאַלט, וואָס מען רופט „מאַמע".

מער ווי אַ האַלב־הונדערט יאָר איז אַוועק, אָבער ביז הײַנט לעבט אין מיר אָט דאָס געשטאַלט פון אַ יונגער פרוי, וואָס געזעגנט זיך שווײַגנדיק מיט איר ווײַבערשן לעבן... כאָטש זי וויל נישט קוקן, זעט זי דאָך, ווי מען וואַרפט אַרויס דעם קינדער־שטול, אויף וועלכן עס זענען געזעסן אירע קינדער; דער טראָן, אויף וועלכן איר יוגנט, איר שיינהייט, איר מוטער-שטאָלץ האָט געקיניגט.

ווי אַן אומפאַרגעסלעכע סטאַטוע, איז פאַר מיר אין די שפּעט־ערדיקע יאָרן געשטאַנען דאָס געשטאַלט פון מיין מאַמען, די אַלמנה, וואָס האָט פאַרלאָרן דעם מאַן און דאָס לעצטע קינד פון דעם מאַן, און פאַרבליבן אַליין אויף דער גאָרער וועלט, עלנט און מיט פיר קליינע קינדער.

נאָכדעם ווי דער טאַטע איז געשטאָרבן, האָט די מאַמע, און אויך

די פרײַנד, וואָס פּלעגן אַרײַנקומען צו אונדז, אָפּטמאָל דערמאָנט דעם נאָמען לאַסקי. ווי איך האָב דאָס שפּעטער אויסגעפונען, איז לאַסקי געווען אַ ייד, אַ סוחר, וואָס האָט געבאַרגט בײַם טאַטן טויזנט רובל. און אַזוי ווי דער טאַטע האָט בײַ דעם לאַסקי קיין וועקסל נישט גע־נומען און געטרויט אים דאָס געלט אויפן וואָרט, האָט דער ייד פאַר־לייקנט דעם גאַנצן חוב: וואָס פאַר אַ טויזנט רובל? וואָס פאַר אַ איזידאָר פערלמאַן? אָבער מענטשן האָבן געוואוסט דעם אמת און האָבן זיך אַרײַנגעמישט:

—סטײַטש, לאַסקי־גזלן, לאַסקי־רוצח. ווי קאָנסטו באַרויבן אַן אלמנה מיט פיר קינדער־יתומים? האָב גאָט אין האַרצן?

ער אָבער האָט זיך געהאַלטן בײַ איין טענה:

— אַ בוכהאַלטער, דערצו נאָך אַ דײַטש, וועט דאָך נישט אַוועק־געבן טויזנט רובל אָן אַ שטיקל פּאַפּיר. זאָל די אלמנה ווײַזן דאָס פּאַפּיר, גיב איך איר אַ קנאַקעדיקן טויזנטער. זאָל זי נאָר ווײַזן שוואַרץ־אויף־ווײַס. זאָל זי ווײַזן אַ וועקסל.

מען האָט לאַסקין געשלעפּט צום רב; געבעטן, געסטראַשעט, — קיין זאַך האָט נישט געהאָלפן. לאַסקי האָט גע׳טענה׳ט איין זאַך: אָן אַ וועקסל גיב איך נישט אָפּ קיין גראָשן.

ווי קליין איך בין דעמאָלט געווען, האָב איך דאָך באַגריפן, אַז די טויזנט רובל וואָלטן דער מאַמען און אונדז אַלעמען שטאַרק צוניץ געקומען.

די ניאַניע איז פאַרשוואונדן פון הויז. איך האָב באַקומען מער פרײַהייט און בין אָפּטער אַרומגעלאָפן אויף דער גאַס. איינמאָל האָט אימיצער אָנגעוויזן וואו לאַסקי וואוינט. דאָס איז געווען א צוויי־גאָרנדיקע הויז פון ציגל אויף דער ליפּאָווער גאַס. אָט־אָ־דאָ, הייסט עס, וואוינט דער לאַסקי אַליין! דאָס זענען זײַנע פענצטער, דאָס איז זײַן דאַך, זײַן געקרײַזלטער רויך, וואָס שטופּט זיך אַרויס פון דעם נידעריקן קוימען. איך בין אַרומגעגאַנגען הינטער זײַנע פענצטער הין און צוריק, געקוקט אויף דעם צווייטן שטאָק, זיך אָפּגעשטעלט, געוואַרט און ווײַטער געגאַנגען... היציקע געדאַנקען זענען געפלויגן דורך מײַן קאָפּ. „ער" זיצט האַלב־באַהאַלטן הינטער דעם פאָרהאַנג פון פענצטער.

עס איז שוין פאַרנאַכט. אויפן הימל באַוויַזט זיך דער ערשטער שטערן. די גאַס־לאַמטערנס זענען נאָך נישט אָנגעצונדן. איך בלײַב שטיין. אָט וועט זיך אויבן, אויפן צווייטן שטאָק, עפענען לאָסקיס פענצטער און עס וועט זיך באַווײַזן ער, לאָסקי, אַליין. איך האָב אים קיינמאָל נישט געהאַט געזען, אָבער איך דערוואַרט צו דערזען אין פענצטער אַ יידן מיט בלישטשנדיקע אויגן און מיט א גאַר־גאַר שוואַרצער באָרד.

איך שטעל זיך פאָר: לאָסקי גיט מיר אַ צייכן מיט זײַן קנאַ־כעדיקער האַנט, וואָס מיינט: „קום אַרײַן צו מיר אין שטוב, איזי־דאָר פּערלמאַנס זון". איך גיי אַרויף די טרעפּ, די טיר פון צווייטן שטאָק שטייט שוין אָפן; איך קוב אַרײַן אין אַ טונקעלן זאַל. לאָסקי האַלט מיט זײַנע קנאָכעדיקע פינגער אַ גרויסן בײַטל. דאָס איז טויזנט רובל. און ער רעדט צו מיר מיט אַ גוטער שטימע:

— איך קאָן שוין מער נישט אויסהאַלטן! דײַן טאַטע, קאַמינקעס בוכהאַלטער, קומט צו מיר יעדע נאַכט און ער טײַטלט אויף מיר מיט זײַן פינגער און ער רעדט צו מיר: „דו זאָלסט צוריקגעבן דאָס געלט מײַן זון, יאָזעף. יאָזעפכען. אָט זענען די טויזנט רובל! לויף אהיים און גיב דײַן מאַמען דעם בײַטל מיטן געלט.

איך נעם דעם בײַטל מיט די טויזנט רובל און וויל גיין, גיט ער אַ מאַך מיט דער שוואַרצער באָרד און שטעלט מיך אָפּ.

— און אָט, — זאָגט ער, — האָסטו צען קאָפּיקעס פאַר דיר אַליין, קויף זיך וואָס דו ווילסט.

שטייענדיק אַזוי, טראַכט איך דערווײַל: וואָס אַזוינס זאָל איך קויפן פאַר די צען קאָפּיקעס? — קאָנפעקטן „גלאַנדרין" („ג. לאַנד־רין"), אָדער גאָר אַרײַנכאַפּן זיך אין דעם גוי'אישן מאַגאַזין „מור־ראַוויאָוו" און קויפן צוויי פונט „סעמעטשקעס", וואָס זענען אַזוי גע־שמאַק, אַז וואָס מער מען קנאַקט זיי, אַלץ מער ווילט זיך? אָדער — אָט דאָס איז אַ געדאַנק! — קויפן אַ פּאָר הייסע געשמאַקע „אולני־קעס", אַ מין סאָרט קאַרטאָפליע־לאַטקעס, וואָס מען פאַרקויפט אין גאַס.

איך גיב ווידער אַ קוק צום פענצטער. עס עפנט זיך נישט. און דאָס גאַנצע ציגלנע הויז שטייט זיך אַזוי רואיק, גלײַך ווי נישט

לאַסקין מיינט מען; פאַרמאַכט איז דאָס פענצטער, און ווי עס זעט אויס, וועט עס נאָך לאַנג זיך נישט עפענען... מײַן טאַטע וועט נישט אויפשטיין פון קבר זיך אָננעמען פאַר זײַנע יתומים און זייער מאַמען, די אַלמנה...

און דאָך פלעגט דער טאַטע פאַרט קומען — דאָס איז געווען שרעקלעך!

דאָס האָט פּאַסירט נישט איינמאָל, מײַסטנס אין אָוונט, ווען מיר זענען געזעסן אַרום טיש און געגעסן וועטשערע. גאָר אומדערוואַר־טעט, אין מיטן עסן, פלעגט די מאַמע אָוועקרוקן דעם טעלער, אויפ־הויבן זיך פון אָרט, אַרײַנגיין אין זאַל און פאַרמאַכן הינטער זיך די טיר. שטיל איז געוואָרן אין עס־צימער. מיר האָבן אויפגעהערט פלוידערן און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן, — זיצן און וואַרטן אויף דער מאַמען, אָדער לייגן זיך שלאָפן? מיר האָבן געקוקט אויף הער־מאַנען — ער איז דאָך דער עלטערער, ער מוז וויסן: אָבער הערמאַן האָט גאָרנישט געוואוסט, געזעסן, די ליפּן צונויפגעפּרעסט, געשוויגן. אַנאַ האָט געוואָרפן דערשראָקענע בליקן אויף דער פאַרמאַכטער טיר און איז יעדע מינוט גרייט געווען אַרויסצופּלאַצן מיט אַ געוויין. דער גרויסער קײַלעכדיקער וואַנט־זייגער האָט אָנגעפאַנגען טיקען העכער: טיק־טאַק, טיק־טאַק; ער האָט שטענדיק געטיקעט העכער און שטאַרקער, ווען אין שטוב איז געווען מרה-שחורה׳דיק — אַזאַ זייגער איז דאָס געווען!

עס איז בײַ מיר קיינמאָל קיין צווייפל נישט געווען, אַז דאָס האָט דער פאָטער, אומגעהערט פאַר אונז, אַ רוף געטאָן די מאַמען אין טונקעלן זאַל אַרײַן, און זי זיצט דאָרטן און רעדט זיך דורך מיט אים. ער האָט נישט באַדאַרפט באַנוצן זיך מיט אַ טיר; קיין שלאָס קאָן אים נישט אָפּשטעלן, אויב ער וויל אַרײַן; צו רעדן מיט אים דאַרף מען נישט קיין ווערטער, אָדער מיט זייער קנאַפּע ווערטער, אָדער מיט טרערן געמישט. „פאַרוואָס?", „ווי זאָל איך לעבן אָן דיר?". ער שטייט לעבן זײַן אַלמנה און גיט איר צו פאַרשטיין, אָן ווערטער, אַז אַצינד אינטערעסירט אים נישט וואָס עס טוט זיך אין שטוב, דאָס הייסט, ער וואָלט געוואָלט זיך יאָ אינטערעסירן, קאָן ער אָבער נישט; מיר מוזן אָנגיין אָן אים. ער מוז שטיין פון ווײַטן...

טיק־טאַק, טיק־טאַק — אַזוי איז אַוועק אַמאָל אַ שעה, אַמאָל מער. דערנאָך האָט זיך די טיר געעפנט און די מאַמע איז אַרײַן צוריק אין עס־צימער. פֿרעמד זענען דאַן געווען אירע באַוועגונגען, איר קלייד, איר שטימע:

— פֿאַרוואָס גייט איר נישט שלאָפֿן, קינדער?

עס פֿלעגן פֿאַרגיין וואָכן, איידער דער טאַטע האָט ווידער אַוועק־גערופֿן די מאַמע פֿון טיש און געהייסן איר גיין אין זאַל אַרײַן. גע־רופֿן האָט ער זי שטענדיק אויף זײַן שטייגער, אָן אַ קול און אָפֿילו אָן אַ צייכן...

איינמאָל, ווען מיר זענען אַזוי געבליבן אַליין אין עס־צימער, און די מאַמע איז געזעסן אין זאַל, האָבן מיר, דורך דער טיר, דער־הערט שפּילן דעם פֿאַרטעפּיאַן, וואָס איז געשטאַנען אין זאַל. דאָס איז געווען אונזער לאַנגער, פֿאַלירטער פֿאַרטעפּיאַן. זינט דער טאַטע איז געשטאָרבן, האָט קיינער אים נישט געטאָרט עפֿענען. און פּלוצים הערן מיר שפּילן. ווער שפּילט עס אַזוי טרויעריק? די מאַמע קאָן שפּילן, אָבער זי שפּילט דאָך נישט מער. די קייט פֿון טענער, וואָס האָט זיך אַלץ געצויגן און געהאַלטן אין וואַקסן אַמאָל העכער, אַמאָל נידעריקער, האָט זיך פּלוצים אָפּגעריסן. מיר האָבן דערהערט אַ היל־צערנעם קלאַפּ, אַזוי ווי אימיצער וואָלט מיטאַמאָל אַרונטערגעלאָזן דעם דעקל פֿון דעם פֿאַרטעפּיאַן.

— ער וועט באַלד אַוועקגיין, — האָב איך געזאָגט.

הערמאַן האָט אַ מאַך געטאָן מיט בײדע הענט, ווי איינער רעדט: שווײַג שטיל. אַנאַס פּנימל האָט זיך פֿאַרקרימט און זי האָט זיך צעוויינט:

— איך וועל דערציילן דער מאַמען, אַז דו שרעקסט מיך איבער, — האָט זי געזאָגט.

דער ווינטער איז אַוועק, די זון שײַנט העלער און וואַרעמער; די אײַז־ליכטלעך, וואָס הענגען אַראָפּ פֿון אונזער דאַך, וויינען אין מיטן טאָג, און פּלוצים פֿאַלן זיי אַרונטער און צעברעכן זיך אין גליטשיקע שטיקלעך, וואָס עס איז אַזוי אָנגענעם צו נעמען אין מויל אַרײַן און זויגן. דער שניי צעשמעלצט זיך צוערשט אויף איין זײַט

גאָס, דערנאָך אויף דער צווייטער. עס שמעקט שוין מיט פּסח אין דרויסן.

האַדעס די קורעלאַפּניצע איז ווידער דאָ אין קיך, און די מאַמע קויפט בײַ איר אַ הון.

— מאַדאַמעטשקע, — זאָגט זי, — ס'איז אַ טײַערע הון, עסט זי געזונטערהייט. אַ ליכטיקן פּסח זאָלט איר האָבן.

מען מאַכט פּסחדיק דאָס גלעזערנע געשיר. אין דרויסן, לעבן דער טיר, שטייט אַ הויך פאַס אָנגעפּילט מיט וואַסער, און דאָרט ווייקט זיך דאָס געשיר, עס פּוצט זיך אויס פאַר יום־טוב. מען ברענגט אַרונטער פון בוידעם דאָס פּסחדיקע געפעס: שיינע טעלער מיט בלויע קאַנטן, פליישיקע און מילכיקע — אַ גאַנצער אוצר! די מילכיקע טעלער געפעלן מיר באַזונדערס. כאָטש זיי זענען מילכיק, האָבן זיי אינעווייניק אויף דעם דנאָ אַ רויטן האָן מיט בלויע פליגל און אַן אָפן מויל; אַ מחיה צו עסן דעם מילכיקן באָרשטש פון אַזאַ טעלער! מען רוימט אויף, מען קערט, מען וואַשט, מען פּוצט אויס דאָס גאַנצע הויז, — אַ קלייניקייט: פּסח! מען נעמט אַרויס די ווינטערדיקע פענצטער. אין שטוב ווערט קילער אַביסעלע, אומהיימלעכער, אָבער העלער.

איך זע ווי מען באַקט מצה בײַ דעם שמש פון שוהל. אַ צענד־ליק פרויען און מענער זענען פאַרזאַמלט אין אַ גרויס, נידעריק חדר און אַרבעטן. זיי זענען יונג, פלינק, קרעפּטיק, פריילעך. מענטשן פון דער גאַס קומען אַרײַן און פרעגן זיך נאָך:

— נו, וואו זענען מײַנע מצות? מ'באַקט שוין? ווען וועלן זיי זײַן פאַרטיק?

ערב פּסח, אַרום צוועלף אַזייגער בײַטאָג, פאַרברענט מען אין הויף דעם חמץ. דער קליינער פלאַם וואָס פרעסט אויף דאָס שטיקל אָנגעקרישעטן חמץ, איז קוים צו באַמערקן, ווײַל די זון שײַנט כמעט ווי אין מיטן זומער. דער האָן שפּרינגט אַרויף אויפן פּאַרקאַן און שרײַט אויפן קול צו דער גאַנצער וועלט, אַז דער חמץ איז שוין פאַר־ברענט און פון דעם מאָמענט אָן איז אויס ברויט. דער ערב פּסח גיסט זיך ביסלעכווײַז צוזאַמען מיט דעם אמתן פּסח.

מיר זיצן בײַם סדר־טיש, אָבער קיין אמתן סדר פּראָוועןן מיר נישט, ווײַל — בײַ וועמען זאָל דאָס יינגסטע קינד פרעגן די פיר קשיות? און ווער וועט אויף זיי ענטפערן?

די מאַמע זיצט אויבנאָן אין אַ ברייטע, ווייכע שטול, בײַ דעם שיין-געדעקטן טיש. דאָס טישטוך בלישטשעט פון ווײַסקייט. פיר זילבערנע לײַכטער מאַכן דעם יום־טוב נאָך יום־טובדיקער. פאַר יעדן פון די קינדער איז אָנגעגרייט אַ זילבערנער בעכער מיט אַ לאַנג פּיסל; איך און אָנאַ האָבן בעכערלעך אָן פּיסלעך; יעדער בע־כערל איז ענלעך צו אַ מין גרויסן פינגערהוט. באַלד וועלן מיר טרינ־קען ווײַן פון אונזערע „אייגענע" בעכערס. אויך יאַקאָב, דער מיזי־ניק, וועט קריגן אַ לעק ווײַן — פון מאַמעס בעכער. ער האָט דערווײַל נאָך נישט קיין אייגענעם, ער איז נאָך צו־קליין. פון דער קיך דער־הערט זיך דאָס קול פון דער דינסט־מיידל:

— זאָל איך דערלאַנגען די האָלקעס (קניידלעך), מאַדאַם?

אָבער די מאַמע ענטפערט נישט. איך זע ווי דער גאָפּל ציטערט אין איר האַנט. מיט אַמאָל ווערט זי בלאַס, זייער בלאַס, דער גאָפּל פאַלט איר אַרויס פון האַנט מיט אַ יאָמערלעכן קלאַנג. מײַן האַרץ בלײַבט מיר שטיין... די מאַמע הייבט זיך אויף פון טיש און קוקט אויף דער האַלב־אָפענער טיר וואָס פירט צום טונקעלן זאַל. יאָ, דאָס איז עס! דער טאַטע איז געקומען צום סדר און ער רופט זי. דער פלאַם פון די ליכט, וואָס ברענען אין די זילבערנע לײַכטער, פאַנגט אָן צו ציטערן. איך קאָן דאָס מער נישט אויסהאַלטן. איך פאַל צו צו דער מאַמען, שטעל זי אָפּ און גראָב אײַן מײַן קאָפּ אין די פאַלדן פון איר יום־טובדיקן קלייד.

די מאַמע כאַפּט מיך אַרום, ווישט אָפּ אַ טרער, וואָס האָט נאָס געמאַכט איר שטרענג אויג און גייט צוריק צו איר פּלאַץ.

— נו, קינדער, שוין צײַט צו עסן, עסן, קינדער! — זאָגט זי און זי באַמיט זיך צו שמייכלען.

פון דעם מאָמענט אָן איז דער טאַטע מער נישט געקומען. איך האָב אים פאַרטריבן.

אינגיכן האָבן מיר זיך איבערגעקליבן אין ישראל בולקאָוו־שטיינס הויז, וואָס איז געשטאַנען אויף דער שיינער אַלעקסאַדראָוו־

סקער גאָס, פונקט אַנטקעגן דער „רעאַלנאַיע אוטשילישטשע״ (רעאַל־שולע).

אייגנטלעך איז דאָס נישט געווען איין הויז, נאָר עטלעכע הײַזער, וואָס האָבן זיך געצויגן אין דער לענג פון אַ גרויסן הויף. אַלצ־דינג איז געווען געבויט סאָליד, רײַך, מיט אַ ברייטער באַלעבאַטי־שער האַנט. הינטער דעם הויף איז געווען אַן אַלטער גאָרטן. אונזער וואוינונג איז געווען בײַם טויער. די נאָענטסטע צו דער גאָס. אַנט־קעגן אונז אין הויף האָט געוואוינט אַ גענעראַל, אַ צאַרישער גע־נעראַל, וואָס האָט געהאַט אַ דײַטשן נאָמען. גענעראַל ריכטער האָט מען אים גערופן. אין אַלע אַנדערע געביידעס פון בולקאָווסטיינס הויף האָבן געוואוינט מיטגלידער פון דער בולקאָווסטיין־פאַמיליע— וואָס האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן מיט נײַע איידעמס. שנורן, מחו־תנים, קינדער און קינדס־קינדער.

גענעראַל ריכטער איז געווען אַן ערנסטער מאַן פון מיטעלן וואוקס, מיט אַ שוואַרץ־גראָער באָרד — אַ פינטעלע שוואַרץ, אַ פינטעלע גראָ; זאַלץ און פעפער רופט מען אַזאַ באָרד. דער גענע־ראַל איז וואַרשײַנלעך געווען אַן אַלמן, ווײַל קיין „גענעראַלשע״ האָב איך קיינמאָל נישט געזען. ער האָט אָבער געהאַט אַ פּופּצן־יאָריקן זון, וואָלאָדיאַ, אַ „קאַדעט״, דאָס הייסט, אַ שילער פון אַ מילי־טער־שולע.

זומער פלעגט וואָלאָדיאַ קומען צו פאָרן צום טאַטן. ער איז געווען אַ הויכער, אַ פרישטשעוואַטער, מיט קליינע כיטרע אויגעלעך. וואָלאָדיאַ האָט געהאַט אַ באַזונדערע הנאה אַרײַנצושטעקן שפּילקעס אין מענטשנס קערפּערס, ווען דער מענטש האָט זיך פאַרקוקט אָדער פאַרטראַכט. טיכאָן, דעם גענעראַלס „דיענשטשיק״, אַ גוטמוטיקער בחור, האָט אַ סך געליטן פון וואָלאָדיאַס שפּילקעס.

איינמאָל איז וואָלאָדיאַ אַרײַן אין הויף ווען שימעלע, דעם בלע־כערס יינגל, איז געשטאַנען פאַרטראַכט. וואָלאָדיאַ האָט זיך אונ־טערגעגנבעט צו שימעלען און האָט אים אַרײַנגעשטעקט אַ נאָדל אין אַ ווייכן אָרט אַרײַן. שימעלע האָט זיך צעשריען אויפן קול, זיינע שוואַרצע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט טרערן און די דיק־לעכע ליפּן האָבן געציטערט. וואָלאָדקאַ האָט צוערשט געשמייכלט,

דערנאָך זיך דערשראָקן, און ער האָט אַריינגערוקט שימעלען אין דער האַנט אַרײַן אַ „גריוועניק" — צען קאָפּיקעס. שימעלע איז פאַרט אַוועקגעלאָפן דערציילן דעם טאַטן זײַנעם. דער פּאַטער, דער בלעכער, איז אין דעם מאָמענט געווען פאַרנומען אויפן דאַך און שימעלע איז געשטאַנען אונטן אויף דער ערד.

— האַ? וואָס? ווער? — האָט דער פּאַטער אַראָפּגעשריען פון אויבן און אַרונטער פון דאַך, גענומען זײַן זון אויף אַ פאַרהער און זיך דערוואוסט דעם גאַנצן אמת. פינצטער איז געווען דעם בלעכערס פּנים. ער איז געשטאַנען מיט פאַרביסענע ליפּן, געקוקט אויף די גענעראַלסקע פענצטער און גערעדט צו זיך אַליין:

„דאָס וואַקסט אַ פּאַגראָמשטשיק!"

דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום פּלומפּ, אָפּגעוואַשן דעם פּנים זיך און אויך שימעלען, זיך פאַריכט די הויזן, ווי ווײַט דאָס איז געווען מעגלעך און איז אַרײַן צו בולקאָווסטיינען אין הויז. מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט ער, צוזאַמען מיט ישׂראל בולקאָווסטיין, זיך ווידער באַוויזן אין הויף.

דעם אַלטן ישׂראל האָט מען זעלטן ווען געזען, און זעלטענער — זײַן ווײַב, די שטילע, די שווײַגנדיקע. ביידע האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין זייער גרויסער, שיינער, אַלטמאָדישער דירה אין דער הויפּט־געביידע, ווײַטער אַרויף אין הויף. פאַרבראַכט זייער וואוינונג מיט די גרויסע פענצטער האָבן זיי געהערשט איבער די פילע צווײַגן פון זייער ריזיקער משפּחה: איבער די בעלאָקס, די טשעכאַנאָווסקיס, די רובינשטיינס, די טרילינגס און ווידעראַמאָל די טרילינגס. דאָס זענען אַלץ געווען צווײַגן פון בולקאָווסטיינס שטאַם.

ישׂראל בולקאָווסטיין איז געווען אַ דיקלעכער, מיט אַ קײַלעכ־דיקן, פּולבלוטיקן, רויטלעכן פּנים, וואָס האָט שטענדיק געמאַכט דעם אײַנדרוק, אַז ער שמייכלט. אַלצדינג אין אים איז געווען אָנגע־נעם, היימיש און שמייכלדיק. זײַן קאָפּ מיט קורצע, רויטלעכע האָר און מיט קליינע בלוילעכע אויגן האָט געשײַנט צו זיצן דירעקט אויף די פּלייצעס, ווײַל קיין האַלדז האָט מען נישט געזען.

דער בלעכער איז געגאַנגען לעבן ישׂראל בולקאָווסטיין. זיי זענען אַזוי ביידע צוגעגאַנגען צום גענעראַלס הויז און געבליבן

שטיין בײַ דער פֿאַראַדנער טיר. ר' ישראל האָט אַ שאָקל געטאָן מיט זײַן קײַלעכדיקן קאָפּ און אַ צי געטאָן אַן אַלט־מאָדישן גלעקל. טיכאָן דער „דיענשטשיק" האָט געעפֿנט די טיר, פֿאַרוואונדערט באַטראַכט דעם בלעכער און זיך פֿאַרנייגט פֿאַר ר' ישראלן.

אַ פֿערטל שעה שפּעטער האָבן ביידע פֿאַרלאָזן דעם גענעראַלס וואוינונג דורך דער זעלבער טיר.

וואָלאָדקאָ האָט זיך מער נישט באַוויזן אין הויף. מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט זיך דער גענעראַל מיט זײַן גאַנץ באַלעבאַטיש־קייט אַרויסגעצויגן פֿון דעם הויף.

איינמאָל, סוף זומער, אין אַ שיינעם וואַרעמען פֿרימאָרגן, האָט זיך באַוויזן בײַ אונז אין הויף אַ סטראַשידלע: אַ הויכער, דאַרער ייִד מיט אַ רויטער באָרד, לאַנגע הענט ווי גראַבלעס און אַ בעלמע אויף אַן אויג. מיר, קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט אין הויף, זענען מיט אַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן. פֿאַרגאַפֿטע האָבן מיר געקוקט אויף דעם אומבאַקאַנטן ייִדן. וואָס וויל ער? געוויס פֿאַרקויפֿט ער עפּעס, אָבער מען זעט נישט זײַן סחורה. ער טראָגט נאָר אַ זאַק אויף זיינע ברייטע, פּירקאַנטיקע פּלייצעס. וואָס קוקט ער אַזוי אויף אונז מיט זײַן ווײַס בלינד אויג?

אַנו, קום נאָר אַהער דו, שייגעץ, — האָט ער צו מיר געזאָגט, און אַ צופּ געטאָן מיר פֿאַר די האָר. ער האָט זיך צעהוסט אָדער אפֿשר גאָר צעלאַכט — געגנוי האָט מען דאָס נישט געקאָנט אונטער־שיידן — און אַרויסגעבורטשעט:

— גוט!

מײַן האַרץ האָט אָנגעפֿאַנגען האַסטיק צו קלאַפּן.

איך האָב געפֿילט, אַז מיר דראָט דאָ אַ געפֿאַר, אַז אָט־אָט קאָן עפּעס פֿאַרקומען אַן אומגליק, אַ קאַטאַסטראָפֿע. איך האָב געוואָלט אַנט־לויפֿן, אָבער איך בין געבליבן שטיין אויפֿן אָרט ווי אַ פֿאַרכישופֿ־טער פֿון דעם בליצן־קוק פֿון דער בעלמע.

דער ייִד האָט אַראָפּגענומען דעם זאַק פֿון זײַנע ברייטע פּליי־צעס און אים אַוועקגעשטעלט אין דרויסן בײַ דער טיר. אינעווייניק אין זאַק האָט זיך דערהערט אַ קלונג פֿון אַ גלאָז און מעטאַל.

דער סטראַשידלע איז אַרײַן צו אונז אין הויז.

מײַן נײַער חבר שימעלע איז געווען גרייט אַרײַנצושטעקן זײַן האַנט אין זאַק. מײַן ברודער האָט אים אָפּגעשטעלט.

— בעסער נישט, — האָט הערמאַן געזאָגט, — מען קאָן נישט וויסן, וואָס עס טוט זיך דאָרטן. מען קאָן נאָך בלײַבן אָן אַ האַנט.

ווען דער ייד האָט זיך ווידער באַוויזן אין הויף, בין איך שוין געלעגן באַהאַלטן הינטער דעם „כאַזשען", דאָס הייסט, הינטער דעם געהאַקטן האָלץ, וואָס איז געווען אַקוראַט צונויפגעלייגט אין אַ הויכן פּירעק בײַ דער וואַנט.

איצט איז שוין אָבער דער ייד געווען נישט אַליין: די מאַמע האָט אים באַגלייט.

— הערמאַן, יאָזעף! — האָט זי אונז גערופן. הערמאַן איז צוגע־קומען נענטער, אָבער איך האָב געזען, ווי אונזער פּלינקע, שוואַרץ־האָריקע דינסטמיידל, שיינע, האָט אַרויסגעטראָגן פון שטוב אַ שטול און אַ ווײַס לײַלעך. מײַן האַרץ האָט אָנגעפאַנגען צו קלאַפּן: אַ לײַלעך גאָר! וואָס וועט מען טאָן מיט דעם לײַלעך?

— מען וועט שנײַדן האָר, — האָט אויסגעשריגן שימעלע מיט אַזאַ קול, אַז איך בין בלאַס געוואָרן הינטער דעם „סאַזשען".

פון מײַן באַהעלטעניש האָב איך צוגעזען די שרעקלעכע, די אומפאַרגעסלעכע סצענע פון האָר־שנײַדן.

דער ייד האָט גענומען אויספּאַקן זײַן זאַק — דעם גרויען פאַר־שטויבטן זאַק, וואָס עס איז בעסער געווען אים נישט צו טשעפּען — און אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט אַ שער, אַ קעמל, אַ מעסער און אַ גרויסע פלאַש אָנגעפילט מיט וואַסער, און אין דעם וואַסער זענען אַרומגעשוואומען שוואַרצע, גליטשיקע באַשעפענישלעך, וואָס האָבן אויסגעזען ווי פישלעך און נישט ווי פישלעך.

— פּיאַווקעס! — האָט אויסגעשריגן שימעלע, וועלכער האָט אַלצדינג געוואוסט פונקט ווי אַ דערוואַקסענער.

איך האָב נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט, נאָר דער קלאַנג פון דעם וואָרט — דאָס „פּיאַ", וואָס איז אויך געווען „גליטשיק" פאַר דעם אויער — איז שוין געווען שרעקלעך...

דער ייד האָט אָוועקגעשטעלט די פלאַש אין שאָטן, די באַשע־פענישלעך זאַלן הנאה האָבן פון דער קילער לופט, און ער האָט פאַרקאַטשערט איין אַרבל.

— אַנו, קום נאָר אַהער! — האָט ער געזאָגט, און אָנגעכאַפּט הערמאַנען פאַר דער האַנט און געשלעפּט אים צו דער שטול.

און ווי מײַן דערשראָקענער ברודער האָט זיך נישט געצאַפּלט, ווי ער האָט זיך נישט געריסן און געבריקעט מיט די פיס, האָט עס אים אָבער נישט געהאָלפן: דער סטראַשידלע האָט אים פאַרט אָפּ-געשניטן זײַנע לאַנגע, קאַלטנוואַטע האָר. די גרויסע שער האָט געצוויאַקעט. דאָס קעמעלע האָט געהאַלטן אין איין אַרונטערפאַלן, אָבער דאָס שנײַדן איז פאַרט געווען דורכגעפירט ביז צום סוף.

מײַן ברודער איז אַראָפּ — אָדער בעסער געזאָגט — זיך אַרונ־טערגעגליטשט פון דער שטול. ער האָט אויסגעזען אַן אַנדערער: אַ יינגל מיט אַ קײַלעכדיקן קאָפּ, מיט רויטע, פאַרווײנטע אויגן, מיט גרויסע אויערן, וועלכע זענען אָפּגעשטאַנען פון ביידע זײַטן פון קאָפּ. און דער אָפּגעשוירענער קאָפּ אַליין איז געווען באַדעקט מיט „טרעפּ".

די מאַמע האָט פאַרביסן אירע ליפּן, צוריקגעהאַלטן אַ שמייכל פון חוזק איבערן יידנס נישט־געראָטענער אַרבעט. אין דערזעלבער צײַט אָבער האָבן אירע אויגן געקוקט אויף הערמאַנען מיט גרויס רחמנות: מילא, פאַרפאַלן! דער ייד האָט געזען, וואָס פאַר אַן אײַנ־דרוק זײַן אַרבעט האָט געמאַכט און געטרייסט דער מאַמען:

— ס'וועט אָנוואַקסן. בײַ קינדער וואַקסן די האָר זייער גיך.

— וואו איז יאָזעף? — האָב איך דערהערט מײַן נאָמען, און זיך באַהאַלטן נאָך טיפער הינטער דעם „סאַזשען".

— מסתמא איז ער ערגעץ אין שטוב, — האָט געזאָגט די דינסט און איז אַוועקגעלאָפן מיך זוכן.

שימעלעס טאַטע, דער בלעכער, האָט זיך באַוויזן אין הויף, וואַקלענדיק זיך ווי אַ קאַטשקע. נאָר אויבן אויף אַ דאַך האָט ער גע־קאָנט גיין גלײַך.

— ווי טײַער קאָסט אָפּשערן? — איך מיין מײַן יינגל, אָט איז ער! — האָט דער בלעכער געפרעגט.

— פינף קאָפּיקעס אַ קאָפּ! — איז געווען דעם סטראַשידלעס ענטפער.

— איך פאַרשטיי אַ קאָפּ — האָט פּראָטעסטירט דער בלעכער,

— אָבער ער האָט דאָך גאָר אַ קליין קעפּעלע. קוקט זיך צו, אַ קעפּעלע איז עס, ניט אַ קאָפּ.

— ער האָט שוין יאָ אַ קאָפּ, — האָט געענטפערט דער ייד.

— איך ווייס דאָך בעסער, — האָט דער בלעכער „פאַרטיידיקט" זיין זונס כבוד. — ס'איז נישט ווערט מער ווי אַ „דידקע". איר קריגט דרײַ קאָפּיקעס, און אָן עק מיט אַ סוף. שימעלע, אָהער גיי, קריך אַרויף אויף דער שטול.

דאָס, וואָס איך האָב איצט געזען, האָט געמאַכט אויף מיר אַ פיל שטאַרקערן און פיל טיפערן אײַנדרוק ווי אַלץ, וואָס איך האָב געזען פריער. דאָס מאָל איז עס שוין געווען נישט שרעק. עס איז געווען באַוואונדערונג, באַגײַסטערונג.

איך האָב געמיינט, אַז מײַן חבר שימעלע וועט אויך פּראָטעס־טירן, בעטן, שרײַען, בריקען מיט די פיס, ווי דאָס האָט געטאָן מײַן ברודער הערמאַן. אָבער — ניין! — שימעלע האָט זיך געהאַלטן גאָר אַנדערש. מען האָט אים נישט באַדאַרפט כאַפּן פאַר דער האַנט און שלעפּן. ער האָט פאַרביסן זײַנע ווײַסע ציין, פעסט צוגעדריקט די עטוואָס־געשוואָלענע, דיקלעכע ליפּן, און צוהאַלטנדיק די הייזלעך מיט איין האַנט, וועלכע האָט פאַרט אָביסל געציטערט, איז ער מיט פעסטע טריט צוגעגאַנגען צו דעם מזבח — צו דעם שטול, הייסט עס. דער סטראַשידלע האָט אים אונטערגעכאַפּט, אַנידערגעזעצט און די שער, — די שוידערלעכע, די פאַרזשאַווערטע שער, — האָט אָנגעפאַנגען צו קוויטשען און צו צוויאַקען איבער זײַן קאָפּ, וואָס לויט זײַן טאַטנס מיינונג, איז ער נישט ווערט געווען מער ווי דרײַ קאָפּיקעס.

געקוויטשעט האָט די שער, — אָבער נישט שימעלע. זײַנע גרויסע שוואַרצע אויגן, די נעגערישע ליפּן — נאָך מער פאַרביסן — אָבער שרײַען, קלאָגן, בעטן רחמנות — אַ, ניין! נישט ער, נישט שימעלע.

אויף אַ קינדישן שטייגער בין איך געווען זייער שטאָלץ מיט מײַן חבר שימעלע. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער איז גאָר אַנדערש, ווי די אַנדערע קינדער, גאָר אַנדערש ווי איך.. אַך, ווען איך קאָן זײַן אַזוי ווי שימעלע!

דער סטראַשידלע מיט דער רויטער באָרד און בלינדן אויג האָט אָבער נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו צוויאַקען מיט דער פאַרזשאַווערטער שער אויף מײַן קאָפּ. איך בין אַרויס פון מײַן באַהעלטעניש ווען דער ווילדער ייד איז שוין נישט געווען אין הויף.

אָבער דאָס שערן האָר אין הויף, אונטערן פרײַען הימל, פון דעם יידן, וואָס אַזוינס זעט מען גאָר אין ערגעץ נישט, האָט אויף מיר געמאַכט אַן אומפאַרגעסלעכן אײַנדרוק.

אַ ייד אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע און אין אַ הויכן שוואַרצן קאַפעליוש, מיט אַ שיטער בערדל און אַ צעשפּאָלטענער ליפּ האָט אָנגעפאַנגען צו לערנען מיט מיר יידישקייט און לשון־קודש. גערופן האָט מען דעם רבין ליפּע. ער פלעגט קומען יעדן אינדערפרי. געוויינלעך האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט אין בולקאָווסטיינס גאָרטן און דאָס לערנען האָט זיך אָנגעפאַנגען. דער רבי איז געווען שעפעליאַווע, און איך האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין וואָס ער רעדט און וואָס ער וויל פון מיר. איבער אים האָב איך אָפט געוויינט. ליפּע ווידער האָט מיר געהאַלטן אין איין פאַר׳מסר׳ן, אַז איך פויל זיך און, אַז איך האָב אַ גראָבן קאָפּ. די מאַמע האָט דערפאַר געשריען אויף מיר און איך האָב ווידער געוויינט. די שיינע פרימאָרגן־שעה פון לערנען אונטער די טונקל־גרינע ביימער איז פאַר מיר געוואָרן אַ שווער אָפּקומעניש. ליפּעס לשון קודש האָט מיר געקלונגען פרעמד און אַזוי מאָדנע — אַזוי אַנדערש ווי די אַלע קלאַנגען אַרום מיר. מאַנכעסמאָל האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז דער רבי האָט מיך פײַנט — און דערפאַר האָב איך אים פײַנט באַקומען.

דערנאָך האָט זיך באַוויזן אַ נײַער מלמד — קאַמינסקי, גאָר אַן אַנדער סאָרט רבי. ער האָט גאָרנישט אויסגעזען ווי אַ מלמד. ער איז געווען אַ יונגער, מיט פרייליכע בלויע אויגן, מיט אַ קאָפּ געדיכטע האָר און רויטע בעקלעך. אָנגעטאָן איז ער געווען אויך נישט „מלמדיש" — אין אַ ברוינעם אָנצוג מיט אַ ווײַסן קאָלנער און אַ

קאַלירטן שניפּס. ער איז געווען נישט נאָר מײַן רבי, נאָר הערמאַנס אויך. מיר האָבן באַלד ליב באַקומען דעם נײַעם רבין און זײַן לערנען. ער פלעגט אונז דערציילן קורצע טשיקאַווע מעשהלעך אין העב־רעיש. און דערנאָך פרעגן:

— נו, וואָס האָב איך אײַך דאָ דערציילט, קינדער?

מיר האָבן זיך געמוזט אַ סך אָנשטויסן, אַ סך ווערטער האָבן מיר נישט פאַרשטאַנען. ער פלעגט אונז דאַן איבערזאָגן די נישט־פאַרשטאַנענע ווערטער, און אַזוי, שטיקלעכווײַז, איז פאַר אונז קלאָר געוואָרן דער אינהאַלט פון יעדער מעשהלע. פאַר אונז, קינדער, איז דאָס געוואָרן ווי אַ מין שפּילערײַ אין רעטענישן, און מיר האָבן עס שטאַרק ליב געהאַט.

דער רבי קאַמינסקי האָט גוט געקאָנט רוסיש און איז אָפּטמאָל געקומען מיט רוסישע ביכער אונטערן אָרעם. בולקאָװשטיינס על־טערער זון, מאָסעי, שוין אַ גימנאַזיסט, האָט ליב געהאַט צו שמועסן מיט קאַמינסקין, און מיר, קינדער, האָבן זיך צוגעהערט. מיר האָבן גאָרנישט פאַרשטאַנען פון זייערע געשפּרעכן. איך בין דענסטמאָל אַלט געווען אפשר זעקס יאָר און איך געדענק, ווי איך פלעג זיצן און וואַרטן, אַז קאַמינסקי זאָל שוין נאָכאַמאָל זאָגן דאָס וואָרט, וואָס איך האָב שטאַרק ליב געהאַט צו הערן, כאָטש איך האָב נישט גע־וואוסט וואָס עס באַטײַט. דאָס וואָרט איז געווען „קאָוטסקי". איך פלעג שרײַבן דאָס וואָרט הינטער די פענצטער פון אונזערע שכנים, און מײַן חבר, שימעלע, דעם בלעכערס זון, האָט מיר געהאָלפן. מיר ביידע זענען ווילד געשפּרונגען און איבערגעחזרט דאָס טשיקאַווע וואָרט נאָך אַמאָל און נאָכאַמאָל: „קאָוטסקי! קאָוטסקי! קאָוטסקי!".

איך בין דענסטמאָל געווען זיכער, אַז „קאָוטסקי" איז אַ לשון קודש־וואָרט.

ווען איך דערמאָן זיך אָן ישראל בולקאָװשטיינס הויף, שטייט מיר פאַר די אויגן זײַן יינגסטער יינגעלע באָריס, וועמען אַלע האָבן גערופן „באָזשענקע". ער איז געווען קוים פיר יאָר אַלט און האָט זיך, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט שפּילן מיט אונזער באַנדע. „באָ־זשענקע" האָט זיך שטענדיק געהאַלטן פון ווײַטן, אַרומגעגאַנגען אין גאָרטן צווישן די קוסטעס און הויכע מאָן־בלומען. ער איז געווען אַ

רואיק, פאַרחלומט קינד מיט העל־בלאָנדע האָר און שיינע, לוסטיקע אויגן. איך געדענק אַ זייער הייסן זומער־טאָג, ווען באָזשענקעס ניאַנקע האָט אים איבערגעלאָזט צו שפּילן זיך אין גאָרטן אין שאָטן פון דיביימער. ווען זי איז צוריק געקומען, האָט זי אים געטראָפן ליגן אַ פאַרחלשטן. ער איז געווען קראַנק, באַקומען היץ, געקלאָגט זיך אויף שטאַרקן קאָפּווייטאָג. מיט יעדער מינוט איז זײַן לאַגע געוואָרן ערגער; די טעמפּעראַטור איז געשטיגן, ער האָט זיך גע־וואָרפן אין קאָנוואולסיעס.

אין הויף זענען פלוצלינג אַלע שטיל געוואָרן. מיר, קינ־דער, האָבן זיך צונויפגעטוליעט אַלע צוזאַמען, נאָענט איינער צום צווייטן, אַזוי ווי פייגל אויף אַ טעלעגראַף־דראָט. דאָס קליינע יינגעלע מיט די העלע האָר, וואָס מיר האָבן זיך קיינמאָל נישט געוואָלט מיט אים שפּילן, איז פלוצים געוואָרן אַ וויכטיקע פּערזאָן. ער ליגט זיך וואַזשנע אין זײַן שלאָף־צימער, אין זײַן קליין בעטעלע, און אַלץ דרייט זיך אַרום אים...

מײַן מאַמע זאָגט: „באָזשענקע האַלט בײַם שטאַרבן". הייסט עס, אַז שטאַרבן איז זייער וויכטיק. יעדער איינער האָט דרך ארץ פאַר דעם. אָבער דאָס איז אַזוי נאָר אַ קורצע צײַט. עס פאַרגייט אַ פּאָר וואָכן און מען רעדט אַפילו נישט פון דעם, אַזוי ווי מען וואָלט זיך געשעמט מיט דעם געשטאָרבענעם. אַ זייער מאָדנע און טשיקאַווע זאַך איז שטאַרבן.

באַלד נאָך באָזשענקעס טויט האָבן מיר זיך אַרויסגעצויגן פון בולקאָווסטיינס הויף און זיך אַריבערגעצויגן אין לופּינסקיס הויז אויף דער ניקאָלאַיעווסקער גאַס.

לופּינסקיס הויז איז ווי צוגעוואַקסן צו מײַן האַרץ, צו מײַן זכרון. עס איז געווען פאַר מיר מער ווי אַ געביידע, מער ווי בלויז אַ הויף, מער ווי אַ פּלאַץ וואו מיר האָבן געוואוינט.

די דרײַ גאָר־יונגע ביימלעך לעבן דעם ברונעם, נאָענט צו בובריקס וואַנט, זענען געווען נישט העכער פון מיר, ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד. ווען מיר האָבן פאַרלאָזן דאָס הויז זענען זיי שוין געווען דערוואַקסענע, שטאָלצע ביימער. זיי שטייען מיר פאַר

די אויגן. זיי זענען אויפגעוואַקסן צוזאַמען מיט מיר. מיר זענען כמעט אין דעמזעלבן עלטער, מײַנע חברים...

אַ מער פּאַסיקן פּלאַץ, אַ מער פּאָעטישע אַטמאָספערע פאַר מײַן יוגנט האָב איך זיך נישט געקאָנט ווינטשן.

דער אייגנטימער פון דער הויז, לופינסקי, איז געווען אַן אַלטער פּאָליאַק. ער און זײַן גוטמוטיקע ווײַב האָבן געליבט זייער הויז און הויף, עס באַפּוצט און געצערטלט. דער אַלטער שליאַכטשיץ מיט זײַנע געדיכטע גרויע וואָנצעס און קורץ־געשוירענע האָר האָט געהאַט דעם אויסזען פון אַ בער און אַ נשמה — פון אַ „דזשענטלמען“.

קוסטעס פון בעז האָבן געבליט און אַרונטערגעהאנגען איבער דעם ווייס געפאַרבטן צוים. קליינע בלימלעך האָבן ווי אַ בונטער טעפּיך באַדעקט די ערד פון דעם גאָרטן הינטער לופינסקיס הויז. גרויסע, זאַפטיקע עפּל פלעגן מיט אַ טויבן קלאַפּ אַראָפּפאַלן פון דעם נידעריק־צעוואַקסענעם עפּלבוים. איך פלעג זיך אַרײַנגנבענען אין גאָרטן און אויפקלײַבן די עפּל וואָס זענען שוין געלעגן אויף דער ערד. קיינמאָל אָבער האָב איך נישט געוואַגט אָנצורירן די, וואָס זענען געהאנגען אויף די צווײַגן.

שווער האָט געקעמפט די מאַמע מיט דעם לעבן. דאָס ביסעלע געלט, וואָס מײַן פאָטער האָט האַרשײַנלעך איבערגעלאָזט, איז שוין לאַנג געווען פאַרשוואונדן. אָרעמקייט איז געשטאַנען אויף דער שוועל און געקלאַפּט אין אונזער טיר. די מאַמע האָט באַשלאָסן צו עפענען אַ שולע פאַר גאַנץ יונגע מיידלעך.

די צימערן פון אונזער וואוינונג זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קלאַסן. לאַנגע טישן מיט לאַנגע בענק זענען געשטאַנען אין „זאַל“, אין עס־צימער, און אַמאָל אויך אין שלאָפצימער. אַמאָל — ווײַל דאָס האָט זיך געווענט פון דער צאָל שילערינס, וואָס איז נישט געווען שטענדיק דיזעלבע. אַ געוויסע צײַט האָט די מאַמע געהאַט אַרום פערציק יונגע שילערינס און אין אַנדערע צײַטן, נישט מער ווי פופצן. אין ביאַליסטאָק איז אונזער וואוינונג באַקאַנט געוואָרן אַלס „פרוי פערלמאַנס שולע“.

איך בין געווען דער איינציקער ייִנגל צווישן די אַלע מיידלעך. איך האָב עס אָנגענומען ווי אַ נישט־פאַרדינטע באַליידיקונג. איך

האָב באַדאַרפט זיצן מיט מיידלעך אויף איין באַנק, קאָפּירן די זעלבע „זאַדאַטשעס”, און נאָך דער שולע לערנען די זעלבע „אוראָקן” (לעסאָנס) און ענטפערן דער שטרענגער לערערין די זעלבע אויפגאַבן ווי די מיידלעך. מײַן מאַנסבילשער שטאָלץ און זעלבסט־אַכטונג זענען געווען ערנידריקט. די מיידלעך האָבן געקוקט אויף מיר מיט זייערע ברוינע, שוואַרצע און בלויע אויגן, געקוקט אויף מײַנע פּיס, און מסתמא געוואונדערט זיך, וואָס איך טראָג קיין שיך נישט.

אַ גאַנצן ווינטער האָב איך געטראָגן קאַלאָשן אויף די זאָקן, ווײַל אויף שיך איז מסתמא קיין געלט נישט געווען. דער ווינטער איז געווען אַ לאַנגער, דער ווינט אַ קאַלטער, און איך האָב נישט געקאָנט אַרויסגיין, נישט געקאָנט פאַרלאָזן די שטוב.

דאָס האָט מיך געטריבן נאָך ווײַטער זיך אַרײַנצולאָזן אין ביטערע געדאַנקען: פאַרוואָס גייט מײַן ברודער הערמאַן אין שיך? און די שוועסטער אַנאַ? פאָר זיי איז דאָ געלט. פאַרוואָס דאַרף הערמאַן נישט לערנען צוזאַמען מיט די מיידלעך? מיט וואָס איז ער דאָס אַזוי בעסער פון מיר?

איינמאָל האָב איך זיך שטאַרק פאַרטראַכט. דאָס איז געווען אַרום צוועלף אַזייגער, ווען אונזער שולע האָט געהאַט אַ האַלבע שעה פרײַ און יעדע שילערין האָט אַרויסגענומען פון איר „סומקע” אַ בולקעלע מיט אַן איי, מיט אײַנגעמאַכטס, מיט קעז... איך פלעג אויך קריגן אַ בולקעלע צעשניטן אין האַלב און אָנגעשמירט מיט פּוטער, אָדער אײַנגעמאַכטס. דאָס מאָל, אָבער, האָב איך באַקומען אַ דיק שטיק שוואַרץ ברויט, אָן פּוטער, און אַ צוקערקע. די צוקערקע מיט דעם ברויט האָבן אויסגעזען אַזוי באַליידיקנד, אַז איך האָב זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל און האַסטיק אַרונטערגעשלונגען מײַן פרישטיק, קיינער זאָל נישט זען וואָס איך עס. דער געדאַנק, אַז מיר, די פּערלמאַנס, זענען אָרעם, זייער אָרעם, איז מיר איצט אַרײַנגעדרונגען אין דער סאַמע טיפעניש פון מײַן קינדישן קאָפּ. איך האָב דעם געדאַנק אַראָפּגעשלונגען צוזאַמען מיטן באַליידיקענדן אָנבײַסן. דאָס איז געווען אָרעמקייט! אַ גאָר באַזונדערע, אַ ספּעציעל האָפענונגסלאָזע אָרעמקייט! דער שלאָסער און דער שוסטער זענען אויך אָרעם, האָב איך געטראַכט, אָבער זיי איז

פאַרט גוט. זיי לערנען זיך נישט קיין רוסיש און פראַנצויזיש, אָבער זיי זענען פריילעך.

אויב אַזוי, איז ביי מיר אויסגעקומען, אַז לערנען זיך שפּראַכן און זיין געבילדעט איז שלעכט, צו וואָס־זשע האָט מיין מאַמע די שולע און די עלטערן פון די מיידלעך וואָס באַזוכן די שולע צאָלן געלט און ווילן, אַז זייערע טעכטער זאָלן דווקא זיין געלערנט? ניין, — האָב איך באַשלאָסן, — צו זיין געבילדעט איז נישט שלעכט און עס איז אויך נישט קיין שאַנדע; שלעכט איז נאַר, ווען מען איז צו־ווייניק געלערנט, אַט אַזוי ווי איך.

פון דעם טאָג אָן האָב איך אָנגעפאַנגען צו לערנען זיך גוט, פלייסיק און געפילט אַ טעם אין דעם.

קאַפּיטל פיר.

נאָכמיטאָג פֿלעגט די שולע פֿאַרמאַכט ווערן. די בענק זענען צוגערוקט געוואָרן צו דער וואַנט. דער טיש באַדעקט מיט אַ טיש־טוך. פֿאַרשוואונדן איז דער ליאַרם, דאָס טאָפּטשען מיט פֿיס, דאָס רעדן מיט צענדליקער יונגע שטימען. די שולע איז צוריק פֿאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ פּריוואַט־הויז מיט איר שטילן פֿאַמיליען־לעבן. אָבער די מאַמע האָט זיך נישט געביטן: געבליבן די לערערין, דער זעלבער שטרענגער, קאַלטער אויסדרוק פֿון דעם בלאַסן פּנים, דערזעלבער באַפֿעלערישער טאָן אין שטימע. קיין שמייכל, קיין צאַרט וואָרט, און קיינמאָל — קיינמאָל נישט — אַ קוש.

די לערערין, וואָס האָט באַהיט מײַן יוגנט, האָט מיר געגעבן עסן, בילדונג, קליידער, מעדיצין, ווען איך בין געווען קראַנק, אַלצדינג — אַ חוץ איין זאַך, נאָך וואָס אַ קינד בענקט מער ווי נאָך אַלץ: צערט־לעכקייט. דאָס האָבן מיר, אירע יתומים, נישט געהאַט, און איך ווײַ־ניקער פֿון אַלעמען.

אָפֿטמאָל האָב איך זיך געוווּנדערט און זיך געפֿרעגט: פֿאַרוואָס איז מײַן מאַמע אַנדערש ווי די מאַמעס פֿון אַנדערע קינדער? ווען איך בין געווען אַ קינד האָב איך נישט געהאַט קיין ענטפֿער. אויף דער פֿראַגע. שפּעטער אָבער, ווען איך בין אונטערגעוואַקסן, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז זי האָט אויף זיך אַרויפֿגעצויגן די „לערערישע" קאַלטקייט און אונטערדריקט אירע מוטערלעכע געפֿילן צו קענען קעמפֿן קעגן דער האַרטקייט פֿון לעבן. די יונגע אַלמנה האָט דאָך געהאַט אַ גרויסע, שווערע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט: פֿיר קליינע לעבנס זענען געווען אויף אירע שוואַכע הענט. אַלע אירע כּוחות, יעדע שעה פֿון איר עקזיסטענץ האָט זי אָוועקגעגעבן די קינדער.

עפּעס ווי באמת רעליגיעזעס איז געווען אין איר — מקריב זײַן זיך פאַר די קינדער. אָבער דאָס האָט בײַ אונז אָװעקגערויבט איר מוטערלעכע צערטלעכקייט...

און קיין ברידער האָב איך אויך נישט געהאַט. איינער, סאָלאָ־מאָן־יאַקאָב, איז געווען נאָך צו קליין. הערמאַן, ווידער, וועלכער איז געווען עלטער פון מיר מיט עלף מאָנאַטן, האָט זיכער געקאָנט זײַן אַ ברודער, אַ חבר. ער איז אָבער געווען נאָך קאַלטער ווי די מאַמע. עס איז אויסגעקומען ווי ער וואָלט זיך געשעמט צו זײַן אַ ברודער, צו האָבן אַ שוועסטער. ער האָט זיך געשעמט אַ קוש צו געבן דעם ברודער, דער שוועסטער, דער מאַמען. איינמאָל, ווען עס איז געקומען צו זײַן געבורטסטאָג און מען האָט באַדאַרפט אים גראַטולירן אין דער פרי און דערלאַנגען אים אַ קליינע מתנה, האָט ער זיך אָנגעזייפט דאָס פּנים און געשטאַנען אַזוי זייער לאַנג בײַ דער שיסל וואַסער.

— מען קאָן נישט קושן! איך בין אָן אָנגעזייפטער! — האָט ער געענטפערט אויף אונזערע גליקוואונשן און אויף דער מתנה.

נאָך אַביסל שפּעטער פלעגט ער אונז שוין אינגאַנצן נישט באַ־מערקן. ער האָט זיך קיינמאָל נישט אומגעקוקט אויף מיר און אויף די אַנדערע קינדער, גלײַך ווי מיר וואָלטן גאָרנישט עקזיסטירט. ער האָט צו מיר נישט גערעדט יאָרנלאַנג.

אַזוי ווי די מאַמע האָט אים קיינמאָל גאָרנישט געזאָגט און שווײַגנדיק אָנערקענט זײַן באַנעמען זיך מיט אונז, האָב איך בײַ זיך· באַשלאָסן, אַז אַזוי טאַקע דאַרף אַן עלטערער ברודער באַהאַנדלען אַ יינגערן. און פּונקט אַזוי ווי ער האָט זיך געהאַלטן צו מיר — האָב איך זיך געהאַלטן צו מײַן שוועסטערל אַנאַ, און באַזונדערס צו מײַן ברודערל סאָלאָמאָן־יאַקאָב.

וועגן דעם יינגערן ברודערל יאַקאָב האָבן מיר זיך איבערהויפּט ווייניק געדאגהט. ער האָט געקוקט אויף דער וועלט מיט זײַנע בלויע אויגן, ווייניק גערעדט און קיינמאָל נישט געוויינט. אויב ער האָט אַמאָל געשטעלט אַ פראַגע, האָט אים קיינער נישט געענטפערט. אין דעם טרויעריקן ווינטער, ווען מײַן מאַמע איז געוואָרן אַ לע־רערין, בין איך כמעט קיינמאָל נישט אַרויס אינדרויסן, ווײַל איך

האָב נישט געהאַט קיין שיך. יאַקאָב האָט יאָ געהאַט שיך, האָט ער אָבער נישט געהאַט קיין וואַרעם מאַנטעלע. די מאַמע האָט אים דער־פאַר געזאָגט, ער זאָל טראָגן מײַן „פּאַלטאָ" יעדעס מאָל ווען ער דאַרף אַרויסגיין אין גאַס. געהייסן האָט עס, אַז איך דאַרף אויפּ־פּאַסן אויף יאַקאָבן, זען, אַז ער זאָל זײַן אַרומגעוואַשן און „אָנגעטאָן". איך האָב טאַקע אויף אים אַכטונג געגעבן, אָבער אָן גרויס חשק. יעדעס מאָל, וואָס איך האָב זיך געמוזט ניאַנטשען מיט אים, האָט עס מיך פאַרדראָסן און איך פלעג אויסלאָזן מײַן ביטער האַרץ צו אים.

עס איז פּלוצים פאַרשוואונדן געוואָרן אַ זילבערן לעפעלע. די מאַמע האָט איבערגעקערט די שטוב און עס נישט געקאָנט געפינען. מיט וואָכן שפּעטער, ווען ס'איז געווען אַ וואַרעמער טאָג און איך האָב געקאָנט אַרויסגיין אין דרויסן אָן שיך, בלויז מיט די קאַלאָשן אויף די זאָקן, האָב איך אָפּגענומען בײַ יאַקאָבן מײַן וואַרעמען „פּאַלטאָ". גייענדיק איבער די גאַסן האָב איך דערפילט, ווי עפּעס האַקט מיר אונטן איבער די פיס. די „פּאַלטאָ"־קעשענע האָט געהאַט אַ לאָך. איך האָב אַרײַנגעשטעקט די האַנט דורכן לאָך און אַרויס־געשלעפּט דאָס פאַרשוואונדענע לעפעלע. ווי אַזוי איז עס אַהין אַרײַנגעפאַלן?

איך האָב באַשלאָסן, אַז שולדיק אין דעם איז יאַקאָב. ער האָט געוויס אַרײַנגעלייגט דאָס לעפעלע אין קעשענע און עס איז דורכ־געפאַלן דורכן לאָך.

איך האָב מורא געהאַט, אַז די מאַמע וועט זײַן אין כעס אויף מיר, ווײַל איך מוז דאָך אויף יאַקאָבן אויפּפּאַסן. אין מײַן קינדערשן צאָרן בין איך פײַל־אויס־בויגן צוריקגעלאָפן אַהיים. איך האָב גע־טראָפן יאַקאָבן אַרומקריכן לעבן גרויסן לאַנגן טיש. איך האָב אים מיט כעס אַ שטופּ געטאָן, — נישט זייער שטאַרק, אָבער זיער נישט געלונגען: ער איז געפאַלן מיטן פּנים צו דעם פירקאַנטיקן פיסל פון טיש און זיך צוקלאַפּט די נאָז. ער האָט אויפגעהויבן צו מיר זײַנע בלויע אויגן און געקוקט מער מיט פאַרוואונדערונג ווי מיט ווייטאָג אָדער פאַרדרוס. איך וועל זײַן רחמנותדיקן בליק קיינמאָל אין לעבן נישט פאַרגעסן.

— בלוט — האָט ער שטיל געזאָגט.

אַ דין רויט שנירל בלוט איז געלאָפן פון דער נאָז צום מויל און ווײַטער אַראָפּ אויף זײַן האַלדז.

— בלוט, יאָזעף — האָט ער ווידער אויסגערעדט — גיי אַוועק, איך וועל אויסשמירן דײַן פּאַלטאָ.

איך בין געווען צעשראָקן און צעטרייסלט אַ סך מער ווי ער, און טרערן האָבן געשטיקט אין האַלדז.

עס איז מיר געוואָרן אַ סך לײַכטער אויפן האַרצן, ווען די מאַמע האָט דערזען ווי איך האָב באַהאַנדלט יאַקאָבן און האָט באַשלאָסן, אַז איך זאָל אויף אים מער נישט אויפּפּאַסן. ער איז איבערגעגאַנגען פון מײַנע הענט אין אַנאַס.

חוץ מײַן מאַמעס שולע, זענען אין ביאַליסטאָק געווען אויך אַנדערע פּריוואַטע שולן פאַר קינדער. אָבער זיי האָבן געהאַט דער־לויבענישן פון דער רעגירונג. מײַן מאַמע האָט קיין דערלויבעניש נישט געהאַט. איר „אוטשילישטשע" איז געווען אַ „געהיימע".

אויף אַזאַ אופן איז מײַן מאַמע, די ערלעכסטע פרוי אין דער וועלט, געוואָרן אַ „פאַרברעכערין" קעגן געזעץ. און דאָס געזעץ האָט דאָס שנעל אויסגעפונען.

מען האָט גע׳מסר׳ט. מיר האָבן גאַנץ גוט געוואוסט ווער עס האָט דאָס געטאָן. איך האָב אָפט מאָל געטראָפן אין גאַס דאָס קליינע אײַנגעהויקערט מענטשעלע אין אַ לאַנגן איבערציער, מיט גרויסע טונקעלע ברילן, וואָס האָבן צוגעדעקט זײַנע רויטלעכע שוואַכע אויגן. דאָס איז געווען דער לערער געווירץ. איך האָב אים לאַנג נאָכגעקוקט און געטראַכט: אָט איז ער, דער אויסוואורף! קיינער אין ביאַליסטאָק, אַ חוץ אים, טראָגט נישט קיין שוואַרצע ברילן. דאָס איז דערפאַר, וואָס ער שעמט זיך — מענטשן זאָלן נישט קאָנען זען זײַנע אויגן. אָבער זיכער זעט ער מיך פון הינטער די שוואַרצע גלעזער, כאָטש ער ווײַזט עס נישט אַרויס. ער קוקט זיך נישט אַרום און לויפט פאַרבײַ. ער אײַלט זיך וואָס גיכער צו קומען אַהיים. דאָרט וועט ער זיך פאַרשליסן אין זײַן שטוב, פאַרמאַכן די לאָדנס, אַרונטערנעמען די שוואַרצע ברילן און זיך אַוועקזעצן שרײַבן. ער וועט שרייבן די גאַנצע נאַכט אַ לאַנגן־לאַנגן בריוו קיין ווילנע — די מסירה. פאַרטאָג וועט ער זײַן פאַרטיק מיט זײַן אַרבעט. ער

וועט ווידער אַנטאָן זײַנע שוואַרצע ברילן, אַרויסגנבענען זיך פון שטוב, אַרומקוקן זיך צי עמיצער זעט אים נישט און לויפן צום בריוו־קאַסטן אַרײַנוואַרפן די שוואַרצע מסירה... אַלע ווייסן דאָס און — מען טוט אים גאָרנישט! ווי איז דאָס מעגלעך?

אַמשטאַרקסטן אָבער האָט קעגן דער מאַמען געאַרבעט די לע־רערין פריילין זינאַ בישקאָוויטש, וואָס האָט געהאַט אַ פּולשטענדיק לעגאַלע, דערלויבטע קינדער־שולע און פּאַר װעלכער דער מאַמעס אונטערנעמונג איז געווען אַ געפערלעכע קאָנקורענץ. בישקאָוויטש האָט פאַרשווענדט גענוג געלט און מי צו קריגן אַ דערלויבעניש, און דאָ קומט אָן אַנדערע און כאַפּט אויס די בעסטע קינדער פון די באָ־לעבאַטישע הײַזער. די קאָנקורענטין איז טאַקע אַן אַלמנה, אַ געביל־דעטע און זייער סימפּאַטישע פרוי; אָבער די אייגענע פרנסה איז בילכער.

זינאַ בישקאָוויטש איז נישט געווען פאַרהייראַט, אַ מיידל, און זי איז שוין נישט געווען גאָר יונג. זי האָט זיך געהאַלטן מיט גרויס ווירדע, העפלעך, קאַלט, שטאָלץ. איר דין לאַנג פּנים איז שטענדיק געווען בלאַס און רואיק, אירע גלאַטיק פאַרקעמט אויף צוריק. ביאַליסטאָק האָט געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַר איר. אַ מיידל מאַכט זיך אַליין זעלבסטשטענדיק, אַ מיידל אַ פאַרדינערין, — דאָס איז געווען אַ נײַע דערשײַנונג אין דער אָרטאָדאָקסישער ביאַליסטאָק.

די מאַמע האָט געוואוסט, אַז די געזעצלעכע, די דערלויבטע לערערינס קערן וועלטן קעגן איר. אָבער זי איז אָנגעגאַנגען מיט איר אַרבעט. וואָס דען האָט זי געקאָנט טאָן?

עס איז געווען אַרום עלף אַזייגער אין דער פרי. אין עס־צימער, וואָס איז איצט געווען פאַרוואַנדלט אין אַ קלאַס, האָט די מאַמע גע־לערנט מיט פּופּצן מיידלעך דײַטשע גראַמאַטיק. אין „זאַל" האָבן אַנדערע פּופּצן מיידלעך (שוין מיר אַרײַנגערעכנט) געלערנט „טשיס־טאָפּיסאַניע", שרײַבן מיט אַ קלאָרער, שיינער האַנטשריפט. דער לערער פון דער דאָזיקער וויסנשאַפט איז געווען אַ באַשיידענער, שטילער, אַ ביסל רונדלעכער ייִד מיטן נאָמען איינשטיין. ער איז געווען דער איינציקער לערער אין דער נישט־דערלויבטער שולע, אַ חוץ מײַן מאַמען.

פלוצלינג האָט דער לערער איינשטיין אַ זאָג געטאָן צו אונז:
— קינדער, צוגייט זיך. גייט אַהיים.
מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס ער הייסט גיין, אָבער די קינדער האָבן געפאָלגט און זענען אַרויס אין גאַס.
איינשטיין אַליין איז אויך פאַרשוואונדן.
באַלד האָב איך דורכן פענצטער דערזען ווי אַ „גאַראַדאָוואָי" (פּאָליציאַנט) איז אַרויס פון הויף און איז פאַרשוואונדן. ווען איך בין אַרײַן אין דער מאַמעס קלאַס, זענען שוין די בענק און די טישן גע־ווען צוגערוקט צו דער וואַנט — אויס קלאַס, ווידער אַן עס־צימער. עטלעכע מיידלעך, וואָס האָבן נישט באַוויזן אַרויסצולויפן, זענען געשטאַנען אַרום דער מאַמען אין מיטן שטוב און געזונגען מיט דינע, איבערגעשראָקענע שטימען אַ רוסיש קינדער־לידל:
זשיל ביל או באַבושקי
סיערענקי קאָזליק.
(די באָבע האָט געהאַט אַ גראָ ציגעלע אַאַז"וו.)
מיטאַמאָל האָט זיך געטאָן אַן עפן די טיר און עס זענען אַרײַנ־געקומען דער פּריסטאַוו זשעלעזאָווסקי מיט זעקס פּאָליציאַנטן. דער פּריסטאַוו איז געווען אַ הויכער, ברייט־פּלייציקער מאַן, מיט אַ פּאַרטפּעל אונטערן אָרעם און מיט אַ שווערד, וואָס איז געהאַנגען בײַ זײַן זײַט. דער פּריסטאַוו איז צוגעגאַנגען צום טיש און די פּאָ־ליציאַנטן זענען געבליבן שטיין בײַ דער טיר קיינעם נישט אַרויס־צולאָזן.
— ווער זענען דאָס די קינדער? — האָט דער פּריסטאַוו גע־פרעגט און געעפנט זײַן פּאַרטפּעל.
— דאָס זענען מײַנע קינדער, — האָט די מאַמע געענטפערט.
— זיבן? און אַלע מיידלעך? האָט זשעלעזאָווסקי איבערגע־פרעגט מיט אַ טאָן פון מיטלייד.
— איך האָב אַ זון אויך. אָט איז ער, — האָט די מאַמע אָנגעוויזן אויף מיר (הערמאַן און יאַקאָב זענען גראָד נישט געווען אין הויז).
דער פּריסטאַוו האָט געוואָרפן אַ שאַרפן בליק אויף מיר, דער־נאָך אויף מײַנע קאָלאָשן, דערנאָך ווידער אויף דער מאַמען. ער האָט געמאַכט אַ זויערע מינע און געזאָגט:

— דער בחור זעט נישט אויס ענלעך צו אײַך.

— ניין? מען זאָגט טאַקע, אַז ער איז מער ענלעך אין דעם פאַרשטאָרבענעם טאַטן זײַנעם, — האָט די מאַמע זיך אָפּגערופן.

דער פּריסטאַוו האָט עפּעס פאַרשריבן אויף אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר.

דאַן האָט ער געעפנט די טיר פון צווייטן צימער און דערזען נאָך אַ גרופּע מיידלעך, וועלכע זענען געשטאַנען שטיל און געקוקט אויף אים מיט גרויסע איבערגעשראָקענע אויגן.

— און ווער זענען די קינדער? — האָט ער געפרעגט. — אויך אײַערע טעכטער?

— ניין, זיי זענען געקומען צו גאַסט.

— אַזוי פרי צו גאַסט?

— הײַנט איז מײַן זונס געבורטסטאָג, — האָט די מאַמע דער־קלערט, — זענען זיי געקומען אים גראַטולירן.

— אַהאַ... זייער פײַן פון זיי! — האָט דער פּריסטאַוו אַ שמייכל געטאָן און ווידער פאַרשריבן.

— דאָס איז אַלץ, — האָט ער געזאָגט צו זײַנע פּאָליציאַנטן. — מער איז דאָ גאָרנישטאָ וואָס צו טאָן. מיר קענען גיין.

און זיי זענען אַלע אַוועק.

אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז דער פּריסטאַוו צוריקגעקומען. די מאַמע האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ בלאַס, פאַרשטיינערט פּנים. דאָס מאָל איז ער געווען איינער אַליין, אָן זײַנע פּאָליציאַנטן.

— שרעקט אײַך נישט, — האָט דער פּריסטאַוו געזאָגט.

— איך האָב פאַרשריבן אין פּראָטאָקאָל, וואָס איר האָט מיר געזאָגט: קיין שולע, אייגענע קינדער און אַ פּאָר פרעמדע, וואָס זענען געקומען צו אײַער זונס געבורטסטאָג.

— איך דאַנק אײַך, גאָספּאָדין פּריסטאַוו, — האָט די מאַמע גע־זאָגט און געמאַכט אַ פאַרזוך אים עפּעס אַרײַנלייגן אין האַנט אַרײַן.

ער האָט צוריקגעצויגן זײַן ברייטע לאַפּע.

— ניין, ניין, דאָס דאַרף מען נישט, — האָט ער אַ בורטשע געטאָן. — איך קאָן נישט קריוודען אַן אַלמנה... מיט זיבן קינדער...
— האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל. אָבער, הערט זיך צו, גאָספּאָזשאַ

פערלמאַן: איר דאַרפט עפּעס טאָן וועגן דעם. איר וועט לאַנג אַזוי די שולע נישט קאָנען אָנהאַלטן.

ער האָט מיר געגעבן אַ שאַרפן קניפּ אין באַק און איז אַוועק.

אַ שטיק צײַט איז אַלצדינג געווען שטיל און רואיק. אונזער שולע איז ווײַטער אָנגעגאַנגען מיט איר נישט־דערלויבטער און „פאַרברעכערישער" טעטיקייט.

נישט קוקנדיק אויף אונזער אָרעמקייט, האָט די מאַמע דאָך שטענדיק געהאַלטן אַ דינסט.

איינע פון די אינטערעסאַנטסטע ערטער בײַ אונז אין הויז איז געווען פאַר מיר די קיך.

— קינדער, נישט לויפן אין קיך! איר האָט דאָרט גאָרנישט וואָס צו טאָן. איר האָט גענוג פּלאַץ וואו זיך צו שפּילן: אין זאַל, אין עס־צימער, אָדער אין הויף. נישט גיין אין קיך!

אַזוי פלעגט האַלטן אין איין רעדן צו אונז די מאַמע. אָבער מיך האָט די קיך געצויגן צו זיך.

דאָרט, אין קיך, איז געווען גאָר אַן אַנדער וועלט, ווי אין זאַל, אָדער אין די אַנדערע צימערן פון הויז. אונזער הויזגעזינד איז גע־ווען איינגעטיילט אויף „מיר" און „זי". „מיר" — דאָס איז געווען די מאַמע מיט די פיר קינדער; „זי" אָבער האָט זיך געהאַלטן אין איין בײַטן. אָט איז זי געווען אַ הויכע, און אָט אַ נידריקע; אַמאָל אַ שוואַרצע, אַמאָל אַ רויטע, אַ שיינע אָדער אַ מיאוסע, אַ דיקע אָדער אַ דאַרע, אַ פלינקע, אָדער אַ פאַרשלאָפענע, אַ פרוי מיט אַ שאַרף צינגל, אָדער אַ שטילע, אַ שווײַגנדיקע. איינמאָל איז עס געווען כאַשע, אַ צווייטן מאָל דבורה, נאָכדעם — שיינע, שרה, פערל, פייגל, און ווידער שיינע, און נאָכאַמאָל כאַשע — אָבער תמיד איז עס גע־ווען „זי", און מיט „זי" האָט מען געמיינט די דינסט.

„מיר" זענען געזעסן אויף שטולן, „זי" — אויף אַ פראָסטן היל־צערנעם טאַבורעט. „מיר" זענען געשלאָפן אין בעטן, „זי" — אויף דער געלער שלאָפבאַנק. „מיר" האָבן געגעסן צוערשט, „זי" — שפּע־טער, נאָך אונז. „זי" האָט אונז באַדינט, אָבער „זי" איז פון קיינעם נישט באַדינט געוואָרן. „מיר", ווי אָרעם מיר זענען נישט געווען, האָבן מיר דאָך געטראָגן שענערע קליידער ווי „זי", געהאַט קאָ־

לאַשן, אַ שירם. די מאַמע האָט געהאַט אַ הויכע הוט מיט בלומען און קאַרשן. „זי" האָט אַנשטאָט אַ הוט געטראָגן אַ שאַל איבערן קאָפּ, נישט געהאַט קיין פּאַלטאָ, און געגאַנגען אין דעם גרעסטן רעגן אָן אַ שירם. מיר האָבן געהאַט ביכער און ביכלעך, געקאָנט לייענען און שרײַבן, „זי" — נישט. ווען „זי" האָט אַמאָל באַקומען אַ בריוו, האָט זי אים נישט געקאָנט איבערלייענען. די מאַמע האָט געדאַרפט איר אַרויסהעלפן.

איך האָב ליב געהאַט צו הערן ווי די מאַמע לייענט פאַר דער דינסט אַזעלכע בריוו. וואָס מען האָט „איר" דאָרט געשריבן פון זאַבלודאָווע, אָדער כאַראָשטש, איז מיר נישט געווען וויכטיק. עס האָט זיך מיר אָבער אויסגעוויזן, אַז פון דער מינוט אָן וועט עפּעס ווערן אַנדערש; אפשר וועט „זי" מער נישט מוזן שלאָפן אין קיך, נישט וואַרטן מיט איר מאַלצײַט ביז מיר וועלן אָפּעסן. איך האָב אַליין נישט געוואוסט פאַרוואָס אייגנטלעך איך וויל, אַז אַזאַ ענדע-רונג זאָל פאָרקומען, נאָר געחלומט וועגן דעם האָב איך פאַרט.

„און נאָך בעט איך דיך, מײַן טײַערע טאָכטער כאַשע, וואָס דו מוזט, נעבעך, זײַן אין דער פרעמד"... — לייענט די מאַמע. און כאַשעווישט דערבײַ אַ טרער.

הייסט עס, זי האָט אויך אַ מאַמע, און די מאַמע אירע רעדט אַזוי האַרציק צו איר קינד, וואָס האָט קיין שירם נישט און דאַרף זיצן אויף אַ האַרטן טאַבורעט, אָן אַ רוקן-ברעטל.

דאָס לייענען דעם בריוו איז פאַראיבער. די דינסט גייט ווידער אין קיך אַרײַן. די מאַמע פאַרבלײַבט אין זאַל, און ווידער, ווי פריער, פאַרבלײַבט די באַלעבאַטישקייט צעטיילט אין צוויי נישט-גלײַכע טיילן: „מיר" און „זי".

יעדן פרײַטיק בײַטאָג פלעגט זיך באַווײַזן די שוואַרצע חנה. אין מיטן וואָך האָט מען זי קיינמאָל נישט געזען. זי איז געווען אַ באַ־שעפעניש, וואָס פלעגט אויפלעבן נאָר איינמאָל אין זיבן טעג. וואו איז זי געווען און וואָס האָט זי געטאָן די איבעריקע זעקס טעג, האָב איך נישט געוואוסט. אָבער פרײַטיק בײַטאָג האָט די שוואַרצע חנה אַרײַנגעשטעקט איר קאָפּ אין עס-צימער טיר און געלאָזט וויסן:

— מאַדאַם, די חלה איז דאָ.

די שוואַרצע חנה, די חלה־יידענע, האָט באַלאַנגט צו דער זעל־בער קאַטעגאָריע ווי האָדעס די קורעלאַפּניצע; אָבער האָדעס האָט מיר אויסגעזען צו זײַן וויכטיקער, העכער מיט אַ „טשין". האָדעס מיט אירע הינער און די פרישע אייער פלעגט קומען אָפטער, פאַר־בלײַבן לענגער, נישט אַוועקגיין באַלד נאָכדעם ווי דאָס געשעפט איז געווען פאַרענדיקט. די קורעלאַפּניצע איז געווען אַ היימישע, אַן אייגענע בײַ אונז אין קיך. זי פלעגט רעדן מיט דער דינסט, איר אויספרעגן, אינטערעסירן זיך מיט איר לעבן: ווער זי איז, אויף וואָס פאַר אַ חולאת דער טאַטע אירער איז אַזוי קראַנק, צי זי האָט אַ חתן און אויב נישט, פאַר וואָס נישט? די חלה־יידענע האָט דאָס קיינמאָל נישט געטאָן: געקומען, געבראַכט און פאַרשוואונדן. די חלה־יידענע האָט זיך נאָר געזאָרגט פאַר שבת: די חלה זאָל זײַן „גרינג ווי אַ פעדער". האָדעס די קורעלאַפּניצע אָבער האָט זיך גע־זאָרגט וועגן אַ גאַנצער וואָך.

עס איז נישט געווען אמת, אַז זי האָט געטראָגן נאָר הינער און אייער. ערב־פּסח פלעגט זי אַרײַנשלעפּן אין קיך אַרײַן אַן אינדיק, וואָס האָט אָנגעהויבן שרײַען „האָלדער־האָלדער־האָלדער" יעדעס מאָל, וואָס מען האָט דערמאָנט דאָס וואָרט „סדר", דער „שוחט". חנוכה־צײַט פלעגט זי ברענגען געפּרעגלטע גריוון. ערב-פּורים זענען אין די קאָשיקעס לעבן די הינער געלעגן שיין און אַקוראַט אײַנגע־פּאַקטע און פאַרזיגלטע פעקלעך טיי פון דער גרויסער רוסישער פירמע „ק. אי ס. פּאָפּאָוו", אַזש פון סאַמע מאָסקווע. און שפּעטער ווען עס האָט זיך אָנגעפאַנגען פאַרשפּרייטן וויסאָצקיס טיי, איז אויף די פעקלעך טיי געווען אויפגעשריבן „וויסאָצקי". האָדעס איז נישט געשטאַנען אויף איין אָרט: זי איז מיטגעגאַנגען מיט דער צײַט.

אַ לאַנגער ייד, מיט אַ לאַנגער באָרד און אין אַ לאַנגער גרויער קאַפּאָטע איז געווען דער גלעזער. ער האָט אַרומגעטראָגן מיט זיך אַ ספּעציעל־געבויטן גרויסן פלאַטשיקן, מיט אַ זאַק איבערגעצוי־גענעם קאַסטן, וואָס איז געווען ענלעך צו אַ ריזיקן הילצערנעם פּאָרטפעל. אין „פּאָרטפעל" זענען געשטאַנען גרויסע פלאַכטעס גלאָז און עס זענען געלעגן שטיקער „קיט". צו שנײַדן די גלאָז האָט ער געהאַט אַ דימענט אײַנגעפאַסט אין אַ ספּעציעלן אינסטרו־

מענט מיט אַ הענטל. איך האָב שטענדיק מיט דער גרעסטער נײַ־גיריקייט געוואַרט, אַז דער גלעזער זאָל שוין אַרויסנעמען דעם אינ־סטרומענט מיטן דימענט און באַווײַזן זײַן גרויס וואונדער — שנײַדן גלאָז. אַ צי! מיטן דימענט און דאָס גלאָז איז אָפּגעשניטן פּינקטלעך, אַזוי שיין, גלײַך ווי אַ ווירע. הײַנט דער „קיט" — ווען מען קראַצט אים אַרויס פון אַ נאַר־וואָס אָרײַנגעשטעלטע שויב, שמעקט ער אַזוי זאַפטיק. און דער גלעזער האָט גאַנצע קנוילן „קיט" — ווער קאָן זיך גלײַכן צום גלעזער.

אַן אָנגעלייגטער גאַסט איז אויך געווען שייקע דער קוי־מענקערער. ער פלעגט נישט אַרײַנקומען, נאָר אַרײַנשפּרינגען אין קיך. מיט אַ צעקוועטשטן גלאַנציקן צילינדער־הוט אויפן קאָפּ, מיט אַן אויסגעשמירטער מאָרדע, אָנגעטאָן אין שוואַרצן, איז ער שוין געווען אויס־מענטש, אָבער נאָך נישט קיין טײַוול. עמיצער וואָס איז צווישן מענטש און טײַוול. אָט, דוכט זיך, ערשט נישט לאַנג צוריק איז ער געווען אַ דאַרער, אַ הויכער, און הײַנט האָט זיך דער מזיק געמאַכט קליין; הײַנט רעדט ער אויף אַ קוויטשיקן קול, און מיט אַ חודש שפּעטער — אויף אַ באַס. אָט שפּילט ער זיך מיט מיר, קרייט ווי אַ האָן און שלינגט אַרונטער אַ ברענענדיקן פּאַפּיראָס, אַן אַנדערש מאָל גייט ער פאַר־בײַ ווי גלײַך ער קאָן מיך גאָרנישט. אָבער דער צוקוועטשטער צי־לינדער-הוט זײַנער אויף זײַן קאָפּ איז שטענדיק דער זעלבער. דער זעלבער איז אויך דער פאַרסאַזשעטער בעזים זײַנער. און די שטאָ־לענע באַמבע, וואָס איז צוגעטשעפּעט צום בעזים, פאַרבלײַבט די זעלבע. עס איז אַוועק אַ לאַנגע צײַט ביז איך האָב אויסגעפונען, אַז „שייקע דער קוימענקערער" איז אין דער אמתן נישט איין פּערזאָן, נאָר אַז דאָס זענען געווען עטלעכע און פאַרשיידענע קוימענקערער. אַמאָל פלעגט אַרײַנשפּרינגען אין קיך איינער, אַמאָל אַ צווייטער, און אַמאָל אַ דריטער. נאָר גיי טרעף ווער איז ווער, אַז זייערע פּנימער זענען אויסגעשמירט מיט סאַזשע און מען זעט נאָר די ווײַסלעך פון די אויגן און די ציין. דער אמתער שייקע, דער וואָס האָט ליב געהאַט צו שפּילן מיט מיר, און פלעגט אַריבערשפּרינגען איבער דעם טאַבורעט ווי אַ פראָש, — דער איז שוין געווען טויט,

געשטאָרבן פון טשאַכאָטקע, וואָס ער האָט געכאַפּט קריכנדיק אין ווינטער איבער די ביאַליסטאָקער דעכער.

זומער־צײַט פלעגן זיך באַווײַזן בײַ דער קיך־טיר גאָר אַנדערע מענטשן. דאָס זענען געווען גויים און גויעס פון די אַרומיקע דערפער. זיי זענען געווען אַנגעטאָן אַנדערש ווי די יידן: אין העלע, כמעט ווײַסע „סוויטקעס", געטראָגן אויף די פיס ווייכע לאַפּטשעס אַנשטאָט שיך און זייערע קאַשקעטן זענען געווען אָן דאַשיקעס. זיי האָבן גערעדט „גוייש", בעלאָרוסיש (ווײַס־רוסיש), וואָס האָט געקלונגען ווי אַ מין מיש־מאַש פון רוסיש, פּויליש און מאַלאָרוסיש. אויף דער שפּראַך וואָס יעדער אין ביאַליסטאָק האָט פאַרשטאַנען, האָבן זיי געבעטן מען זאָל אָפּקויפן בײַ זיי דעם זאַק קאַרטאָפל, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון דאָרף, אוגערקעס, סאַלאַד און אַמאָל אַ פּײַפל, אויף וועלכן זיי האָבן אַזוי קונציק און טרויעריק געשפּילט. די „גויעס" זייערע זענען געווען יונגע פרויען, אַנגעטאָן אין פאַרביקע זומער־קליידער. זיי האָבן געלאַכט, געוויזן זייערע ווײַסע ציין, און אַנגעבאָטן זייערע סחורות: פרישע פּוטער, סמעטענע, רויטע און שוואַרצע יאַגאָדעס, אַגרעסן, ווײַנפּערלעך. די רויטע וואַלד־יאַגאָדעס האָבן געשמעקט ווי דער פײַנסטער פּאַרפום. יעדעס מאָל ווען איך האָב דערפילט אָט דעם גערוך, איז עס געווען ווי אַ קליין שטיקל גליק, ווי אַן אומבאַקאַנטער גענוס, וואָס אָט איז ער דאָ און אָט פאַרשווינדט ער.

צווישן די אַלע „קיך־מענטשן" איז געווען איין פיגור, וואָס איז מיר געוואָרן באַזונדערס ליב. גערופן האָט מען אים בערל דער וואַסערטרעגער.

בערל דער וואַסערטרעגער האָט אויסגעזען הויך, ברייט, מאַסיוו, שווער. הויכע, ברוין־געלע שטיוול מיט האַרטע, כמעט היל־צערנע כאַליעוועס, אַ דיקער פּויערישער טולופּ אָנגעטאָן אויף די ברייטע, פעסטע פּלייצעס, און אַ הויכע פוטערנע הוט — האָבן אים געמאַכט נאָך העכער. זײַן פּנים האָט געהאַט אַ ברוין־געלן קאָליר, פּונקט אַזוי ווי די כאַליעוועס פון זײַנע ריזיקע שטיוול. דרײַ־פערטל פון דעם, וואָס האָט געקאָנט באַצייכנט ווערן מיט דעם נאָמען „פּנים", איז געווען פאַרוואַקסן מיט אַ מין מאָדנעם געוואוקס, וואָס איז געווען

זייער ווייניק ענלעך צו אַ באָרד. אין זומער האָט מען נאָך ווי עס איז געקאָנט גלויבן, אַז דאָס קאָן זײַן אַ באָרד. ווינטער, אָבער, איז עס געווען אַלצדינג אין דער וועלט, נאָר נישט קיין מענטשלעכע באָרד. עס איז געווען אַ מין געמיש פון פאַרפרוירענע האָר, שטיקלעך שטרוי, אײַז און שניי און שטיקלעך טאַבאַק. פון אָנפאַנג האָב איך געטראַכט, אַז דער וואַסערטרעגער קלעפּט זיך אומישנע צו אַזאַ מין „זאַך", כדי צו פאַרשטעלן דעם פּנים, פונקט אַזוי ווי שייקע דער קוימענקערער איז אויסגעשמירט מיט סאַזשע, מען זאָל אים נישט דערקענען. שפּעטער אָבער האָב איך זיך דערוואוסט: ניין, עס איז טאַקע בערלס אייגענע כשרע באָרד, און וואָס נאָך: ער איז שטאָלץ מיט זײַן באָרד און וויל גאָר קיין אַנדערע נישט האָבן.

פונקט ווי האָדעס די קורעלאַפּניצע האָט זיך קיינמאָל נישט באַוויזן אָן אירע קאָשיקעס, אַזוי איז אויך געווען אוממעגלעך צו טרעפן בערלען אָן זיינע עמערס, וואָס זענען אַרונטערגעהאַנגען פון דעם שווערן גליטשיקן שטאַנג, וואָס מען רופט „קאָראָמיסלע". די דאָזיקע „קאָראָמיסלע" האָט גערוט אויף זײַנע ברייטע אײַזערנע פּלייצעס און איז געווען גלאַט, ווי אָפּגעפּאָלירט.

בערל האָט געהאַט אַ פערד און אַ וואָגן, אויף וועלכן ער האָט אַרומגעפירט זײַן פאַס וואַסער. צי ער האָט אַ חוץ דעם געהאַט אַ ווײַב און קינדער האָט קיינער נישט געוואוסט. ער האָט אויסגעזען בײַ מיר אין די אויגן ווי אַ בער, וועלכער גייט אַרום אויף די הינטערשטע פיס איבער ביאַליסטאָק און צעטיילט וואַסער — פריש, קאַלט, שפּיגלדיק וואַסער. פון וואַנען נעמט ער דאָס וואַסער? דאָס איז זײַן סוד. און אפשר אויך דעם ברוינעם פערדלס, וואָס שטייט לעבן דעם טויער און וואַרט ביז דער באַלעבאָס ווערט פאַרטיק. דאָס פערדל האַלט אין איין שעפּטשען און שושקען — קיינער ווייסט נישט וועגן וואָס. ווינטער איז דאָס פערדל נישט ברוין; דער פראָסט באַדעקט עס מיט אַ זילבערנעם הויך, ווי מיט אַ מין לײַלעך אויף זײַן דאַרן רוקן, אויף דער אַלטער קלוגער מאָרדע און דער צעפּאַטלטער גריווע.

איך האָב שטאַרק מקנא געווען בערל דעם וואַסערטרעגער. איך האָב אַפילו אָפּטער פון אַלץ געטרוימט פון ווערן אַמאָל אַ „פּאָזשאַר־

ניק", אַ פֿײַער־לעשער, ווען איך וועל אויסוואַקסן; אָבער אויב נישט אַ „פּאַזשאַרניק", האָב איך כאָטש געוואָלט זײַן אַ וואַסערטרעגער.

בערל קומט אַרײַן אין קיך. אָבער ניין, ער קומט נישט אַרײַן; ער קוועטשט זיך אַרײַן. צוערשט, ווי פֿון זיך אַליין, עפֿנט זיך די טיר. ווי געווײנלעך, קוויטשעט זי אַ ביסעלע צו. נאָך דעם קוויטש באַווײַזט זיך אַן עמער אָנגעפּילט מיט וואַסער ביז די ברעגעס, און אַמאָל, ווי עס דוכט זיך אויס, איבער די ברעגעס. דער עמער קומט פֿאָרויס און פֿאַרהאַלט זיך אין דער לופֿט, דערנאָך קומט דער מענטש, און קוים וואָס ער קוועטשט זיך אַרײַן אין קיך אַרײַן. דאַן ערשט דערשײַנט דער צווייטער עמער — דער לעצטער טייל פֿון דער קאָמבינאַציע: מענטש, האָלץ און וואַסער, וואָס רופֿט זיך „בערל". ער גייט צו נענטער צו אונזער פּאָס, וואָס שטייט לעבן דער טיר אין אַ ווינקל, גיסט אַרײַן צוערשט דאָס וואַסער פֿון הינטערשטן עמער, דערנאָך פֿון פֿאָדערשטן, בלײַבט אויף אַ ווײַלינקע שטיין און מאַכט: „הו־הו". דאָס מיינט אויף זײַן לשון:

„אַ גוטן טאָג דיר, שיינעלע דינסט, און אַלע יידן אין דעם הויז און אין אַלע אַנדערע הײַזער, אָמן".

נאָך דער באַגריסונג נעמט ער זיך ערשט אָן מיט די כוחות און האָווקעט אַרויס:

— הײַנט איז קאַלט, הע־הו־הו!...

די העל־בלויע אויגן זײַנע באַהאַלטן זיך אונטער בערגלעך פֿון אָנגעלאָפֿענעם פֿלייש, האָר און הויט. די ברעמען הענגען אַרונ־טער ווי שטיקלעך שנייאיק אײַז, די באָרד פֿאַרקרימט זיך אויף איין זײַט און דאָס מויל אויף דער צווייטער זײַט. און אַזוי ווי אַלץ דאָ איז פֿאַרפֿרוירן, סקריפּעט עס אַ ביסל בשעת דאָס באַוועגט זיך.

יעדעס מאָל, וואָס איך שטיי אין קיך בײַ דער צערעמאָניע פֿון וואַסער־ברענגען, שפּיל איך מיר דערנאָך מײַן אייגענע ראָלע. איך כאַפּ די בלעכענע קוואָרט, וואָס דאַרף הענגען לעבן דער פּאָס, אָבער הענגט דאָרט קיינמאָל נישט, שעפּ אָן וואַסער און — צי עס גלוסט זיך מיר, צי נישט — פּאַנג איך אָן צו טרינקען דאָס העלע קאַלטע וואַסער. די גרויסע בלעכענע קוואָרט באַדעקט מיר כמעט דעם

גאַנצן פּנים. מיט איין אויג קוק איך אויף דעם וואַסער וואָס איך טרינק און מיט דעם צווייטן — אויף בערלען.

ווײַל בערל איז נאָך נישט פאַרטיק. דאָס סאַמע אינטערעסאַנטסטע פון דער גאַנצער וואַסער־צערעמאָניע הויבט זיך ערשט אָן: ער שלאָגט זיך אַליין! ער שלאָגט זיך מיט בײדע הענט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך אַליין אַרומגעכאַפּט, און קרעכצט צו יעדעס מאָל ווען ער גיט זיך אַ קלאַפּ. דאָס קלאַפּט ער פון זיך אָפּ דעם שניי און די קעלט.

נאָך דעם שלאָגן זיך אַליין, נעמט בערל אַרויס פון זײַן ברייטער קעשענע אַ שטיק קרײַד און פאַרשרײַבט עפּעס גאַנץ אויבן אויף דער ראַם פון דער טיר, אונטער דער סטעליע. דאָס איז זײַן בוכהאַלטעריע: אַזויפיל און אַזויפיל פּאָר וואַסער געבראַכט, אַזויפיל באַצאָלט און אַזויפיל קומט אים נאָך. אָבער דאָס אַלץ איז אָנגעשריבן אויף אַ באַזונדערער וואַסערטרעגער־שריפט. די שריפט באַשטייט פון פאַרשיידענע פינטעלעך, קרומע צלמלעך און פּאַסיקלעך, וואָס קיינער קאָן עס נישט פאַרשטיין, אַ חוץ די וואַסערטרעגער.

זײַן גאַנצע ריזיקע פיגור, זײַן באָרד, די קאַראַמיסלע און די עמערס האָבן געאָטעמט מיט דעם געזונטן, קנאַקעדיקן ליטווישן פראָסט. און דאָך, ווען דער דאָזיקער שליח פון פראָסט און ווינטער פלעגט זיך באַווײַזן אין קיך, איז געוואָרן היימלעכער, האַרציקער, וואַרעמער.

מען האָט אײַנגעפירט אין ביאַליסטאָק דעם „וואָדאָפּראָוואָד", די וואַסער־לייטונג. עס האָבן זיך באַוויזן אין שטאָט „וואָדאָפּראָוואָדנע קאָפּיקעס", פאַר וועלכע מען האָט געקאָנט קויפן נאָר וואַסער און מער גאָרנישט. פאַרשוואונדן זענען די וואַסערטרעגער: פּראַקטיקע פון דער גומיענער גאַס, משה פון דער שאָסיי־גאַס און בערל וואַסערטרעגער פון אונזער געגנט. מעגלעך, אַז ערגעץ־וואו אין די ווינקלגעסלעך האָט פּראַקטיקע אָדער אימיצער אַנדערש נאָך אָנגעהאַלטן די אַלטע אָפּגעשטאָרבענע מעטאָדע פון וואַסער־ברענגען; אָבער בײַ אונז האָט מען שוין געצויגן וואַסער פון טרובעס.

אַ לאַנגע צײַט שפּעטער האָב איך געטראָפן בערלען אין גאַס. קוים וואָס איך האָב אים דערקענט. ער איז געוואָרן קלענער, שמע־

לער. ער האָט געטראָגן אַ געווייגלעך היטל, אַ קאַשקעטל, מיט אַ דאַשעק, פּונקט ווי אַלע אַנדערע יידן.. ער האָט אויך געטראָגן אַ לאַנגע ריינע קאַפּאָטע, לאַנגע הויזן, און נידעריקע שיך אַנשטאָט שטיוול. לעבן אים איז געגאַנגען אַ גאָר קליינינקע דאַרע יידענע — זײַן ווײַב, ווי עס האָט אויסגעזען. כ׳האָב געקוקט אויף אַלע זײַטן, געזוכט דאָס פערדל, דעם וואָגן און די גרויסע וואַסער-פאַס — נישט־טאָ, פאַרשוואונדן, אויף אייביק פאַרשוואונדן!

אויסער די אַלע מענטשן, וואָס פלעגן קומען אין אונזער קיך אַרײַן דורך דער הינטער-טיר, פלעגן פון צײַט צו צײַט קומען מענטשן דורך דער פאָדערשטער טיר. דאָס זענען געווען „געסט".

דאָס וואָרט „געסט" האָט געהאַט פאַר מיר אַ מאָדנעם קלאַנג. פאַר מיר פלעגן זיי שטענדיק קומען אומגעריכט. דאָס זענען געווען באַלעבאַטישע יידן אין שוואַרצע מאַנטלען מיט שיינע שטעקנס אין די הענט. צוזאַמען מיט זיי זענען געווייגלעך געקומען אויך זייערע ווײַבער, אויסגעפּוצטע דאַמען, מיט פאַראַסאָלן אין די הענט און מיט רינגען אויף די פינגער. זיי האָבן שטענדיק געשמייכלט צו מײַן מאַ־מען, ווען זיי זענען געזעסן בײַ אונז אין זאַל. געווייגלעך זענען זיי אַזוי געזעסן און געשמייכלט און גערעדט צו דער מאַמען אַ לאַנגע צײַט. דערנאָך פלעגט די מאַמע מיך אַרײַנרופן און זאָגן:

— ווײַז מאַדאַם סעגאַל ווי דו צייכנסט.

איך פלעג ברענגען מײַנע צייכענונגען און פרוי סעגאַל, אָדער אַן אַנדער פרוי, פלעגט מיר זאָגן, אַז פון מיר וועט אויסוואַקסן אַ קינסטלער, אַ מאָלער. מען האָט לײַכט געקאָנט דערקענען אין דער מאַמעס בליק, אַז עס קומט איר שוין אַרויס עפּעס גוטס דערפון.

אין איין שיינעם פרימאָרגן האָב איך דערזען, אַז די מאַמע וויינט. איר פאָטער, מײַן זיידע, יצחק ערליך, איז געשטאָרבן אין קאָוונע. טרערן האָבן זיך אָן אויפהער געגאָסן איבער דער מאַמעס באַקן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך דאַרף אויך וויינען; אָבער עס האָט זיך נישט געוויינט. איך האָב אויפן שטעל באַשלאָסן, אַז איך בין אַ שלעכטער. אָבער צו־שטאַרק צום האַרצן האָב איך זיך דאָס נישט גענומען.

פון זיידן האָבן מיר געירשנט צוויי זאַכן: אַ קעסטל, וואָס איז געווען אויסגעבעט מיט רויטע לעדער, און — אַ מענטשן.

דאָס קעסטל האָט געהאַט אין דרויסן אַ קליין שיין שלעסל, ווי אויסגעטאָקט, און אינעווייניק זענען געווען זילבערנע לעפל, לעפעלעך, מעסערס און גאָפּלען. דערפאַר וואָס דער זיידע איז געשטאָרבן, זענען די אַלע זאַכן געוואָרן אונזערע.

נאָך דעם איז אָנגעקומען פון קאָוונע אַ פאַרווייַנטע מיידל. זי האָט געהאַט געדיכטע טונקל־ברוינע האָר, אַ בלאַס פּנים און הייסע אויגן. דאָס איז געווען מײַן מומע אָלגאַ, דער מאַמעס ייִנגערע שוועסטער. זי איז פאַרבליבן וואוינען מיט אונז, ווײַל קיין אייגענע היים האָט זי נישט געהאַט.

טאַקע צוליב מײַן מומע אָלגאַ האָבן אָנגעהויבן אַרײַנצוקומען אין שטוב מענטשן, וועלכע איך האָב פריער קיינמאָל נישט געהאַט געזען. די נײַע געסט אונזערע זענען געווען יונג. מערסטנס זענען זיי געווען זייער ערנסט; אָבער זיי האָבן געקאָנט זײַן זייער פריילעך אויך. אָנגעטאָן זענען זיי געווען אַנדערש ווי אונזערע פריערדיקע באַלעבאַטישע געסט. קיינער פון זיי האָט נישט געטראָגן קיין ווײַסן קאָלנער. אַנשטאָט אַ ווײַסן קאָלנער מיט אַ וועסט, האָט יעדער פון זיי געטראָגן אונטערן רעקל אַ פאַרביק העמדל, איבערגעגאַרטלט מיט אַ שנור. זיי פלעגן אַרײַנקומען בלויז אין אָוונט און שטענדיק מיט ביכער אונטער די אָרעמס. זיי האָבן געוויינלעך אַ סך גערעדט מיט דער מומע אָלגאַ און צווישן זיך. אין אַלע זייערע נײַן מאָס רייד האָב איך געהערט נאָר איין באַקאַנט וואָרט: „ק אַ ו ט ס ק י“, וואָס איך האָב עס אַזויפיל מאָל געהערט פון מײַן העברעישן לערער.

— וואָס איז קאַוטסקי? — האָב איך איינמאָל געפרעגט בײַ מײַן מומע אָלגאַ.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט אירע הייסע אויגן, און געזאָגט:

— ביסט נאָך צו־יונג צו פאַרשטיין. וואַרט ביז דו וועסט ווערן אַ דערוואַקסענער.

פון דעמאָלט אָן איז אַ דערוואַקסענער געווען בײַ מיר אַ מענטש

אין אַ העמדל מיט אַ הויך קעלנערל, וואָס זאָגט אָפּט „קאָוטסקי" און וויל נישט האָבן צו טאָן מיט אונז, קינדער.

איינער פון זיי, וואָס האָט מיר קיינמאָל אַפילו קיין בליק נישט געשאָנקען, איז געווען אַבראַם בלאָך, אַ קליינינקער, אַ דאַרינקער, מיט שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, מיט אַ לאַנגער, שטאַרק־געבויגענער נאָז און שוואַרצע וואָנצעס. אָנגעטאָן איז ער אויך געווען אין שוואַרץ, זײַן וועסט און די הויזן זענען געווען צו־קורץ און צו־שמאָל פאַר אים, — האָט ער דערפאַר אויסגעזען כמעט ווי אַ יונגל; אָבער ער איז פאַרט געווען אַ דערוואַקסענער. די ביכער, וואָס ער פלעגט ברענגען מיט זיך, זענען געווען די דיקסטע פון אַלע. גערעדט האָט ער מיט אַ באַס, וואָס האָט גאַרנישט געפּאַסט פאַר זײַן קליינער, שמאָלער פיגור. זײַן באַסאָווער רוסיש האָט געקלונגען מיט טענער פון גאָר אַן אַנדער וועלט — נישט פון ביאַליסטאָק. ער האָט געטרונקען אַ סך טיי און געריכערט פּאַפּיראָסן, וואָס ער האָט אַליין געוויקלט פון טאַבאַק און פּאַפּיראָסן־פּאַפּיר.

צוזאַמען מיט בלאָכן פלעגט אַרײַנקומען יקותיאל קאַץ, אַ גוטמוטיקער, קרעפּטיקער יונגערמאַן, מיט רויטע באַקן און אַ שיטערער געקרײַזלטער בערדל, וואָס איז געוואַקסן אין בינטלעך — אַ בינטעלע דאָ, אַ בינטעלע דאָרט. דער יקותיאל קאַץ האָט געהאַט אַ טבע מיך צו כאַפּן פאַר די האָר, פאַר דער נאָז, געבן מיר אַ קניפּ. איינמאָל האָב איך אים געוויזן מײַנע צייכענונגען און ער איז מיט אַמאָל געוואָרן ערנסט.

— האָסט דאָס אַליין געמאַכט? קיינער האָט דיר נישט געהאָלפן? — האָט ער געוואָלט וויסן.

פון דעמאָלט אָן האָט ער מיך נישט געקניפּט.

שפּעטער האָט זיך אויך בײַ אונז באַוויזן אַ געוויסער וועלער, דער זון פון דער אַלטער וועלערשע, וואָס האָט געהאַט אַ „הילצערנעם" פינגער. דאָס הייסט, דער פינגער איז נישט געווען קיין הילצערנער; זי האָט נאָר נישט געקאָנט דעם פינגער פאַרבייגן און געהאַלטן אים אויסגעשטרעקט אין דער לופטן. וועלערס אויסזען געדענק איך וויניקער ווי אַלע אַנדערע. איך געדענק נאָר די דיקע, שווערע ברילן, וואָס ער האָט געטראָגן.

דערפֿאַר געדענק איך זייער גוט אַ הויכן מאַן מיטן נאָמען קליין. ער איז געווען אַ קריסט און עלטער פֿון די אַנדערע געסט. אַ לאַנגער, מיט אַ טרויעריק פּנים, האָט ער גערעדט מיט דער מאַמען דײַטש, און מיט אַנדערע — רוסיש. די קליינע געדיכטע שוואַרצע באָרד אַרום זײַן פּנים האָט אים געמאַכט ענלעך צו אַ ייִדן. ער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט נישט געטראָגן קיין רוסישע העמדל, נאָר אַ ווײַסן קאָלנער, און איז שטענדיק געווען אָנגעטאָן ציכטיק און אַקוראַט. קליין איז אויך נישט געווען קיין ביאַליסטאָקער. מען האָט דערציילט, אַז ער איז אַ „פּאַרשיקטער"; אָבער וואָס אַזוינס דאָס האָט געמיינט, האָב איך נישט פֿאַרשטאַנען.

און כאָטש איך האָב דאָס און נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן נישט פֿאַרשטאַנען, האָב איך דאָך געוואוסט, אַז די אַלע יונגע לײַט זענען נישט ווי אַנדערע. זיי טוען עפּעס אַזוינס, וואָס אַנדערע טוען נישט. עס מוז אָבער בלײַבן אַ סוד; אויב נישט, וועט זײַן זייער שלעכט. יעדער באַזונדער ווייסט, אַז עס איז אַ סוד, אָבער מען מוז מאַכן דעם אָנשטעל, אַז קיינער ווייסט עס נישט.

נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס די געסט זענען געווען אומגע־וויינלעכע מענטשן, האָבן זיי געלאַכט, גערויכערט, געטרונקען טיי, געזונגען לידער און דערציילט וויצן, פֿון וועלכע אַלע האָבן געלאַכט. שפּעטער האָב איך זיך אָנגעשטויסן, אַז די דאָזיקע יונגעלײַט אין די קאָלירטע העמדלעך, מיט די ביכער אונטער די אָרעמס, שטעלן זיך קעגן דעם צאַר, דעם ווײַטן סטראַשנעם צאַר אין קאַלטן פּעטער־בורג. אָבער צו וואָס זיי טוען דאָס איז געבליבן אַ סוד פֿאַר מיר.

איינמאָל, אין מיטן נאַכט, האָב איך דערהערט אַ שטאַרקערן קלאַפּ אין פֿענצטער. עמיצער האָט געקלאַפּט צוויי מאָל — קורץ, שאַרף. איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט. אין דער קאַלטער פֿינצטערניש האָב איך נאָך געהערט אַן אָפּקלאַנג פֿון דעם קלאַפּ. פֿון דעם אַנדערן צימער האָב איך דערהערט דער מאַמעס קול:

— ווער איז דאָרט?

הערמאַן האָט זיך אויך אויפֿגעכאַפּט און דאָס ערשטע וואָס אים איז אײַנגעפֿאַלן איז געווען, אַז עס איז אַ „פּאָזשאַר", אַ פֿײַער.

— עס ברענט ערגעץ! — האָט ער אויסגעשריען.

זײַן שטימע האָט געקלונגען כמעט ווי פריילעך. ער האָט זייער שטאַרק ליב געהאַט „פּאַזשאַרן".

— ווער קלאַפּט עס? — האָט די מאַמע ווידער געפרעגט, און איז צוגעגאַנגען צו דער פאַרקײַטלטער טיר.

עמיצער האָט עפּעס געזאָגט דער מאַמען פון דרויסן.

די מאַמע איז אַרײַן צו אונז אין צימער. אָנצינדן דעם לאָמפּ האָט זי נישט געלאָזט און געהייסן אונז ליגן שטיל, נישט רעדן.

אויף מאָרגן אין דער פרי איז אָנגעקומען די ווערלערשע. אירע אויגן זענען געווען פאַרוויינט, איר „הילצערנער" פינגער האָט געטייטלט אויף דער וועלט, אַזוי ווי זי וואָלט באַשולדיקט עמיצן. זי האָט דערציילט, אַז אין מיטן דער נאַכט זענען אַרײַנגעקומען צו איר אין הויז זשאַנדאַרן, האָבן געזוכט אין אַלע ווינקעלעך, אויפגע־ריסן דעם אויוון, די ברעטער פון דער פּאָדלאָגע, געפונען ביכער, „איר ווייסט דאָך שוין, יענע ביכער", געהייסן איר זון, ער זאָל זיך אָנטאָן און זיי האָבן אים צוגענומען מיט זיך. וואוהין? דאָס ווייסט זי נישט.

אין דער זעלבער נאַכט זענען אויך אַרעסטירט געוואָרן די אַנ־דערע יונגעלײַט: בלאָך מיט דער לאַנגער אויסגעבויגענער נאָז, דער רויט־באַקיקער יקותיאל קאַץ, דער לאַנגער אומעטיקער דײַטש קליין. דער דײַטש — האָט מען דערציילט — איז אַרויסגעשפּרונגען דורכן פענצטער און זיך באַהאַלטן אין עלבוימס הויז. ערשט דאָרט האָט מען אים געכאַפּט און אַוועקגעפירט.

ווער־זשע האָט עס געקלאַפּט בײַ אונז אין טיר? עמיצער, איך ווייס נישט ווער, האָט געוואָלט אויף אַזאַ אופן וואָרענען די מאַמע: „זײַט גרייט, מען מאַכט אַבלאַוועס אין שטאָט". אָבער אויף אונזער שטוב איז קיין אַבלאַווע נישט געווען.

די אַרעסטירטע יונגעלײַט זענען פאַרשיקט געוואָרן קיין סי־ביר. איך האָב געהערט, אַז דאָס מוז זײַן עפּעס גאָר שרעקלעכעס. דאָרט, אין סיביר, איז קאַלט, פון דאָרט קומט מען נישט צוריק, מען ווערט פאַרפוילט לעבעדיקערהייט.

קיין בריוול, קיין צייכן, קיין נאַכריכט — גאָרנישט! אַוועק, פאַרשוואונדן, פאַרלוירן, — אַלע פאַרלוירן!

און פּאַרט, מיט אַ יאָר שפּעטער, האָב איך — טאַקע איך אַליין — באַקומען אַ גרוס פון זיי.

קיין ביאַליסטאָק איז אָנגעקומען איינער אַ ביעלעצקי, אַ מענטש פון „דאָרטן", אַ קאַטאָרזשניק. ער האָט באַדאַרפט קומען צו אונז מיט אַ וויזיט.

מיר, די קינדער, האָבן געוואוסט, אַז ביעלעצקי איז געווען פאַרשיקט אויף צוועלף יאָר קאַטאָרגע און, אַז ער איז איצט צוריק־געקומען.

מײַן עלטערער ברודער, הערמאַן האָט דערקלערט, וואָס עס איז אַזוינס אַ קאַטאָרזשניק. מען נעמט אַ מענטשן און מען שמידט אים אין קייטן. דאַן שמידט מען די קייטן צו צו אַ „טאַטשקע", אַ שטופּ־וועגעלע, און דער מענטש מוז אַרבעטן אין ביטערער קעלט, אונטער דער ערד, שטופּנדיק די טאַטשקע. זײַנע הענט און פיס באַקומען בלויע צייכנס פון די קייטן. אויף זײַן שטערן ברענט מען אויס מיט אַ גליענדיק שטיק אײַזן אַ בוכשטאַב, מען זאָל אים לײַכט דערקענען. אויף זײַן כאַלאַט איז צוגענייט אַ פּירקאַנטיקע געלע לאַטע.

— צו וואָס דאַרף מען די לאַטע? — האָט געפרעגט מײַן שוועס־טערל אַנאַ.

— די סאָלדאַטן זאָלן האָבן וואוהין צו צילעווען, ווען דער קאַ־טאָרזשניק אַנטלויפט, און זיי שיסן.

דאָס איז אַ קאַטאָרזשניק. און ער וועט קומען צו אונז אין שטוב אַרײַן. ער איז געווען צוועלף יאָר אויף קאַטאָרגע. צוועלף יאָר!

מיר, קינדער, האָבן געוואַרט מיט אומגעדולד צו זען דעם אויסגעברענטן צייכן אויף דעם גאַסט פון סיביר.

— אָבער ער איז דאָך נישט קיין אמתער קאַטאָרזשניק. מעג־לעך, אַז אים האָט מען נישט אויסגעברענט קיין בוכשטאַב.

— נישט קיין אמתער? וואָס־זשע דען איז ער? — האָב איך פאַרוואונדערט געפרעגט. — ער האָט דאָך אוודאי דערהרגעט אַ מענטשן.

הערמאַן האָט געמאַכט אַ זויער פּנים צו אונטערשטרײַכן ווי נאַריש איך בין.

— ביעלעצקי האָט קיינעם נישט דערהרגעט.

— ניין? נישט דערהרגעט?

איך בין זייער אַנטוישט און פאַרליר מײַן דרך־ארץ פאַר דעם גאַסט:

— וואָס־זשע נעמט ער זיך אַזוי איבער?

— ער איז אַ פּאָליטישער קאַטאָרזשניק, — דערקלערט מײַן ברודער. — אָבער עס איז בעסער נישט צו רעדן וועגן דעם.

אין פאָדערצימער איז אַרײַן אַ הויכער קרעפּטיקער מאַן מיט ברייטע פּלייצעס, מיט ערנסטע גרויע אויגן, וואָס זענען געזעסן טיף אונטער זײַן שטאַרקן הויכן שטערן. אַ קליין בלאָנד בערדל האָט שיין באַפּוצט זײַן פּנים; אָבער דאָס בערדל און דער פּנים האָבן נישט „געשטימט" צווישן זיך: דאָס פּנים איז געווען האַרט, קנאָכיק, אַפילו שטרענג, און דאָס בלאָנדע לײַכטע בערדל איז געווען ווייך ווי זײַד, איידל. דער מאַן איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן וואַטאָווען ראָק מיט אַ סאַמעטענעם קאָלנער. די מאַמע האָט דערהערט, אַז עמיצער איז אַרײַנגעקומען און זי איז צוגעגאַנגען צו דער טיר.

— האָב איך די ערע צו זען... — האָט די מאַמע אָנגעפאַנגען.

— יאָ... דאָס בין איך... — האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ שטילער, אַ ביסל הייזעריקער שטימע.

די מאַמע האָט אים געדריקט די האַנט, נישט ווי אַ פרוי, נאָר ווי אַ מאַן טוט דאָס: קרעפּטיק, האַרציק.

ביידע זענען אַרײַן אין זאַל. מיר, קינדער, זענען געבליבן בײַ דער טיר אין עס־צימער.

— דאָס איז ער! — האָט אַנאַ געזאָגט.

אין עס־צימער איז שטיל. מאַנאַטאַן ציילט אָפּ דער זייגער די צײַט: טיק־טאַק, טיק־טאַק, טיק־טאַק... רבי יצחק אלחנן, דער גרויסער רב אין זײַן קײַלעכדיקער יאַרמעלקע, קוקט אויף אונז פון דער וואַנט און זעט אונז נישט. היימיש ברענט דער גרויסער בליך־לאָמפּ, וואָס הענגט אַרונטער פון מיטן דער סטעליע. עס איז דאָך אַ גאַנץ געוויינלעכער, פּשוטער, וואָכעדיקער אָוונט, אָבער עס פילט זיך אַזוי ווי עס וואָלט געווען אַ יום־טוב. איז עס אפשר דערפאַר, וואָס אַנאַ האָט אָנגעטאָן דעם ריינעם פאַרטוך און הערמאַן האָט אַקו־ראַט פאַרקעמט די האָר?

די טיר פון זאָל עפנט זיך פּלוצים.

— יאָזעף! — רופט מיך די מאַמע, — ברענג אַריַין די צייכע-נונגען, די ניַיע און די אַלטע אויך, די וואָס דו האָסט געמאַכט פאַראיאָרן ווינטער.

איך קום אַריַין אין זאָל מיט מיַינע צייכענונגען. דער „קאָ־טאַרזשניק" בלעטערט זיי איבער, זוכט עפּעס, שטעלט זיך אָפּ אויף איין צייכענונג און זאָגט:

— יקותיאל קאַץ האָט מיר דערציילט, אַז דו צייכנסט גוט... ער האָט מיר געהייסן דיר איבערגעבן אַ גרוס פון אים.

איך ווער איבערראַשט פון די ווערטער. דער אָטעם שטעלט זיך מיר אָפּ. איך וויל עפּעס זאָגן, פרעגן וואו ער איז, נאָר איך שוויַיג.

בעלעצקי לייגט אַרויף זיַין האַנט אויף מיַין פּלייצע און זאָגט מיט זיַין הייזעריק־שטילער שטימע:

— דו דאַרפסט זיַין שטאָלץ דערמיט, וואָס אַזאַ מענטש ווי קאַץ געדענקט דיך...

מיט וואָס עס איז דאָ צו זיַין שטאָלץ ווייס איך נישט. אָבער פּלוצים ווערן מיַינע אויגן אָנגעפילט מיט טרערן. איך שעם זיך אויפצוהייבן דעם קאָפּ. דער כבוד וואָס מען האָט מיר צוגעטיילט דריקט מיך. עס איז מיר אָנגענעם און עס דריקט מיך נאָך מער צו וויינען.

— איצט גיי, — הייסט די מאַמע.

ווען איך בין אַרויס צוריק אין עס־צימער האָב איך זיך צעוויינט.

קאַפּיטל פינף.

איך בין קוים אַלט געווען אַכט יאָר, ווען איך בין ווי באַצוי־בערט געוואָרן פון אַ נאָמען "מאַניאַ". איך האָב דעם נאָמען געהערט עטלעכע מאָל און וואָס אַמאָל האָט מיך די „מאַניאַ" מער אינ־טערעסירט.

מאַניאַ איז געווען דער נאָמען פון אַ מיידעלע, וואָס איז געקו־מען צוגאַסט צו דעם ביאַליסטאָקער אַפּטייקער ווילבושעוויטש. זי איז געווען דעם אַפּטייקערס אַן אייגענע, אַ קרובה. די משפחה וויל־בושעוויטש האָט יעדער איינער געקענט, און אַ גאַסט אין שטאָט איז שטענדיק אַ נאָווינע. דערפאַר האָט מען גערעדט אויך פון דער מאַניאַ. דער קלאַנג פון איר נאָמען, דער פאַקט, אַז זי איז אַ פרעמדע פון אַן אַנדער שטאָט, אַז אָט איז זי מיט אונז און אָט איז זי נישטאָ, אָנגעקעפּאַרן, האָט געוועקט מיין קינדישע נייגיריקייט.

איך האָב שטאַרק געוואָלט זען די „מאַניאַ" און — ענדלעך האָב איך זי טאַקע געזען.

ווער עס האָט מיר אָנגעוויזן, אַז דאָס איז טאַקע זי, געדענק איך נישט. איך געדענק נאָר, אַז איך האָב זי צום ערשטן מאָל דערזען אין דעם מאָמענט, ווען זי האָט געהאַלטן אין אַרונטערגיין די פּאָר טרעפּלעך, וועלכע האָבן געפירט צו ווילבושעוויטשעס אַפּטייק, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער ניקאָלאַיעווסקער גאַס. אָנגעטאָן איז זי געווען אין אַ ברייט־ברוין קליידל, וואָס מען האָט גאָר אַזוינס נישט געזען אין ביאַליסטאָק. זי איז געווען קליין און וואוקס און האָט גע־האַט שמאָלע פּלייצעס.

דער טאָג איז געווען אַ ווינטיקער, און איר ברייט קליידל, גע־טריבן פון ווינט, האָט זיך געטוליעט צו אירע דינע פיס. איבערן

ווינט האָט זי געהאַלטן די אויגן האַלב פאַרמאַכט, פאַרזשמורעט, וואָס דאָס האָט צוגעגעבן איר שמאָלן פּנים אַ גאָר באַזונדערן חן. עפּעס אַ גיכקייט איז געווען אין אירע באַוועגונגען — אַזוי ווי זי וואָלט זיך געאײַלט — זי מוז שוין גיין, שוין לויפן, אַנישט וועט זײַן צו־שפּעט. זי איז אַרונטערגעגאַנגען די טרעפּלעך און אויף דער גאַס האָט זי אויסגעזען נאָך קלענער. איך האָב פון איר קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזן. זי האָט זיך געלאָזט פון דער אַפּטייק מיטן טראַטואַר. איך בין אַ קורצע ווײַלע געשטאַנען ווי אַ צוגעשמידטער. באַלד אָבער האָב איך זיך געכאַפּט, אַז איך וועל זי פאַרלירן און איך בין איר נאָכגעגאַנגען. דערבײַ האָב איך מורא געהאַט, אַז זי וועט זיך אומקוקן און וועט אפשר פרעגן: „וואָס ווילסטו? וואָס גייסטו מיר נאָך?” וואָס האָב איך געקאָנט ענטפערן, אַז איך האָב דאָס אַליין נישט געוואוסט, נאָר געפילט, אַז איך מוז איר נאָכגיין און קוקן ווי זי באַוועגט זיך. קיינע פון די ביאַליסטאָקער מיידלעך האָט נישט געהאַט אַזאַ גאַנג.

אויף מאָרגן בין איך ווידער געלאָפן צו ווילבושעוויטשעס אַפּטייק, אַרומגעשפּאַצירט אינדרויסן פאַר דער טיר, געזען ווי מענטשן גייען אַרײַן און אַרויס דורך די גרויסע גלעזערנע טירן, געקוקט אויף דער ריזיקער רויטער פלאַש, וואָס איז געשטאַנען אין פענצטער און קיינער ווייסט נישט צוליב וואָס. מאַניאַ איז פאַרשוואונדן. אַזוי האָב איך עטלעכע טעג געוואַרט אַ שטיקל צײַט בײַ ווילבושעוויטשעס אַפּטייק ביז איך האָב געהערט פון אימיצן, אַז מאַניאַ איז שוין אַוועקגעפאָרן.

מיט אַ סך יאָרן שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט ווער יענע מיידעלע איז געווען און וואָס פון איר איז געוואָרן. דער נאָמען מאַניאַ ווילבושעוויטש איז ברייט באַקאַנט אין צוזאַמענהאַנג מיטן נאָמען זובאַטאָוו, דער טרויעריקער עפּיזאָד אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד.

אַ צווייטע, וואָס האָט אַרום יענער צײַט פאַרכאַפּט מײַן אויפמערקזאַמקייט איז געווען נישט אַ קינד, נאָר אַ דערוואַקסענע. זי איז אויך געווען אַ פרעמדע, אויך אַ גאַסט אין שטאָט. מיט איר איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס אַנדערע דערוואַקסענע האָבן געהאַלטן פאַר

אַ גרויסן „סקאַנדאַל". זי איז געווען אַ קוזינע פון איינעם פון די אָנ־געזעענע ביאַליסטאָקער דאָקטוירים, און דאָס האָט געמאַכט דעם סקאַנדאַל נאָך גרעסער און רוישיקער.

וועגן איר און וועגן דעם „סקאַנדאַל" האָט מען גערעדט אומע־טום און יעדער איינער. מײַן מאַמע האָט געהאַט אַ שטרענג און בייז פּנים יעדעס מאָל ווען זי פלעגט דערהערן דער פרעמדער מיידלס נאָמען. עלטערע פרויען האָבן כמעט קיינמאָל נישט גערעדט פון איר אויף אַ געוויינלעכן שטייגער, נאָר זיי האָבן זיך עפּעס מאָדנע גע־שושקעט. אויך מענער האָבן גערעדט פון איר, נאָר אַנדערש, נישט בייז, נישט מיט בייזע געזיכטער, נאָר מיט אַ גאָר באַזונדערן שמייכל און אָפט מיט שפּאַס, וועלכן איך האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין.

דאָס איז שוין געווען גענוג כדי אַלץ מער און מער אויפצורייצן מײַן נײַגעריקייט. וואָס האָט זי אַזוינס געטאָן, אַז גאַנץ ביאַליס־טאָק קאָכט מיט איר?

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מען באַשולדיקט זי אין עפּעס וואָס איז זייער שלעכט, אין עפּעס אַזוינס, וואָס ביז איצט האָט קיינער קיינמאָל נישט געטאָן. איך האָב קיינעם נישט געפרעגט, וואָס אייגנטלעך עס איז דער „סקאַנדאַל" מיט איר. איך האָב גוט גע־וואוסט, אַז וועמען־ווען, נאָר מיר וועט מען דעם גרויסן סוד נישט אויסזאָגן.

אָבער מאָדנע, מײַן קינדיש האַרץ האָט געוויטאָגט פאַר איר. מיט אַ קינדישער פאַרביסנקייט האָב איך באַשלאָסן בײַ זיך, אַז גערעכט איז זי, נישט אַלע אַנדערע, נישט אַפילו מײַן מאַמע. איך האָב איינמאָל געהאַט געהערט פון דער מאַמען, אַז „זי", דעם דאָק־טאָרס קוזינע, רעדט פראַנצויזיש ווי אַ וואַסער. איז דאָס אַ פאַר־ברעכן?

אין אַ שטיקל צײַט אַרום האָב איך זיך דערוואוסט מיט ערשטוי־נונג, אַז מיט דער דאָזיקער שטאָלצער פריילין, דער לײַבלעכער קו־זינע פון דאָקטאָר, איז געשען אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך. זי האָט גע־האַט אַ קינד. דאָס האָבן אַלע באַטראַכט פאַר אַ גרויס פאַרברעכן דערפאַר, וואָס זי האָט נישט געהאַט קיין מאַן, וואָס זי האָט געהאַט אַ קינד איידער זי האָט חתונה געהאַט.

איך האָב זי געזען און נישט איינמאָל, מייסטנס אויף דער לי־פּאָווער גאַס. זי איז געווען שוין אַ פרײלין פון אַ יאָר צוויי־און־צוואַנציק, אַ הויכע, אַ שלאַנקע מיט אַ ווייס, צאַרט פּנים. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ טונקל קלייד, אָביסעלע צו לאַנג איז דאָס קלייד געווען. עס האָט אָנגערירט דעם טראָטואַר און צוליב דעם געמאַכט אַ ליכטן גערויש בשעת זי איז געגאַנגען.

ביסלעכווייז האָב איך פאַרלוירן מיין אינטערעס צו איר. אַן אַנדער געשעעניש האָט צוגעצויגן צו זיך מיין גאַנצע אויפמערק־זאַמקייט: מיין מומע אָלגאַ, דער מאַמעס יינגערע שוועסטער, איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע.

אין אַ קאַלטן אָסיענדיקן אינדערפרי זענען מיר אַלע אויפגע־שטאַנען פריער ווי געוויינלעך. הינטער די פענצטער איז נאָך גע־שטאַנען די גרוילעכע, שטאַרבנדיקע נאַכט. מען האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ — און דאָס האָט אַלץ געמאַכט דעם איינדרוק, אַז עס איז געשען אַן אומגליק.

ביי דער אומגעוויינלעכער שיין פון לאָמפּ האָבן מיר געטרונקען טיי און געשוויגן. עס האָט אויסגעזען, ווי מען פאַרטרייבט אַלגאַן פון הויז. שטענדיק אַ פריילעכע, אַן אויפגערעגטע, מיט הייסע אויגן, איז זי איצט געווען רואיק, קאַלט, נישט געקוקט אויף קיינעם. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי איז בייז אויף אונז אַלעמען. דער „איז־וואָשטשיק", וועלכער איז געווען באַשטעלט נאָך פון נעכטן אָן, איז אַריינגעקומען אין שטוב, טאָפּטשנדיק מיט זיינע שווערע שטיוול. ער האָט אַ נעם געטאָן דעם שווערן געפלאָכטענעם קאַרב, וואָס האָט געקוויטשעט יעדעס מאָל ווען מען האָט זיך צוגערירט צו אים, און אים אַרויסגעטראָגן. מיר זענען געפאָרן איבער די נאָך ליידיקע גאַסן צום באַן. די רעדער פון דער דראָשקע האָבן געמאַכט אַזאַ ליאַרם, אַז עס איז געווען אוממעגלעך צו רעדן. איך בין געווען שטאַרק מיט דעם, וואָס איך זיץ אין אַ דראָשקע, אויף דעם קליינעם בענקעלע און באַגלייט מיין מומע אַזש קיין אַמעריקע. איך האָב געהאָפט, אַז אימיצער וועט מיך זען אַזוי פאַרנדיק — קיינער האָט זיך אָבער נישט אומגעקוקט. צום וואָקזאַל זענען מיר געקומען צו פרי. דאָרט איז געווען שטיל און מען האָט געקאָנט רעדן, אָבער אַלע

האָבן פּאַרט געשוויגן. ווען עס האָט זיך דערהערט דער „ערשטער גלאָק", האָט מײַן ברודער הערמאַן גיך אַ כאַפּ געטאָן אַ פּעקל און פון דאָרט האָט זיך אַרויסגעגליטשט אַ פלאַש מילך און איז צע־בראָכן געוואָרן אויף קליינע שטיקלעך.

— עס מאַכט נישט, — האָט ער מיר פאַרזיכערט — זאָל די מילך דאָ בלײַבן.

— זאָל דאָ בלײַבן. — האָב איך צוגעשטימט און נאָכגעלאָפן אַלעמען אויף דער פּלאַטפאָרמע אַרויס, וואו דער צוג האָט זיך אָפּ־געשטעלט.

מײַן מאַמע און אָלגאַ האָבן זיך אַרומגעכאַפּט. אַנאַ האָט אָנגע־הויבן וויינען. דער גלאָק האָט ווידער אָנגעהויבן קלינגען און האָט געריסן די אויערן.

אָלגאַ איז אַוועק. אָן איר איז אין שטוב געוואָרן שטילער און אומעטיקער.

מײַן מאַמע האָט גענומען זוכן פאַר מיר אַ לערער, וואָס זאָל מיך צוגרייטן צום עקזאַמען אויף אַנצוקומען אין דער ביאַליסטאָקער „רעאַלנאַיע אוטשילישטשע" (רעאַל־שולע).

עס איז שוין דעמאָלט געווען אַ פּראָצענט־נאָרמע פאַר יידן אין רוסלאַנד און פאַר אַ יידיש קינד איז געווען שווער אַנצוקומען אין אַ צאַרישער רעגירונג־שולע. עס איז דער מאַמען אָבער איינמאָל געראָטן: מײַן ברודער האָט מען אַרײַנגענומען אין דער רעאַל-שולע. איז זי שוין געווען אַנטשלאָסן צו פּרוּוון איר מזל מיט מיר אויך.

און אין אַ שיינעם טאָג באַקום איך מײַנעם אָן אייגענעם, אַ „פּריוואַטן" לערער.

מײַן לערער הייסט רובינשטיין. ער איז אַ ייד, פאַרשטייט זיך, אָבער בײַ מיר אין די אויגן איז ער מער ענלעך צו אַ ציגײַנער ווי צו אַ יידן. ער האָט געדיכטע, געקרויזלטע האָר, אַ קליין שוואַרץ בערדל, דער קאָליר פון זײַן פּנים איז אַ טונקעלער, זײַנע ציין זענען ווײַס און בלישטשען, און די נעגל פון זײַן רעכטער האַנט זענען געל פון טאַבאַק. ער איז אָנגעטאָן אין אַ „קרילאַטקע", אַזאַ ברייטן אויבער־ציער אָן אַרבל, מיט ברייטע טיפע קעשענעס, וואָס זענען שטענדיק אָנגעפּאַקט מיט ביכער. אַחוץ דעם האָט דער לערער אַ דיקן, שווערן

געלן שטעקן, מיט וועלכן מען קאָן דערהרגענען אַן אָקס. דער הוט זײַנער איז שוואַרץ מיט ברייטע, ווײַטע ראַנדן; קיינער, אויסער אים, טראָגט נישט אַזאַ הוט. קיינער האָט אויך נישט אַזאַ ציגאַרעטן־שפּיץ, ווי ער און אויך נישט אַזאַ שוואַרצן שניפּס, וואָס אַנשטאָט צו זײַן גלײַך, הענגט ער אַרונטער ווי אַפּגעשלאָגענע פליגל. אַלצדינג איז בײַ אים געווען נישט ווי בײַ אַנדערע — נו, דערפאַר איז ער דאָך אַ לערער, וואָס ווייס און דערקלערט אַלצדינג.

רובינשטיין איז נישט געווען קיין ביאַליסטאָקער. ער איז פלור־צים אָנגעקומען פון ערגעץ אַ ווײַטער שטאָט, פון טיף רוסלאַנד. איך האָב געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַר אים און אויך פאַר זײַן „קריי־לאַטקע", פאַר דעם דיקן געלן שטעקן און פאַר דעם ווי האַרט ער האָט אויסגערעדט דעם בוכשטאַב „ר". ווי אַזוי און צו וואָס ער איז געקומען קיין ביאַליסטאָק, האָב איך נישט געוואוסט. אָבער ווען מען האָט געטריבן יידן פון רוסישע שטעט, זענען אָפט געקו־מען צו אונז פרעמדע יונגעלײַט און אויך גאַנצע משפחות, כדי זיך אין ביאַליסטאָק צו דערשלאָגן צו עפּעס.

איך האָב אים באַלד ליב באַקומען. דורך אים האָב איך אָנגע־הויבן געשמאַק לערנען די רוסישע שפּראַך, ווײַל ווען ער האָט אויס־גערעדט ווערטער האָבן זיי געהאַט גאָר אַן אַנדער קלאַנג, אַ באַ־זונדערן חן, אַ מין צויבער. אַפילו אַריפמעטיק, רעכענען, האָב איך צוליב אים ליב באַקומען.

און — אַזוי ווי ער איז פלוצים געקומען, אַזוי איז ער פלוצים פאַרשוואונדן אינאיינעם מיט זײַן שווערן געלן שטעקן און מיט דער „קרילאַטקע", און — איך בין געבליבן אָן אַ לערער — ניט אויף לאַנג.

צוויי נײַע יונגע מענטשן האָבן זיך באַוויזן אין ביאַליסטאָק, צוויי פרײַנד: אַבראַם יערוסאַלימסקי און יעפים (חיים) ביידאַטש.

זיי זענען אָנגעקומען פון סאַמע פּעטערבורג, דעם ווײַטן, שיי־נעם, קאַלטן פּעטערבורג, וועגן וועלכן איך האָב נישט איינמאָל געהערט, גאָר ווינציק געוואוסט. ביידע האָבן זיי געטראָגן סטודענ־טישע היטלען פון טונקל־גרינעם שטאָף מיט גרינע סאַמעטענע ראַנדן און מיט אַ וואַזשנעם „קנעפל" פון פאַרנט.

באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אי יערוסאַלימסקי, אי ביידאַטש זענען געווען סטודענטן פון דעם פּעטערבורגער „ליעסנאָי אינסטי־טוט" (וואַלד־אינסטיטוט), פון וועלכן מ'האָט זיי אויסגעשלאָסן. וואו־הין צו פאָרן און וואָס צו טאָן ווײַטער האָבן זיי נישט געהאַט, זענען זיי אַראָפּגעקומען קיין ביאַליסטאָק, ווײַל יערוסאַלימסקי האָט גע־האַט אַ שטיקל משפחה בײַ אונז אין שטאָט. ביידאַטש אָבער איז געווען דאָ גאָר אַ פרעמדער און האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך זײַן פרײַנד. ביאַליסטאָק? זאָל זײַן ביאַליסטאָק.

די ביידע פרײַנד זענען געווען זייער פאַרשיידן און עס איז געווען שווער צו פאַרשטיין, וואָס אייגנטלעך האַלט זיי צוזאַמען. עס איז געווען אַן אינסטינקטיווער צוזאַמענקומען פון צוויי אינטע־לעקטועלע וואַנדערער, צוויי היימלאָזע יונגע מענטשן, וואָס ווייסן נישט, האָבן נישט וואוהין זיך צוצוטוליען, וואָס אָנצופאַנגען, צו וואָס זיך צוצושלאָגן.

דאָס אָנקומען פון די ביידע יונגעלײַט האָט אַרויסגערופן אַ סענסאַציע. איך בין געווען אַרײַנגעכאַפּט פון דער כוואַליע פון נײַ־געריקיים. סטודענטן — און נאָך פון פּעטערבורג! טראָגן אַן אוני־פאָרם — היטלעך, כמעט ווי אַ פריסטאַוו אָדער ווי אַן אָפיציר! געלערנט זיך אין „ליעסנאָי אינסטיטוט" — וועגן וואָס לערנט מען דאָרט? — וועגן וואַלד — דאָס שענסטע וואָס עס איז נאָר פאַראַן אויף דער וועלט! ווי שיין וואָלט עס געווען ווען איך וואָלט געקאָנט זיך לערנען אין „ליעסנאָי אינסטיטוט", נאָכדעם ווי איך וועל פאַר־ענדיקן די רעאַל־שולע. אָבער פריער ווי פאַרענדיקן דאַרף מען אָנפאַנגען, דאַרף מען צוערשט אַרײַנגענומען ווערן...

שטעלט אײַך פאָר מײַן פרייד, ווען די מאַמע האָט דערציילט, אַז יערוסאַלימסקי און ביידאַטש ווילן ווערן לערער אין ביאַליסטאָק, ווילן געבן פּריוואַטע „אוראָקן" און צוגרייטן ייִנגלעך צום עקזאַמען אין דער רעאַל־שולע. אפשר וועט איינער פון זיי ווערן מײַן לערער? הײַנט אָוונט קומען זיי צו אונז אין שטוב אַרײַן.

ענדלעך זענען זיי אַרײַנגעקומען. יערוסאַלימסקי איז געווען פון מיטעלן וואוקס, מיט אַ קורצן האַלדז, געווען אַ ביסל אײַנגע־בויגן, געקוקט פון אונטן אַרויף, נישט פרײַנדלעך, אַ ביסל בייז.

ער איז געווען אַ רויט־האָריקער, מיט אַ קליין בערדל און וואָנצעס. און כאָטש ער איז געווען זייער קורצזיכטיק, האָט ער נישט גע־טראָגן קיין ברילן.

ער איז מיר אַ סך וויניקער געפעלן געוואָרן, ווי זיין חבר. ביידאַטש איז געווען אַ הויכער, שלאַנקער און זייער אַ דאַרער. זיין פּנים איז געווען גלאַט אָפּגעגאָלט, אַזוי ווי ביי אַ שוישפּילער. מיין ברודער הערמאַן האָט געזאָגט, אַז עס איז מעגלעך, אַז ער דאַרף זיך גאָרנישט גאָלן. עס זענען פאַראַן מענטשן, וואָס ביי זיי וואַקסט קיין באָרד נישט, און זיי דאַרפן נישט אויסגעבן קיין געלט אויף גיין צום פריזירער. ביידאַטשעס פּנים האָט געהאַט עפּעס כינע־זישעס. זיינע אויגן זענען געווען קליין און שמאָל, און די באַקן־קנאָכן הויך לעבן די סאַמע אויגן. יערוסאַלימסקי האָט מיך גאָרנישט באַ־מערקט. ביידאַטש אָבער האָט מיך באַלד דערזען און אָפּט געשמייכלט צו מיר. איך האָב זיך געוואונשן, אַז טאַקע ער, און נישט יערוסאַ־לימסקי, זאָל ווערן מיין לערער.

ווי אויף צו־להכעיס אָבער איז יערוסאַלימסקי געווען דער יעניקער, וואָס האָט מיך געדאַרפט צוגרייטן צום עקזאַמען אין דער רעאַל־שולע. קיין געלט צו צאָלן דעם לערער האָט די מאַמע נישט געהאַט, אָבער מען האָט געפונען אַן עצה. איבער אונזער וואוינונג, איז געווען אַ גרויס, זייער באַקוועם צימער, וואָס מיר האָבן קיינמאָל נישט גענוצט. די מאַמע האָט אַריינגעשטעלט אין דעם צימער צוויי בעטן, אַ טיש, אַ פּאָר שטולן, און אַהין האָבן זיך אַריינגעקליבן די ביידע געוועזענע סטודענטן. אַנשטאָט צו צאָלן דירה־געלט, האָט איינער פון די קוואַרטיראַנטן, יערוסאַלימסקי, געלערנט מיט מיר.

אַזוי האָבן זיך אָנגעפאַנגען מיינע ערנסטע צוגרייטונגען צום אַריינטריט־עקזאַמען אין דער ביאַליסטאָקער „רעאַלנאַיע אוטשי־לישטשע". ביידע פריינט האָבן געלעבט רואיק, שטיל. זיי זענען גע־וואָרן ווי אַ טייל פון אונזער פאַמיליע. אינגיכן האָבן די יונגעלייט באַקומען נאָך אַנדערע „אוראָקן" (לעקציעס).

יעדן פרימאָרגן, גאַנץ פרי, זענען זיי ביידע אַרונטערגעקומען פון אויבן עסן פרישטיק צוזאַמען מיט אונז. יערוסאַלימסקי, אַריינ־קומענדיק אין צימער, פלעגט אויסריידן קורץ און האַרט: — גוט

מאָרגן! און דערנאָך זיך אָװעקזעצן, און גלײַך אָנפאַנגען צו זוכן עפּעס מיט זײַנע קורצזיכטיקע רויטלעכע אויגן.

— אָט זענען די אייער, — פלעגט די מאַמע אים אָנװײַזן אויף דרײַ קאַלטע האַרטע אייער. אַזוי איז געװען יעדן אינדערפרי. די אייער זענען געשטאַנען לעבן אים, אָבער ער האָט זיי געזוכט. קיין איין טאָג איז נישט אַװעק אָן די דרײַ האַרטע אייער, װאָס ער האָט צוערשט אָנגעקלאַפּט, כדי צו באַפרײַען זיי פון דעם שאָלעכץ, און דערנאָך, שװײַגנדיק, זיי אויפּעסן.

ביידאַטש אָבער האָט ליב געהאַט צו רעדן, צו דערציילן מע־שיות און מאַכן שפּאַס מיט מיר און מיט הערמאַנען. יערוסאַלימסקי איז געװען פּאַרטיפּט אין עסן די האַרטע קאַלטע אייער, פּונקט װי דאָס װאָלט געװען אַ זייער ערנסטע אַרבעט, װאָס ער מוז פּאַרטיק מאַכן. ביידאַטש האָט נישט באַמערקט װאָס אַזױנס ער האָט גע־געסן. אַ פערטל שעה נאָך זייער אַרונטערגיין, האָבן זיך ביידע אויפגעהויבן פון טיש און אַװעקגעגאַנגען געבן זייערע „אוראָקן".

ביידע זענען אינגיכן געװאָרן גוט באַקאַנט אין ביאַליסטאָק, יעדער פון זיי אויף אַן אַנדער שטייגער. יערוסאַלימסקין האָט מען מער רעספּעקטירט. ביידאַטשן אָבער האָט מען ליב געהאַט, גערופן צו זיך אַהיים פאַרברענגען, אויסצוטרינקען אַ גלעזל טיי...

עס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט און ביידאַטש האָט זיך אַרויסגעצויגן פון אונזער צימער. יערוסאַלימסקי איז געבליבן װאוינען ביי אונז אַליין.

ער איז געװען אַ שטרענגער, אָבער אַ געטרײַער און גוטער לערער. ער האָט געהאַט אין זינען נאָר איין זאַך: די אַרבעט. קיין פאַרגעניגן, קיין צושטרייאונג, קיין קאָרטן, װײַן, טאַבאַק, טעאַטער, מוזיק, ביכער, געזעלשאַפט — גאָרנישט. נאָר לויפן פון איין „אוראָק" צו אַ צװייטן, פון דעם צװייטן צום דריטן — ביז שפּעט אין אָװנט, כדי מאָרגן פרי אָנפאַנגען דאָס זעלבע. אַפילו צו זײַן קראַנק האָט ער זיך אויך נישט פאַרגונען. ער האָט נישט איינמאָל געהוסט און אַרומגעגאַנגען מיט אַן אַרומגעבונדענעם האַלדז, אָדער מיט אַ פלאַס־טער אויפן נאַקן, אָבער ליגן צו בעט האָט ער זיך קיינמאָל נישט פאַרגונען.

אויף דער אַלעקסאַנדראָווסקער גאַס, אויף דער אַנדערער זייט פון בולקאָוושטיינס הויז, ציט זיך אַ פּאַרקאַן פון טונקל־גרינע היל־צערנע שטאַכעטן אויף אַ פונדאַמענט פון ווײַסע שטיינער. דער פּאַרקאַן איז נישט הויך: געוויס קאָן מען אַריבערקריכן איבער אים, נאָר קיינער וואַגט עס נישט צו טאָן. פון יענער זײַט שטאַכעטן בליט בעז. די צווײַגן פון דיביימער הענגען איבער די שטאַכעטן. מ׳קאָן אָפּרײַסן, אָפּברעכן אַ פּאָר בליענדע צווײַגן — אָבער קיינער וואַגט דאָס נישט צו טאָן. נאָך ווײַטער הינטער די ביימער זעט זיך אַרויס אַ גרויסע ווײַסע געביידע. צווישן דעם דאַך און די פענצטער פון צווייטן שטאָק איז אויסגעמאָלן אַ ריזיקער אָדלער מיט צוויי קעפּ — איין קאָפּ רעכטס, דער צווייטער לינקס. דאָס איז די „רעאַלנאָיע אוטשילישטשע", דער ציל פון מיין לערנען.

אָן דער „רעאַלנאָיע אוטשילישטשע" ווענדט זיך אַ יינגלס גליק אָדער אומגליק, אַזאַ געפיל האָט מען אין מיר אויפגעהאָדעוועט.

עס איז זומער. באַלד קומט דער חודש אויגוסט, ווען מען דאַרף גיין צום עקזאַמען.

איך גיי אַרום דעם פּאַרקאַן. ווען קיינער זעט נישט קאָן מען צוגיין גאָר נאָענט, אַרײַנקוקן דאָס פּנים אין די שטאַכעטן און אַרײַנקוקן. דער דופט פון בעז איז שטאַרק. פייגעלעך זינגען און טאַנצן אַרום צווישן די צווײַגן. מען זעט עטלעכע פענצטער פון צווייטן שטאָק: דאָ איז דער בליק פרײַער, די ביימער און ביימלעך וואַקסן נישט אַזוי געדיכט. דער אַרײַנגאַנג איז באַפּוצט מיט קאָ־לאָנעס און מיט אַ ברייטן גאַניק. גוט איז דעם, וואָס קאָן אַהין אַרײַנגיין!

מ׳קאָן קוקן ווײַטער, ווײַל אין גאָרטן איז קיינער נישטאָ. עס איז זומער און מען לערנט איצט נישט, אָבער, ווען מ׳הייבט אָן לער־נען, לויפן די שילער איבערן גאַניק און לאַכן און רעדן און שטיפן. זיי זענען גליקלעך. זיי קוקן אויף דעם גאָרטן נישט פון דרויסן, נאָר פון אינעווייניק.

ווען וועט קומען די שעה, ווען איך וועל שוין קוקן אויף דעם גאָרטן פון אינעווייניק?

עס ווענדט זיך אָן מיר אַליין, זאָגט די מאַמע. דאָס זאָגט אויך דער לערער יערוסאַלימסקי, דאָס זאָגט מיין ברודערל הערמאַן, וועלכער איז שוין מער ווי אַ יאָר „דאַרטן".

„וועסט אויסהאַלטן דעם עקזאַמען — וועסטו זײַן אַן „אוטש-עניק" (אַ שילער) און טראָגן אַ היטל מיט אַ „גערב", וועסט טראָגן אויף די פּלייצעס אַ שיינעם לעדערנעם „ראַניעץ", ווי הערמאַן, ווי די אַנדערע גליקלעכע יינגלעך. אָבער אויב נישט!"...

אין גאָרטן, צווישן די קוסטעס, האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ שאָרך. צוויי הינט זענען אַרויסגעשפּרונגען און אָנגעפאַנגען בייז האַווקען אויף מיר. עס איז געווען ווי אַן ענטפער אויף מײַנע געדאַנקען. אַ שלעכטער ענטפער.

דער לאַנג־דערוואַרטעטער טאָג איז געקומען: דער 15־טער אויגוסט 1888. דאָס איז געווען איינער פון די „גרויסע טעג" אין מײַן לעבן. אין יענעם טאָג האָב איך, אַ יינגל פון צען יאָר, געהאַלטן עקזאַמען אָנצוקומען אין דער ביאַליסטאָקער „רעאַלנאַיע אוטשילישטשע" (רעאַל־שולע).

איך האָב יענעם טאָג געוויס אַ סך איבערגעלעבט, אָבער געדענקען געדענק איך נאָר איין זאַך: דעם עקזאַמען אין רוסישער „דיקטאָווקאַ". וואָכן, חדשים, יאָרן נאָכאַנאַנד האָט מען מיך געשראָקן מיטן עקזאַמען אויף „דיקטאָווקאַ" אין דער „רעאַלנאַיע אוטשילישטשע". די מאַמע, מײַן ברודערל הערמאַן, מײַן לערער יערוסאַלימסקי, אַלע, אַלע זענען געווען אײַנשטימיק, אַז מײַן שיקזאַל מײַן צוקונפט, מײַן גאַנץ לעבן אפשר, הענגט אָפּ דערפון, צי איך וועל ריכטיק אויסלייגן די רוסישע ווערטער, וואָס מען וועט מיר אויפן עקזאַמען דיקטירן.

איך זיץ אין אַ גרויס ליכטיק צימער. די ווענט און די סטעליע זענען העל־ווײַס, די פּאָדלאָגע איז געל, פריש געפאַרבט, עס שמעקט נאָך פון איר די פאַרב. פיר ריזיקע פענצטער, יעדעס פענצטער די גרויס ווי אַ טיר, קוקן אַרויס אין אַ גאָרטן. איך זיץ אויף אַ באַנק וואָס איז צוגעבויט צו אַ שמאָל שוואַרץ שטענדערל — אַ קלאַס־טישל. איך הער זיך צו צו דעם וואָס דער לערער דיקטירט און איך שרײַב. צוזאַמען מיט מיר שרײַבן אַנדערע יינגלעך פון מײַן עלטער, מערסטע

פון זיי קריסטלעכע. איך האָב זיי קיינעם נישט געזען. איך האָב זיך נישט פאַרגונען די צײַט אַ קוק צו טאָן אויף עמיצן, אויסער אויף דעם לערער: מען דאַרף זיך צוהערן, מען טאָר נישט פאַרלירן קיין איין וואָרט פון דעם וואָס דער לערער דיקטירט, ווײַל די רוסישע רעגירונג וויל וויסן ווי מיר אין ביאַליסטאָק לייגן אויס די רוסישע ווערטער. אין אַן אַנדער צימער זיצן נאָך פופציק יינגלעך און ווערן געפּײַניקט מיט דער זעלבער „דיקטאָווקאַ".

אַרײַנגענומען וועלן ווערן נישט מער ווי פערציק נײַע שילער. הייסט עס, אַז מער ווי אַ העלפט פון אונז וועט אָפּפאַלן, מוז אָפּ־פאַלן. ווער־זשע וועט עס זײַן? — דאָס ווענדט זיך אַלץ אין דער „דיקטאָווקאַ".

אַ מאַן מיט אַ שוואַרצער, שיין צעקעמטער באָרד, מיט גלאַטע שוואַרצע האָר, מיט אַ שרינט אין דער מיט, דיקטירט. ער איז דער לערער פון דער רוסישער שפּראַך, שימאַנאָווסקי. אין ביאַליסטאָק זאָגט מען, אַז אַזוי ווי ער קאָן רוסיש, קאָן קיינער נישט, סײַדן אפשר דער דירעקטאָר אַליין. שימאַנאָווסקי איז אָנגעטאָן אין אַ בלויען פראַק און בלויע הויזן. די קנעפּ פון דעם פראַק זענען גאָלדענע מיט קליינע גאָלדענע אָדלערס. נו, זאָל אַ מענטש מיט אַזעלכע אָדלערס נישט קענען גוט רוסיש? — ער מוז דאָך!

עס איז אַ מחיה זיך צוצוהערן צו זײַן זאַפטיקן רוסישן רוסיש. עס קלינגט ווי מוזיק. אַ שאָד, וואָס די דאָזיקע מוזיקאַלישקייט איז איצט פאַרבונדן מיט פינצטערער שרעק, מיט אַ פיבערדיקן ציטער, און אַלץ איבער דעם רוסישן בוכשטאַב „יאַט", וואָס לייענט זיך ווי אַ „יע", און די קונץ צו וויסן וואו צו שרײַבן אַ „יאַט" און וואו אַן איינפאַכע, פראָסטע, וואָכעדיקע „יע". און ווי אומיסטן, טאַקע אויס־מיסטן, זענען שימאַנאָווסקיס ווערטער אַזעלכע, וואָס זענען פול מיט שטרויכלונגען.

איך געדענק נאָך ביז הײַנט די ערשטע ווערטער, וואָס ער האָט דיקטירט:

„סטאַריק, גליעב, יעווא סינאָוויא אי ניעוועסטקי" (דער אַלטער מאַן גלעב, זײַנע זין און די שנור...).

פאַרוואָס דאַרף דער אַלטער מאַן הייסן דוקא „גליעב" און נישט איוואַן ?

מיר, יינגלעך, האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ פּאַסטקע פאַר אונז.

אַ שווייס האָט מיך באַשלאָגן. און דאָ איז נישטאָ קיין צייט צו־לאַנג צו קלערן. דאָס איז שלעכט, אָבער דאָס האָט אויך אַ מעלה: מען שרייבט אָן און מען גייט ווייטער, ווייל שימאַנאָווסקי מיט די קנעפּ דיקטירט שוין אַנדערע ווערטער...

און אָט קומט דער טאָג ווען איך וועל זיך דערוויסן מיין שיקזאַל.

עס איז אַ שיינער זוניקער פרימאָרגן. דער גאָרטן פון דער „אור־טשילישטשע", דער גרויסער קאָרידאָר און אַפילו די ברייטע שיינע טרעפּ וואָס פירן צום צווייטן שטאָק זענען פול מיט מענטשן, מיט קינדער און דערוואַקסענע: מאַמעס, פאָטערס, עלטערע ברידער, לערער. מיין מאַמע איז אויסגעפּוצט ווי צו אַ יום־טוב און שטייט לעבן מיר.

עס ווערט אַ געדרודער. אַלע לאָזן זיך צו דער וואַנט מיטן טאָוול, וואו עס הענגט אַ צעטל מיט די נעמען פון אַריינגענומענע. מען שטופּט זיך. איך רוק זיך צו נאָענט צום טאָוול. איך זוך מיין נאָמען — נישטאָ. הייסט עס: דורכגעפאַלן, נישט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. איך דערפיל מיט זיכערקייט, אַז איך בין אַן איבעריקער אויף דער וועלט, אַ שאַנדע פאַר מיין פאַמיליע, פאַר דער גאַנצער וועלט. די מאַמע קומט צו, איך וויל איר עפּעס זאָגן, ווערטער בלייבן מיר שטיין אין האַלדז.

— מען קאָן נאָך נישט וויסן, — רופט זיך אָפּ מיין ברודער הערמאַן, און איך ווער אויפגעלעבט. — דאָ זענען פאַרהאַן בלויז די נעמען פון די קריסטלעכע יינגלעך. פון די יידישע יינגלעך וועט זיין אַ באַזונדער צעטל. מען דאַרף נאָך אַביסל צוואַרטן.

עס ווערט שטילער. אַ טייל פון עולם גייט אַוועק. עס זענען פאַרבליבן נאָר יידן.

אויפן צווייטן שטאָק, אין אַ גרויסן זאַל, קומט איצט פאַר די זיצונג פון אַלע לערער. דאָס דינגען זיי זיך וועגן אונז, די יידישע יינגלעך... מען דערציילט, אַז אַלע יידישע יינגלעך האָבן „אויסגע־

האַלטן", דאַרף מען אויסקלייבן די בעסטע. מיר וואַרטן און אַזוי ווי מען וואַרט נאָך, איז דאָ אַ האַפּענונג.

עס באַווײַזן זיך די לערער. זיי גייען אַרונטער די ברייטע שיינע טרעפּ איינער נאָך דעם אַנדערן און מאַכן אַן אַנשטעל, אַז זיי ווייסן פון קיין זאַך נישט.

מיט אַמאָל ווערט ווידער אַ שטופּעניש. אין קאָרידאָר, לעבן דעם „קריסטאַלעכן" צעטל, הענגט איצט אַ נײַ, נאָר־וואָס אָנגעשריבן בלעטל פּאַפּיר, מיט בלויז געציילטע שורות: נישט מער ווי זעקס נעמען.-

איידער איך האָב צײַט צוצולויפן, הער איך ווי עמיצער לייענט אין דער הויך מײַן נאָמען. איך רוק זיך שנעל צו און דערזע: יאָ, טאַקע מײַן נאָמען און גאַנץ אויבן, איינער פון די ערשטע.

די זון שײַנט ליכטיקער, דער גאָרטן איז שענער. איך דערפיל מיט זיכערקייט, אַז איך בין דער שטאָלץ פון אונזער פאַמיליע, פון גאַנץ ביאַליסטאָק. די מאַמע קוקט אויף מיר, איר בליק איז ערנסט. געוויס פרייט זי זיך, אָבער עפּעס טרויעריקעס איז אין איר שמייכל. פון וואָס טראַכט זי? אפשר פון דעם, אַז מײַן טאַטע האָט דאָס נישט דערלעבט.

— גיכער, מאַמע, קום גיכער! — שלעפּ איך זי מיט זיך.

דאָס אײַל איך זיך צו קויפן אַ „פּאַרמענע היטל". אַ האַלבע שעה שפּעטער שטייען מיר אין פּוקכעס קראָם אויף דער ליפּאָווער גאַס און איך מעסט אָן איין היטל נאָכן צווייטן.

אַ נײַע וועלט, נײַע מענטשן, נײַע אינטערעסן!

איצט זענען בײַ אונז אין שטוב שוין געווען צוויי שילער: מײַן ברודער הערמאַן און איך. זענען מיר געזעסן בײַם פרימאָרגן טיש, זיך אָפּגעבריט מיט דער הייסער טיי און האַסטיק געשלונגען די זעמל אָנגעשמירט מיט פּוטער. יערוסאַלימסקי פלעגט, ווי פריער, אַרונטערקומען די טרעפּ, זאָגן זײַן האַרטן גוט מאָרגן און זיך נעמען צו די דרײַ האַרטע אייער.

פּונקט האַלב נײַן אַזייגער פלעגט אָנפאַנגען קלינגען דער גרויסער גלאָק פון דער רעאַל־שולע. מיר האָבן געוואוסט, אַז דאָס רופט אונז דער אַלטער וועכטער דאַנילאָ. ער איז געווען דער עלטס־

טער פון אַלעמען אין דער שולע, געהאַלטן זיך מיט גרויס ווירדע, און נישט געלאָזט, אַז עמיצער זאָל אים אָנטרעטן, — אַפילו נישט דער דירעקטאָר אַליין. ער האָט נישט איינמאָל אָנגעשריִען אויף אונז, אָבער קיינמאָל נישט בייז.

קומען אין דער שולע האָבן מיר באַדאַרפט פאַר דער מאָרגן־תפילה. דאָס לערנען האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט דער תפילה. עס האָט געהייסן, אַז מיר, די שילער, בעטן גאָט אין אַלגעמיין — נישט פון אַ באַשטימטער קירכע, — אַז ער זאָל בענטשן אונזער לערער און אונזערע טאַטע־מאַמעס, און נישט דערלויבן דעם טײַוול אונז צו פאַרפירן. וואָס פאַרפירן — ווי פאַרפירן — איז נישט געווען קלאָר.

אַרום דרײַ אַזייגער פלעגן מיר קומען אַהיים, מיטברענגענדיק מיט זיך די אינטערעסן, די געשפּרעכן, די טעטיקייט פון דער שולע. די „אוטשילישטשע", דאָס לערנען, איז געוואָרן איצט די הויפּטזאַך. אַלע איבעריקע אינטערעסן זענען כמעט אינגאַנצן פאַרשוואונדן.

די קיך מיט די מענטשן, וואָס פלעגן אַרײַנקומען דורך איר, האָבן מיך איצט ווייניקער אינטערעסירט. זעלטענער האָב איך געזען האָדעס די קורעלאַפּניצע און נאָך זעלטענער האָב איך זיך צו־געהערט צו אירע פראָסטע נאַיִווע רייד.

אין גאַס האָב איך אָפּט מאָל געטראָפן שימעלען, דעם בלעכערס זון, דעם געוועזענעם חבר מײַנעם. אָפּטמאָל פלעגט ער גיין באָר־וועס און אַמאָל אין גראָבע שיך מיט הויכע כאָליעוועס. אָבער, מיט אָדער אָן שיך, ער האָט מיך קיינמאָל נישט באַגריסט. דאָס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן. וואָס וויל ער דאָ, איך זאָל אים באַגריסן דער ערשטער? איך דער שילער פון דער רעאַל־שולע? איך, וואָס איך טראָג אַזוינע שיינע קנעפּ? נישט אַנדערש, אַז שימעלע איז אין כעס — ער פאַרגינט מיר נישט מײַנע שפּיגלדיקע מעשענע קנעפּ און מײַן היטל מיטן גאָלדענעם „קנעפּל". אַ שלעכט יִנגל איז ער, איך וויל אים סײַ־ווי־סײַ מער נישט קענען.

מיר, די יידישע יִנגלעך, האָבן זיך געהאַלטן אַלע צוזאַמען אין איין קליינער גרופּע. אַזוי איז געווען אין מײַן קלאַס, און אַזוי איז אויך געווען אין אַלע אַנדערע קלאַסן פון דער שולע. יידישע שילער

האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, געזעסן אין איין ווינקל, ווי געטוליעט זיך איינער צום צווייטן.

האָט מען אונז באַליידיקט? האָבן מיר געליטן פון די נישט־יידישע שילער? זעלטן האָט מען אונז גערופן מיט באַליידיקנדע נעמען, זעלטן גערופן „זשיד", אָבער דאָס האָט פּאַרט פּאַסירט. דאָך האָב איך געפילט, אַז זיי האָבן אַ געוויסן רעספּעקט פאַר אונז, ווײַל כמעט אַלע יידישע שילער האָבן זיך געלערנט בעסער פון זיי. פאַרשטייט זיך, אַז עס זענען געווען קריסטלעכע שילער, וואָס האָבן זיך אויך גוט געלערנט, אָבער פּונקט די, די בעסערע, די קליגערע און באַגאַבטערע פון זיי, זענען געווען צו אונז פרײַנדלעך. די גאַר־שוואַכע שילער זענען איינציקווײַז געווען שטיל. אָבער ווען עטלעכע פון די דאָזיקע שלעכטע שילער האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן, פלעגן זיי ווערן פרעך, האָבן אָפּגעלאַכט פון אונזערע יידישע נעמען, און אַמאָל אויך געגעבן אַ קלאַפּ.

בײַ מײַן אַרײַנטרעטן אין דער רעאַל־שולע האָב איך, פאַרשטייט זיך, געוואוסט, אַז עס זענען פאַראַן יידן און נישט־יידן. אָבער דעם אמתן טעם פון אַ יידיש יִנגל האָב איך דערפילט ערשט אין דער „רעאַלנאַיע אוטשילישטשע".

מיר האָבן געהאַט אַ לערער מיטן נאָמען טשעגלאָוו. ער איז געווען אַ לערער פון צייכענען. ער האָט געהאַט אַ פעסטן פּרינציפּ: יידן קאָנען נישט צייכענען! און אַזוי ווי איך האָב פּאַרט גוט גע־צייכנט, האָט ער זיך געטשעפּעט צו מיר: פאַרוואָס ליגט בײַ מיר דאָס מעסערל אויף דער לינקער זייט, אַז עס מוז גאַר ליגן אויף דער רעכטער? דערפאַר האָט ער מיר געגעבן אַ „דרײַ", וואָס דאָס מיינט „נישקשה". און דאָס איז נאָך געווען מיט חסד, ווײַל אַלע אַנדערע יידישע יִנגלעך האָבן באַקומען „צוויי" (שלעכט). אַן אויס־נאַמע איז געווען מאָיסעי (משה) טרילינג. זײַנע עלטערן זענען געווען רײַך, מיט דעם האָט זיך דער לערער, אפנים, שטאַרק גערעכנט...

טשעגלאָוו איז געווען קראַנק אויף טשאַכאָטקע. מיט יעדער וואָך איז ער געוואָרן שוואַכער און דאַרער. מיט די לעצטע כחות האָט ער זיך געשלעפּט צווישן די רייען פון אונזערע טישן און אויפ־געפּאַסט — נישט אויף דעם ווי מען צייכנט, נאָר אַז יעדער איינער

זאָל האָבן זײַן אייגן מעסערל, זײַן „רעזינקע". ער האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף דעם גאַנצן קלאַס, אַפֿי דער האַלבער מת.

ווען טשעגלאָוו איז געשטאָרבן האָבן זײַנע קאָלעגן, די לערער מיט דעם דירעקטאָר און דעם אינספּעקטאָר פּאַוולאָווסקי אין דער שפּיץ באַשלאָסן צו מאַכן אים אַ גרויסע לויה.

— הײַנט, 6 אַזייגער פאַרנאַכט, מוזן אַלע שילערס זײַן אין דער פּראָוואָסלאַוונער קירכע, — האָט באַפוילן דער אינספּעקטאָר.

— יידן אויך? — האָט אימיצער פון אונזער קליינער גרופּע אים געפרעגט.

פּאַוולאָווסקי האָט אָנגעקוקט דעם שילער מיט זײַנע שיינע גרויזאַם־קאַלטע בלויע אויגן און געענטפערט:

— איז ער נישט געווען אײַער לערער אויך? געוויס מוזן יידן אויך קומען אין דער קירכע. וואָס פאַר אַ פראַגע!

מיר האָבן אָפּגעהאַלטן צווישן זיך אַ קליינע באַראַטונג און באַשלאָסן, אַז גיין מוז מען. אין דער קירכע מוז מען אַרונטערנעמען די היטלען. עס איז דאָך זייער קלויסטער, נישט אונזער שול. בײַם דאַווענען לאָזט מען זיך דאָרט אַרונטער אויף די קני. דאָס טאָרן מיר, יידישע קינדער, נישט טאָן. מען צלמט זיך דאָרט, און אויך דאָס טאָרן יידישע קינדער נישט טאָן. וואָס וועט אָבער זײַן, ווען דער שלעכטער אינספּעקטאָר וועט דאָס אַלץ דערזען? וועט זײַן שלעכט, זייער שלעכט. אָבער מיר זענען פאַרט יידישע ייִנגלעך. זאָל זײַן וואָס עס וויל.

נאָכמיטאָג האָבן די שילער פון אַלע קלאַסן זיך פאַרזאַמלט אין גאָרטן פון דער שולע. דער אינספּעקטאָר האָט אויסגעשטעלט אַלע שילער ווי סאָלדאַטן, צו צוויי אין אַ ריי, און מען האָט זיך געלאָזט גיין.

מיר מאַרשירן איבער די האַלב-טונקעלע גאַסן. מענטשן שטעלן זיך אָפּ. אַ פּאַראַד איז שטענדיק אַ פּאַראַד: מען קוקט. אָבער איך הער ווי מען שושקעט זיך: „אָט גייען יידישע קינדער, איר זעט?" מען שטופּט זיך נענטער, מען וויל נישט גלויבן די אייגענע אויגן. אָבער אַזוי איז עס טאַקע. יידישע קינדער, אידישע בחורים, גייען

אין קלויסטער אַרײַן צוזאַמען מיט די גוים. איך הער דײַטלעך מײַן מאַמעס נאָמען. מיר ווערט הייס פון אויפרעגונג.

טרויעריק און פֿײַערלעך איז געווען דאָס זינגען פון דעם קלויס־טער־כאָר. אָבער דאָס איז געווען אַ פרעמדער טרויער, טיף איז ער נישט געווען. טרויעריק האָבן געברענט די הויכע וואַקסענע ליכט. דאָס זענען געווען נישט מײַנע ליכט, און געברענט האָבן זיי מיט אַ פרעמדן פלאַם, גאָר אַנדערש ווי די ליכט אין דעם „פאַלקאָוואַי בית־מדרש".

די לופט שמעקט מיט אַ גערוך, וואָס מ'רופט דאָס „לאַדאַן". די לערערס מיט די שילערס לאָזן זיך פלוצים אַרונטער אויף די קני און צלמען זיך, נישט איין מאָל, נאָר אַ סך מאָל. איך בלײַב שטיין אויף די פיס. איך וואַרף אַ בליק רעכטס און לינקס הינטער מיר, — אַלע יידישע יינגלעך שטייען אויך, טאַקע אַן היטלען, אָבער זיי שטייען פעסט אויף די פיס, באַוועגן זיך נישט. איך דערזע, ווי דער אינספעקטאָר פּאַוולאָווסקי, אינמיטן צלמען זיך, קוקט זיך אַרום, וואַרפט אַן אויג אויף די, וואָס שטייען — און צלמט זיך ווײַטער. נו, מיר וועלן שוין כאַפּן אַ מפּלה!

די צערעמאָניע גייט ווײַטער און ווערט נאָך טרויעריקער. מען הייבט זיך אויף פון די קני, מען לאָזט זיך ווידער אַרונטער, מען צלמט זיך ווידער. אַ סך פון די שילערס — באַזונדערס די יינגערע — וויינען. מיר ווערט אויך עפּעס ביטערלעך אויפן האַרצן. געוויס איז דאָס גאָרנישט וועגן דעם לערער, וועלכער איז געשטאָרבן, נאָר צוליב דעם, וואָס עס דערוואַרט מיך מאָרגן, ווען דער אינספעקטאָר וועט מיך אַרויסרופן פון קלאַס און זיך אָפּרעכענען מיט מיר, מיט אונז אַלע...

אויף מאָרגן האָט מען מיך גערופן, מיך אַליין — נישט צום אינספעקטאָר, נאָר צום דירעקטאָר. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ בין איך אַרײַנגעקומען אין דעם גרויסן זאַל, וואו די לערער פאַרזאַמלען זיך געוויינלעך. שוין די גרויסקייט פון דעם זאַל אַליין מיט זײַנע צוועלף הויכע קאַלטע פענצטער אָן פאָרהאַנגען, האָט אַנגעוואָרפן אויף מיר אַ מורא. וואָס וועט מען דאָ טאָן מיט מיר?

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט בײַ דער טיר.

— פערלמאַן אַסיפּ ? — האָב איך דערהערט פון אַנדערן עק פון זאַל די טענאָר־שטימע פון דירעקטאָר. געהייסן האָט ער וויטע, און ער האָט געשטאַמט פון דײַטשן. ווי איך האָב שוין דערציילט, האָט מײַן טאַטע אויך געשטאַמט פון דײַטשלאַנד און איז געווען אַ דײַטשער אונטערטאַן.

— פערלמאַן ? — האָט ער ווידער אַמאָל געזאָגט: — עסטרײַכישער אונטערטאַן ? אַ ?

— דײַטשער, הער דירעקטאָר — האָב איך אים געענטפערט.

— עסטרײַכישער ! — האָט ער אויף מיר אָנגעשריען מיט אַזאַ זיכערקייט, אַז איך האָב געטראַכט, אַז אפשר איז ער טאָקע גערעכט.

— איר דאַרפט זיך לאָזן אָפּשערן ! אײַערע האָר זענען צו־לאַנג פאַר אַ שילער. איר קאָנט גיין.

איך האָב זיך פאַרנייגט, אַזוי ווי מ׳האָט אונז געלערנט, און פאַרלאָזן דעם שרעקלעכן זאַל.

און מיט דעם איז די גאַנצע זאַך געווען פאַרענדיקט. קיינער האָט אונז גאָרנישט געזאָגט דערפֿאַר, וואָס מיר האָבן זיך נישט געצלמט און נישט געפאַלן אויף די קני אין קלויסטער. אָבער די פרעמדקייט צווישן די קריסטלעכע שילער און די יידישע איז נאָך דער לויה געוואָרן נאָך גרעסער ווי פריער. נישט גערן האָבן זיי זיך געשפילט מיט אונז, כאָטש קיינמאָל נישט פאַרטריבן אונז, ווען מיר זענען צוגעקומען נאָענט. מיט דער צײַט האָב איך זיך דאָך באַפרײַנדעט מיט אַ פּאָר קריסטלעכע שילער. און אַזוי איז אויך געווען מיט אַנדערע יידישע יינגלעך. אָבער מיר זענען פאָרט פאַרבליבן אַ באַזונדערע קליינע גרופּע צווישן די הונדערטער קריסטלעכע קינדער.

די קריסטלעכע קינדער האָבן אַליין נישט גענומען ערנסט זייערע צוזאַמענשטויסן מיט אונז. אין די העכערע קלאַסן האָב איך קיינמאָל נישט געהערט קיין באַליידיקונג, און געפילט זיך אַ סך היימישער און נענטער צו די קריסטלעכע חברים, ווי אין די ערשטע פאָר יאָר אין דער רעאַל-שולע.

אַנדערש איז עס אָבער געווען מיט אייניקע פון אונזערע לערער. איך מוז זאָגן, אַז דער גרעסטער טייל פון זיי איז נישט געווען גע־

שטימט אַנטיסעמיטיש און נישט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן אַ קריסטלעכן און יידישן שילער.

עס זענען אָבער געווען אויסנאַמען. מיט גרויס ביטערקייט און פאַראַכטונג דערמאָן איך זיך אָן אונזערן אַ לערער פון דער דייטשער שפּראַך, וועלס. ער אַליין האָט געשטאַמט פון דייטשן, אָבער ער האָט גערעדט אויסגעצייכנט רוסיש. ער איז געווען אַ דאַרער מאַן פון קליינעם וואוקס, מיט קורצע, נערוועזע באַוועגונגען, געגאַנגען אָביסל איינגעהויקערט. זיין פּנים איז געווען געלבלעך, מיט איינ־געפאַלענע באַקן און מיט דיקע וואָנצעס איבער אָן אויסגעקרימטן מויל. צי זענען די וואָנצעס געווען גרוי און בלאָנד, איז געווען שווער צו דערגיין. ער האָט געהאַט פאַלשע ציין, וועלכע זענען שלעכט געזעסן אין מויל. ער האָט געהאַט אַ מיאוסע טבע צו מאַכן שפּאַס פון יידן. זיינע וויצלעך און ווערטלעך זענען געווען אי נאַריש, אי גראָב. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט ער זיך געמאַכט אַ מאָדע צוצוגיין צו אַ יידישן שילער און אים, אָן אַ פאַרוואָס, אַ זאָג טאָן:

„סאַלנצע ניזקאָ,
שבת בליזקאָ".

(די זון איז נידעריק, דער שבת איז נאָענט). אויסגערעדט האָט ער דאָס מיט גיפט, אום ווייַ צו טאָן דעם יידישן יינגל. איינמאָל, ער האָט געעפנט דאָס מויל צו מאַכן שפּאַס פון אַ יידישן יינגל, וועל־כער איז געזעסן לעבן מיר, זענען אים די קינסטלעכע ציין אַרויס־געשפּרונגען און אַרונטערגעפאַלן אונטער דעם שילערס בענקל. דער שילער האָט גענומען שאַרן די ציין מיט די פיס אַלץ ווייטער אונטער די בענקלעך, גלייך ווי ער וואָלט נישט געוואוסט, וואָס ער שאַרט דאָרטן.

צו מיין גרויסער איבעררעשונג איז דער לערער וועלס מיט אַמאָל געוואָרן אַן אַנדערער מענטש: די ליפּן זענען ביי אים איינ־געפאַלן, זיין קול האָט זיך געענדערט און מען האָט קוים פאַרשטאַנען, וואָס ער רעדט. ער האָט געפּאַטשט מיט די לויזע איינגעפאַלענע ליפּן און מיט מאָדנע אומקלאָרע ווערטער זיך געבעטן ביים יידישן יינגל:

— ליבינקער, טייערינקער, טרעט נישט אָן אויף מיינע ציין;

גיב זיי מיר צוריק; דרײַסיק רובל האָב איך באַצאָלט דעם צאָן־דאָקטאָר אין וואַרשע.

אָבער ווי נאָר ער האָט די ציין צוריק געהאַט אין מויל, האָט ער ווידער גערעדט מיט אַ גיפּטיקן שמייכעלע אויף זײַנע ליפּן. ער האָט געמאַכט שפּאַס פון יידן נאָר מיט אַנצוהערענישן. דאָס וואָרט „זשיד" האָט ער קיינמאָל נישט אויסגערעדט. אָבער דעם נאַרישן וויץ „סאָלנצע ניזקאָ, שבת בליזקאָ" — האָט ער געזאָגט בײַ יעדער מינדסטער געלעגנהייט.

אַז אַ שילער האָט נישט אַזוי שנעל געענטפערט אויף אַ פראַגע, האָט וועלס, געווייינלעך· געזאָגט:

— טראַכט גיכער! די זון איז נידעריק, דער שבת איז נאָענט. מען דאַרף באַלד גיין עסן די געפילטע פיש, דעם קוגל און דעם צימעס.

די ערשטע צײַט האָבן די קריסטלעכע שילער געלאַכט, אָבער שפּעטער האָבן אַפילו זיי געצויגן מיט די פּלייצעס, ווען ער האָט איבערגעחזרט די זעלבע ווערטער.

געפערלעכער פון וועלסן איז זיכער געווען קודריאַווצעוו, דער לערער פון געאָגראַפיע און היסטאָריע. אויסערלעך אַ העפלעכער, האָט ער זיך קיינמאָל נישט אויפגערעגט, קיינמאָל נישט אויפגעהויבן זײַן שטימע. מיר יונגלעך האָבן געפילט, אַז הינטער זײַן רואיקער העפלעכקייט באַהאַלט זיך אַ קליינלעכער און כיטרער מענטש. אַ לערער איז ער געווען אַ טרוקענער, אַ לאַנגווײַליקער.

יום כפור איז קיינער פון די יידישע שילער נישט געגאַנגען אין דער שולע. אַנדערע יום־טובים האָט מען געמוזט גיין, אָבער פאַר יום כפור האָט דרך־ארץ געהאַט אַפילו דער שטרענגער אינס־פּעקטאָר פון דער „רעאַלנאָיע אוטשילישטשע". אָפיציעל האָט ער וועגן דעם גאָרנישט געפרעגט. מיר, די יידישע שילער, זענען גלאַט נישט געקומען. די לערער האָבן שוין געוואוסט פאַרוואָס די יידישע שילער קומען נישט אין דעם טאָג. און אויף מאָרגן האָבן זיי נישט געפאָדערט, אַז מיר זאָלן קענען אונזער לעקציע.

אַזוי האָבן אַלע לערער, מער אָדער ווייניקער, רעספּעקטירט אונזער גרויסן יום־טוב — אַלע, אַ חוץ קודריאַווצעוו. אויף מאָרגן

נאָך יום כפּור איז ער אַרײַנגעקומען אין קלאַס מיט אַ גאַר באַזונ־דערער מינע אויפן פּנים. בײַם כאַמע אָנפאַנג פון דער לעקציע האָט ער מיך אַרויסגערופן:

— דערציילט דאָס, וואָס איך האָב נעכטן דערקלערט, — האָט ער זיך געווענדט צו מיר.

— אָבער, הער לערער, איך בין נעכטן נישט געווען.

— נישט געווען? — האָט ער געמאַכט גרויסע אויגן, כאָטש ער האָט עס גאַנץ גוט געוואוסט — אַ שאָד!

— נעכטן איז דאָך געווען...

— ששש... — האָט ער מיך אָפּגעשטעלט. עס מאַכט נישט אויס, וואָס עס איז געווען. די פראַגע איז נאָר, צי קענט איר דעם נעכטיקן אוראָק.

— אָבער, הער לערער, נעכטן איז דאָך געווען יום־כ...

— ששש... ששש... — האָט ער מיך ווידער אָפּגעשטעלט — אַלזאָ, קענט איר דעם אוראָק?

— ניין, — האָב איך געענטפערט.

מיט אַ לײַכטער, כמעט עלעגאַנטער באַוועגונג, האָט ער גענו־מען די פּען, און אָנגעשריבן לעבן מײַן נאָמען אין דעם קלאַס-בוך אַן „איינס", דעם ערגסטן צייכן, וואָס אַ שילער קאָן באַקומען.

נאָך מיר האָט ער אַרויסגערופן אַנדערע יידישע שילער: יעקב צעכאַנאָווסקי, משה טרילינג און נאָך און נאָך. אַלע האָבן אים געגעבן דעמזעלבן ענטפער, און יעדער האָט באַקומען אַן „איינס".

דער אַנטיסעמיטישער לערער האָט פּילייכט געמיינט, אַז אַזאַ שטראָף וועט אונז יידישע יינגלעך, אָנלערנען, און איבער אַ יאָר יום כפּור וועלן מיר שוין קומען אין קלאַס. אָבער דער אַנטיסעמי־טישער לערער האָט גאָרנישט אויסגעפירט. די יידישע שילער זענען קיין איין יום כפּור נישט געקומען אין קלאַס, נישט מיט אַ יאָר, נישט מיט צוויי יאָר און נישט מיט פינף יאָר שפּעטער, כאָטש אויף מאָרגן נאָך יום כפּור האָבן אַלע באַקומען „איינסן".

קאַפּיטל זעקס.

צוזאַמען מיט מיר, אין דעם זעלבן קלאַס, האָט זיך געלערנט אַ שילער, וועלכער איז געווען מיט אַ האַלבן קאָפּ העכער פון מיר און מיט אַ יאָר עלטער — וולאַדיסלאַוו גראַנאַווסקי, אַ פּאָליאַק. וולאַדיסלאַוו איז געווען פאַררעכנט בײַ אונז אין קלאַס פאַר אַ „שטאַרקן" און ער איז ווירקלעך געווען פיזיש זייער קרעפטיק. אָבער אין לערנען איז אים נישט געגאַנגען. דאָס, קענטיק, האָט אים גע־קרענקט, ווײַל פויל איז ער נישט געווען און ער האָט געוואָלט זיך לערנען. די שווערע טיילן פון דער רוסישער גראַמאַטיק האָט ער נישט געקאָנט כאַפּן.

— קום צו מיר אַהיים, — האָט ער מיך איינמאָל אײַנגעלאַדן. — מיר האָבן אַ שיינעם גאָרטן. קום נאָך מיטאָג. מיר וועלן צוזאַמען צוגרייטן די לעקציעס.

זײַן פאָטער, אַ פּאָליאַק, איז געווען איינער פון די ווייניקע קריסטלעכע דאָקטוירים בײַ אונז אין שטאָט. געפאָרן איז ער נישט אויף אַן „איזוואָזטשיק", נאָר אין זײַן אייגענער „בריטשקע".

דער דאָקטאָר גראַנאַווסקי איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער מענטש אויפן אויסזען. ער איז געווען זייער ברייט, דיק, שווער — צוויי מאָל אַזוי שווער ווי אַ נאָרמאַלער מענטש. און ווען ער האָט זיך אַ ריר געטאָן אויף זײַן בריטשקע, האָט זי זיך געשאָקלט און געסקריפּעט. עס האָט אויסגעזען, ווי ער האָט גאָר קיין האַלדז נישט, און דער קאָפּ זײַנער איז ענלעך געווען צו אַן אַרבוז, וואָס זיצט דירעקט אויף זיינע פּיר־עקיקע ברייטע פּלייצעס. זיינע הענט זענען געווען שטאַרק קנאָכיק און די פיס — ווי קלעצער. מען האָט גע־רעדט, אַז בײַ דעם דאָקטאָר האָט זיך מיט יאָרן צוריק גענומען

מאַכן אַ הויקער, אָבער מען האָט אים אײַנגעקלאַמערט אין אַן אײַ־זערנעם קאָרסעט און נישט געלאָזט דעם הויקער „אַרויסקומען״. זײַן ברייטער שטאַרקער רוקן איז געווען ווי אַ ברעט אויפגעבלאָזן. מען האָט געזאָגט, אַז ער טראָגט נאָך איצט אויך אַן אײַזערנעם קאָרסעט. זײַן בריטשקע איז געווען געבויט פאַר צוויי פּערזאָן, אָבער קיין צוויי פּערזאָן זענען אין איר קיינמאָל נישט געפאָרן. דער דאָקטאָר אַליין האָט מיט זײַן צעשוואומענער פיגור פאַרנומען דעם גאַנצן פּלאַץ און דאָס איז אים אויך געווען צו־ענג. אויף די קאָזלעס איז געזעסן זײַן קוטשער, אַנדרעי, אַ פּויער פון געוויינלעכן וואוקס, אָבער אין פאַרגלײַך צו זײַן באַלעבאָס האָט ער אויסגעזען ווי אַ קאַרליק.

קיין איין יידישער דאָקטאָר — באָמאַש, טרילינג, איסערסאָן, שוין אָפּגערעדט פון דאָקטאָר כאַזאַנאָוויטש — האָט נישט געהאַט קיין אייגענע בריטשקע. דאָס האָט געהאַט נאָר דער פּוילישער דאָקטאָר גראַנאָווסקי. חוץ דעם האָט גראַנאָווסקי אויך געהאַט אַן אייגן הויז. טאַקע אין דער הויז אַרײַן בין איך געווען אײַנגעלאַדן: אויף נאָוואָליפּיע, אַנטקעגן דעם הויז פון דעם ביאַליסטאָקער גביר, גאַרדאָן.

נישט אָן רעספּעקט האָב איך אָנגעקלונגען בײַ דער הויכער ברוינער טיר, וואָס איז געווען אַרײַנגעבויט אין דעם טויער פון גראַנאָווסקיס הויז. לעבן דעם טויער איז געשטאַנען אַ „בודקע״ אָפּ־געפאַרבט אין שוואַרץ מיט ווײַס, אַ „הילצערנע זעברא״, אַזוי צו זאָגן. לעבן דער דאַזיקער קאַזיאָנער בודקע איז געשטאַנען אַ „טשאַ־סאָוואָי״ — אַ סאָלדאַט, וואָס האָט אָפּגעהיט דעם אַרײַנגאַנג אין גראַנאָווסקיס הויז, ווײַל דאָרט האָט געוואוינט אַ גענעראַל מיטן נאָמען סטרוקאָוו. מען האָט גערעדט, אַז דער גענעראַל און דער דאָקטאָר זענען קרובים.

איך האָב געקלונגען, און דעם דאָקטאָרס קוטשער, אַנדרעי, האָט מיר אַרײַנגעלאָזן. ער האָט מיך „וואָזשנע״ באַטראַכט פון אויבן אַראָפּ, און שטום מיר אָנגעוויזן וואו אַרײַנצוגיין.

מיר זענען געזעסן און געמאַכט די לעקציעס אין וואָלאָדיסלאָווס גרויסן און ליכטיקן צימער. אַ יונגע שיקסע, אָנגעטאָן אין אַ פאַרטוך,

האָט אונז אַרײַנגעבראַכט טיי אויף אַ טאַץ. איך האָב זיך דערפֿילט אַ ביסל אומבאַקוועם, ווײַל קיינער האָט מיר נאָך קיינמאָל נישט דערלאַנגט קיין טיי אויף אַ זילבערנער טאַץ. ווער האָט דאָס אַרײַנגעשיקט די טיי — דער דאָקטאָר אַליין, אָדער זײַן ווײַב? איך האָב זי קיינמאָל נישט געזען.

— וואו איז דער גאָרטן? — האָב איך געפרעגט וולאַדיסלאַוון.

מיר זענען דורכגעגאַנגען דורך דעם גרויסן עס־צימער, אָנגעשטעלט מיט הויכע אַלטמאָדישע ברוינע שטולן; די פּאָדלאָגע האָט געבלישטשעט און אַלצדינג איז דאָ געווען ריין און שיין. שענער פֿון אַלץ איז אָבער געווען דער גאָרטן. אַלטע שאָטנדיקע פּרוכטביימער האָבן געהאַלטן אין בלִיען און זענען געווען באַשאָטן מיט ווײַסע בלומען־בלעטעלעך אַזוי ווי מיט שניי. די וועגן זענען געווען אָקוראַט באַשאָטן מיט דעם סאָרט זאַמד, וואָס מען האָט אין ביאַליסטאָק גערופֿן „זשוויר". די קליינע שטיינדעלעך האָבן געכראַשטשעט אונטער די פֿיס. דער גאָרטן האָט זיך געצויגן אַזש ביז אין די כאַנייקעס, דער געגנט וואו עס האָבן געוואוינט די אָרעמע, פּשוטע יידן, בעקערס, שנײַדער און שוסטערס. אַרום דעם גאָרטן איז געווען אַ הויכער פּאַרקאַן.

דער פֿרילינג איז אַוועק. די רעאַל־שולע איז געווען פֿאַרמאַכט. עס איז געווען וואַקאַציע־צײַט. מיר, די שילער, זענען געווען פֿרײַ פֿון לערנען און איך האָב זיך עטלעכע מאָל באַגעגנט מיט וולאַדיסלאַוון אין פֿאַרלויף פֿון זומער און פֿאַרבראַכט אין זייער גאָרטן, וועלכער איז געוואָרן שענער פֿון טאָג צו טאָג.

עס איז געווען אַ שבת אין אַ שיינעם, וואַרעמען פֿרימאָרגן. איך בין געזעסן אין מײַן צימער און זיך באַשעפֿטיקט מיט די שמעטערלינגען, וואָס איך האָב יענעם זומער געזאַמלט. דאָס גערויש פֿון דער שטאָט איז אַרײַנגעדרונגען אין שטוב: אַן אומקלאָרער געשפּרעך, אַ פֿײַף, עמיצנס אַ געשריי, אַ דורפֿאָרנדיקער איזוואָשטשיק. פֿון צײַט צו צײַט האָט זיך דערהערט דער אויסרוף: „סאַכאַרני מאָ־אָ־ראָ־אָז!" (אײַז־קרים), די זיסע, אומפֿאַרגעסלעכע מעלאָדיע פֿון דעם זומער פֿון מײַנע קינדער־יאָרן.

איך האָב נישט געוואוסט און נישט געקאָנט וויסן, אַז אַ ביסל

פריער איז אין טשאַפּסקיס „ביליאַרדנאַיאַ״, אויף דער ליפּאָווער גאַס, אַרײַנגעלאָפֿן אַ מאַן מיט אַ סענסאַציאָנעלער נײַעס. די יידישע יונגע לײַט — און צווישן זיי דער קרעפּטיקער העל־אויגיקער משהלע — דער פּריקאַזטשיק פון הירשהאָרס אײַזנקראָם — זענען אַרויס אויף דער גאַס און אין איין מינוט פֿאַרשפּרייט די שרעקלעכע סענסאַציע, און מיטאַמאָל ווערט אַ ליאַרעם. מענטשן רעדן העכער, מען לויפט. נישט אַנדערש, עס האָט אויסגעבראָכן אַ פּײַער. איך לויף אַרויס אויף דער גאַס. ניין, עס איז נישט קיין פּײַער. עס איז עפּעס אַנ־דערש, נאָר איך קאָן נישט דערגיין וואָס אַזוינס עס איז. איך הער דעם נאָמען: „גראַנאָווסקי... דאָקטאָר גראַנאָווסקי״. אַלע לויפן צו דער ליפּאָווער גאַס, צום דאָקטאָרס הויז. איך לויף אויך. אונטער־וועגס טרעף איך זיך מיט מײַן שול-חבר יאַקאָב צעכאַנאָווסקי. ער איז זייער אויפגערעגט.

— וואָס האָט פּאַסירט, יאַקאָב?

— וואָס, דו ווייסט נישט? — ענטפערט ער. — גראַנאָווסקי האָט אויסגעברענט דאָס פּנים פון אַ יידיש ייִנגל.

איך פאַרשטיי אים נישט, כאָטש, איך פאַרשטיי יעדעס וואָרט זײַנס, נאָר אַלץ צוזאַמען קאָן איך נישט באַנעמען. וואָס פּלאַפּלט ער אַזוינס?

— יאָ, טאַקע דער דאָקטאָר גראַנאָווסקי. ער האָט אַרײַנגעשלעפּט אַ ייִנגל אין זײַן קאַבינעט אַרײַן און אים דאָרטן געפּײַניקט, אים געברענט מיט אַזאַ מעדיצין, — דערקלערט עמיצער.

— נישט אין קאַבינעט, — מישט זיך אַן אַנדערער אַרײַן, — נאָר אין גאָרטן. דעם דאָקטאָרס סטרוזש האָט געכאַפּט דאָס ייִנגל בײַם אַריבערקריכן דעם פּאַרקאַן... געבראַכט אין שפּיטאָל... וועט גיין אין סיביר...

דערפון וואָס פאַרשיידענע פאַרשמאַיעטע, צעקאָכטע און אויפ־געדעגטע מענטשן האָבן דערציילט, האָב איך פאַרשטאַנען דאָס פאָלגענדע:

אַ יידישער ייִנגל, לייזער האָט ער געהייסן, וואָס האָט גע־וואוינט הינטער דעם דאָקטאָרס גאָרטן אויף כאַנאַיקעס, האָט אין דער פרי זיך אַרײַנגעגנבעט אין גראַנאָווסקיס גאָרטן און זיך גע־

נומען צו די עפּל. ער איז שוין געווען גרייט צו אַנטלויפן מיט דרײַ עפּל, ווען דער קוטשער אַנדרעי האָט אים דערזען און געכאַפּט. אויף די געוואָלדן איז אַרויסגעקומען דער דאָקטאָר אַליין. ער האָט דער־זען די דרײַ עפּל, וואָס לייזער האָט געוואָלט גנבענען, און איז גע־וואָרן ווילד פון כעס. ער איז צוריקגעלאָפן אין שטוב אַרײַן און ווי־דער געקומען מיט אַ ברען־שטיין, וואָס מען רופט אויפן מעדיצי־נישן לשון „לאַפּיס". אַז מען לייגט דאָס צו צו דער הויט, ברענט עס אויס די הויט ווי פײַער. דער קוטשער אַנדרעי האָט פעסטגע־האַלטן דאָס יינגל, און דער דאָקטאָר האָט אים מיט „לאַפּיס" אויס־געברענט אויפן שטערן מיט רוסישע בושטאַבן: „וואָר" — וואָס מיינט: גנב. דערנאָך האָט דער דאָקטאָר "אָנגעשריבן" מיט דעם ברען־שטיין אויף דעם יינגלס לינקער באַק דאָס דײַטשע וואָרט: „דיעב" (וואָס דאָס מיינט אויך גנב). און דאַן — אויף דער רעכטער באַק, מיט לאַטײַנישע בוכשטאַבן, דאָס יידישע וואָרט: „גאַנעף". ערשט דערנאָך האָט ער דאָס יינגל אָפּגעלאָזט.

דאָס אַלץ האָט צופעליק געזען, דורך אַ שפּאַרונע פון פּאַרקאַן, יודל, דעם בעקערס געהילף, וואָס האָט געוואָלט וויסן, ווער עס שרײַט אַזוי יאָמערדיק אין גראַנאָווסקיס סאָד.

דורך דעם יודל (וועלכער איז שפּעטער אין אַמעריקע אַזוי גוט באַקאַנט געוואָרן אין דער ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַנשאַפט אונטערן נאָמען יודל גאָלד און ביי אַלע יידישע שרייבער מיטן נאָמען „לי־טעראַרישער אײַזמאַן), האָבן זיך דערוואוסט פון דער זאַך די יידישע יונגעלײַט, וואָס האָבן פרידלעך געשפּילט ביליאַרד בײַ טשאַפּסקי. אַ שטאַרק אויפגעבראַכטע מאַסע מענטשן האָט זיך אַרײַנגעריסן אין גראַנאָווסקיס הויף איגנאָרירנדיק דעם „טשאַסאָוואָי" מיט זיין זעברא־בודקע. דאָרט איז פֿאָרגעקומען אַ געשלעג און ווען „סאָם גענעראַל" סטרוקאָוו האָט זיך באַוויזן אין הויף האָט זיין „פּרעוואָ־סכאָדיטעלסטוואָ" געכאַפּט אַ זעץ אין די ציין — אויב איך מאַך קיין טעות ניט — טאַקע פון דעם אַכצן־יאָריקן ברייט־פּלייצעדיקן משהלע — וואָס איז געווען באַרימט, אַז ער קאָן געבן אַ גוטן קלאַפּ.

די שטאָט האָט געקאָכט ווי אַ קעסל. איך האָב געזען אַ גרויסן עולם מענטשן אויף דער גאַס.

— אָט איז ער; אָט איז יודל, ער האָט עס געזען! — האָט מען געשריען, געטייט אויף יודלען און זיך געשטופּט צו אים.

איך האָב זיך צוגערוקט נענטער און דערזען דאָקטאָר כאַזאַנאָוויטש, וועלכער האָט געהאַלטן פאַר די לאַצן אַ יונגן בחור, געטרייסלט אים און געשריען:

— נאָר דעם אמת זאָגן! דעם גאַנצן אמת, דו הערסט? אַזאַ געמיינהייט טאָר נישט פאַרשוויגן ווערן! איר הערט, יידן?

דער בחור, וועמען דאָקטאָר כאַזאַנאָוויטש האָט געהאַלטן פאַר די לאַצן, האָט זיך געבעטן בײַ אים:

— הער דאָקטאָר, איך וועל זאָגן דעם אמת, לאָזט מיך אָפּ.

— הערט, יידן — האָט זיך דאָקטאָר כאַזאַנאָוויטש געקאָכט, — דעם אמת, דעם גאַנצן אמת. עס גייט אַלע יידן אין לעבן.

איך האָב קיינמאָל נישט געזען, אַז דער גוטער דאָקטאָר כאַזאַנאָוויטש זאָל זיך פאַרהאַלטן רואיק. ער האָט זיך שטענדיק געקאָכט, שטענדיק גערעדט אין אַזאַ איַילעניש, אַז אָפטמאָל האָט מען נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס ער וויל; אָבער אַזוי אויפגערעגט ווי אין דעם מאָמענט איז ער נאָך קיינמאָל נישט געווען. יעדער מוסקול פון זײַן דאַרן פּנים האָט געציטערט, געטאַנצט, פײַער האָט געשפּריצט פון זײַנע שוואַרצע אויגן, זײַן שטימע איז געוואָרן הייזעריק.

— לאָזט מיך אָפּ, — האָט זיך געבעטן בײַ אים דער בחור. — פאַרוואָס מיינט איר, אַז איך וועל נישט זאָגן דעם גאַנצן אמת? איך בין נישט ווייניקער ייִד פון אַנדערע. איר קאָנט דאָך מיך: איך בין יאַנקל דעם לאַנדאַנערס אַ ברודער.

דאָס איז געווען דער דערזעלבער יודל, וואָס האָט געזען ווי דאָקטאָר גראַנאָווסקי האָט אויסגעבערענט דעם יידישן ייִנגלס פּנים; אָבער דאָקטאָר כאַזאַנאָוויטש האָט אים באַהאַנדלט אַזוי, ווי ער וואָלט געווען דער גזלן און נישט בלויז דער עדות. ער האָט אַוועקגעשלעפּט יודלען אויף אַ זײַט און גענומען היציק אײַנטענהן מיט אים.

רעדלעך מענטשן זענען אַלץ געשטאַנען אויף די גאַסן און אַ יונגערמאַן אין ברילן האָט אפשר צוואַנציק מאָל איבערדערציילט, וואָס דאָקטאָר כאַזאַנאָוויטש האָט געזאָגט צו יודל דעם בעקער־יונג:

— הער, יודל! — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט. — דאָס וואָס גראַנאָווסקי האָט געטאָן, האָט ער געטאָן נישט נאָר דעם יינגעלע; דאָס האָט ער געטאָן צו דיר, צו מיר און צו גאַנץ ביאַליסטאָק, צו אַלע ביאַליסטאָקער יידן. ער האָט אויף אַלע פּנימער אויסגעברענט דאָס וואָרט: גנב. דער גזלן האָט בלוטיק באַליידיקט אַלע יידן. דו ביסט דער איינציקער עדות, וואָס האָט געזען די גאַנצע זאַך און באַלד וועט מען זיך אַ נעם צו דיר און פּאַדערן, אַז דו זאָלסט זיך מאַכן בלינד און טויב. מען וועט דיר אָנבאָטן געלט, מען וועט דיר צוזאָגן אַלע גליקן, דו זאָלסט נישט עדות זאָגן; אָבער דו האַלט דיך פעסט. געדענק: דער אמת איז אין דיינע הענט!

אַזוי, אָן ערך, האָט דער יונגערמאַן איבערדערציילט ד״ר כאַזאַנאָוויטשס רייד, און איך האָב געשלונגען יעדעס וואָרט.

פלוצלינג איז געוואָרן אַ נייער טומל. מענטשן זענען געלאָפן אין דער ריכטונג צום מאַרק־פּלאַץ. קענטיק, אַז דאָרט איז פאָרגעקומען עפּעס נייעס. אַלץ דיטלעכער זענען געוואָרן די קולות. יידישע ווערטער און אויסגעשרייען האָבן זיך צוזאַמענגעמישט מיט רוסישע און פּוילישע. ענדלעך איז געוואָרן אוממעגלעך צו לויפן ווייטער: אַ געדיכטע מחנה מענטשן — מענער, פרויען און קינדער — האָבן פאַרשטעלט דעם וועג. אויף דעם סאַמע ראָג פון דער גאַס איז דער טומל געווען אַמשטאַרקסטן.

דאָס האָט מען זיך געשטופּט אַרום ד״ר גראַנאָווסקיס ברישקע. מען האָט אָפּגעשטעלט די ברישקע אין מיטן גאַס און נישט געלאָזט אים פאָרן ווייטער. עטלעכע מאָל האָט זיך באַוויזן איבער די קעפּ פון דעם גרויסן געדיכטן עולם די ברוינע מאָרדע פון דעם דאָקטאָרס פערד און דער פיר־עקיקער קאָפּ פון דעם דאָקטאָר אַליין. ער האָט עפּעס געשריען אויף רוסיש און דער קוטשער אַנדרעי האָט געקנאַקט מיט דער בייטש איבער דעם עולם. עמיצער האָט אַרויסגעריסן די בייטש פון זיין האַנט.

— די קצבים גייען! די קצבים! — האָט מען אָנגעהויבן צו שרייען.

אַ גרופּע פון שטאַרקע יידישע יונגעלייט, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן אַלע צוזאַמען, האָט זיך באַוויזן אויף דער גאַס. זיי זענען

געקומען פון דער יאַטקע־גאַס. זיי האָבן געשפּאַנט מיט די שטיוול, ווי סאָלדאַטן. זייערע קאַשקעטן זענען געווען פאַרוקט אויף אַ זײַט. עטלעכע פון זיי האָבן געטראָגן קורצע לעדערנע פאַרטוכער.

— אַ־אַ־אַ! — האָט זיי באַגריסט דער עולם, כדי אַרײַנצולאָזן די קצבים אין סאַמע מיטן. איך בין געפאַלן און עמיצער האָט מיר אָנגעטראָטן אויף אַ האַנט. אַ מאָמענט שפּעטער האָבן אַלע זיך אַ וואָרף געטאָן פאָראויס. די געשרייען זענען געוואָרן שטאַרקער. עס האָט זיך דערהערט אַ שאַרף פּײַפן, דערנאָך אַ קראַך, אַ פאַל, אַ גע־לעכטער... „אַ־אַ־אַ!" האָט ווידער אויסגעשריען דער עולם. די ברוינע מאָרדע פון דעם פערד האָט זיך נאָך אַלץ געזען, אָבער דעם פיר-עקיקן קאָפּ פון ד״ר גראַנאָווסקי האָט מען שוין מער נישט געקענט זען. דאָס האָבן די קצבים איבערגעקערט דעם דאָקטאָרס ברישקע. דעם דאָקטאָר און זײַן קוטשער האָבן זיי פריער אַראָפּ־גענומען פון דער ברישקע און זיי פעסט געהאַלטן אין די הענט. דער קוטשער האָט זיך פאַרהאַלטן שטיל, אַזוי ווי ער וואָלט פאַר־שטאַנען, אַז ער האָט דאָס פאַרדינט. גראַנאָווסקי אָבער, האָט אָנ־געהויבן שרײַען אויפן קול און גערופן פּאָליציי. ער האָט פּראָטעס־טירט, געפאָדערט, געקאָמאַנדעוועט מען זאָל אים אָפּלאָזן און לאָזן פאָרן ווײַטער, ווײַל אויף אים וואַרט אַ געפערלעך קראַנקער פּאַציענט.

— אַ ליגן! אַ ליגן! — האָט דער עולם געשריען.

— שטיל זאָל זײַן! דאָקטאָר כאַזאַנאָוויטש רעדט! — האָט מען אָנגעהויבן שרײַען.

איך האָב נישט געקאָנט זען ד״ר כאַזאַנאָוויטשן, אָבער איך האָב דערקענט זײַן קול. ער האָט געפאָדערט, אַז דער עולם זאָל זיך באַלד צוגיין און, אַז מען זאָל אָפּלאָזן דעם פּוילישן דאָקטאָר און זײַן קוטשער און זיי גאָרנישט טאָן.

דער עולם האָט געפאָלגט און זיך צעגאַנגען. די קצבים האָבן אַרומגערינגלט „זייער" דאָקטאָר כאַזאַנאָוויטש. ער האָט זיי אויסגע־רעדט און געשריען אויף זיי, ווי אַ טאַטע אויף קינדער. זיי זענען געשטאַנען מיט די קאַשקעטלעך אויף אַ זײַט, געשמייכלט און נישט צוריקגערעדט.

דאָ און דאָרט זענען פאָרגעקומען קליינע צוזאַמענשטויסן צווישן

קריסטן און יידן. צוויי סאָלדאַטן האָבן זיך געיאָגט נאָך אַ יידישן בחור, געוואָלט אים שלאָגן. דער בחור איז אַרײַנגעלאָפן אין אַ קראָם. צופעליק האָט עס דערזען דער היציקער משהלע, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו די סאָלדאַטן, — ער האָט געקאָנט פּאַרטיק ווערן מיט פינף, נישט נאָר מיט צוויי.. .אָבער איינער פון זיי האָט אים געגעבן פון הינטן אַ קלאַפּ מיט אַ „קאָפּ צוקער", און ער איז געפאַלן אַ פאַרבלוטיקטער, מיט אַ שווערער וואונד אין קאָפּ.

אויף מײַן וועג אַהיים האָב איך דערזען דעם גאַראַדאָוואָי (פּאָליציאַנט) טשמוט. ער איז געשטאַנען אין באַראַקס דעם זייגערמאַכערס הויף הינטער דעם טויער. פריער, אַלס קינד, האָב איך ליב געהאַט צו קומען צו טשמוטן און פאַרפירן מיט אים אַ געשפּרעך, אָדער אָפילו אַ שפּאַציר טאָן מיט אים: זאָלן מענטשן זען מיט וואָס פאַר אַ גרויסן מענטשן איך בין דאָס באַקאַנט! ווען איך האָב אים איצט דערזען ווי ער באַהאַלט זיך הינטער דעם טויער, האָב איך דערפילט, אַז ער איז גאָרנישט אַזאַ גרויסע פּערזענלעכקייט, און כאָטש ער טראָגט עפּאָלעטן און אַ לאַנגע שווערד, איז ער אָן איינפאַך מענטשל, אַזוי ווי מיר אַלע.

מײַן ברודער הערמאַן איז געקומען מיט דער נײַעס, אַז מאָרגן וועט פאָרקומען אין דעם פאָלקאָוואָי בית־מדרש „אַ געהיימע פאַרזאַמלונג" פון די ביאַליסטאָקער יידן. (ביי אים איז אַלץ געווען „געהיים", אָפילו אַזאַ גרויסע פאַרזאַמלונג!). דאָקטאָר כאַזאַנאָוויטש וועט דאָרט רעדן און אויך אונזער ראַבינער מאַרקוס — אַ באַשיידענער מענטש, מיט אַ שוואַרץ שיטער בערדל, מיט ברילן אויף די קורצזיכטיקע אויגן, שטענדיק אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן לאַנגן ראָק.

די מאַמע האָט מיך נישט געלאָזט גיין אַהין. הערמאַן, אָבער, איז יאָ געגאַנגען צו דער פאַרזאַמלונג און איז געקומען אַהיים שפּעט אין אָוונט. ער האָט דערציילט, אַז ד"ר כאַזאַנאָוויטש האָט געהאַלטן אַ רעדע און יעדע מינוט האָט מען צוגעשריען „העכער!" ווײַל ער איז שוין געווען אינגאַנצן הייזעריק. דער ראַבינער מאַרקוס האָט גערעדט געלאַסן און אים האָט מען געקאָנט הערן גאַנץ דײַטלעך. ער האָט געפּאָדערט, אַז קיין ייד זאָל זיך נישט וואָגן צו קורירן בײַ דאָקטאָר גראַנאָווסקי און אַז אַלע זאָלן דאָס הייליק אָנהאַלטן.

דעם פוילישן דאָקטאָרס קרבן דאָס יידישע ייִנגל לייזער פון די כאַנאַיקעס, איז געלעגן אין שפּיטאָל מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטן פּנים. און איך, ליגנדיק אין מײַן בעט, האָב געזען אין מײַן צורייצטער פאַנטאַזיע, די דרײַ גרויזאַמע ווערטער, וואָס זענען געווען אויסגעברענט אויף זײַן פּנים: „וואָר, דיעב, גאַנעף״...

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָבן זיך די לעקציעס אין דער רעאַלשולע ווידער אָנגעפאַנגען. די שילערס, אויסגערוטע נאָך דעם שייִנעם זומער, האָבן זיך ווידער פאַרזאַמלט, דאָס מאָל אין אַ נײַעם, העכערן קלאַס. די געביידע איז רעמאָנטירט, אַלץ זעט אויס פריש און ציכטיק, עס שמעקט מיט טערפּענטין און פרישער פאַרב. איך האָב געזוכט וולאַדיסלאַוון, דעם דאָקטאָר גראַנאָווסקיס זון, און אים נישט געזען. אין גאָרטן, בשעת דער „גרויסער פּאַוזע״, האָב איך זיך געטראָפן מיט וולאַדיסלאַווס ייִנגערן ברודער, ריכאַרד. ער האָט אויסגעזען פונקט ווי דער טאַטע זײַנער: די זעלבע קוואַדראַטנע פּלייצעס, דער רוקן ווי אַ ברייטע ברעט, אַ קוואַדראַטנער קאָפּ, מיט קליינע גרויע אויגן, — נאָר אַלצדינג קלענער אין פאַרמאַט.

וולאַדיסלאַוו איז אַוועקגעפאָרן קיין ווילנע, — האָט ער מיר געזאָגט.

— קיין ווילנע גאָר? ווען־זשע קומט ער צוריק?

— ער וועט נישט צוריק קומען אינגאַנצן, — האָט ער געענטפערט. — ער לערנט זיך אין דער ווילנער „אוטשילישטשע״.

„וולאַדיסלאַוו שעמט זיך פאַר זײַן טאַטן״, — האָב איך בײַ זיך באַשלאָסן.

ריכאַרד, אָבער, האָט זיך גאָרנישט געשעמט און איז פאַרבליבן אין דער שולע, ווי גאָרנישט וואָלט פּאַסירט.

צווישן פאַרשיידענע אַנדערע קורסן האָבן מיר געהאַט אַ קורס, וואָס האָט זיך גערופן: „זאַקאָן באָזשי״. גאָטס געזעץ, גאָטס וואָרט. בײַ דעם קורס איז דער קלאַס געווען צעטיילט: די פּראַוואָסלאַוונע שילערס (אָרטאָדאָקסיש־רוסישע) האָבן זיך פאַרזאַמלט באַזונדער, און זייער לערער איז געווען דער גלח, פּאַטער פּאַוועל זעלינסקי; די קאַטאָליקן האָבן געלערנט אונטער דער פירערשאַפט פון „אָטיעץ

(פּאָטער) ווילהעלם", און מיר, דאָס ביסעלע יידישע בחורים, פלעגן זיך פאַרזאַמלען אין אַ לערער-צימער און אונזער לערער איז געווען דער קאַזיאַנער ראַבינער מאַרקוס. ער האָט אונז געלערנט, וואָס פאַר אַ מלחמות און מיט וועמען די יידן האָבן געהאַט מיט עטלעכע טויזנט יאָר צוריק. דעם אמת געזאָגט, איז דאָס געווען ווייניק אינ־טערעסאַנט. נאָר דאָס מאָל האָבן מיר געוואַרט אויף אונזער לערער מיט גרויס אומגעדולד. מאַרקוס האָט אונז טאַקע דערציילט, אַז אין ביאַליסטאָק איז נאָר וואָס אָנגעקומען פון פּעטערבורג אַ „טשינאָווניק אָסאָביך פּאָרוטשעני", אַ ספּעציעלער באַאַמטער, וועלכער דאַרף אונטערזוכן די גאַנצע זאַך. דער טשינאָווניק איז נאָך אַ יונגערמאַן, דער זון פון אַ זייער באַדייטנדער פּערזאָן אין דער רוסישער רע־גירונג. נעכטן האָט דער יונגערמאַן געלאָזט רופן צו זיך דאָקטאָר גראַנאָווסקי, אוןביידע האָבן פאַרבראַכט פּנים אל פּנים מער ווי דריי שעה. וואָס זיי האָבן גערעדט, קאָן מען, פאַרשטייט זיך, נישט וויסן; נאָר קיין גוטער סימן איז עס זיכער נישט.

פון וואַנען מיר איז באַקאַנט געוואָרן דאָס איבעריקע, וואָס איך וויל דאָ דערציילן, קאָן איך זיך שוין נישט דערמאָנען. אַ טייל האָב איך געזען, אַ טייל — געהערט, אַ טייל האָבן מיר דערציילט אין די שפּעטערע יאָרן מענטשן, וואָס זענען געווען גוט אינפאָרמירט.

פּאַסירט האָט פאָלגענדעס:

אין איין פרימאָרגן זענען אַרייַנגעקומען צו חיים בלומעס אין זייַן בעקערייַ די גוט־באַקאַנטע אין ביאַליסטאָק „אָקאָלאָדאָטשניקעס", דאַנדזשי און בורניקאָוו. זיי האָבן דערזען דעם בעקערס געהילף, יודל, און באַלד אים אַ נעם געטאָן: „דער פּעטערבורגער טשינאָוו־ניק וויל אים זען, די מינוט, שוין גיין, שאַגאָם מאַרש!". מען האָט אים דורכגעפירט דורך די גאַסן אַזוי ווי אַ „קאָלאָדניק", אַן אַרעס־טאַנט: איין אָקאָלאָדאָטשניק פון דער רעכטער זייַט, דער צווייטער פון דער לינקער זייַט, און ער אַליין אין מיטן. מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט און געשאָקלט מיט די קעפּ... שלעכט האָט זיך געפילט יודל גאָלד, דער איינציקער עדות פון דער סענסאַציאָ־נעלער דראַמע. וואָס האָט ער אַזוינס געטאָן, אַז מען דערנידריקט אים אַזוי?

— די אַקאַלאַדאַטשניקעס — האָט ער דערציילט — האָבן מיך אַרײַנגעפירט אין פּערלמאַנס האָטעל אויף נאַוואַליפּיע. מען האָט מיך אַרײַנגעפירט אין אַ צימער אויפן ערשטן שטאָק און מיך איי־בערגעלאָזט אַליין. דער צימער איז געווען ליידיק, אָבער איך האָב געהערט, אַז אין דעם אַנדערן צימער זענען פאַראַן מענטשן און אימיצער, קענטיק אַ יונגערמאַן, רעדט אויפגערעגט די גאַנצע צײַט, אַמאָל הויך, אַמאָל זייער שטיל, אַזוי אַז עס איז געווען שווער זיך אָנצושטויסן וועגן וואָס ער קאָכט זיך אַזוי. דערנאָך איז ווידער אַרײַנגעקומען דער אַקאַלאַדאַטשניק און געהייסן מיך אַרײַנגיין אין צווייטן צימער. דאָרט האָב איך דערזען דעם יונגענמאַן, דעם וויכ־טיקן „טשינאָווניק" פון פּעטערבורג. ער האָט קיין מונדיר נישט געטראָגן, געווען אָנגעטאָן אין ציווילע קליידער. מײַנע באַגלייטער האָבן מיך איבערגעלאָזט אַליין.

— זיץ! — האָט דער יונגערמאַן פרײַנדלעך אויסגערעדט און אָנגעוויזן אויף אַ שטול לעבן זיך. — קענסטו רעדן רוסיש?

— איך קאָן אַביסל — האָב איך געענטפערט.

— דו רעדסט זייער גוט רוסיש! — האָט ער זיך אָפּגערופן, כאָטש איך בײַ זיך האָב געוואוסט, אַז עס איז נישט אַזוי.

זײַן פרײַנדלעכקייט האָט מיר צוגעגעבן מוט, און ווען ער האָט מיר ווידער געזאָגט, אַז איך זאָל אים דערציילן, וואָס אַזוינס איך האָב געזען, האָב איך דאָס געטאָן אָן מורא און אָן צוריקהאַלט. וואָס האָב איך דאָ געדאַרפט מורא האָבן? עס איז דאָך געווען אַ קלאָרע זאַך: אַ פאַרברעכן איז באַגאַנגען געוואָרן, און דאָס געזעץ וויל איצט וויסן וואָס און ווער, כדי צו באַשטראָפן דעם שולדיקן.

דער מאַן האָט געקוקט אויף מיר די גאַנצע צײַט, און איך האָב נישט געקאָנט וויסן, וואָס אַזוינס ער טראַכט בײַ זיך. עטלעכע מאָל האָט ער מיר איבערגעשלאָגן און געוואָלט וויסן גענוי, וואו עס איז בלומעס בעקערײַ, ווי גרויס איז געווען די שפּאַרונע אין פאַרקאַן, צי עס וואַקסן דאָרט אַרום קוסטעס און וועלכע קוסטעס. איך האָב אים אויף דעם אַלעם אויספירלעך געענטפערט אין מײַן צובראָכע־נעם רוסיש.

— האָסטו אויך אפשר געזען, ווער עס האָט געשלאָגן דאָקטאָר גראַנאָווסקי אין גאַס? — האָט ער מיך געפֿרעגט ווען איך בין פֿאַרטיק געווען מיט מײַן דערציילן אים.

— ניין, דאָס האָב איך נישט געזען.

— וואָס מען דאַרף, זעסטו נישט, און וואָס מען דאַרף נישט, זעסטו יאָ, — האָט ער אויסגערעדט מיט אַ נישט־פֿרײַנדלעכן קרומען שמייכל.

ער האָט זיך אויפגעהויבן און אָנגעפאַנגען אַרומשפּאַנען אהין און צוריק, צוגעקומען צו מיר גאַנץ נאָענט און געזאָגט:

— ווי איך זע, ביסטו אַן אָרעמער יונג, אַן אַרבעטער, דו פֿאַרדינסט שווער אויף דײַן לעבן. דאָס, וואָס דו מישסט זיך אַרײַן אין דער זאַך, וועט זײַן אַן אומגליק פֿאַר דיר און פֿאַר דײַן משפּחה. בעסער שטיי פֿון ווײַטן! צו וואָס דאַרפסטו האָבן דעם גאַנצן קלאָפּאָט מיט געריכטן, מיט פּראָקוראָרן און מיט אַדוואָקאַטן? מען וועט דיך שלעפּן פֿון איין שטאָט אין אַ צווייטער, קיין גוטס וועט דאָס דיר נישט טאָן. און ווער מען וועט עס יאָ טאָן גוטס? זיכער נישט די ביאַליסטאָקער יידן, וואָס זענען באַפֿאַלן אַ ווירדיקן מענטשן, אַ קריסטלעכן דאָקטאָר, אין מיטן העלן טאָג און געוואָלט אים הרגענען!

— דאָס איז נישט אמת! — האָב איך אויסגעשריען, זעענדיק וואוהין ער פֿירט. — קיינער האָט אים נישט געוואָלט הרגענען!

— עס איז יאָ אמת, איך האָב באַקומען אַ קלאַגע פֿון דאָקטאָר מיט אַלע נעמען. אָבער מען קאָן דאָך די זאַך בעסער מאַכן, אויב דו וועסט זיך אָפּזאָגן פֿון דײַן עדות זאָגן.

— ווי קאָן איך זיך אָפּזאָגן פֿון דעם, וואָס איך האָב געזען מיט מײַנע אייגענע אויגן?

— דו פֿאָר בעסער אַוועק קיין אַמעריקע. האָסט קיין געלט נישט? נו, וועל איך דיר געבן געלט. אַמעריקע איז פֿאַר יידן אַ בעסערע מדינה איידער רוסלאַנד.

— וואָס הייסט איך זאָל פֿאָרן קיין אַמעריקע? וואָס וועל איך דאָרטן טאָן?

איך האָב געמיינט, אַז ער שפּאַסט. אָבער ער האָט אַרויסגענומען פֿון דער קעשענע אַ דיקן „בומאַזשניק" (וואַלעט) און אָפּגע־

ציילט זעקס נײַאינקע „יעקאַטערינקעס" (הונדערטער, מיט דעם בילד פֿון דער קייסערין יעקאַטערינע). צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן האָב איך געזען פֿאַר זיך אַזאַ אוצר. איך האָב זיך צוגעהערט צו דעם ווי „יעקאַטערינקעס" קנאַקן אַזוי ווי פֿרישע גוט־אויסגעבאַ־קענע זעמל. איך בין זיך מודה, אַז דער חשק צו דעם געלט איז געווען ביי מיר נישט קיין קליינער.

אָבער דאָ זענען מיר געקומען אויפֿן זינען דאָקטאָר כאַזאַנאָ־וויטשס ווערטער. ווי פֿײַערדיק זענען זיי פֿאַר מיר געשטאַנען: „בחורל, זאָלסט אונז נישט פֿאַראַטן! נאָר דעם אמת, דעם אמת זאָלסטו דערציילן!".

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך דעמאָלט געזאָגט, אַז מען וועט פּרוּוון מיך אונטערקויפֿן מיט געלט. איך האָב זיך אויפֿ־געהויבן און געזאָגט, אַז קיין געלט וועל איך נישט נעמען, נאָר איך וועל דערציילן אין געריכט דעם גאַנצן אמת.

דער „טשינאָווניק" איז געוואָרן בייז און האָט אָנגעפֿאַנגען צו שרייען אויף מיר און אַפֿילו זידלען מיך. אָבער וואָס מער ער האָט געשריען, אַלץ דײַטלעכער האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז נישט איך דאַרף מורא האָבן פֿאַר אים, נאָר ער — פֿאַר מיר. עס האָט אים גאָרנישט געהאָלפֿן, איך האָב דאָס געלט נישט גענומען. ער האָט מיר געהייסן גיין, דאָס מאָל אָן „אָקלאָדאָטשניקעס".

אַזוי האָט דערציילט יודל גאָלד אַליין.

דער היציקער משה'לע, דער פּריקאַזטשיק פֿון פֿרײַדל הירש־האָרס אײַזנקראָם, איז דערווײַל געלעגן מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ. זײַן שטאַרקער אָרגאַניזם האָט אָבער געזיגט, די וואונד האָט זיך פֿאַרהיילט.

— הער, משה, — האָט געהיימערהייט געזאָגט צו אים אַן אָק־אָלאָדאָטשניק, וואָס איז געווען פֿרײַנדלעך צו דעם גוטהאַרציקן בחור: — דײַן נאָמען איז דערמאָנט און פֿאַרשריבן בײַ דעם פּעטער־בורגער טשינאָווניק. אָט האָט מען דיר צוקלאַפּט דעם קאָפּ — הייסט עס, דו ביסט שולדיק. דו ביסט אַ קלוגער, דו טראָג זיך בעסער אָפּ פֿון ביאַליסטאָק, אַנישט וועט זײַן שלעכט מיט דיר.

אין דעמזעלבן טאָג איז משה׳לע אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע; אַז אַלצדינג וועט זיך באַרואיקן וועט ער קומען צוריק.

אין אַ פּאָר מאָנאַטן אַרום האָט זיך אָנגעפאַנגען דער פּראָצעס: וויפיל יאָר קאַטאָרגע וועט קריגן דער גזלן, דער דאָקטאָר גראַ-נאָווסקי? פינף? אַ חוץ דעם וועט ער נאָך מוזן באַצאָלן דעם יינגעלע שאָדן־געלט, אפשר צען טויזנט רובל, און ווער ווייסט, אפשר גאַנצע פּופציק. אַ קליייניקייט — געשטעמפּלט אַ קינד אויף דעם גאַנצן לעבן; און פון דעם דאָקטאָר וועט דאָס געריכט אַוועקנעמען דעם דיפּלאָם און נישט לאָזן אים ווײַטער פּראַקטיצירן, — פון דעם איז דאָך אָפּגערעדט!

איך האָב זיך דערוואוסט וועגן דעם אורטייל אין חיים טרילינגס הויז, אויף קופּעטשעסקער גאַס. איך בין געזעסן נאָכמיטאָג אויבן אין צימער פון מײַן חבר מאָיסעי, ווען מיר האָבן פלוצים דערהערט אונטן אויפגערעגטע קולות און כמעט אַ היסטערישן קוואָקטשען פון הינער. ווען איך און מײַן חבר זענען אַרײַנגעלאָפן אין דעם גרויסן עס־צימער, האָב איך צו מײַן גרויס פאַרוואונדערונג דערזען האָדעס די קורעלאַפּניצע. איר רויטע פאַטשיילע האָט זיך אַראָפּגערוקט פון קאָפּ, די צוויי קאָשיקעס פול מיט הינער זענען געשטאַנען אויף דעם פּאַרקעט. די גוטע אַלטע קורעלאַפּניצע האָט געשריען צו מאָי־סעיס מאַמע, יעלענאַ טרילינג:

— איז דאָס יושר, מאַדאַמאָטשקע? איז דאָס גערעכטיקייט?! אַ גנבה, אַ ראַזבאָיסטווע איז דאָס מאַדאַם טרילינג!

באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס האַנדלט זיך וועגן דעם אורטייל, וואָס דאָס געריכט האָט נאָר וואָס אַרויסגעגעבן אין גראַ־נאָווסקיס פּראָצעס. דער דאָקטאָר, וואָס האָט אויסגעברענט דעם פּנים פון דעם יידישן יינגל, איז געפונען געוואָרן פולשטענדיק אומשול־דיק שולדיק זענען אָבער דאָקטאָר כאַזאַנאָוויטש און ראַבינער מאַרקוס, — ביידע אין דעם, וואָס זיי האָבן געפּרוווט אויפהעצן די יידישע באַפעלקערונג קעגן דער קריסטלעכער; ביידע דאַרפן אַרויס־געשיקט ווערן פון ביאַליסטאָק אויף דרײַ יאָר צײַט, כדי זיי זאָלן נישט קאָנען אָנגיין ווײַטער מיט זייער שעדלעכער טעטיקייט. און דאָס געריכט האָט אַרויפגעלייגט אויף דער שטאָט אַ שטראָף: ביאַ־

ליסטאָק מוז באַצאָלן פּופּציק טויזנט רובל פֿאַר... פֿאַר וואָס, געדענק איך שוין נישט.

דער דאָזיקער אורטייל האָט אויף מיר געמאַכט אַ טיפֿן אײַנדרוק. ווי אַ מין פּסיכאָלאָגישע קאַטאַסטראָפֿע האָט דאָס מיך דערשיטערט. עס איז געווען שווער צו לערנען, צו פֿאַרטיפֿן זיך אין די „אוראָקן". מיר האָבן געהאָפֿט נאָך צו זען ראַבינער מאַרקוס אין דער שולע, אָבער ער איז מער נישט געקומען. שטילערהייט איז ער אַוועקגעפֿאָרן; שטיל האָט אויך פֿאַרלאָזן ביאַליסטאָק דאָקטאָר כאַזאַנאָוויטש און איז אָפּגעפֿאָרן אין לאָדזש, אַ פּאָר שעה רײַזע פֿון אונזער שטאָט.

די פּופּציק טויזנט רובל שטראָף־געלט האָט ביאַליסטאָק נישש באַצאָלט. וואָלקאָוויסקי, גאָרדאָן און אַנדערע גבירים האָבן דאָס אויסגעכלאָפּאָטשעט.

לאַנגזאָם, ביכלעכווייז האָט ביאַליסטאָק זיך ערהאָלט פֿון דעם קלאָפּ; לאַנגזאַם זענען אויסגעהיילט געוואָרן די וואונדן אויף דעם פּנים פֿון דעם ייִדישן בחורל לייזער, דעם געשטעמפּלטן.

וואָס איז אָבער געוואָרן מיט אונזער יונגן גבור משה, וועלכער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַרשע? ער איז מער נישט צוריק געקומען קיין ביאַליסטאָק. זײַנע פֿרײַנד האָבן אים געלאָזט וויסן, אַז ער זאָל עס נישט טאָן, ער וועט אַרעסטירט ווערן — אויב נישט צוליב גענעראַל סטרוקאָווס ציין, איז צוליב זײַן אייגענעם צוקלאַפּטן קאָפּ. משה האָט אַ טראַכט געטאָן — און זיך געלאָזט פֿאָרן קיין אַמעריקע. ער האָט געהאַט אין זײַן קעשענע פּופּציק סענט ווען ער האָט באַטראָטן קאָלומבוסעס פֿרײַע מדינה.

גרויס איז געווען מײַן איבעראַשונג, ווען מיט יאָרן און יאָרן שפּעטער, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אָט דער היציקער, גוטמוטיקער, קלעפּ־געבנדיקער משה׳לע — איז איצט דער האָנאָראַבל פּרעזידענט פֿון ביאַליסטאָקער צענטער — מאָריס אײַזנמאַן.

קאַפּיטל זיבן

אַ טאָג, וועלכן איך וועל קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן, איז דער 2טער אויגוסט 1892.

אין פֿרילינג בין איך אַריבערגעגאַנגען אין פֿערטן קלאַס פֿון דער רעאַל־שולע. מײַן שטימע ברעכט זיך, איך רעד איצט מיט צוויי שטימעס: דאָ אויף אַן אַלט, דאָ אויף אַ טענאָר. דער דאָזיקער געמיש מוז זײַן שוידערלעך פֿאַר אַ פֿרעמדן אויער, אָבער איך קאָן זיך נישט העלפֿן: דאָס האָט געמאַכט מיט מיר מײַן פֿערצנטער זומער.

דער האַרבסט־קורס פֿון דער רעאַל־שולע האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבן, — איך האָב נאָך גאַנצע צוויי וואָכן וואַקאַציע, און איך ווייס באמת נישט, וואָס צו טאָן מיט זיך.

ס'איז אַן אומגעווייגלעך שיינער טאָג. נעכטן איז געווען אַ הייסער טאָג. הײַנט, ווי עס זעט אויס, וועט זײַן נאָך הייסער. אַוועק־לאָזן זיך אין דעם וואַלד זוועריגעץ? דאָס וועל איך דאָך טאָן נאָכ־מיטאָג, צוזאַמען מיט מײַן חבר יאַקאָב צעכאַנאָווסקי. ביז מיטאָג איז נאָך ווײַט. אַלזאָ, וואָס פֿאַנגט מען אָן?

איך געפֿין בײַ זיך אויף דער פּשוטער עטאַזשערקע, וואָס איך אַליין האָב צוזאַמענגעקלאַפּט, אַ דיק פּעקל פּאַפּיר. דאָס איז נישט קיין געוויינלעכער פּאַפּיר. אויף איין זײַט פֿון דעם בויגן איז אָפּגע־דרוקט אַ „וויעדאָמאָסט", אַ מעלדונג פֿון באַאַמטע: וואָס פֿאַר אַ נומער איז דער צוג, וויפֿיל וואַגאָנען, ווען דער צוג איז אַוועק, און ווען ער איז געקומען. די אַנדערע זײַט איז פֿרײַ. דעם דאָזיקן פּעקל פּאַפּיר האָב איך באַקומען פֿון ריכאַרד קליאַם, מײַנעם אַ מיט־שילער. זײַן פֿאָטער דינט אין דער אײַזנבאַן, ער איז אַ קאָנדוקטאָר. בײַ אים

אין הויז ליגן גאַנצע בערג פֿון אַזעלכע דאָקומענטן. איך האָב גע־האַלפֿן ריכאַרדן אין מאַכן אַ מאַטעמאַטישע אויפֿגאַבע, האָט ער מיר געבראַכט די „וויעדאָמאָסטי״ אַ מתנה. אויף דער פּרײַער, נישט־געדרוקטער זײַט קאָן מען שרײַבן, פֿאַרשטייט זיך, אָבער וואָס? נישט פֿאַר דער שולע, ווײַל דאָרט דאַרף מען האָבן אַן אָנשטענדיקן העפֿט פֿון גאַלאַי אָדער פֿון באַרנבוים.

אַ נישט־קלאָרער געדאַנק קומט מיר אין קאָפּ אַרײַן. איך נעם דעם פּאַק „וויעדאָמאָסטי״, אַ בלײַשטיפֿט, און גיי אַרויס אין הויף. ס׳איז נאָך אַלץ דער זעלבער שיינער, קאָקעטיש ציכטיקער לו־פּינסקיס הויף.

די היץ כאַפּט מיך אַרום אַלץ שטאַרקער. עס שמעקט מיט רייף־געוואָרענע עפּל, וועלכע מען טאָר נישט רײַסן. איך גיי אין דעם הינ־טערשטן טייל פֿון הויף, וואו עס וואַקסט דער גרויסער קאַרשן־בוים און וואו עס געפֿינען זיך די האָלץ־שטאַלן. אַלע שטאַלן זענען צוגע־שלאָסן, אַ חוץ איינעם. איך עפֿן די טיר, זי קוויטשעט אַביסל צו. איך פֿאַרמאַך די טיר. איך בין אַליין.

פֿון אָנפֿאַנג זע איך גאָרנישט. איך פֿיל, אַז עס שמעקט מיט וואַלד, מיט צוהאַקטע און צושניטענע האָלץ. די אויגן געוויינען זיך צו און די פּינצטערניש ווערט אַ האַלב־פּינצטערניש, און נאָך אין אַ פּאָר מינוטן — אַ האַלב־ליכטיקייט, וואָס איז, דוכט זיך, איינס און דאָס זעלבע, אָבער עס איז נישט אַזוי: אַ האַלב־ליכטיקייט איז העלער ווי אַ האַלב־טונקלקייט.

איך נעם אַרויס פֿון דעם אָנגעלייגטן האָלץ בײַ דער וואַנט אַ גרעסערע קאָלאָדע: דאָס וועט זײַן מײַן שטול. דער שרײַבטיש מײַנער וועט זײַן טאַקע אָט די לאַנגע ברעט. מען דאַרף זי נאָר גוט און געניי אַנידערלייגן, מיט איין עק אויף דעם האָלץ און מיט דעם אַנ־דערן אויף דער פֿאַרטריקנטער פֿאַס. אָט אַזוי — פֿאַרטיק! און איצט קאָן מען שרײַבן, דיכטן, שאַפֿן, אָנפֿאַנגען צו זײַן אַ שרײַבער. פּאַ־פּיר — די „זשעלעזנאָדאָראָזשניאַ וויעדאָמאָסטי״ — האָב איך! אַ בלײַשטיפֿט, אַ שטול און אַ טיש — אויך. וואָס־זשע פֿעלט מיר? טאַלאַנט, זאָגט מען... נו, דאָס וועלן מיר שוין שפּעטער זען.

און איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבעט. מײַן טעמע איז גע־וועזן זייער אַ רירנדע, יעדנפֿאַלס בין איך געווען גערירט.

אַן אָרעמער ייִנגל שטאַרבט פֿון קעלט אין גאַס אונטער אַ רײַכן העל־באַלויכטענעם פֿענצטער...

ווי אַזוי איך בין געקומען צו שרײַבן וועגן קעלט און שניי גראָד אין אַ הייסן זומער־טאָג — ווייס איך אַליין נישט. האָב איך גע־וואוסט אָדער געפֿילט, וואָס עס מיינט שטאַרבן פֿון קעלט און דערצו נאָך אינמיטן גאַס ערב אַ שיינעם יום־טוב? איך בין אָבער פֿאַרט אַנגעגאַנגען מיט מײַן אַרבעט. איך האָב געפֿילט אַרום זיך דעם גערוך פֿון דעם צוהאַקטן האָלץ, אַרײַנגעאָטעמט אין זיך די וואַרעמע שטיקנדע לופֿט, געפֿילט אַ טיפֿן רחמנות אויף דעם ייִנגל פֿון מײַן מעשה און געווען זיכער, אַז דאָס אַלץ איז טאַקע די געהיימניספֿולע, די מיסטעריעזע זאַך, וואָס מען רופֿט: אינספּיראַציע.

דאָס אַכטע בלעטל פֿון די „וויעדאָמאָסטי" איז געווען אָנ־געשריבן. די אינספּיראַציע האָט זיך פֿאַרענדיקט, און מײַן סאַמע ערשטע דערציילונג איז געווען פֿאַרטיק. פֿון דעם מאָמענט אָן בין איך געוואָרן אַ שרײַבער. אמת, קיינער האָט דאָס נאָך נישט געוואוסט, אַ חוץ דער מחבר אַליין; אָבער וועגן דעם דאַרף מען איצט אויך נישט זאָרגן. זאָרגן דאַרף מען אָבער וועגן דעם, ווי אַזוי אַרויסצו־קריכן אומבאַמערקטערהייט פֿון לופּינסקיס האָלץ־שטאַל; ווײַל ווען ער זאָל זיך דערוויסן פֿון דעם, וואָס פֿאַר אַ געברויך איך האָב גע־מאַכט פֿון זײַן שטאַל, וועט ער זיכער אָנהענגען אַ שלאָס אויף דער טיר, — אויף דער טיר פֿון מײַן אומשטערבלעכקייט, און — אויס קונסט! זייער פֿאָרזיכטיק האָב איך צוגעשפּאַרט די טיר הינטער זיך און האָב זיך אַרומגעקוקט. אַלצדינג אין דער וועלט איז געבליבן פּונקט אַזוי ווי מיט אַ שעה צוריק. פּונקט ווי פֿריִער איז געשטאַ־נען דער קאַשטאַן־בוים; פּונקט אַזוי זענען אַרומגעגאַנגען די פֿוילע איבערגעפֿרעסענע הינער, און פּונקט אַזוי שטאָלץ ווי פֿריִער האָט פֿאַראַדירט דער קאָלירטער האָן. ווי נאָר ער האָט מיך דערזען מיט די „וויעדאָמאָסטי", האָט ער אַ שפּרונג געטאָן אויף דעם פּאַרקאַן, פֿאַרמאַכט די רונדע געפֿילדאָזע אויגן זײַנע און אויסגעשריען צו די הינער, צו דעם באַלעבאָס, צו דער גאַנצער וועלט: „קו־קו־רע־קו!".

דאָס איז געווען די ערשטע קריטיק, וואָס איך האָב געהערט. איך האָב זי, ווי דער שטייגער איז, נישט פֿאַרשטאַנען; אָבער לויט דעם אויסדרוק פֿון דעם קריטיקערס פּנים, האָב איך אָנגענומען. אַז זי איז אַ גינסטיקע.

אויף מאָרגן האָב איך זיך ווידער אַרײַנגעגנבעט אין מײַן דיכטער־קאַבינעט. ווידער האָט דאָ געשמעקט מיט האָלץ, מיט וואַלד, פֿרײַהייט און פּאָעזיע. איך האָב איבערגעלייענט מײַן נעכטיקע שאַפֿונג, דערוואַרטנדיק צו געפֿינען בײַ זיך אין האַרצן די זעלבע געפֿילן, דעם זעלבן „הייליקן" ציטער, וואָס איך האָב איבערגעלעבט נעכטן. קיין ציטער האָב איך נישט דערפֿילט. פֿאַרקערט: אַן אינערלעכע שטימע, דער געפֿיל פֿון זעלבסט־קריטיק, האָט זייער קלאָר מיר געלאָזט וויסן, אַז מײַן נעכטיקע שאַפֿונג טויג נישט, קיין איין וואָכנבלאַט אָדער מאַנאַטשריפֿט וועט נישט אָפּדרוקן די דאָזיקע מעשהלע מײַנע — און דאָס איז דאָך געווען די הויפּטזאַך, צו זען דאָס ווערק אָפּגעדרוקט אין אַ רוסישן זשורנאַל.

אָבער אַראָפּגעפֿאַלן ביי זיך בין איך נישט. די דערציילונג טויג נישט — וועל איך אָנשרײַבן אַן אַנדערע!

ווידער זיץ איך אויף מײַן דיכטער־שטול, אויף דעם בעריאָזעווען קלאָץ, און איך שרײַב איין שמאָל בלעטל „וויעדאָמאָסטי" נאָך אַ צווייטן. דאָס מאָל שרײַב איך וועגן אַ ים־קאַפּיטאַן, און אַזוי אויך רופֿט זיך מײַן נײַע שאַפֿונג: „די דערציילונג פֿון אַ קאַפּיטאַן".

וואָס ווייס איך וועגן קאַפּיטאַנען? ווי קומט אין ביאַליסטאָק אַ ים־קאַפּיטאַן? וואָס האָט ער דאָס אַזוינס דערציילט, אַז איך דאַרף דאָס באַשרײַבן און באַריכטן וועגן דעם דער וועלט?

די געשיכטע שפּילט זיך אָפּ אויף אַ גרויסער ענגלישער שיף. דער קאַפּיטאַן דערציילט וועגן עפּעס אַ יונגענמאַן, וואָס האָט דרײַ מאָל אים געראַטעוועט דאָס לעבן, נישט געוואָלט זאָגן ווער ער איז און איז באַלד פֿאַרשוואונדן. דער קאַפּיטאַן האָט געהאַט אַ פֿאַרדאַכט, אַז דאָס איז נישט קיין מענטש, נאָר אַ גײַסט, געשפּענסט, און ווען ער האָט איינמאָל ווידער אים דערזען, האָט דער קאַפּיטאַן אַרויסגעכאַפּט אַ רעוואָלווער און אויסגעשאָסן. „אין דעם מאָמענט", דערציילט דער העלד פֿון מײַן שאַפֿונג, „ווען איך האָב אויסגעשאָסן, בין איך

אַרונטערגעפּאַלן אַ באַגאָסענער מיט בלוט. די דאָקטוירים האָבן מיך קוים אָפּגעראַטעוועט".

צו דער צײַט האָט אין מאָסקווע עקזיסטירט אַ זשורנאַל פֿאַר יונגוואַרג, „וואָקרוג סוועטאַ" (אַרום דער וועלט). האָב איך אין יענעם זשורנאַל צוגעשיקט מײַן דערציילונג. נאָר אַזוי ווי איך האָב גע-הערט, אַז שרײַבער טראַכטן אויס עפּעס אַ פּסעוודאָנים, אַ פּען־נאָמען, האָב איך אונטערגעשריבן מײַן דערציילונג מיט אַ פּסעוו־דאָנים: „נאַמלערעפּאַ", וואָס ווען מען לייענט עס אויף צוריק, איז דאָס נישט מער ווי מײַן כשרער פֿאַמיליען־נאָמען: אַ. פּערלמאַן. אָוועקגעשיקט און אָנגעפֿאַנגען וואַרטן אויף אַ רעזולטאַט.

איינמאָל, בלעטערנדיק אַ נאָר־וואָס אָנגעקומענעם נומער, האָב איך דערזען אין דער אָפּטיילונג „בריוווקאַסטן" די פֿאָלגענדע שורות:

„נאַמלערעפּאַ! עס איז אומבאַקוועם צו האָבן צו טאָן מיט פֿאַר־מאַסקירטע מענטשן. פּסעוודאָנימען זענען פֿאַרן פּובליקום. די רע־דאַקציע אָבער, מוז, לויטן געזעץ, וויסן דעם נאָמען און דעם אַדרעס פֿון אַלע אירע מיטאַרבעטער, אַפֿילו צופֿעליקע".

דאָס מיינט מען דאָך מיך! דאָס בין איך דאָך דער פֿאַרמאַס־קירטער! דאָס כאַפּ איך דאָך אַ מפּלה פֿאַר פּרוּוון באַהאַלטן זיך פֿון דעם רוסישן געזעץ. איידער מען האָט נאָך אָפּגעדרוקט, האָב איך שוין פֿאַרשמוצט מײַן גוטן נאָמען, — דעם נאָמען, וואָס איך האָב זיך נאָך נישט געמאַכט און וועלכן איך וועל זיך שוין קיינמאָל נישט קאָנען מאַכן! אין מאָסקווע קען מען מיך שוין, אין די ליטעראַרישע קרײַזן רעדט מען שוין וועגן מיר, דעם פֿאַרמאַסקירטן! אַ גרויסע זאַך זיך אָנצושטויסן, ווער דער איטאַליענישער אָדער כינעזישער „נאַמלערעפּאַ" איז דאָס!

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך זיך שוין באַרואיקט, און גע־שריבן אַ קאַרטל קיין מאָסקווע: ליבע רעדאַקציע! דער אמתער נאָמען פֿון „נאַמלערעפּאַ" איז אַזוי און אַזוי.

זיי האָבן מיר נישט געענטפֿערט. יעדע וואָך האָט מײַן פֿרײַנד מאָיסעי טרילינג, דער זון פֿון העלענאַ טרילינג, געקראָגן צוגעשיקט אַ נײַעם נומער פֿון דעם „וואָקרוג סוועטאַ". יעדע וואָך האָב איך אים געעפֿנט מיט אַ ציטער אין האַרצן, און געוואָרפֿן זיך צו דער לעצטער

זייט, צום „בריוקאָסטן״. גאָרנישט! אַ שווייג! מען וויל מיך נישט קענען.

איינמאָל, ווען איך בין ווידער געקומען צו מאַיסעי טרילינג, האָט ער מיך באַגריסט מיט אַ פֿאַרוואונדערטן פּנים:

— וואָס איז דאָס? האָסטו אָנגעשריבן אין דעם זשורנאָל די דערציילונג פֿון אַ קאַפּיטאַן, אָדער איז עס אַן אַנדערער? ווײַל דײַן נאָמען שטייט אונטערגעשריבן.

יאָ, די דערציילונג איז געווען אָפּגעדרוקט. איך האָב זי דורכ־געלייענט צוערשט מיט מאַיסעין, דערנאָך מיט זײַן ברודער נאָום, דערנאָך פֿאַר זיך, דערנאָך אויפֿן קול פֿאַר דער מאַמע און דער גאַנצער משפּחה, (מײַן שוועסטער אַנאַ האָט געזאָגט, אַז זי פֿאַרשטייט קיין וואָרט נישט), און גאָר צום סוף, שוין שפּעט אין דער נאַכט, ווידער צו זיך אַליין.

— ניין, — דאָ קאָן נישט זײַן קיין שום צווייפֿל: די דערציי־לונג איז טאַקע אָפּגעדרוקט!

איך בין געוואָרן באַרימט איבער נאַכט! נעכטן נאָך עפּעס אַ כינעזער, אַ נאָמלערפּאַ, און הײַנט — אַ וועלט־באַוואוסטער מאָס־קווער שרײַבער. אַזוי ווייניקסטנס האָב איך דאָס זיך פֿאָרגעשטעלט. אַ שרײַבער, אַ גרויסער מענטש! און קיווע באַראַש ווייס און דער ביבליאָטעקאַר קאַגאַן און דער אַפּטייקער רובינשטיין און דער הינ־קענדיקער, נעבאַך, דאָקטאָר באַמאַש — אַלע ווייסן, די גאַנצע שטאָט רעדט פֿון מײַן דערציילונג און באַוואונדערט זי. און אַנאַ — די נאַ־רישע מויד! — זי האָט אַ חוצפּה צו זאָגן, אַז זי פֿאַרשטייט קיין איין וואָרט נישט! און דאָס איז מײַן שוועסטער! וואָס פֿאַרשטייט זי?!

מעגלעך, אַז קיווע באַמאַש און דאָקטאָר באַמאַש האָבן טאַקע נישט געוואוסט פֿון דער ליטעראַרישער סענסאַציע, וואָס האָט גע-בושעוועט אַרום זיי. אָבער אין רעאַל שולע האָט מען זיכער געוואוסט. איך האָב דערוואָרט, אַז מײַנע חברים וועלן זיך וואונדערן.

אָבער ניין, זיי האָבן עס גענומען רואיק, געווען צופֿרידן. „איז עס געווען שווער אויסצוטראַכטן דעם קאַפּיטאַן?״; „און ווער האָט דיר אויסגעשטעלט די „זנאַקי פּרעפּינאַניאַ״ (פּונקטואַציע)? דו אַליין, אָדער מען האָט עס שוין געטאָן אין מאָסקווע?״

— אייגנטלעך דדדאַרף די ררראַל שולע דדדיר גע־געבן אַן אויסצייכענונג פֿאַר דדדעם וואָס דדדו שרײַבסט, — האָט געזאָגט צו מיר פֿרידריך קירשקע, אַ זאַ‎יִקע, געבאַך, — דדדי לערערס וועלן דדדאָס זיכער טטטאָן.

דער געדאַנק איז מיר געפֿעלן געוואָרן. טאַקע, עפּעס מוז געטאָן ווערן! וויפֿיל רוסישע שרײַבערס האָט דאָס די רעאַל שולע? און וויפֿיל זענען דאָס פֿאַראַן אינגאַנצן אין ביאַליסטאָק? אין גראָדנע וואוינט די באַוואוסטע פּוילישע שרײַבערין עליזאַ אָרזשעשקאָ, — נו, איז דאָך דאָס גראָדנע, אָבער אין ביאַליסטאָק...

איך האָב זיך באַראַטן מיט מײַן ייִנגערן ברודער יאַקאָב סאָלאָ־מאָן. צו דער צײַט איז ער שוין געווען אַ שילער פֿון יאָפּעס „יעור־רעיסקאָיע נאַטשאַלנאָיע אוטשילישטשע“ (ייִדישע אָנפֿאַנגס־שולע). יאַקאָב איז געווען אַ שטילער, ווייניק רעדנדיקער ייִנגל, ניט קיין טרוימער, אַ רעאַליסט, אַ ניכטערע קאָפּ.

— דאָס וואָס דער זשורנאַל האָט אָפּגעדרוקט דײַנע אַ מעשהלע מיינט נאָך ווייניק, — האָט ער געטענהט. — מ׳דאַרף האָבן 25 אָפּ־געדרוקטע דערציילונגען, דעמאָלט ווערט מען אַ שרײַבער, נישט פֿריִער. קיין מעדאַל וועט מען דיר זיכער נישט געבן, נאָר אַ בוך פֿון פּושקין אָדער לערמאַנטאָוון — אפשר יאָ.

זאָל זײַן פּושקינס בוך. אויך נישט שלעכט. אָבער ווען וועט דאָס זײַן? ס׳איז דאָך שוין צײַט.

אין מיטן פֿון דער „רוסישער שטונדע“, ווען דער לערער קראַס־ניאַנסקי האָט געהאַלטן זײַן לעקציע, האָט זיך געעפֿנט די טיר און דער דירעקטאָר וויטע איז אַרײַן אין קלאַס. דאָס איז געווען אַ זעלטנ־הייט: קיינמאָל האָט ער, אָדער עמיצער אַנדערש ניט איבערגעשלאָגן אַ לעקציע. — מסתמא עפּעס זייער וויכטיקעס האָט פּאַסירט.

מיר זענען געשטאַנען און געוואַרט. דער דירעקטאָר האָט גע־הייסן אונז זיצן, דערנאָך אויסגערופֿן מײַן נאָמען. אַלע אויגן האָבן זיך געווענדט צו מיר. אַהאַ, אָט קומט עס! אָבער איך זע נישט קיין בוך אין דעם דירעקטאָרס האַנט. וועט עס פֿאָרט זײַן אַ מעדאַל?

אין אַ הויכער, קלאָרער שטימע, כדי יעדער איינער זאָל דאָס קאָנען הערן, האָט דער דירעקטאָר געהאַלטן פֿאַר דעם גאַנצן קלאַס,

און פֿאַר מיר בפֿרט, די פֿאָלגענדע רעדע. איך געדענק זי וואָרט ביי וואָרט.

— פֿערלמאַן אָסיפּ, דער ראַט פֿון די לערערס האָט געהאַלטן אַ ספּעציעלע באַראַטונג וועגן אייך. נעמענדיק אין באַטראַכט אייער פֿריערדיקע גוטע באַנעמונג, האָט דער ראַט באַשלאָסן נישט אַרויסצוטרייבן אייך פֿון דער רעאַל שולע און געבן אייך די מעג־לעכקייט צו פֿאַרענדיקן אייער בילדונג. איר זייט אויך באַפֿרייט פֿון וועלכער עס איז אַנדערע שטראָף.

איך האָב געטראַכט, אַז דאָ איז עפּעס אַ מיספֿאַרשטענדעניס און איבערגעהאַקט דעם דירעקטאָר:

— וואָס פֿאַר אַ שטראָף? וואָס האָב איך אַזוינס געטאָן?

— שלאָגט מיר נישט איבער! — האָט דער דירעקטאָר זיך אָפּ־גערופֿן, אָבער גאָרנישט בייז. וואַרשיינלעך האָט ער טאַקע געזען, אַז איך פֿאַרשטיי נישט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און ער האָט מיר דערקלערט:

— איך רעד פֿון אייער שרייבן אין דעם זשורנאַל. דאָס טאָרט איר נישט טאָן. אַן אַנדערש מאָל, איידער איר ווילט עפּעס אָפּדרוקן, דאַרפֿט איר עס ווייזן מיר. האָט איר פֿאַרשטאַנען?

— יאָ, הער דירעקטאָר!

באַלד נאָכדעם ווי דער דירעקטאָר האָט פֿאַרלאָזן דעם קלאַס, און דער אוראָק האָט זיך פֿאַרענדיקט, איז צוגעקומען צו מיר אַ שילער, מיט וועלכן איך האָב פֿריער זייער ווייניק זיך געחברט, דאָס איז געווען יורי ראָמאַנטשוק, אַ בחור פֿון מיין וואוקס, אַ רויטער, אַ דאַרער, מיט אַן איינגעפֿאַלענער ברוסט און הויך אויפֿגעריסענע פּלייצעס. דער ערשטער איינדרוק, וואָס ער האָט געמאַכט אויף יעדן איינעם, איז געווען: „וואָס פֿאַר אַן אומגעלומפּערטע באַשעפֿעניש!" ביים גיין האָט ער די פֿיס געשטעלט מיט די שפּיצן אַריין צו זיך, אַזוי ווי עס גייט אַ בער. זיינע הענט זענען געווען קנאָכעדיק קרעפּ־טיק; ער האָט זיי געהאַלטן אין אַ קולאַק, אַזוי ווי אָט־אָט גייט ער זיך שלאָגן. די הויט פֿון זיין פּנים איז געווען רויטלעך און באַדעקט געדיכט מיט זומער־שפּרענקלעך. די באַקן־ביינער זענען געווען הויך, לעבן די סאַמע אויגן, און געמאַכט אים ענלעך צו אַ באַשקיר אָדער

אַ טאַטער. צו דעם אַלעמען האָט די נאַטור, אָדער גיכער זײַן טאַטע, דער איזוואָזטשיק (פֿורמאַן) באַשאָנקען אים מיט אַ הייזעריקער, סקריפּנדיקער שטימע, וואָס האָט אים געמאַכט נאָך ווייניקער צו־ציענד.

ווען דעם, אַז יוריס טאַטע איז אַן איינפֿאַכער איזוואָשטשיק, האָבן מיר, ייִנגלעך, שוין לאַנג זיך געשושקעט. מיר פֿלעגן זען זײַן טאַטן שטיין מיט זײַן דראָשקע לעבן ווילבושעוויטשעס אַפּטייק, אין צענטער פֿון שטאָט, צוזאַמען מיט אַנדערע איזוואָזטשיקעס. דער טאַטע איז אויך געווען אַ רויטער, מיט אַ רויטלעכן, אָפּגעפֿראָרענעם פּנים, מיט הויכע אַרויסגערוקטע באַקן־ביינער און מיט אַ הייזעריק־סקריפּנדיקער שטימע. אָבער נאָכדעם ווי זײַן „קדיש", דער איינציקער זון זײַנער, יורי, איז געוואָרן אַ „רעאַליסט" (שילער פֿון דער רעאַל־שולע), איז דער טאַטע פֿאַרשוואונדן. מער האָט מען אים בײַ דער אַפּטייק נישט געזען. פֿאַרשטייט זיך, — האָבן די שילער צווישן זיך גערעדט, — אַזוי דאַרף דאָס זײַן: „עס פּאַסט דאָך נישט, אַז ווען דער זון איז אַ „רעאַליסט", זאָל דער טאַטע בלײַבן אַן „איז־וואָזטשיק". אינגיכן האָבן מיר אויסגעפֿונען, אַז ראָמאַנטשוקס טאַטע איז פֿאַרט פֿאַרבליבן בײַ זײַן מלאכה, אָבער איצט שטייט ער נישט בײַ דער אַפּטייק, נאָר בײַם וואָקזאַל.

— ווען דו וואָלסט נישט געווען קיין ייִד, — האָט יורי ראָמאַנ־טשוק צו מיר געזאָגט, — וואָלט מען דיך זיכער אויסגעשלאָסן פֿון דער רעאַל־שולע. דערפֿאַר איז עס בעסער פֿאַר מיר, אַז איך, צום בײַשפּיל, זאָל נישט שרײַבן.

— דו, שרײַבן, יורי? — האָב איך זיך דערפֿרייט צו האָבן גע־פֿונען אַ קאָלעגע.

— איך וויל אַפֿילו נישט פּרובירן דאָס צו טאָן — האָט ער זיך אָפּגערופֿן. — זיי זוכן דאָך נאָר אַ תירוץ צו פֿאַרטרײַבן מיך פֿון דער שולע.

— פֿאַרוואָס עפּעס דיך פֿאַרטרײַבן? — האָב איך זיך גע־וואונדערט.

— ווײַל איך בין קיין ייִד נישט. ייִדן איז גוט: זיי זענען מיעש־טשאַנעס (קליינבירגער) און איך בין אײַנגעשריבן אין פּאַספּאָרט

„קרעסטיאַנין" (פויער, ערד־אַרבעטער). ווילן זיי דערפֿאַר פּטור ווערן פֿון מיר.

— דײַן טאַטע איז נישט קיין פּויער — האָב איך פֿאַרזיכטיק געזאָגט.

— ער איז אַן איזוואָזטשיק. מיר האָבן געמוזט פֿאַרלאָזן דאָס פֿעלד, די ערד גיט נישט קיין תבואה, איבערגעברענט געוואָרן. די נאַטשטאַלסטוואָ (רעגירונגס־באַאַמטע) אין פּעטערבורג וויל נישט, אַז זין פֿון פּויערים זאָלן זײַן געבילדעט.

— וואָס מער געבילדעט, איז דאָך בעסער!

— יאָ, פֿאַר ייִדן. אָבער מיר, די פּויערים,— זאָגט נאַטשאַלסטוואָ, אויב מיר וועלן זײַן געבילדעט, וועלן מיר באַלד אָנהייבן זיך צו בונטעווען.

— בונטעווען?

— מיר דאַרפֿן האָבן ערד. אַ פּויער קאָן נישט לעבן אָן ערד, אָן פֿעלד. ווילן זיי אָבער קיין פֿעלד אונז נישט געבן.

— וואָס הייסט זיי ווילן נישט? עס זענען דאָך דאָ אַ סך פֿעלדער!

— זיי ווילן נישט! איז אַזוי: קיין פֿעלד נישט און קיין בילדונג אויך נישט. טאָ וואָס בלײַבט? ווערן אַן איזוואָזטשיק, אַזוי ווי מײַן טאַטע איז. נו, און וואָס קאָן מען שוין דאָ פֿאַרדינען שטייענדיק בײַם וואָקזאַל?

— בײַ דער אַפּטייק איז געווען בעסער?

— אַוודאי איז געווען בעסער — האָט יורי ווײַטער גערעדט מיט זײַן הייזעריק־סקריפּנדיקער שטימע. — נאָר דער טאַטע זאָגט, אַז ער טאָר זיך נישט וואַרפֿן אין די אויגן, אַנישט — זאָגט ער — וועט מען זיכער וועלן מיך פֿאַרטרײַבן. די צרה אָבער איז, אַז בײַם וואָקזאַל קאָן ער שטיין נאָר בײַנאַכט, ווײַל בײַטאָג שטייט אויף דעם פּלאַץ אַן אַנדערער, וואָס עס איז זײַן פּלאַץ שוין צוועלף יאָר. דאַרף דער טאַטע אויפֿשטיין פֿרי אין אָוונט און לייגן זיך שלאָפֿן שפּעט אין מאָרגן. און געבן עסן דעם פֿערדל קאָן איך נישט, ווײַל איך דאַרף דאָך שוין לויפֿן אין די „אוטשילישטשע", טוט דאָס די מאַמע. און די מאַמע איז שוואַנגער, טאָר זי דאָס נישט טאָן. איז איינס פֿון די בײדע: אָדער מײַן שוועסטער זאָל חתונה האָבן מיט דעם אָקאָלאָ־

דאָטשניק אויב זײַן װײַב שטאַרבט, אָדער איך זאָל װערן אַן אינ־זשינער.

— װער דו בעסער אַן אינזשינער, — האָב איך געגעבן מײַן אויפריכטיקע עצה, — דאָס איז דאָס בעסטע.

— אוודאי װאָלט דאָס געװען דאָס בעסטע. לאָזן זיי מיך אָבער נישט.

— װער לאָזט דיך נישט?

— װער? דער אינספּעקטאָר פּאַװלאָװסקי! װי גוט איך זאָל נית ענטפערן דעם אוראָק, גיט ער מיר אַ „צװײ״ און אַמאָל אַן „איינס״. און דער דײַטשער לערער װעלס דושעט מיך אויך — נאָר „צװייען״ שטעלט ער מיר, דער מערדער. און אויב „צװייען״ לאָזט מען מיך נישט צו צום עקזאַמען און מען פאַרטרײַבט מיך אינגאַנצן. פאַר אַ פּויער פּיר קלאַסן רעאַל-שולע איז מער װי גענוג — זאָגן זיי. װי־זשע קום איך צו װערן אַן אינזשענער?

— װאָס־זשע טראַכסטו צו טאָן?

— דיך האָט מען שיר נישט אַרויסגעטריבן פון דער „אוטשי־לישטשע״, װייסטו דעם טעם פון דעם. אַנדערע קאָנען דאָס נישט פאַרשטיין. דערפאַר רעד איך צו קיינעם נישט, נאָר צו דיר. מיר ביידע שטעקן אין דעם זעלבן לאָך, אַסיפּ טײַערינקער.

איך האָב אים געװאָלט דערקלערן, אַז מיר שטעקן נישט אין דעם זעלבן לאָך, נאָר איך האָב פאַרשװיגן. אפשר פילט ער זיך גרינגער אַזוי.

— איך מוז קריגן פאַר „יעסטעסטװעננאַי היסטאָריי״ (נאַטורװיסנ־שאַפט) כאָטש איינמאָל אַ „פינף״ — האָט ער װײַטער גערעדט. דעמאָלט װעט אויסמאַכן פאַר דער „טשעטװערט״ (פערטל־יאָר) אַ „דרײַ״, און אַ „דרײַ״ איז שוין גוט. װעט מען מיך צולאָזן צום עק־זאַמען און איך קאָן װײַטער לערנען זיך, קריגן אַ דיפּלאָם און דאָז אָװעקפאָרן קיין פּעטערבורג שטודירן. דעמאָלט זענען מיר אַלע געראַטעװעט.

— װעט דיר פּאַװלאָװסקי געבן אַ „פינף״? — האָב איך גע־פרעגט, זײַענדיק זייער סקעפּטיש װעגן דעם.

ווער ווייס ? דערוויַיל רופט ער מיך נישט אַרויס און לאָזט מיך זיצן מיט מײַנע 2 פֿריַערדיקע „צווייען".

מיך האָט ער אויך נאָך נישט אַרויסגערופֿן ; איך האָב איבער־הויפּט נאָך קיין „אַטמעטקע" נישט.

— דו וועסט שוין ווידער קריגן דײַן „פֿינף", דו ביסט אַ ייִד. וואָס מען קאָן טאָן ? ס'איז אַ געפֿערלעכע זאַך, זייער אַ געפֿערלעכע. מען דאַרף האָבן מוט צו דעם.

— וואָס איז עס אַזוינס ?

— פֿאַר אַזאַ זאַך, אויב מען טוט עס, פֿליט מען אַרויס פֿון דער שולע מיט אַ „וואָלטשי בילעט" (אַ וואָלפֿס דאָקומענט, וואָס נעמט אַוועק די מעגלעכקייט אַריינצוטרעטן אין וועלכער עס איז אַנדער שולע). מיט אַ יאָר צען צוריק, האָט עמיצער דאָס געטאָן. נאָוויקאָוו איז געווען זיין נאָמען.

— דו מיינסט אַרויסגנבענען דעם קלאַס־זשורנאַל ? — האָב איך זיך אָנגעשטויסן.

— נישט אַרויסגנבענען. מען דאַרף אַרײַנשרײַבן אין דעם זשור־נאַל די ציפֿער פֿינף — אין פֿאַוולאָווסקיס האַנטשריפֿט. קאָנסטו נאָכמאַכן זײַן האַנטשריפֿט אויך ?

אויס שטיפֿערײַ האָבן די שילער געפּרוווט נאָכצומאַכן די האַנט־שריפֿטן פֿון אונזערע לערער. איך האָב אויך פּרובירט.

— אַנו, ווײַז נאָר ווי עס זעט אויס, — האָט יורי פֿאָרגעשלאָגן. איך האָב אָנגעשריבן אַ פֿינף, אַ צוויי . . .

— נישט שלעכט, — האָט ער געזאָגט. — ווען דו וואָלסט אַרײַנ־געשריבן אַזאַ פֿינף אין זשורנאַל, וואָלט איך דאָך געווען געראַטעוועט.

— ווי אַזוי ? דער זשורנאַל איז דאָך פֿאַרמאַכט אין דער שאַפֿע, און דער זאַל איז אויך צוגעשלאָסן, — האָב איך געזאָגט.

— יאָ, דער אַקט־זאַל איז צוגעשלאָסן און דער שליסל ליגט בײַ דעם וועכטער דאַנילאָ אין דער „שינעלנע" (גאַרדעראָב-צימער, וואו די שילער טוען אויס זייערע שינעלן). ווען דאַנילאָ גייט אַמאָל אַוועק, קאָן מען נעמען דעם שליסל און דערנאָך צוריקלייגן. דער קליינער שליסל פֿון דער שאַפֿע, וואו די זשורנאַלן געפֿינען זיך, ליגט אויף דער שאַפֿע, פֿון אויבן. איך האָב אַלצדינג אויסגעפֿונען.

— מ׳מוז נאָר אויסגעפינען דעם ריכטיקן מאָמענט. איך זאָג דיר, עס גייט מיר אין לעבן. אַ רחמנות אויף דעם טאַטן, זאָג איך דיר, אָסיפּ, גאָלובטשיק מאָי...

ער האָט אַרויסגעצויגן פון זײַן קעשענע אַ רויטע שמאַטע, וואָס האָט באַדאַרפט זײַן אַ נאָז־טיכל, און זיך אָפּגעווישט די נאָז און די אויגן. איך האָב זיך געפילט זייער אומבאַקוועם, ווײַל מיר בײדע זענען שוין געווען אין דעם עלטער, ווען בחורים האַלטן פאַר אַ שאַנדע צו פאַרגיסן טרערן.

יורי האָט ווײַטער גערעדט:

דו מיינסט ס׳איז אַזוי גרינג צו זיצן די גאַנצע נאַכט אויף די קאָזלעס און וואַרטן אויף אַ פּאַסאַזשיר? פאַרזוך, ווּעסטו זען. און פאַר דעם פערדל איז עס אויך שווער. דאָס פערדל איז שוין באַלד דרײַצן יאָר אַלט.

און ווידער האָט ער אָנגעפאַנגען צו כליפּען.

— דיר איז גוט, אָסיפּ, ווײַל דו ביסט אַ ייִד. ייִדן האָבן אַ גוטן קאָפּ, קענען לערנען, קענען דײַטש און אַריפמעטיק. דאָס נעמט זיך פון דעם, וואָס זיי זענען געוויינט צו ציילן געלט.

— וואָס פאַר אַ געלט־ציילן? די ייִדן, וואָס זענען אָרעם ציילן געלט? וואָס פלאָפּלסטו?

— די רײַכע ציילן איבער וואָס זיי האָבן און די אָרעמע — וואָס זיי זענען שולדיק, — האָט ער געזאָגט אָן שום פאַרזוך צו מאַכן אַ וויץ, — מײַן טאַטע, למשל, האָט נישט קיין חובות, ווײַל ווער וועט אים דען באָרגן? ייִדן אָבער באָרגן איינער דעם צווייטן. איז וואָס וועגן דעם זשורנאַל, האַ? קאָן מען דאָס מאַכן?

— נייק, נײן, נישט איך! האָב איך געענטפערט — לאָז דאָס בעסער אָפּ.

— האָסט מורא, וואָס? ייִדן האָבן שטענדיק מורא!

— וואָס מורא, ווער מורא! איך האָב פאַר קיין זאַך נישט קיין מורא. אָבער דאָס גראַד איז קיין פלאַן נישט. נײן ראָמאַנטשוק! שלאָג זיך דײַן פלאַן אַרויס פון קאָפּ.

— און לאָזן דעם טאַטן אויסגעריין, ער זאָל כאַפּן אַ פאַרקילונג און שטאַרבן פון לונגען־אָנטצינדונג? אָ, דאָס ווילסטו?

מיר זענען זיך צוגאַנגען. אין די פֿאָלגענדע טעג האָט ער מיך נישט געטשעפּעט, נישט גערעדט צו מיר. נאָר איינמאָל, אין דער צײַט פֿון „גרויסער פּערעמענע" (אַ האַלבע שעה פּאַוזע אַרום צוועלף אַזייגער) איז ער צוגעקומען צו מיר:

— דערצייל קיינעם נישט וועגן דעם וואָס מיר האָבן גערעדט, און וועגן מײַן טאַטן אויך נישט.

— הממ... — האָב איך זיך אָפּגערופֿן, אַרײַנבײַסנדיק די ציין אין דער בולקע, וואָס די מאַמע האָט מיר מיטגעגעבן.

— מיט וואָס איז די בולקע? — האָט יורי פּלוצים מיך געפֿרעגט.

— מיט אײַנגעמאַכטס, געפּרעגלטע אַגרעסן, — האָב איך גע־ענטפֿערט.

— שמעקט גוט?

— הממ... און נאָך ווי!

— קאָן איך האָבן אַ ביסן? — האָט ער שטיל אַרויסגערעדט.

כאָטש יעדער אָדער אין מיר האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס איך האָב געטאָן, האָב איך עס פֿאָרט געטאָן: גענומען די אונ־טערשטע העלפֿט פֿון דער בולקע, וואָס איז געווען נישט אַזוי גע־שמאַק, און אָוועקגעגעבן ראָמאַנטשוקן. ער האָט נישט באַדאַנקט. זײַנע לאַנגע געלע, אַביסל פֿערדישע ציין האָבן זיך זשעדנע אַרײַנ־געביסן אין דער סאַמע טיפֿעניש פֿון מײַן בולקע. דערנאָך, האַלטנדיק נאָך אין קײַען, האָט ער זיך ערקונדיקט:

— און וואָס וועסטו האָבן מאָרגן? אויך מיט אײַנגעמאַכטס?

— ניין, מאָרגן וועט וואַרשײַנלעך זײַן מיט קעז.

— קעז שמעקט גוט, — האָט ער צוגעשטימט.

אויף מאָרגן, ווי נאָר עס האָט געקלונגען דער גלאָק פֿאַר דער גרויסער פּאַוזע, בין איך אַרויסגעלאָפֿן פֿון קלאַס, די באַשמירטע בולקע אין קעשענע, און זיך געלאָזט אין גאָרטן. דאָרט, הינטער די נאַקעטע קוסטעס פֿון בעז, האָב איך זיך גענומען צו מײַן אָנבײַסן. ס'איז געווען קאַלט, דער ווינט האָט געבלאָזן אין מויל אַרײַן, אָבער דאָ בין איך געווען זיכער מיט מײַן בולקע. פֿאַרענדיקט דעם אָנבײַסן, האָב איך זיך צוריקגעקערט אין קלאַס און האָב זיך אויסגעהיט נישט צו טרעפֿן זיך מיט יורין.

אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען עטלעכע טעג אָן שום שטערונגען. אָבער קיין סך פֿרייד פֿון מײַן פֿרישטיק האָב איך איצט נישט גע־האַט. אמת, מײַן מאָגן איז געווען אומשולדיק, אָבער נישט מײַן גע־וויסן, און דאָס האָט אָוועקגענומען די זיסקייט פֿון דער אײַנגעמאַכטס, די פֿרישקייט פֿון דער פּוטער, די געשמאַקע זויערקייט פֿון דעם קעז. עס איז געבליבן נאָר דער פּראַצעס פֿון עסן. איך האָב געקײַט און געטראַכט וועגן יורין: אָט כאַפּט ער מיך, אָט נעמט ער אַוועק פֿון מיר מײַן בולקע, מײַן אייגענע בולקע! פֿאַרוואָס קומט עס אים? דערפֿאַר וואָס ער איז הונגעריק? איז דאָס אַ תירוץ? אמת, ווי אָרעם מײַן מאַמע זאָל נישט געווען זײַן — און איצט גייט עס אונז בעסער — איז ער נאָך אָרעמער. ער גייט אַרום אַ הונגעריקער, קאָן נישט מיטברענגען קיין פֿרישטיק פֿון דערהיים, בעט ער בײַ מיר. און איך לויף אַוועק, באַהאַלט זיך און שלינג אַרונטער די בולקע, זײַן העלפֿט אויך. שעם איך זיך גאָרנישט? וואָס טראַכט ער איצט וועגן מיר?

— פֿאַרוואָס עסטו דאָ, אונטערן בוים? האָב איך דערהערט ראַמאַנטשוקס שטימע — דאָ איז דאָך קאַלט.

— איך האָב ליב צו עסן, ווען עס איז קאַלט, — האָב איך זיך אָפּגערופֿן.

לאַכט ער דאָס איצט פֿון מיר? מאַכט ער חוזק פֿון מיר? ניין, ער איז געווען ערנסט און — גאַנץ הונגעריק מסתמא.

ווילסטו אַ שטיקל? — שלאָג איך אים פֿאָר.

און דאָ קומט פֿאָר עפּעס אַזוינס, וואָס איך האָב נישט דערוואַרט און צוליב וואָס איך ווער פֿאַרשעמט מער ווי ווען עס איז פֿריִער. יורי שאָקלט מיטן קאָפּ אויף „ניין", שאָקלט גאַנץ פֿעסט, זיכער, פֿאַ־זיטיוו, און אין דער זעלביקער צײַט שטרעקט זיך אויס זײַן דאַרע האַנט מיט קנאָכיקע פֿינגער און וואַרט אויף דאָס שטיקל ברויט. ווּעמען זאָל איך גלויבן — זײַן קאָפּ, וואָס זאָגט „ניין", אָדער דער הונגעריקער האַנט, וואָס זאָגט שוויַיגנדיק „יאָ"? איך האָב געגלויבט דער האַנט — זי איז געווען נענטער צו זײַן מאָגן.

אָבער פֿון דעם טאָג אָן האָט ער נישט געבעטן געבן אים עסן, און איך פֿון מײַן זײַט האָב נישט געהאַט דאָס האַרץ צו קומען צו אים.

ס'איז געווען אַ קאַלטער ווינטערדיקער נאָכמיטאָג. איך בין צוריקגעקומען פֿון דער שולע אַהיים, און געזעסן אין קליינעם צימער פּאַרטיפּט אין דעם בוך פֿון נאַטור־געשיכטע, ווײַל פּאַוולאָווסקי האָט מיך נאָך אַלץ נישט געהאַט אַרויסגערופֿן און ווערט מיך זיכער אויפֿרופֿן מאָרגן.

— עס ברענט! ס'איז אַ פֿײַער לעבן דער רעאַל־שולע! — איז פּלוצים אַרײַנגעלאָפֿן אין צימער מײַן ברודער הערמאַן, געכאַפּט זײַן „שינעל" (פֿאַרמענעם איבערציער) און אַרויסגעלאָפֿן. איך האָב זיך אויך געלאָזט לויפֿן. אויף דער גאַס האָב איך זיך געטראָפֿן מיט אַנדערע שילער. אייניקע פֿון זיי האָבן אויסגעדריקט די זיסע האָפֿענונג, אַז די רעאַל־שולע ווערט אַוועק מיט דעם פֿייער. אַנדערע אָבער זענען געווען קעגן דעם: זאָל עס בעסער פֿאַרקומען שפּעטער, אין פֿרילינג — ווערט מען נישט דאַרפֿן דורכמאַכן קיין עקזאַמענס. אָבער ווען מיר זענען צוגעקומען נענטער, האָבן מיר זיך איבערצײַגט, אַז דער פֿייער איז געווען גאָר ווייט פֿון דער אַלעקסאַנדראָווסקער גאַס, אַנטקעגן דעם פּאָליצמײַסטערס הויז. אַ דיקער שוואַרצער רויך איז געהאַנגען איבער אונזערע קעפּ. עס איז געווען נאָך העל, דערפֿאַר האָבן די פֿלאַמען אויסגעזען בלאַסלעך און וויניקער געפֿערלעך. פֿון הויף האָט זיך געהערט די קרעפּטיקע, זאַפּטיקע, געשמאַקע שטימע פֿון אונזער בראַנדמײַסטער קאַלעכעוויטש. ער איז געווען אַ ריז, מיט שוואַרצע דיקע וואָנצעס, מיט אַ ברוסט ווי אַ פֿאַס. אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַ מאָדנער אוניפֿאָרם, וואָס, דוכט זיך, ער האָט אַליין אויסגעטראַכט. אַ פֿײַער איז פֿאַר אים געווען דאָס זעלבע, וואָס אַ גוטער מאַנאַלאָג איז פֿאַר אַ דראַמאַטישן שוישפּילער. דאָ האָט ער אויפֿגעלעבט, געפֿילט, אַז עס איז זײַן שעה. דאָ, צווישן רויך, פֿלאַמען, וואַסער, ליאַרם און קולות, האָט ער זיך געפֿילט היימיש, כמעט גליקלעך. צו זען און צו הערן ווי דער דאָזיקער גולם קעמפֿט מיט די פֿלאַמען, איז געווען אַן אמתער ספּעקטאַקל. דערפֿאַר האָבן זיך טאַקע אַ סך מענטשן אַזוי געריסן צוצוקומען נענטער. מיר איז געלונגען זיך אַרײַנצוגנבענען אין הויף, וואו די קליינע טוך־פֿאַבריק האָט געהאַלטן אין ברענען. קאַלעכעוויטש האָט דיריגירט זײַנע פֿײַערלײַט אַזוי ווי אַ געניטער דיריגענט אַן אָרקעסטער.

— מער וואָסער! — האָט ער געשריען צו איין טייל פֿײַערלײַט.
— קריכט אויפֿן דאַך! — האָט ער קאָמאַנדעוועט אַ צווייטן טייל.
— האַקט די פֿענצטער!

און דאָס אַלץ איז געווען דיק איבערגעשאָטן מיט עכט רוסישע ווערטלעך, וואָס זענען געווען אַזוי פּעפּערדיק, אַז די כשרע פּראָווינציעלע פֿלאַמען האָבן זיך אויסגעבויגן פֿאַר חרפּה.

פֿון דעם צעגאָסענעם וואָסער איז די ערד אַרום מיר געוואָרן אַלץ מער נאַס. איך האָב זיך אַ קער געטאָן אויף צוריק און האָב זיך אומגעריכט אָנגעשטויסן אויף יורי ראָמאַנטשוק.

— קום! — האָט ער מיר געזאָגט, שרײַענדיק מיר אין אויער אַרײַן.

— וואוהין?

— קום! — האָט ער ווידער געזאָגט.

ער איז געגאַנגען פֿאָרויס, איז אַריבערגעקראָכן איבער אַ צו־בראָכענעם פּאַרקאַן. איך האָב אים נאָכגעפֿאָלגט.

— וואוהין גייען מיר?

— ס'איז בעסער, אַז מ'זאָל אונדז נישט זען אויף דער גאַס צוזאַ־מען. מיט דעם וועג איז אויך נענטער.

— נענטער צו וואָס?

— דאַנילאָ, דער וועכטער, איז אויפֿן פּאָזשאַר (שרפֿה), איך האָב אים נאָר וואָס געזען, קיינער איז אין דער שולע נישטאָ.

איצט האָב איך פֿאַרשטאַנען וואוהין ער פֿירט מיך און וואָס ער וויל פֿון מיר. אָבער איך האָב נישט געפּרוּווט פּראָטעסטירן. איך בין אים שולדיק געווען עפּעס. איצט האָב איך דאָס געדאַרפֿט באַצאָלן.

מיר זענען אַרײַנגעקומען אין דעם הויף פֿון דער רעאַל־שולע נישט דורך דעם וועג, וואָס די שילער האָבן געוויינלעך באַנוצט. אין הויף איז אַלצדינג געווען שטיל. לאַזינסקיס הילצערנע בודקע, וואו ער האָט פֿאַרקויפֿט זײַנע „פּיראָזשנעס" (קייקס) צו די שילער, איז איצט געווען פֿאַרשלאָסן אויף אַ שלאָס. איז די אַריינגאַנג־טיר אויך פֿאַרשלאָסן? דאָס וואָלט געווען דאָס בעסטע, האָב איך געהאָפֿט.

ניין, זי איז געווען אָפּן. אויך די „שינעלנאַיאַ" (גאַרדעראָב־צימער) איז געווען אָפּן. יורי איז אַרײַן אין דאַנילאָס צימער דערבײַ. איך האָב געוואַרט. וואָס וועט זײַן, ווען דער אַלטער וועכטער קומט פּלוצים צוריק פֿון פֿײַער און כאַפּט אונדז? דעמאָלט זענען מיר פֿאַרלאָרענע.

יורי האָט זיך ווידער באַוויזן מיט אַ שליסל אין דער האַנט. מיר זענען אַרויפֿגעלאָפֿן אויפֿן צווייטן עטאַזש. דער לאַנגער פּוסטער קאָרידאָר האָט געגעבן אַ שוואַכן אָפּקלאַנג פֿון אונדזערע האַסטיקע און פֿאַרזיכטיקע טריט. ראַמאַנטשוק איז צוגעגאַנגען צו דעם גרויסן אַקט־זאַל. ער האָט אַרײַנגערוקט דעם שליסל און די טיר איז באַלד געשטאַנען ברייט אָפֿן.

— גיי אַרײַן! — האָט יורי קאָמאַנדירט, — אָבער זײַ פֿאַרזיכטיק: דעם שליסל פֿון דער שאַפֿע וועסטו געפֿינען אויבן פֿון דער לינקער זײַט. אויב עפּעס זאָל פּאַסירן, וועל איך אַ פֿײַף טאָן.

ער איז געבליבן בײַ דער טיר, איין אוג אויף מיר, דאָס צווייטע געווענדט צו דער ברייטער ברויז־פּאָלירטער טרעפּ.

אין וועלכער שאַפֿע ס׳ליגן די אַלע זשורנאַלן האָט געוואוסט יעדער שילער, ווײַל דורך דער האַלב־געעפֿנטער טיר האָבן מיר דאָך געזען ווי די לערער לייגן אַוועק אָדער נעמען אַרויס די קלאַס־זשורנאַלן. די שאַפֿע איז העכער פֿון מיר, קאָן איך דעם שליסל נישט זען, איך קאָן אים אָבער אָנטאַפּן מיט דער האַנט. מײַנע פֿינגער שטויסן זיך אָן אָן עפּעס קאַלטעס, אײַזערנעס — נו, יאָ, דאָס איז ער, דער קליי־נער שליסל, ס׳איז געווען גרינג אים צו געפֿינען, און אויך זייער גרינג צו עפֿענען די שאַפֿע. אָבער איצט גייט עס שוין נישט אַזוי גלאַט. עס זענען דאָך פֿאַראַן אַ סך זשורנאַלן, יעדער קלאַס האָט זײַן דיק, שווער בוך. יעדער לערער ווייס, אויף וועלכער פּאָליצע עס ליגט זיין בוך. אָבער איך ווייס נישט, איך דאַרף זוכן. די אָפֿענע טיר פֿון דער שאַפֿע פֿאַרשטעלט דאָס ליכט, וואָס פֿאַלט דורך די פֿענצטער. צוליב דעם איז שווערער דורכצולייענען די אויפֿשריפֿטן. אָבער — ענדלעך האָב איך אים און איך ווײַז עס פֿון ווײַטן ראַמאַנטשוקן. ער שאָקלט צושטימענד מיט דעם קאָפּ. איך גיי צום טיש, עפֿן דעם זשורנאַל, מיש די בלעטער, זוך. אָט איז עס: „נאַטור־וויסנשאַפֿט".

לינקס, לויטן אַלף־בית, געפֿינען זיך די נעמען פֿון די שילער; רעכטס — זייערע צייכנס, צוואָרפֿן אין פֿאַרשיידענע פֿלעצער. יורי לעבן דער טיר סיגנאַליזירט: אַלצדינג איז אין אָרדענונג, קנאַק מיר אַרײַן דעם „פֿינף".

דורך די פֿענצטער דרינגט אַרײַן דאָס רויטלעכע ליכט פֿון דעם פֿייער. די שויבן־גלעזער ציטערן שטיל.

לעבן דעם גרויסן פּירקאַנטיקן טינטער ליגט אַ פּען. איך נעם זי, טונק אײַן און שטעל קעגן דעם נאָמען „יורי ראָמאַנטשוק" די ציפֿער „פֿינף".

צוריקלייגן דעם זשורנאַל, צושליסן די שאַפֿע, אָוועקלייגן דעם שליסל אויף דעם זעלבן פּלאַץ — דאָס גייט ווי געשמירט. איך לויף אַרויס פֿון דעם זאַל, מיר שפּרינגען אַרונטער די טרעפּ און ציטערן בײַ יעדן טראָט. אָט־ אָט, וועט זיך באַווײַזן דאַנילאָ און וועט אונז פֿרעגן, וואָס מיר טוען דאָ. וואָס קאָנען מיר אים ענטפֿערן?

ס'איז דאָך אַן אומגעהערטע זאַך, אַ סקאַנדאַל, אַן אמתער פֿאַר־ברעכן איז דאָס! און פֿאַרט האָב איך דאָס געטאָן — ריזיקירט מיט מײַן גאַנצער צוקונפֿט, געטאָן דאָס פֿאַר דעם הונגעריקן איזוואָז־טשיקס זון, ווען איך האָב געזשאַלעוועט געבן אַ שטיק בולקע.

ענדלעך לויפֿן מיר אַרויס אין גאָס. דער פּאָזשאַר דויערט נאָך אַלץ. ס'איז געוואָרן טונקל, אין דעם נאַכט־הימל באַווײַזט זיך אַ ראָזיקער פֿלעק, ווייך און צאַרט, ווי אַ שטיק סאָמעט. אָבער דאָ, וואו מיר געפֿינען זיך, איז שטיל, מ'הערט גאָרנישט, אַ חוץ דאָס קלאַפּן פֿון אייגענעם האַרץ. איך קוק אויף יורין — זײַן פּנים איז רויטלעך: דאָס שלאָגט אָפּ אויף אים דער פֿלאַם פֿון דער שרפֿה.

— לאָמיר גיין, — שלאָגט ער פֿאָר — אָבער באַזונדער. בעסער אַז מען זעט אונז נישט צוזאַמען

ערגעץ פֿון ווײַטן האָט אָפּגעקעט אַ הונט. דער רויטער סאַמעטענער פֿלעק הענגט אין נידעריקן הימל, ווי אַ קללה. עס ווייעט אַ קאַלטער ווינט.

אויף מאָרגן רעדן די שילער וועגן דער שרפֿה. איינער האָט דאָס געזען, דער צווייטער האָט דאָס. מיטאָמאָל ווערט שטיל, אַלע גע־שפּרעכן ווערן אָפּגעהאַקט ווי מיט אַ האַק. אין קלאַס קומט אַרײַן

דער אינספּעקטאָר פּאַוולאָווסקי און אונטערן אָרעם — דער זשורנאַל. אַהאַ! דער זשורנאַל! פּאַוולאָווסקי עפֿנט דעם זשורנאַל און זוכט מיט זײַנע שיינע, קאַלט־גרויזאַמע אויגן וועמען אַרויסצורופֿן. אוודאי מיך, טראַכט איך, ווײַל כמעט אַלע האָבן שוין זייערע צייכנס. נאָר אַנשטאָט מײַן נאָמען, רעדט ער גאָר אַרויס:

— ראַמאַנטשוק, יורי!

איך הער דאָס, אָבער איך גלויב מײַנע אייגענע אויערן נישט. זיכער איז עס א טעות. און אַזוי, קענטיק, טראַכט אויך יורי, ווײַל ער רירט זיך נישט פֿון אָרט.

— ראַמאַנטשוק, — זאָגט ווידער דער לערער, — איך רוף דאָך אײַך. איר הערט נישט?

יורי הויבט זיך אויף און גייט צו צו דעם שוואַרצן טאָוול. איך קוק אויף אים, ער וואַגט נישט צו קוקן אויף מיר.

— נו, גיב איבער דעם אוראַק, — הייסט אים דער לערער.

— דעם אוראַק... דעם הײַנטיקן אוראַק? — פּלאַפּלט הילפֿלאָז און דערשראָקן ראַמאַנטשוק.

— נו, יאָ, דעם הײַנטיקן, נישט דעם פּאַראַיאַריקן, — רופֿט זיך אָפּ דער אינספּעקטאָר. ער דערשמעקט שוין, אַז ער האָט געכאַפּט אַ טײַערן העכט און האָט הנאה פֿון דעם.

— הער אינספּעקטאָר, — רעדט אַרויס ראַמאַנטשוק אין פֿאַר־צווייפֿלונג, — איר האָט דאָך מיך אַרויסגערופֿן מיט אַ פּאָר טעג צוריק און מיר געגעבן אַ „פֿינף".

זיכער איז דאָס געווען אַן אומזין אַזוי צו רעדן, ווײַל וואָס האָט איינס צו טאָן מיטן צווייטן? טאַקע אַרויסגערופֿן, טאַקע אַ „פֿינף", אָבער הײַנט דאַרף מען ווידער קענען דעם אוראַק. חוץ דעם, דער „פֿינף" איז דאָך אַ נאָכגעמאַכטער, איז וואָס ווייניקער מען רעדט וועגן אים אַלץ גענזינטער... אַזוי טראַכט איך בײַ זיך.

דער אינספּעקטאָר קוקט ווידער אַרײַן אין זשורנאַל, דאָס מאָל זייער אויפֿמערקזאַם, און מײַן האַרץ ווערט אָנגעפֿילט מיט אַ דריק־ענדן געפֿיל פֿון פּחד: אָט־אָט וועט ער דאָך דערזען, אַז עס איז נישט זײַן האַנטשריפֿט. ער וועט זיך דערמאָנען, אַז ראַמאַנטשוקן האָט ער גאָר נישט אַרויסגערופֿן מיט אַ פּאָר טעג צוריק...

— ס'איז נישט אמת, — זאָגט דער אינספּעקטאָר, — איך האָב אײַך נישט אַרויסגערופֿן מיט אַ פּאָר טעג צוריק, און קיין „פֿינף" האָב איך אײַך אויך נישט געגעבן. איר האָט צוויי „צווייען" — דאָס יאָ. איצט גיב איך אײַך די מעגלעכקייט צו פֿאַרבעסערן אײַערע „צווייען", אויב איר קאָנט דעם אוראָק.

— ניין, — ענטפֿערט יורי מיט אַ טויטער שטימע. — איך האָב נישט אויסגעלערנט דעם אוראָק.

— נישט אויסגעלערנט? פֿאַרוואָס נישט?

— צוליב דעם פּאַזשאַר.

— וואָס האָט דער פּאַזשאַר צו טאָן מיט אײַך? — פֿרעגט פּאַוולאָווסקי.

— און... אויך צוליב דעם, וואָס איך... איך האָב שוין דעם „פֿינף"... — פּלאָפּלט יורי ווידער.

— וואָס האָט איר זיך אײַנגערעדט? וואָס פֿאַר אַ „פֿינף"? — זאָגט דער אינספּעקטאָר. — אַן „איינס" האָט איר איצט, נישט קיין „פֿינף".

און איך און אַלע שילער זעען, ווי דער פּאַוולאָווסקי האַקט אים אַרײַן אַ געשמאַקן „איינס".

ראָמאַנטשוק איז צוריקגעגאַנגען צו זײַן פּלאַץ. זײַן רויטלעכער פּנים מיט די זומער־שפּרענקלעך איז געל־ווײַס. די שילער האָבן געקוקט אויף אים מיט רחמנות און שרעק: וואָס האָט ער גערעדט וועגן אַ „פֿינף"? דער גאַנצער קלאַס ווייסט דאָך, אַז עס איז ניט אמת.

נאָך גוט וואָס קיינער האָט נישט געקוקט אויף מיר; ווײַל איך, דוכט זיך, האָב אויסגעזען אין דעם מאָמענט נאָך בלאַסער, איידער יורי...

„וואָס איז עס — אַ כישוף?" האָב איך געטראַכט. „וואוהין איז פֿאַרשוואונדן דער „פֿינף", וואָס איך האָב נעכטן אַרײַנגעשריבן מיט מײַן אייגענער האַנט?"

איך האָב זיך קוים דערוואַרט, אַז דער אוראָק זאָל זיך ענדיקן. מיר האָבן זיך געטראָפֿן הינטער דעם קוסט פֿון בעז. יורי איז געשטאַנען אַ נידערגעשלאָגענער.

— דו האָסט מיך אָפּגענאַרט. דו האָסט דעם „פּינף" נישט אַרײַנ־געשריבן — האָט ער אַרויסגערעדט.

— אָבער יורי, דו האָסט דאָך אַליין געזען, אַז איך האָב דאָס יאָ געטאָן.

— איך האָב גאָרנישט געזען, — האָט ער געענטפערט אין דעם זעלבן טויטן טאָן, — איך האָב בלויז געזען ווי דו האָסט גענומען די פּען; אָבער דו האָסט די פּען נישט אַרײַנגעטונקט אין טינטער. ווען דו זאָגסט מיר דאָס, וואָלט איך דאָך אויסגעלערנט דעם אוראָק. דו האָסט מיך אָפּגענאַרט און איצט בין איך פאַרלוירן.

— אָבער יורי, הער מיך אויס! צו וואָס האָב איך דאָס געדאַרפט טאָן? ס'איז דאָך אַן אומזין.

— דו האָסט מורא געהאַט און נישט געוואָלט דאָס אַרויסווייזן. יידן זענען אַ כיטרע פֿאָלק. זיי דרייען זיך שטענדיק אַרויס.

— יורי, איך שווער דיר, איך שווער דיר בײַ מאַמעס געזונט, בײַ מײַן לעבן, בײַ —

— מײַן טאַטע האָט מיר געזאָגט, — האָט ער מיך איבערגע־האַקט, — פֿאַרלאָז זיך נישט אויף קיין יידן! צו וואָס האָסטו מיך אָפּגענאַרט? וואָס האָסטו געהאַט דערפֿון?

וואָס מער איך האָב גערעדט, אַלץ ווייניקער זיכער בין איך גע־וואָרן. שוין האָט זיך עס מיר אויסגעוויזן, אַז ער איז גערעכט: איך האָב טאַקע געוואָלט בלייבן אַ „מאַלאַדיעץ", נישט אַרויסווײַזן אַז איך האָב מורא, און די פּען האָב איך נישט אַרײַנגעטונקט אין טינטער, איך האָב אַליין נישט באַמערקט, אַז די פּען איז אַ טרוקענע.

— איך טראַכט וועגן דעם, — האָט יורי ווײַטער גערעדט אין אַ טאָן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט באַראַטן מיט מיר, — אפֿשר זאָל איך גיין צום אינספּעקטאָר און אים אַלצדינג דערציילן? האַ, וואָס? איך בין געבליבן אַ פֿאַרגליווערטער.

— דערציילן? ווי קאָנסטו דאָס טאָן?

— אויב דו האָסט געקאָנט טאָן אַזאַ זאַך צו מיר, מעג איך אַלצ־דינג אויסזאָגן. מיך וועט מען סײַ־ווי פֿאַרטרײַבן פֿון דער שולע, אָבער דיך וועט מען אויך אַרויסטרײַבן, זיכער מיט אַ „וואָלטשי בילעט".

— טו דאָס נישט, יורי... — האָב איך אָנגעפּאַנגען זיך בעטן בײַ אים. — איך ווייס נישט וואָס עס האָט פּאַסירט מיט דײַן „פֿינף", אָבער איך האָב דאָך געוואָלט דיר העלפֿן. איך האָב דיר שטענדיק געהאָלפֿן.

— דו האָסט מיר געגעבן אַ העלפֿט פֿון דײַן בולקע מיט אײַנ־געמאַכטס, — האָט ער מעלאַנכאָליש געזאָגט. — דאָס איז אמת.

— איך וועל דיר געבן נאָך. איך וועל דיר געבן די גאַנצע בולקע.

— די גאַנצע דאַרף מען נישט. אַ העלפֿט וועט זײַן גענוג.

— גוט, זאָל זײַן אַ העלפֿט.

— איך קאָן דיך נישט פֿאַרשטיין, — האָט ער ווײַטער גערעדט שוין אַ ביסל באַרואיקט. — אַט ביסטו אַ גוטער און אַט אַ שלעכטער. לאָזט מיך אַרײַנפֿאַלן. מען קאָן זיך נישט פֿאַרלאָזן אויף יידן.

בײַנאַכט האָב איך געשריען פֿון שלאָף, געפֿילט אַז איך שרײַ, אָבער איך האָב זיך נישט געקאָנט אויפֿכאַפּן.

אין דער שולע, אונטער דעם קוסט פֿון בעז, האָט יורי מיר געזאָגט:

— מײַן פֿאָטער הייסט, אַז איך זאָל דערציילן דעם אינספּעקטאָר. דאָס האָט ער אַרויסגערעדט, אַרײַנבײַסנדיק זײַנע ציין אין מײַן בולקע און באַשמירנדיק זײַן מויל מיט מײַן אײַנגעמאַכטס.

— ניין, ניין, יורי!

— אַזוי זאָגט דער טאַטע; אָבער איך טראַכט: ווי באַלד דו האָסט דעם „פֿינף" נישט אַרײַנגעשריבן און נאָר געמאַכט אַן אָנ־שטעל, אַז דו טוסט דאָס, טאָ פֿאַרוואָס זאָל מען דיר פֿאַרטרײַבן פֿון דער שולע? דעם שליסל פֿון זאָל האָב איך דאָך אַרויסגעגנבעט. און דו וועסט זאָגן, אַז דו האָסט אַזוי געטאָן כדי מיך צו באַשטראָפֿן, וועסטו נאָך אַרויסקומען דער גערעכטער. אָ, ווי כיטרע די יידן זענען; זיי איז גוט!

איצט איז שוין געווען בעסער נישט צו שפּאַרן זיך מיט אים, ווײַל אויב יאָ, גייט ער דאָך צום אינספּעקטאָר, — יאָ בולקע, צי נישט בולקע. אָבער דער געדאַנק, אַז ער טראַכט, אַז איך בין אַ באַ־טריגער, איז געווען אומדערטרעגלעך.

יורי האָט מיך געמוטשעט אָן אויפהער. אַ טײַוול, וואָס האָט אָפּ־געקויפט אַ מענטשנס נשמה, מוטשעט אים, מסתמא, אויף אַזאַ שטייגער. איך בין שולדיק אין דעם, וואָס זײַן לעבן איז איצט רואינירט... איך בין שולדיק אין אַל־די אומגליקן, וואָס וועלן איצט פאַלן אויף זײַן משפחה... איך האָב אים אָפּגענאַרט — ווײַל ייִדן האָבן ליב אָפּצונאַרן גויים... אָט גייט ער דערציילן אַלצדינג דעם אינספּעקטאָר... אָט גייט ער נישט... און די בולקעס מײַנע האָט ער גע־האַלטן אין איין פאַרניכטן.

דער לעצטער אוראָק אין דער „טשעטווערט" האָט זיך געענ-דיקט און פּאַוולאָווסקי האָט מיך נאָך נישט געהאַט אַרויסגערופן. נישט אַנדערש, אַז ער האָט עס פאַרגעסן, און איך מוז אים דערמאָנען.

איך האָב אים געכאַפּט נאָך דעם אוראָק אין קאָרידאָר און אים געזאָגט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

דער אינספּעקטאָר האָט געעפנט זײַן זשורנאַל, אַרײַנגעקוקט און אַרויסגערעדט:

— וואָס רעדט איר אַזוינס? אָט האָב איך אײַך אַרויסגערופן מיט צוויי וואָכן צוריק און איך האָב אײַך געגעבן אַ „פינף" — אַ גרויסן „פינף". נו, איז דאָס ווייניק פאַר אייך?

ער איז ווײַטער געגאַנגען, שפּרינגענדיק, ווי זײַן טבע איז גע־ווען, און פאַרשוואונדן הינטער דער גרויסער זאַל־טיר.

איצט האָב איך אַלצדינג פאַרשטאַנען! איך האָב געמאַכט אַ טעות. אין אײַלעניש, אין דעם האַלב־טונקעלן זאַל, האָב איך אַרײַנ־געשריבן דעם ציפער „פינף" נישט אויפן ריכטיקן אָרט. נאָר אַ ביסל נידעריקער. אין דעם רוסישן אלף־בית גייט דער בוכשטאַב „ר" באַלד נאָך דעם „פּ", דאָס מיינט. אַז דער פאַמיליען־נאָמען „ראַמאַנ־טשוק" איז געווען פונקט אונטער דעם נאָמען „פּערלמאַן", האָב איך נישט־ווילנדיק אַנגעשריבן דעם אומגליקלעכן „פינף" אַ שורה העכער ווי מען האָט דאָס געדאַרפט.

מײַן ערשטער געדאַנק איז געווען: לויפן צו יורין. איך האָב זיך אָבער באַלד באַדענקט: יורי וועט זיכער זאָגן, אַז איך האָב עס געטאָן אומיסטן און ער וועט לויפן צום אינספּעקטאָר, צום דירעקטאָר, און וועט דערציילן די גאַנצע זאַך, — אים קאָן דאָס שוין סײַ־ווי נישט

ראַטעווען! — און דערטרינקען מיך אויך. נייך, ער טאָר פֿון קיין זאַך נישט וויסן. זאָל ער זיך טראַכטן, דער איזוואָשטשיק מיינער, אַז איך בין אַ כיטרער, אַז אַלע ייִדן זענען כיטרע און אַז זיי איז גוט. שווײַגן, שווײַגן מוז מען!

דער ראַט פֿון די לערער האָט נישט צוגעלאָזט ראַמאַנטשוקן צו די עקזאַמענס און ער האָט געמוזט פֿאַרלאָזן די רעאַל־שולע. אַ צײַט לאַנג האָב איך נאָך אַלץ געציטערט, אַז ער וועט מיך פֿאַרט מסרן. ביסלעכווײַז איז די געפֿאַר פֿאַרשוואונדן און איך האָב זיך באַרואיקט. אָבער ער אַליין איז נישט פֿאַרשוואונדן פֿון מײַן געוויסן; ער, דער אומגעלומפּערטער, הונגעריקער בחור, מיט די געלבלעכע פֿערדישע ציין, דער זון פֿון אַ ביאַליסטאָקער איזוואָזטשיק, וואָס האָט געשטרעבט צו עפּעס העכערס, ווי צו זיצן אויף די קאָזלעס און וואַרטן אויף אַ צופֿעליקן פּאַסאַזשיר.

קאַפּיטל אַכט.

איך בין אנגעגאנגען מיט מײַן שרײַבן. עס איז געווען ווינטער. אין לופּינסקי'ם האָלץ־שטאַל איז געווען קאַלט און טונקל — ניט קיין פּלאַץ פאַר א יונגער מוזע, וואָס פּרוּווט נאָך אויסצושפּרייטן אירע פליגלען און שלאָגט מיט זיי אזוי ווי א קורטשאַק, וועלכער וויל זיך אויפהויבן אין די וואָלקנס. שפּעט אין אָוונט, ווען אַלע אין שטוב זענען שוין געווען אײַנגעשלאָפן, האָב איך שטילערהייט אָנגעצונדן דעם קעראָסין־לאָמפּ מיט דעם גרינעם אַבאַזשור און אָנגעפאַנגען צו שרײַבן. דער גרינער שײַן האָט געהאט אן ענלעכקײַט צו לבנה־ליכט. דער אַלטער קאָונער וואנט־זייגער האָט געמאָסטן די אייביקײַט מיט זײַן מאָנאָטאָנעם טיק־טאַק און איך, מיט מײַן יונגער פען, האָב געפּרוּווט אָפּמעסטן די שיינקייט פון גאָטס וועלט.

—שלאָפן, שלאָפן גיין! — הער איך דער מאמעס אומצופרידענע שטימע.

אָט אזוי אין מײַנע געגנבעטע אָווענטן האָב איך אָנגעשריבן א קאָמעדיע מיט דעם נאָמען "דער ספּעקטאַקל". עס איז געווען א סאטירע אויף די „ליוביטעלעס" (ליבהאָבער, ניט־פּראָפעסיאָנעלע אקטיאָרן), וועלכע האָבן געגעבן א טעאַטער־פאָרשטעלונג אין א פּראָווינץ־שטאָט. ווען איך בין געווען פאַרטיק מיט מײַן ארבעט, האָב איך געגעבן דעם מאנוסקריפּט מיין רוסישן לערער קראַס־ניאנסקי, וועלכער האָט זיך שטענדיק באצויגן צו מיר גוט. א פּאָר טעג שפּעטער האָט ער מיך אײַנגעלאדן צו קומען צו אים אין הויז.

— צו וואָס האָט דער לערער דיך גערופן צו זיך? — האָט די מאמע געפרעגט.

— מסתמא ווײַל ער רעדן מיט מיר וועגן מײַן קאָמעדיע.

— ווער ווייס, וואָס דו האָסט שוין ווידער אָפּגעטאָן — האָט זי מעלאַנכאָליש און באַזאָרגט אַרויסגערעדט.

קראַסניאַנסקיס קריטיק איבער מײַן קאָמעדיע איז געווען נישט קיין זייער באַגײַסטערטע, אָבער אויך נישט קיין פאַרניכטענדע. „אין אײַער עלטער איז בכלל נאָך צו פרי צו שרײַבן פאַר טעאַטער. עס איז די שווערסטע פאָרם פון ליטעראַטור. איר האָט הומאָר, און וואָס מיך וואונדערט: איר האָט אויפגעבויט די זאַך קונציק, אַזוי ווי אַ דראַמען־שרײַבער. דאָס אַליין איז שוין אַ סך”.

מאָדנע! דאָס גינסטיקע, דאָס פּאָזיטיווע פון זײַן קריטיק האָב איך וועניקער געהערט, ווי דאָס אומגינסטיקע. איך האָב דערציילט דער מאַמען, וואָס דער לערער האָט געזאָגט און זי האָט באַקומען אַ נאָך מער אומגינסטיקן אײַנדרוק. פון דעם מאָמענט אָן האָט זי פאַרלאָרן דעם צוטרוי צו מײַן שרײַבן און האָט מיר פאַרבאָטן צו זיצן שפּעט בײַם לאָמפּ.

— ווילסטו ווערן אַ צווייטער יאַשאַ באַרנשטיין? — האָט זי צו מיר גערעדט אַן אומצופרידענע.

יאַשאַ באַרנשטיין איז געווען דער אייניקל פון דעם באַוווסטן העברייאישן שרײַבער אברהם־בער גאָטלאָבער. זײַן טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט דעם אַדוואָקאַט באַרנשטיין און באַזעצט זיך אין ביאַליסטאָק. זיי האָבן געהאַט צוויי זין און אַ טאָכטער. דער עלטסטער איז געווען יאַשאַ (פאַרקירצט פון יאַקאָוו, יעקב). ער איז געווען מיט אַ פּאָר יאָר עלטער פון מיר, שוין אַ גאָר דערוואַקסענער יונגערמאַן, אַ שלאַנקער, מיט שיינע אויגן און, אַ ביסל געמאַכטן, אָבער פאָרט אַ פרײַנטלעכן שמייכל. אַלצדינג אין אים איז געווען געמאַכט, אַנדערש ווי געוויינלעך. ער האָט געטראָגן זײַנע שוואַרצע האָר אַנדערש ווי אַלע מענשען אין ביאַליסטאָק: פאַרקאַמט אויף די אויערן, צעשפּאָלטן בײַ דער זײַט. זײַנע הויזן זײַנען אויך געווען אַנדערש, פון אַ מאָדנעם, בלויען אָדער אויפפאַלנד העלן קאָליר און אַ באַזונדערן צושניט. די שיך זײַנען געווען לאַקירט, די באַוועגונגען ניט נאַטירלעך. ער האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק, ווי ער וואָלט שטענדיק געשפּילט אויף אַ נישט עקזיסטירנדער

בינע. קיין נאַר איז ער נישט געווען און געוווּסט, אַז קיינער נעמט אים נישט ערנסט, אַז יעדער איינער זעט, אַז ער קרימט זיך נאָך — און ער האָט פֿאַרט „געשפּילט”. אָט האָט ער געפּרוּווט מאַכן דעם אײַנדרוק, אַז ער איז אַן אויסערגעוויינלעכע נאַטור, זייער נאָנט צו דעם דענישן פּרינץ האַמלעט, אָדער צו אוריאל אַקאָסטאַ, וועלכן ער, יאַשאַ, פֿאַרשטייט מער, ווי ווער עס איז אַנדערש. דערנאָך איז עס געוואָרן בײַ אים אַ מין צונויפֿמישונג פֿון ביידע העלדן: אַן אוריאַלישער האַמלעט, אָדער אַ האַמלעטישער אַקאָסטאַ. און ער האָט די ראָל געשפּילט אויפֿן גאַס, אין הויז, נישט אויף דער בינע. און אָט איז ער געוואָרן אַ דראַמען־שרײַבער און האָט טאַקע אָנגעשריבן אַ דראַמע. און חוץ „שרייבן” האָט ער געהאַט אַנדערע קונסט־פּראָפֿעסיעס: ער איז געווען אַ דעקלאַמאַטאָר, אַ רעדנער, אַ קענער פֿון שפּראַכן און אַפֿילו אַ מוזיקער. פֿאַר זײַן ליבלינג־אינסטרומענט האָט ער אויסגעקליבן אַזאַ זעלטנהייט, ווי אַ ציטרע, און האָט אַפֿילו געקויפֿט דעם מאָדנעם אינסטרומענט, וואָס קיינער אין ביאַליסטאָק האָט נישט געהערט פֿון דעם, און אַזוי ווי קיינער האָט אויך נישט געוואוסט, וואָס עס איז אַזוינס און ווי אַזוי מען שפּילט אויף דעם, איז ער געוואָרן אַ „ציטרע־ווירטואָז”. נאָך דרײַ וואָכן איז די ציטרע פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן, און יאַשאַ איז דערשינען אין אַ סאַמעטענעם זשאַקעט, ווי עס טראָגן מאָלערס, און ער איז געוואָרן אַן אויטאָריטעט פֿון אייראָפּעישער קונסט, אַ קענער און קריטיקער פֿון דער וועלט־ליטעראַטור. און בײַ דעם האָט ער זיך שוין געהאַלטן.

פֿאַרן קומען קיין ביאַליסטאָק, האָט יאַשאַ באַרנשטיין באַזוכט די רעאַל־שולע אין דער שטאָט ראָוונע, אָבער ווײַטער ווי דרײַ קלאַסן איז ער נישט געגאַנגען און מיט דעם איז זײַן וויסנשאַפֿטלעכע קאַריערע געווען פֿאַרענדיקט. שפּראַכן האָט ער נישט געקאָנט. יידיש האָט ער אויסגעמיטן צו רעדן, און העברעיש, די שפּראַך פֿון זײַן באַרימטן זיידן, האָט ער אינגאַנצן נישט געקאָנט. ער האָט זיך געשאַפֿן אַן אָפּטימיסטישע טעאָריע, אַז טאַלאַנט און זשעניע, גייען נישט איבער דירעקט פֿון פֿאָטער צו דעם זון, נאָר זיי שפּרינגען איבער איין דור: פֿון זיידן צום אייניקל. נו, איז ער דאָס איצט דער ליטע־

ראָם, דער לאָסאַל, דער ציטרע־ווירטואָז, דער דראַמען־קענער, האַמלעט אַליין. און אַזוי טאַקע האָבן די שאַרפֿע ביאַליסטאָקער צינגער אים גערופֿן: „האַמלעט", און געקוקט אויף אים אָן גרויס סימפּאַטיע.

— ווילסט ווערן אַ צווייטער יאַשאַ באַרנשטיין? — האָט גע־קלונגען אין מײַנע אויערן דער מאַמעס וואָרנונג.

מיר איז אָפּט אויסגעקומען צו זען יאַשאַס זיידע, דעם שרײַבער אברהם גאָטלאָבער. די באַרנשטיינס האָבן געוואוינט אויף דער דײַ־טשער גאַס. אַ שיינער, שטילער גאָרטן איז געוואַקסן אַרום זייער שטוב. די פֿענצטער פֿון דעם זקנס צימער האָבן אַרויסגעקוקט אין גאָרטן, פֿרישע לופֿט האָט אָנגעפֿילט זײַן רואיק ווינקל. צו דער צײַט איז גאָטלאָבער געווען זייער אַלט, אין די שפּעטע אַכציקער. ער איז געווען נישט הויך אין וואוקס, מיט אַ ווירדיקן שיינעם אויסזען. זײַן פּנים האָט געהאַט ווייניק קנייטשן און אַ געוויסע פֿרישקייט, אַ רואיקייט פֿון דעם ווינטער פֿון לעבן. זײַן קליין שיטער בערדל איז געווען גאַנץ ווײַס, יעדעס האָרעלע איז געווען ווי אַ דינער זילבער־נער פֿאָדעם. ער האָט געטראָגן אויפֿן קאָפּ אַ שוואַרצע אַטלאַסנע יאַר־מולקע אין פֿאָרם פֿון אַ נידריקן צילינדער. אפֿשר זענען זײַנע אויגן אין די פֿריערע יאָרן געווען אַנדערש אין קאָליר, איצט אָבער זענען זיי געווען העל־בלוי, אויסגעוויאַנעט, ווײַט אויפֿגעריסן מיט אַ קינ־דישן אומשולדיקן ווײַטן קוק. יאָ, די שיינע אויגן האָבן געקוקט, אָבער גאָרנישט געזען. גאָטלאָבער איז דעמאָלט געווען בלינד און אויך פֿולשטענדיק טויב. זײַן זכרון איז אויך געווען אָפּגעשוואַכט. צווישן אים און דער אַרומיקער וועלט, אין וועלכער ער האָט פֿריער אַזוי זשעדנע זיך אַרײַנגעקוקט, איז געשטאַנען דער שווערער צאַם פֿון אַלטקייט.

מיט גרויס רעספּעקט האָבן זיך באַצויגן צו אים זײַן טאָכטער סאָפֿיאַ, יאַשאַס מאַמע, איר מאַן, דער אַדוואָקאַט באַרנשטיין און אויך אַלע די, וואָס פֿלעגן אַרײַנקומען אין שטוב. באַרנשטיינס הויז איז געווען גאַסטפֿרײַנדלעך. עס פֿלעגן זיך דאָרט פֿאַרזאַמלען יונגע־לײַט, סטודענטן, „רעאַליסטן", פֿרײַלינס — די יונגע אינטעליגענץ פֿון ביאַליסטאָק. אין מיטן פֿון זאָרגלאָזן ליאַרם, וואָס די „אינטע־

לינגענץ״ האָט געמאַכט, פֿלעגט זיך אָפּטמאָל באַוויַיזן אין דעם עס־צימער די בכבודיקע אַלט־קינדישע פֿיגור פֿון דעם גרויסן שרײַבער. האַלטנדיק זײַן האַנט איבער די אויגן, אַזוי ווי ער וואָלט זיך אַרײַנגעקוקט אין עפּעס ווײַטעס, פֿלעגט גאָטלאָבער מיט קליינע דראָבנע טריט לאַנגזאַם זיך באַוועגן אין צימער. באַלד פֿלעגט אַלצדינג ווערן שטיל: קיינער האָט נישט געוואַגט אויפֿהייבן זײַן שטימע, כדי נישט צו שטערן דעם זקן. אָבער שטערן אים איז שוין געווען אוממעגלעך. פֿאַר אים איז די אַרומיקע וועלט געווען שטיל און טונקל. מען האָט אָבער געקאָנט זען, אַז דאָס האָט אים נישט צערדריקט. אַ געוויסע לײַכטקייט האָט זיך געפֿילט אין זײַן באַנעמונג. שטיל, אין אַ האַלבן טאָן, האָט ער זיך צוגעזונגען אַן אַלטן ניגון און זיך אפֿשר געפֿילט גליקלעך אויף זײַן שטייגער. זינגענדיק אַזוי פֿאַר זיך, פֿלעגט ער צוגיין צום טיש, נעמען אַ פּאָר שטיקלעך צוקער און מיט קליינע דראָבנע טריט צוריקגיין אין זײַן צימער, אין זײַן ווינקל, צו טרינקען טיי און זײַן אַליין מיט די חלומות, פֿון וועלכע נאָר ער אַליין האָט געוואוסט.

„דו וועסט זײַן אַזוי ווי יאַשאַ באָרנשטיין״, האָב איך געהערט מײַן מאַמעס ווערטער. און איך האָב גאָר געוואָלט זײַן אַזוי ווי זײַן זיידע. די פּאָעטישע פֿיגור פֿון דעם אַלטן שרײַבער האָט מיר געזאָגט אויף אַ שטומען לשון, אַז שווער און לאַנג איז דער וועג פֿון שרײַבער, און וואָס שווערער, אַלץ אָנציענדער איז ער. די מאַמע און דער לערער קראַסניאַנסקי זענען טאַקע גערעכט: מען דאַרף זײַן פֿאָרגעברייט פֿאַר דעם דאָזיקן וועג; מען דאַרף לערנען, וויסן און אַנטוויקלען דעם מוח.

איך האָב זיך געלערנט גוט כמעט די גאַנצע צײַט, וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט אין דער רעאַל־שולע. איך בין געווען איינער פֿון די בעסטע שילער.

מעגלעך, אַז איך וואָלט זיך געלערנט נאָך בעסער; איך אָבער בין שוין אַליין געוואָרן אַ פּריוואַט־לערער, אַ „רעפּעטיטאָר״, ווי מען האָט דאָס גערופֿן.

מיט וואָס פֿאַר אַ שטאָלץ איך האָב דאָס צום סוף פֿון מאָנאַט צוגעטראָגן דער מאַמען צען רובל, דאָס ערשטע געלט, וואָס איך

האָב פֿאַרדינט אין מײַן לעבן. די מאַמע האָט אַ שמייכל געטאָן — אַ גרויסע זעלטנהייט בײַ איר — און געוואָרפֿן אויף מיר אַ בליק, וואָס האָט באַדײַט: „פֿון דעם שטיפֿער וועט נאָך אפֿשר אַרויסקומען אַ מענטש מיט מענטשן גלײַך".

אַ חוץ די באַצאָלטע „אורחן", האָב איך אינגיכן אָנגעפֿאַנגען געבן נישט-באַצאָלטע. כמעט אַלע ייִדישע שילער פֿון די עלטערע קלאַסן, אַרעמע און רײַכע גלײַך, האָבן געהאַט אַזעלכע תּלמידים, וואָס האָבן זיך געוואָלט לערנען, אָבער נישט געקאָנט באַצאָלן דעם לערער. די דאָזיקע תּלמידים אונזערע זענען געווען שוין דערוואַקסענע בחורים, מער דערפֿאַרענע, און וואָס האָבן מער דורכגעמאַכט אין לעבן, ווי זייערע יונגע לערער. די דאָזיקע זייער אַרעמע בחורים האָבן זיך באַוויזן אין ביאַליסטאָק מיט איין מאָל, ווי אַרויסגעשפּרונגען פֿון דער ערד. זיי זענען געווען נישט ייִנגער פֿון זיבעצן און נישט עלטער פֿון צוואַנציק — מייסטנס דאַרע, אויסגעטריקנטע, אָרעם-געקליידטע, מיט צעריסענע שיך און אָן אויבערמאַנטלען. מאַנכע פֿון זיי האָבן געטראָגן ברילן, גאַנץ ביליקע, פֿאַרשטייט זיך. מען האָט זיי גערופֿן „פּאַטראַנען". פֿאַרוואָס און ווער עס האָט זיי געגעבן אַזאַ נאָמען און וואָס אייגנטלעך דאָס באַדײַט, האָט קיינער נישט געוואוסט. זיי, די נײַע מענטשן, האָט דאָס, ווײַזט אויס, נישט געאַרט; רופֿט אונז ווי איר ווילט, אָבי לערנט אונז, לאָזט אונז נישט פֿאַלן.

דער גרעסטער טייל פֿון די דאָזיקע יונגעלײַט זענען געווען נישט קיין ביאַליסטאָקער, נאָר פֿון די אַרומיקע שטעטלעך. עטלעכע פֿון זיי זענען געקומען פֿון ווילנע, וואו זיי זענען פֿריער געווען ישיבה־בחורים. דאָרטן זענען זיי געווען פֿרום, אָרעם, האַלב־הונגעריק, געגעסן „טעג" און געשלונגען תּורה; זיי האָבן אָבער די ישיבה פֿאַרלאָזן און זיך צעלאָפֿן. ווער קיין גראָדנע, ווער קיין ביאַליסטאָק, מינסק אָדער פּינסק. מען איז געקומען אויך פֿון בריסק, וואַרשע און אַזש פֿון אָדעס. און טאַקע ג ע ק ו מ ע ן, נישט געפֿאָרן.

— ווי קומט מען דאָס עפּעס צופֿוס פֿון ווילנע? — האָב איך געפֿרעגט מײַן שילער, וועמעס נאָמען איז געווען לעוו. ער האָט

געטראָגן ביליקע ברילן מיט דיקע גלעזער, אויסגעקרימטע שיך און איז געגאַנגען אין דעם גרעסטן פראָסט אָן אַן איבערציער.

— ווי מען קומט צופוס? — האָט ער מיר דערקלערט, — מען לייגט אַרײַן שטרוי אין די שיך; אויף דעם גוף, באַזונדערס פאַרנט אויף דער ברוסט, דאַרף מען אָנלייגן פּאַפּיר, און נישט גלאַט פּאַפּיר, נאָר צײַטונגס־פּאַפּיר. עס מאַכט נישט אויס וואָס פאַר אַ צײַטונג, עס מעג אַפילו זײַן די אַנטיסעמיטישע „נאָוואָיע וורעמיאַ" אַליין (דעמאָלט די גרעסטע רוסישע אַנטיסעמיטישע צײַטונג אין פּעטער־בורג). עס האַלט גוט די וואַרעמקייט. איז פאַרגעסט נישט: שטרוי פאַר די פיס און פּאַפּיר פאַר דעם בוזעם, נישט פאַרקערט; אויב פאַרקערט, פאַרקילט איר זיך וועט איר דאָס געדענקען?

— איך קלייב זיך נישט גיין אין ערגעץ, — האָב איך זיך אָפּ־גערופן.

איך האָב זיך אויך נישט געקליבן, אָבער פאַרט געגאַנגען, און איך בין צופרידן, וואָס איך בין דאָ און נישט דאָרטן.

— איז אײַך געווען שלעכט אין ווילנע, אין דער ישיבה?

— שלעכט? נישט ערגער ווי דאָ. אָבער דאָ קאָן איך זיך לערנען אַלגעברע, געאָמעטריע, שרײַבן רוסיש. צוליב דעם בין איך דאָך אַנטלאָפן פון דער ישיבה.

אַזוי האָבן אויך גערעדט די אַנדערע „פּאַטראָנען", אָבער מיט מײַן לעוו איז די זאַך געווען אַ ביסל אַנדערש.

עס האָט פּאַסירט, אַז אין מיטן פון „אוראָק", בײַ אַן אַלגעברײַ־שער פּראָבלעם, פלעגט ער פלוצלינג איבערשלאָגן מיך און זיך אַליין און אָנפאַנגען רעדן פון גאָט. זייער זעלטן ווער עס האָט גע־רעדט מיט מיר אויף דער טעמע, נישט אין דער היים און נאָך ווײַ־ניקער אין דער שולע. איך האָב שטענדיק געטראַכט, אַז דאָס איז אַ זאַך פאַר די רבנים, פאַר אַלטע ייִדן און אפשר אויך אַ ביסל פאַר דעם קאַזיאָנעם ראַבינער מאַרקוס, אָבער נישט פאַר יונגע בחורים, וואָס דאַרפן אַט־אָט שטעלן זיך צום פּריזיוו. מיט גרויס באַוואונדע־רונג האָב איך זיך צוגעהערט צו לעווס ווערטער.

— איז דאָס מעגלעך, — האָט ער געהאַלטן אין אויספרעגן, — אַז גאָט שוועבט נאָר ערגעץ אַרום דער ישיבה, אין די שמאָלע

געסלעך? וואָס אַזוינס האָט ער געפֿונען דאָרט, אין דער געטאָ? נו, און וואָס איז וועגן דער גרויסער נישט־יידישער וועלט? וואָס איך טראַכט איז, אַז גאָט האָט בכלל קיין רעליגיע נישט. מענטשן האָבן אַ רעליגיע; גאָט — נישט.

— גוט, גוט, — האָב איך אים איבערגעשלאָגן, — אָבער צוערשט דאַרפֿט איר אויסלערנען אויף מאָרגן אייער געאָמעטריע.

— אַוודאי וועל איך לערנען. אין דער געאָמעטריע איז אויך דאָ גאָט. דאָרט איז איינגעשלאָסן אַן אמת וועגן ליניעס און ציפֿערן. און וואו עס איז דאָ אַן אמת, דאָרט איז גאָט. לאָמיר לערנען. קאָן איך קומען צו אײַך זונטאָג אויך?

ער האָט געוואָלט וויסן אַלצדינג, אַרונטערשלינגען אַלע לער־ביכער, וואָס זענען געווען אין מײַן צימער און וואָס זענען געלעגן אויפֿן טיש און אויף די פּאָליצעס בײַ מײַנע ברידער, הערמאַן און יאַקאָב־סאַלאָמאָן. דעם אמת געזאָגט, איז ער געווען מער פֿלײַסיק ווי איך, זײַן שטרענגער לערער. איבערנאַכט האָט ער אויסגעלערנט זאַכן, וואָס אין דער „אוטשילישטשע" האָט געקומען אײַנשטודירן וואָכן. אמת, ער האָט געהאַט זײַן אייגענעם צוגאַנג צו דער וויסנ־שאַפֿט. עס איז געווען בײַ אים נישט אַזוי דאָס אויסלערנען פֿאַקטן — וויפֿיל אינזלען עס זענען פֿאַראַן אויפֿן שטילן אָקעאַן, ווען איז דער אָדער יענער קעניג געבוירן געוואָרן, א. א. וו. — נאָר וואָס „עס שטעקט הינטער דעם", וואָס עס שטעקט הינטער פֿיזיק, געאָ־מעטריע, כעמיע...

— וואָס אַרט אײַך, וואָס־וואו שטעקט? — האָב איך געפּרוווט אים איבעררײדן. — איר דאַרפֿט דאָס קענען!

— עפּעס מוז דאָך שטעקן, — האָט ער געענטפֿערט. — אויב נישט, צו וואָס־זשע דאַרף מען דאָס אינגאַנצן? עס קאָסט דאָך געלט אָנצושרײַבן און צו דרוקן די אַלע ביכער, מוז דאָך זײַן אַ באַשטימ־טער צוועק אין דעם.

אַ ביסל שפּעטער איז מיר דאָס קלאָר געוואָרן. מײַן „פּאַטראָן" האָט געהאָפֿט אויסצוגעפֿינען הינטער די אַלע ביכער, וואָס ער האָט אַרונטערגעשלונגען, דעם געהיימניספֿולן גאָט פֿון דער וועלט; אַ גאָט, וואָס באַהאַלט זיך פֿון אים, דעם געוועזענעם ישיבה־בחור. ווי ער

האָט זיך דאָס אייגנטלעך פֿאַרגעשטעלט אין זײַן אַ ביסל צעטומלטן קאָפּ, איז מיר געווען שווער אײַנצוזען. אַ מאָדנער הונגער, אַ פֿײַער האָט געטריבן זײַן נשמה.

ניט לערביכער האָבן אים ניט אינטערעסירט, אַזוי ווי זיין רוסיש איז געווען ווײַט פֿון צו זײַן פֿאָלקאָם, האָב איך געפּרוווט אים געבן ביכער צו לייענען, ביכער פֿון פּושקין, טאָלסטאָי. פֿון אָנפֿאַנג איז דאָס נאָך געגאַנגען; באַלד אָבער איז ער געקומען צו מיר מיט פּרעטענזיעס:

— עס איז אַלץ אויסגעטראַכט! אָבער עס איז אָפּגעדרוקט, מוז דאָך דאָס עפּעס מיינען. וואָס־זשע שטעקט הינטער דעם?

— הערט זיך צו, לעוו, — האָב איך שטרענג געזאָגט צו אים. — גאָרנישט איז הינטער דעם. איר דאַרפֿט פֿאַרבעסערן אײַער רוסיש. אויב איר ווילט אויסהאַלטן דעם עקזאַמען, איז די ערשטע זאַך די רוסישע שפּראַך.

דאָס איז געווען דער ציל: אויסהאַלטן דעם עקזאַמען אויף פֿיר קלאַסן אין דער רעאַל-שולע. אַזעלכע עקזאַמענס, צו וועלכע מען האָט צוגעלאָזן זײַטיקע יונגעלײַט, האָט מען גערופֿן „עקסטערן־עקזאַמענס". ווען מען האָט אויסגעהאַלטן אַזאַ עקזאַמען, האָט מען שוין געקאָנט זיך צו עפּעס דערשלאָגן: מען האָט געהאַט אַ „לעגאַטע" (פּריווילעגיע) אין מיליטער־דינסט; מען האָט געקאָנט ווערן אַ פֿאַר־מאַצעווט אין אַן אַפּטייק, און אויב מען שטודירט ווײַטער, קאָן מען דאָך — מאַלע וואָס מען האָט געקאָנט אויפֿטאָן, ווען מען איז אַרי־בערגעשפּרונגען אויף דער אַנדערער זײַט. נאָר אַריבערשפּרינגען איז געווען גאָרנישט אַזוי לײַכט. אונזערע לערער זענען נישט גע־ווען צו מילד און נאָכגעביק אין אַזעלכע פֿאַלן. און טאַקע: וואָס דאַרף אַ ישיבה־בחור, וועלכער רעדט רוסיש מיט אַ שווערן אַקצענט, וואָס דאַרף ער האָבן דעם דיפּלאָם אָדער האַלבן דיפּלאָם פֿון דער צאַרישער רעאַל־שולע? אָבער מען האָט געהאָפּט, מען האָט גע־פּרוווט, מען האָט זיך געריסן אַריבערצושפּרינגען, אָפּגעבן דעם עקזאַמען. אפֿשר וועט זיך אײַנגעבן.

וואָס לעוו האָט געטאָן דעם גאַנצן טאָג, וואו ער האָט געוואוינט, און מיט וואָס ער האָט פֿאַרדינט דאָס ביסל לעבן צו קאָנען לעבן,

האָב איך נישט געוואוסט. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער האָט געאַרבעט בײַ אַ שנײַדער ווי אַן אַרויסהעלפער, און דערפאַר האָט אים דער שנײַדער געגעבן עסן. דער דאָזיקער שנײַדער — קרוטניצקי איז געווען זײַן נאָמען — האָט שפּעטער געטענהט:

— איך האָב דאָך אים עטלעכע מאָל פאָרגעשלאָגן צו בלײַבן בײַ מיר. ער וואָלט זיך געקאָנט אַרויפאַרבעטן אין מײַן געשעפט. צו וואָס האָט ער באַדאַרפט אײַער געאָגראַפיע מיט דער פיזיק?

עטלעכע וואָכן פאַר דעם עקזאַמען האָט לעוו שטודירט מיט טאָפּלטע כוחות און איז באַלד געוואָרן טאָפּלט אַזוי מאָגער. זײַנע קורצזיכטיקע אויגן זענען געוואָרן גרעסער און געקוקט אויף דער וועלט מיט אַ מין זשעדנער דערשראָקנקייט. מײַן מאַמע, וואָס האָט געהאַט געענוג וועגן וואָס צו זאָרגן, אַ חוץ אים, האָט זיך אַרײַנגעמישט:

— איר דאַרפט מער עסן, לעוו, — האָט זי אים געזאָגט. — איך שיק אײַך שוין אַרײַן אַ גלאָז טיי מיט ברויט און פּוטער.

ער האָט געשלונגען דאָס ברויט, אָפּגעבריט זיך מיט דער טיי, געריעדט וועגן דעם, אַז נאָך דעם עקזאַמען וועט ער זיין אַ מענטש מיט מענטשן גלײַך. דעמאָלט וועט אויך זײַן גרינגער אויסצוגעפינען אַלצדינג וועגן דעם, „וואָס עס שטעקט הינטער דער חכמה". עס מוז דאָך עפּעס זײַן אַ מין אויבער־חכמה, אַ קראַפט, וואָס איז דער אָנהויב פון יעדער קראַפט, וואָס... נו, יאָ, וואָס רופט זיך „גאָט"!

אַ טאָג פאַר דעם עקזאַמען האָב איך אים געזען. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ריין רעקל, מיט אַ דינעם ווײַסן קאָלנער און אַ גרינעם שניפּס — מסתמא אַ מתנה פון עמיצן. אָבער אויסגעזען האָט ער נישט בעסער און נישט ערגער ווי די אַנדערע אונזערע ביאַליסטאָקער יונגעלײַט. מײַן מיינונג איז געווען, אַז ער קאָן לײַכט דורכמאַכן דעם עקזאַמען. אַפילו זײַן רוסיש האָט זיך פיל פאַרבעסערט. איך האָב אים דאָס געזאָגט און ער איז געווען שטאַרק צופרידן.

— איר דענקט אַזוי? איז דאָך אַוודאי גוט. נו, מיר וועלן זען מאָרגן.

די „עקסטערניקעס" זענען געווען פאַרזאַמלט אין אַ באַזונדער צימער, און דער לערער קראַסניאַנסקי האָט זיי עקזאַמענירט. עס זענען געווען אַכט אַזעלכע אַפּליקאַנטן ווי לעוו. ווי דער עקזאַמען

איז אָפּגעלאָפֿן האָב איך זיך נישט געקאָנט דערוויסן. אָבער שפּעט אין אָוונט איז לעוו געקומען צו מיר. ער האָט זיך געטרייסלט ווי אַ בלאַט אויף אַ בוים.

— זיי האָבן מיך געכאַפּט, — האָט ער געזאָגט, — געכאַפּט מיט דער רוסישער „סאַטשינעניע”, (אַ שריפֿטלעכע אויפֿגאַבע), ווי אין אַ פּאַסטקע. איך בין דורכגעפֿאַלן. מען האָט מיר געזאָגט, אַז מער דאַרף איך שוין נישט קומען. דורכגעפֿאַלן! אויס אַלצדינג! אַ שאָד אײַער האָרעוואַניע, אַרויסגעוואָרפֿן!

איך האָב געפּרוּווט אים טרייסטן:

— איך בין זיכער, אַז איבער אַ יאָר וועט איר דעם עקזאַמען אויסהאַלטן.

— מעגלעך, זייער מעגלעך; אָבער אַ יאָר איז אַ סך צײַט. אַ גאַנץ יאָר וועל איך אַרומגיין אַזוי, אָן עפּעס אין האַנט.

איך האָב אים נישט פֿאַרשטאַנען און געזאָגט:

— איר האָט געלעבט ביז איצט, וועט איר אויך לעבן ווײַטער. עפּעס וועט איר דאָך קאָנען פֿאַרדינען.

— ווער רעדט וועגן פֿאַרדינען? דאָס איז גאָרנישט! — האָט ער זיך אָפּגערופֿן. — פֿאַרשטייט איר דען נישט? זיי לאָזן מיך נישט צו צום וויסן, אויסצוגעפֿינען וואָס עס שטעקט הינטער דעם אַלעמען.

ס'איז ווי זיי וואָלטן געווען צוגעמאַכט אַ טיר פֿאַר מײַן נאָז און געזאָגט: גיי צוריק! אָבער וואוהין זאָל איך גיין? קיין ווילנע, אין דער ישיבה? אַ, ניין. ווילנע איז פֿאַר מיר אָפּגעשניטן. איך האָב זיי דאָס געזאָגט אין דער ישיבה, איידער איך בין אַוועק: „לייגט מיך אַרײַן אין חרם! טוט מיט מיר דאָס זעלבע, וואָס איר האָט געטאָן מיט שפּינאָזאַ!”. האָבן זיי זיך צעלאַכט.

איך האָב געזען פֿאַר זיך איצט נישט בלויז אַ דורכגעפֿאַלענעם „עקסטערניק”, אַ יונגענמאַן, וואָס וויל אַרויס פֿון זײַן אומגעבונג, נאָר אַ זוכער פֿון אמת, כמעט אַ מאַרטירער פֿאַר עפּעס, וואָס איז דערווײַל נאָך אומקלאָר פֿאַר אים, אָבער וואָס ציט אים צו גיין פֿאָר־אויס. דורכצומאַכן דעם „עקסטערן־עקזאַמען” איז פֿאַר אים גע־ווען נישט מער ווי אַ מיטל צו באַפֿרײַען זיך פֿון זײַן גײַסטיקער פֿאַרגאַנגענהייט אין ווילנע, וואָס איז געזעסן אין אים שטאַרקער

ווי ער אַליין האָט עס געוואוסט. און אַ גאַנץ יאָר ווען ער איצט דאַרפֿן אַרומגיין מיט זײַנע אַלטע געדאַנקען, מיט זײַן אַלטן גײַסט, פֿון וועלכן ער איז שוין האַלב אַנטלאָפֿן, און „בלײַבן מיט גאָרנישט אין דער האַנט".

מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז ער זאָל קומען צו מיר מאָרגן נאָכ-מיטאָג. ער איז אָבער נישט געקומען. אַנשטאָט אים איז אַרײַן אין שטוב אַ קליינער, אַ פּעטינקער ייִד מיט קרומע „שנײַדערשע" פֿיס און אײן אויג קלענער פֿון אַנדערן. דאָס איז געווען קרוטניצקי, לעווס בעל־הבית.

— לעוו האָט זיך אויפֿגעהאנגען, — האָט דער שנײַדער מיר געזאָגט. — אויפֿגעהאנגען זיך אויבן אויפֿן בוידעם. הײַנט אין דער פֿרי איז מײַן ווײַב ארויף אויפֿן בוידעם און...

ער האָט אָנגעפֿאַנגען מיר דערציילן איינצלהייטן וועגן לעווס זעלבסטמאָרד. איך געדענק זיי שוין נישט. קיין צעטל, קיין בריוו האָט ער נישט איבערגעלאָזן.

פֿאַר זײַן אַוועקגיין האָט קרוטניצקי אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט זײַנע פֿאַרשידן־זעענדיקע אויגן און אויסגערעדט:

— עס וואָלט געווען בעסער, ווען איר וואָלט נישט געהאַט גע־לערנט מיט אים.

שפּעטער האָב איך באַגריפֿן זײַנע ווערטער. איך בין שולדיק, אָדער האַלב־שולדיק אין דער טראַגעדיע. קרוטניצקי, פּונקט ווי אַלע אַנדערע, איז געווען זיכער, אַז טאַקע צוליב נישט אויסהאַלטן דעם עקזאַמען האָט דער געוועזענער ישיבה־בחור זיך גענומען דאָס לעבן.

איך האָב געפֿילט, אַז לעווס טראַגעדיע איז געווען טיפֿער און נישט אַזוי איינפֿאַך. נאָך לאַנג האָט די גאַנצע זאַך געמאַכט אויף מיר אַ שווערן אײַנדרוק, און נאָך לאַנג האָב איך זיך נישט געקאָנט באַפֿרײַען פֿון די געדאַנקען, וואָס האָבן מיך שווער געדריקט. „עס וואָלט געווען בעסער, ווען איר וואָלט נישט געהאַט געלערנט מיט אים" — האָבן אַלץ געקלונגען אין מײַנע אויערן דעם שנײַדערס ווערטער.

צי דאָס איז געווען צוליב דעם, אָדער דאָ זענען געווען אַנדערע פּסיכאָלאָגישע אורזאַכן, וואָס זענען נישט געווען קלאָר פֿאַר מיר,

אָבער איך האָב אָנגעהויבן לערנען זיך אַלץ ערגער... אַ גלײַכגילטיקייט איז מיך באַפֿאַלן... די רעאַל־שולע, די שילער, די ביכער און די גאַנצע קאָכעניש פֿון יוגנט, וואָס איז פֿריער געווען אַזוי ליב און אָנצו̇ענד, האָט פּלוצים פֿאַרלאָרן פֿאַר מיר דעם גאַנצן אינטערעס

אַ שלאַנקע מיידל, מיט אַ שטרענגן פּנים, מיט שווערע צעפּ אַרום דעם קלוגן קאָפּ, האָט שימערירט פֿאַר מיר ערגעץ־וואו אין דער לופֿטן... ווער איז געווען דאָס מיידל? דאָרע באַראַקס, די טאָכטער פֿון דעם יוּוועליר באַראַקס, לעבן קאַגאַנס בוך־געשעפֿט? אָדער ראָזע דאַליצקי? אָדער איז עס גאָר געווען די וואונדער־שיינע הויכע טאָכטער פֿון דעם „זעמליעמער" שאַפּיראָ, כאָטש זי איז געווען מיט עטלעכע יאָר עלטער פֿון מיר? פֿאַנטאַסטיש און צוהיצט זענען געווען מײַנע צוריסענע חלומות...

אויף דער שאָסיי־גאַס, אַנטקעגן דעם אַלטן רוסישן בית־עולם, נישט ווײַט פֿון וואָקזאַל, האָט געוואוינט פֿראַניע נײַמאַרק מיט איר מאַמען. פֿראַניע איז אַלט געווען אַ יאָר זיבעצן, זי איז געווען אַנטוויקלט, קלוג, באַלעזן און אינטעליגענט. אַ מאָדנע מיידל איז דאָס געווען. דער גײַסט פֿון ראָמאַנטיזם האָט זיי געטריבן. „גאַנץ ביאַליסטאָק" האָט גערעדט וועגן איר: זי גייט שפּאַצירן מיט יונגעלײַט אָן דער מאַמען, אָן דעם עלטערן ברודער; הײַנט שפּאַצירט זי מיט דעם „וואָלנאָאָפּרעדיעליאָיושטשיסיאַ (אַ פֿרײַוויליקער אין מיליטער־דינסט) ציוועס, און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום — מיט מאַקס שאַפּיראָ; דערנאָך פֿאַרשווינדט שאַפּיראָ און זי שמייכלט שוין צו אַ דריטן... שמייכלט און רעדט צו אים מיט אַ האַלב־הייזעריקער שטימע וועגן פֿרידריך ניטשע, מאַקס נאָרדאָו און דאָסטאָיעווסקי. זי רעדט און שלעפּט אים אַרום איבער די גאַסן אַ שעה, צוויי און דרײַ שעה; און אָט זענען זיי שוין אויפֿן בית־עולם, און די קאַלטע נידעריקע ווינטער־לבנה קוקט אויף זיי דורך די אַלטע הויכע הילצערנע צלמים. זיי רעדן, זיי קאָנען זיך נישט געזעגענען, די נײַע פֿרײַנד, און אַ מידער, אַ האַלב־פֿאַרפֿרוירענער קומט איר קאַוואַלער אַהיים און טראַכט: „וואָס פֿאַר אַ וואונדערבאַרע מיידל די פֿראַניע ניימאַרק איז דאָס! וואָס וויל מען פֿון איר? וואָס באַרעדט מען זי?" אָבער אויף

מאָרגן גייט ער זי זען שוין מיט ווייניקער ענטוזיאַזם, און איבער־מאָרגן — מיט נאָך ווייניקער. דערנאָך פאַרשווינדט ער און פּראַניע ניימאַרק שפּאַצירט שוין מיט אַן אַנדערן און דערציילט אים וועגן דאָסטאָיעווסקי, מאַקס נאָרדאַו און שפּילהאַגען. איז וואָס, אייגנטלעך, איז דאָ געווען „נישט גוט" אין איר? פאַרוואָס האָט מען זי באַרעדט? און אַפּטמאָל מיט אַזאַ פיינדשאַפט? זי איז געווען אַ כשרע און ריינע יידישע טאָכטער, נישט ערגער פון אַלע אַנדערע אונזערע יונגע מיידלעך, שטרענג צו זיך און אַנדערע. דאָס אײנציקע, וואָס פּראַניע האָט זיך דערלויבט, איז צו גיין שפּאַצירן נישט מיט אַ חברטע, — וועלכע זי האָט קיינמאָל נישט געהאַט, — נאָר מיט אַ חבר, אַ פריינד. אָבער ווייטער פון חברשאַפט איז דאָס ביי איר קיינמאָל נישט גע־גאַנגען. רעדן וועגן ניטשע און דאָסטאָיעווסקי, קריכן אויפן בית־עולם, גיין ביינאַכט אַרום דעם פאַרפרוירענעם סטאַוו, — דאָס יאָ, אָבער דערלויבן, אַז עמיצער זאָל זי אַ קוש טאָן, אָדער אַפילו צו־קומען אַ ביסל נענטער, — דאָס נישט. און אַזוי האָט זיך געשאַפן אַ טשיקאַווע סיטואַציע: די פרויען האָבן געטענהט, אַז זי האַלט זיך צו־פריי; די מענער, אָבער, האָבן געזאָגט, אַז זי איז צו־שטרענג, צוריקגעהאַלטן. אָבער אַזוי צי אַזוי, די קליין־געוואַקסענע, קלוגע און חנעוודיקע פּראַניע, מיט איר פריינדלעכן שמייכל און האַלב־הייזעריקער שטימע האָט געמאַכט אונז, די יונגעלייט פון שטאָט, צו רעדן און חלומען וועגן איר. פאַרשטייט זיך, אַז איך בין נישט געווען קיין אויסנאַם. איך האָב שוין לאַנג געחלומט וועגן טרעפן זיך מיט איר, קאָנען רעדן מיט איר וועגן ליטעראַטור, אַרומשפּאַצירן מיט איר אויפן בית־עולם אין שיין פון דער לבנה, און קומען אַהיים אַ מידער, אַ גייסטיק באַרייכערטער פון זיין אין איר געזעלשאַפט.
אָבער ווי דערגרייכט מען דאָס? בעטן עמיצן, ער זאָל מיך פאַרשטעלן פאַר איר? וועט זי דאָך זאָגן: „ווער? אַסיפ? ער איז אויך אַריינגע־פאַלן! ער אינטערעסירט זיך אויך מיט מיר!" און דאָס טאָקע טאָר זי נישט וויסן. אָבער זי מוז דאָך פאַרשטיין, אַז איך בין אויך פאַראַן אין ביאַליסטאָק, אַז איך ווייס אויך עפּעס וועגן ליטעראַטור, און זי טאָר מיך נישט איגנאָרירן — אַזוי ווי זי טוט עס איצט. זי טאָר נישט טראַכטן, אַז איך בין בלויז איינער צווישן אַ סך.

איך האָב געפֿונען אַ וועג, אָבער עס האָט מיר געבראַכט אַ סך צרות און האָט מיר שיער נישט געקאָסט מײַן קאַריערע.

אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן האָט פֿראַניע זיך באַוויזן אויף דעם „קאַטאַק" (גליטש) אויף אונזער פֿאַרפֿרוירענעם סטאַוו און אָנגעפֿאַנגען זיך צו גליטשן. זי האָט עס געמאַכט זייער קונציק, און אויך איך בין געווען גאָר נישט שלעכט. לויפֿנדיק פֿאַרבײַ דעם אײַז, האָב איך יאַקבי צו זיך אַליין אָנגעהויבן צו דעקלאַמירן אויפֿן קול עטלעכע שורות פֿון דעם רוסישן פּאָעט נעקראַסאָוו:

„נאַ לבו או נעיאַ ראַקאָוויאַ סלאָווא: פּראַדאַיאַטסיאַ ס' פּובליטשנאָוואַ" (אויף איר שטערן זענען די פֿאַטאַלע ווערטער: זי פֿאַרקויפֿט זיך).

פֿראַניע איז געוואָרן בלאַס. זי האָט אַרונטערגענומען אירע „קאַנקי" (גליטש־שיך) און איז אַוועק.

— זי איז אַוועק צום אינספּעקטאָר זיך באַקלאָגן אויף דיר, — איז צוגעלאָפֿן איינער פֿון מײַנע חברים. — יאָג זי נאָך, שטעל זי אָפּ. בעט איר איבער.

אָבער איך האָב זי נישט נאָכגעיאָגט.

אויף מאָרגן איז אויסגעבראָכן דער סקאַנדאַל. דער אינספּעקטאָר האָט מיך גענומען אויף אַ פֿאַרהער. איך האָב געשוויגן. יעדער איינער, לערער ווי שילער, איז געווען קעגן מיר: איך האָב באַליידיקט אַ מיידל אָן אַ פֿאַרוואָס און איך מוז באַשטראָפֿט ווערן.

אַ פּאָר טעג נאָך דער פּאַסירונג אויפֿן סטאַוו האָב איך ענדלעך דערזען פֿראַניען אויף דער גאַס. איך האָב זי אָפּגעשטעלט:

— מעג איך רעדן מיט אײַך?

— ניין, מיר האָבן גאָרנישט וואָס צו רעדן, — האָט זי געזאָגט.

— איך בעט אײַך, זײַט מיר מוחל, אויב איר קענט, פֿרײַלין נײַמאַרק, — האָב איך געזאָגט. — דער געדאַנק, אַז איך האָב אײַך באַליידיקט, איז אומדערטרעגלעך פֿאַר מיר.

דאָס איז געווען אַ זיסער מאָמענט! צו שטיין אָט אַזוי אינמיטן גאַס אַ דערנידריקטער, צו קוקן אין שיינע, בלויע, קלוגע אויגן, בעטן זיך בײַ איר, וואַרטן אויף אַן ענטפֿער און האָפֿן, אַז זי וועט אַלצדינג פֿאַרשטיין, ווײַל זי איז דאָך די קלוגע; עס איז דאָך נישטאָ קיין איין

בוך אין קויפמאַנס ביבליאָטעק, וואָס זי האָט נישט אַרונטערגע־שלונגען.

און זי פֿאַרשטייט דאָס טאָקע, — נאָר זי אַליין פֿון גאַנץ ביאָ־ליסטאָק. ווײַל צוליב דעם האָב איך דאָך זי באַליידיקט — צו קאָנען בעטן זיך בײַ איר: „זײַט מיר מוחל"; צו דורכלעבן אָט דעם מאָ־מענט: שטיין פֿאַר איר אַ באַזיגטער „שונא", וואָס איך בין עס קיינ־מאָל נישט געווען — און אַ געהיימער פֿרײַנד — וואָס איך בין דאָס איר שטענדיק געווען.

אַ האַלבע שעה שפעטער זענען מיר שוין געווען צוויי „נאָענטע נשמות, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין טומל פֿון לעבן", פונקט ווי אין דאָסטאָיעווסקיס בוך, פונקט ווי עס פֿירט זיך אין דער ווײַטער שיינער וועלט, וואו עס שפילן זיך אָפ די אמתע ליבעס און ראָמאַנען.

און האָבנדיק „געפֿונען איינער דעם צווייטן", שפאַצירן מיר אויף דער ניקאָלאַיעווסקער גאַס און אויף דער ליפאָווער גאַס און גייען אַהין און צוריק, די גאַנצע וועלט זאָל וויסן און שטוינען: „טאַטע זיסער, וואָס טוט זיך דאָ? אָסיפ צוזאַמען מיט פֿראַניען?! זיי זענען דאָך ביטערע שונאים, זי האָט דאָך אים געמסרט, און זעט, זיי גייען איינער לעבן דעם צווייטן און זי שמייכלט צו אים און ער שמייכלט צו איר, און זיי רעדן און רעדן, קוקן זיך גאָרנישט אַרום, פֿאַרטיפֿט אין זייער הויך־פסיכאָלאָגישן געשפרעך!".

אַהיים בין איך געקומען שפעט און געכאַפט אַ מפלה פֿון דער מאַמען. אָבער וועמען אינטערעסירט דאָס? מאָרגן טרעף איך זיך מיט פֿראַניען ווידער.

דערווײַל איז דער ראַט פֿון לערער אָנגעגאַנגען מיט מײַן „דיעלאָ" (קעיס). קיין גוטס האָב איך נישט דערוואַרט, אָבער אַז די לערער זאָלן זײַן אַזוי שטרענג, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, דאָס האָב איך זיך אויך נישט פֿאָרגעשטעלט.

ווידער איז אין מיטן פֿון דער לעקציע אַרײַנגעקומען אין קלאַס דער דירעקטאָר וויטע און אויסגערופֿן מײַן נאָמען. איך האָב זיך אויפֿגעהויבן.

— אויס רעספעקט צו דעם גוטן נאָמען פֿון אײַער מאַמען, — האָט וויטע אַרויסגערעדט מיט זײַן הויכער טענאָר־שטימע, — איז

באַשלאָסן געוואָרן נישט אויסצושליסן אײַך פֿון דער רעאַל־שולע, ווי איר האָט דאָס, אייגנטלעך, פֿאַרדינט. אַנשטאָט דעם, וועט איר אָפּ־זיצן אין קאַרצער פֿיר און צוואַנציק שעה. אויסערדעם, מוזט איר בעטן פֿאַרצייאונג בײַ פֿרײַלין... (ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַ קוק געטאָן אין פּאַפּיר) בײַ פֿרײַלין נײַמאַרק. אויב איר טוט דאָס נישט, וועט איר באַלד אויסגעשלאָסן ווערן פֿון דער שולע.

— איך האָב דאָס שוין געטאָן, הער דירעקטאָר, — האָב איך געזאָגט, — מיר זענען איצט גוטע פֿרײַנד.

— פֿאַרוואָס האָט איר דאָס פֿריער נישט געזאָגט? — האָט ער געפֿרעגט.

— דאָס וואָלט אויסגעזען, ווי איך וואָלט דאָס געטאָן נאָר כדי אויסצומײַדן די שטראָף.

— פֿאַרוואָס האָט זי אַליין אונז דאָס נישט געזאָגט? האָט ער אויסגערעדט אַביסל בייז.

איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז דאָ קעגן איר, און איך האָב געענטפֿערט מיט אַ ליגן:

— איך האָב זי געבעטן, זי זאָל דאָס נישט טאָן.

דער דירעקטאָר האָט גאָרנישט געזאָגט און פֿאַרלאָזן דעם קלאַס, קענטיק אַ זייער אומצופֿרידענער. איך האָב נישט געקאָנט פֿאַר־שטיין מיט וואָס.

— פֿיר־און־צוואַנציק שעה אין קאַרצער!... אויף ברויט און וואַסער... שלאָפֿן אין קאַרצער אויף דער פּאָדלאָגע... אויף נאַ־קעטע ברעטער... פֿיר־און־צוואַנציק שעה!... — אַזוי האָט זיך געהערט אין יעדן ווינקל פֿון דער שולע. דאָס איז געווען אַ סענ־סאַציע, אַ זאַך וואָס טרעפֿט נאָר איינמאָל אין לעבן!

יאָרן און יאָרן וועלן פֿאַרגיין, אַן אַנדער דירעקטאָר וועט פֿירן די שולע, עס וועלן באַגאַנגען ווערן אַנדערע „פֿאַרברעכנס" — אפֿשר געפֿערלעכערע ווי מײַנע, אָבער מיך ווּעט מען נישט פֿאַרגעסן. מען וועט זאָגן: „האָסט געהערט וועגן אָסיפּ פערלמאַן? ער איז דאָך אָפּ־געזעסן אין קאַרצער גאַנצע פֿיר־אונצוואַנציק שעה!?..."

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן די ביאַליסטאָקער געקאָנט זען אַ מאָדנע בילד: אַ שילער פֿון דער רעאַל־שולע, אַ שוין דערוואַקסענער

בחור, האָט פֿאַרנאַכט געשלעפּט איבער דער גאַס אַ קישן מיט אַ קאָלדרע און אַ שווערן פֿאַפּירענעם פּעקל. אין פּעקל זענען געווען קאַלטע קאָטלעטן, האַרטע אייער, ברויט, אײַנגעמאַכטס, מילך און נאָך אַנדערע זאַכן. דאָס אַלץ האָט מיר מיטגעגעבן די מאַמע — צו פֿאַרזיסן מײַנע פֿיר־און־צוואַנציק שעה געפֿאַנגענשאַפֿט. „דער אָנ־הויב איז גאָר נישט שלעכט!" — האָב איך געטראַכט. אָבער די פֿאַרטזעצונג איז אויך נישט געווען ערגער. ווען איך בין אָנגעקו־מען אין דער שולע, האָט דער אַלטער דאַנילאָ מיך אַרײַנגעפֿירט אין אַ קליין, באַקוועם צימער מיט אַ נידריקער סטעליע און אַ פֿענצ־טער הויך לעבן דער סטעליע. קיין גראַטעס, פֿאַרשטייט זיך, זענען אין דעם פֿעצטער נישט געווען, און אויף דער פּאָדלאָגע האָט מען נישט געדאַרפֿט שלאָפֿן.

איך מוז זאָגן, אַז דער גאַנצער שרעקלעכער קאַרצער איז געווען באַקוועמער איידער מײַן קליינער צימער אין לופּינסקיס הויז. אײַנ־גיכן איז אַרײַנגעקומען דאַנילאָ מיט אַ גלאָז טיי און פּוטערקוכנס.

— דאָס שיקט אײַך איר עקסעלענץ, די פֿרוי פֿון דעם דירעק־טאָר, — האָט דאַנילאָ געזאָגט אָן שום געפֿיל.

איך האָב געטרונקען דעם טיי, געגעסן די זיסע געבעקס און געטראַכט וועגן „איר עקסעלענץ", דער קליינער געהיימניספֿולער פֿרוי מיטן שוואַרצן שלייער איבערן פּנים. שפּעט אין אָוונט גייט זי איבער די פּוסטע וועגן פֿון גאָרטן צוזאַמען מיט אירע צוויי הינט. קיינער פֿון די שילער האָט זי נישט געזען פּנים־אל־פּנים, קיינער האָט קיינמאָל נישט גערעדט צו איר. ביז דרײַ אַזייגער נאָכמיטאָג האָט זי איבערהויפּט זיך נישט באַוויזן. ווי אַ געשפּענסט האָט זי געלעבט אין דער געביידע פֿון דער שולע; גאַנץ נאָענט און דאָך ווײַט, נישט אַרײַנמישנדיק זיך אין לעבן. און אָט האָט זי זיך יאָ אַרײַנגעמישט, געוויזן צייכנס פֿון לעבן — צוגעשיקט אַ נאַרישן בחור, וואָס איז געווען פֿאַרליבט אין ליבע, אַ צייכן פֿון סימפּאַטיע.

איך האָב דערהערט אַ קלאַפּ אויבן אין פֿענצטער — און איך האָב דערקענט פֿראַניעס זיסן פּנים, איר פֿרײַנדלעכן, אַביסל בעטנ־דיקן שמייכל. זי האָט געמאַכט צייכנס צו מיר, איך האָב געמאַכט צייכנס צו איר; זי האָט מיך נישט פֿאַרשטאַנען, איך האָב זי נישט

פֿאַרשטאַנען, און —ביידע האָבן גאַנץ גוט פֿאַרשטאַנען איינער דעם צווייטן. זי איז געווען מײַן זיסער תּליון, און איך — איר גליקלעכער קרבן! זי איז ספּעציעל געקומען אַזש פֿון דער שאָסיי־גאַס אַזוי שפּעט אין אָוונט, כּדי מיך צו באַזוכן אין מײַן טורמע. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז פֿון גראַף מאָנטע קריסטאָס צײַט אָן איז נאָך קיין איינציקער אַרעסטאַנט נישט געווען גליקלעכער פֿון מיר!

אָבער אַ שווערן פּרײַז האָב איך באַצאָלט פֿאַר מײַן „גליק". מײַנע לעגענדאַרישע פֿיר־און־צוואַנציק שעה אין קאַרצער האָבן מיך דערהרגעט. איינס איז געקומען אויף דאָס צווייטע, — געלערנט האָב איך זיך אויך שלעכט. נו, האָבן די לערער באַשלאָסן צו לאָזן מיך זיצן אין דעמזעלבן — זעקסטן קלאַס אויף נאָך אַ יאָר. איך האָב דאָס אָנגענומען אָן זאָרג. פֿאַר מײַן מאַמען אָבער איז דאָס געווען נישט לײַכט איבערצוטראָגן: נאָך אַ יאָר אַרבעט, נאָך אויף אַ יאָר אָפּשטופּן דעם ציל פֿון איר לעבן — צו שטעלן אויף די פֿיס אירע זין.

מײַן ברודער הערמאַן האָט פֿאַרענדיקט די רעאַל־שולע און איצט האָט מען געדאַרפֿט קלערן וואָס צו טאָן ווײַטער. אין רוסלאַנד האָט ער נישט געוואָלט בלײַבן. אין אים איז טיפֿער געזעסן דאָס דײַטשע בלוט פֿון אונזער פֿאָטער, דעם קעניגסבערגער בירגער. זאָל ער אפֿשר פֿאָרן קיין בערלין און דאָרט שטודירן אויף אינזשעניר? דאָרט לעבט דאָך די שוועסטער פֿון אונזער פֿאַרשטאָרבענעם טאַטן. זי און איר מאַן, דער סוחר, וועלן דאָך זיכער צוהעלפֿן דעם פּלימעניק פֿון ביאַליסטאָק.

די מאַמע האָט אָנגעשריבן אַ בריוו קיין בערלין צו אונזער ווײַטן קרוב, דעם אַדוואָקאַט עגער, אין וועלכן זי האָט אים געבעטן אויסצוגעפֿינען אַלצדינג וועגן אונזער אומבאַקאַנטער מומע. דערווײַל איז הערמאַן אָנגעגאַנגען מיט געבן פּריוואַט־לעקציעס, כּדי אָפּצושפּאָרן אַ פּאָר רובל פֿאַר דער צוקונפֿטיקער רײַזע.

הערמאַן איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ געהיימניספֿולער מינע, ווי־ער וואָלט געוואוסט דאָס, וואָס מיר טאָרן נישט וויסן און וואָס ער וועט אויף קיין פֿאַל קיינעם נישט דערציילן. דערבײַ האָט ער געוואָלט, אַז מען זאָל וויסן, אַז ער ווייס עפּעס אַזוינס וואָס אַנדערע

טאָרן נישט וויסן. עטלעכע מאָל האָב איך אונטערגעהערט ווי ער רעדט מיט זײַנע חברים וועגן זאַכן, וואָס איך האָב ווייניק פאַרשטאַנען: „אַרבעטער... פּריוואַט־אייגנטום... דאָס רעכט צו אָרגאַניזירן זיך...״ דאָס האָט מיך געמאַכט זייער נײַגעריק. איך האָב געפילט, אַז דאָס איז עס טאַקע, צוליב וואָס הערמאַן פאַרהאַלט זיך אַזוי מאָדנע, אַז דאָס איז געווען זײַן געהיימניס. איינמאָל, ווען ער איז געווען פאַרנומען אין שטאָט מיט געבן פּריוואַט־לעקציעס, האָב איך זיך צוגעשאַרט צו זײַן שאַפע. דאָרט זענען געלעגן ביכלעך, וואָס זענען געווען געדרוקט אין אויסלאַנד, אין שווייץ. דער שריפט, דער פאָרמאַט און אַפילו דער פּאַפּיר איז געווען אַנדערש פון אונדזעריקע ביכער. איך האָב דערקענט די דאָזיקע ביכלעך, — די פאַרבאָטענע בראָשורן פון מײַנע קינדער־יאָרן, ווען עס פלעגן אַרײַנקומען צו אונז אין שטוב די יונגעלייט אין די רוסישע העמדלעך. אַ מאָדנעם געפיל האָב איך געהאַט, ווען איך בין געשטאַנען ביי דער אָפענער שאַפע מיט דעם פאַרבאָטענעם ביכל אין דער האַנט. נייגעריק האָבן מיינע אויגן אָנגעפּאַנגען אויפצונעמען איין בלעטל נאָך דעם צווייטן. אָט אַזוי, באַהאַלטענערהייט, האָב איך דורכגעלייענט דאָס ביכל, און ווען איך בין געווען פאַרטיק, האָב איך זיך פאַרשעמט מיט דעם וואָס איך האָב אָפּגעטאָן אין דעם לאַנגן, קראַנקהאַפטיקן ווינטער מײַנעם.

עס זענען אַוועק דער ווינטער, דער פרילינג און דער זומער איז געקומען.

מײַן „נשמה־פאַרוואַנדשאַפט״ מיט פראַניע נײַמאַרק האָט זיך אָפּגעקילט. איך בין שוין געווען גוט באַקאַנט מיט דעם אַלטן בית־עולם אויף שאָסיי־גאַס און, אַ דאַנק פראַניען האָב איך שוין געוואוסט, וואו אַ נאָפּאָלעאָנישן גענעראַל האָט זיך פאַרגלוסט אויסצולייגן זיך אַ קבר פונקט אין אונזער שטאָט, אויף דעם אָרט, וואו איך מיט פראַניען פלעגן פילאָזאָפירן וועגן דאָסטאָיעווסקין. זאָל זיך דאָרט רואיק ליגן זײַן פראַנצויזישע נשמה, אָבער זאָל אים באַזוכן אַן אַנדערער, נישט איך. פאַר מיר איז שוין גענוג. זי איז אַ פײַן מיידל, אַ גוט מיידל, אָבער צום אינספּעקטאָר האָט זי פאָרט נישט געדאַרפט לויפן. עס וואָלט געווען גאַנץ גענוג, ווען זי גייט צו מײַן מאַמען און

באַקלאָגט זיך אויף מיר. זי האָט שיער נישט רואינירט מײַן גאַנצע קאַריערע, מײַן לעבן. אָט זיץ איך דאָך נאָך אַ יאָר אין דעמזעלבן קלאַס צוליב איר, קאָן מען זאָגען, און ווער ווייס וואָס עס קאָן נאָך ווייטער ווערן דערפֿון, דער זיסער מאָמענט פֿון קרענקלעכן ראָמאַנטיזם איז אַוועק.

און שוין נישט וועגן איר רעדט אַצינד יונג־ביאַליסטאָק — די סטודענטן, די פֿאַרמאַצעווטן, די עלטערע שילער, די „פּרײַווויליקע". פּראַניעס שטערן האָט זיך אַרונטערגעקײַקלט און אויף דעם האָריזאָנט האָט זיך באַוויזן אַ נײַער, אַ טאָפּלטער שטערן און וואָס ווײַטער שײַנט ער אַלץ ליכטיקער. דער נאָמען פֿון דעם טאָפּל־שטערן איז געווען: אידאַ און שאַרלאָטע (שייטקע) עלבוים.

די צוויי שוועסטער, די טעכטער פֿון דעם ווינקל־אַדוואָקאַט חיים עלבוים, זענען געווען שילערינס פֿון דער מינסקער גימנאַזיע און נאָר וואָס אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק פֿאַר זייער וואַקאַציע. די עלטערע, אידאַ, איז געווען שענער. זי האָט געהאַט שוואַרצע, גלאַט־פֿאַרקעמטע האָר, וואָס האָבן געגעבן דעם אײַנדרוק פֿון רואיקייט, פֿון גייסטיקער ריינקייט. שיין און רואיק, כאָטש אַביסל ווייניקער, זענען געווען אירע אויגן — שוואַרצע, קלוגע, מיט אַ קליינעם, קוים מערקבאַרן, זײַטן־גלאַנץ. איר שטימע איז געווען מעלאָדיש, מיט קלאַנג פֿון באַהאַלטענער קראַפֿט. זי איז געווען ענלעך צו איר מאַמען, וועלכע האָט געדאַרפֿט זײַן גאָר אַ שיינהייט אין אירע יונגע יאָרן, און איצט איז זי געוואָרן דיק און פֿאַרמלאָז אין גוף, אָבער נאָך אַלץ געווען שיין אין פּנים. שאַרלאָטע איז געווען אַ שאַטינקע, אירע האָר זענען געווען מער געדיכט, אַביסל געקרײַזלט, צוואָרפֿן, אומרואיק, שטיפֿעריש — אַ באַזונדערן חן האָט געהאַט אָט־די לעבעדיקע קרוין אויף דעם קאָקעטיש־זיצנדיקן קאָפּ. שאַרלאָטעס אויגן זענען געווען העל, אַזוי ווי דעם טאַטנס — דעם קליינעם מענטשל מיט דער גראָבער נאָז. אויך שאַרלאָטעס נאָז איז נישט געווען ריכטיק פֿאָרמירט, אַביסל שוין צו דיק בײַם שפּיץ, אָבער אויך דאָס האָט איר צוגעגעבן אַ באַזונדערן רייץ. זי איז געווען מיט אַ יאָר יינגער פֿון אידאַן, מער לעבהאַפֿט, מער שטיפֿעריש, ווייניקער ערנסט, אומרואיק מיט דער באַהאַלטענער קראַפֿט פֿון אַ רייפֿנדער מיידל.

עס איז געווען נאָך אַ דריטע, אַ ייִנגערע שוועסטער, אסתּר, און אַ פערצניאָריקער ברודער, קלמן.

(אַ באַמערקונג: באַלד נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע פון יאָר 1917, ווען די מאַכט איז איבערגעגאַנגען צו קערענסקין, האָט דער באַוואוסטער רוסישער רעוואָלוציאָנער און היסטאָריקער וולאַדימיר בורצעוו פאַרעפנטלעכט די נעמען פון פּראָוואָקאַטאָרן, וועלכע האָבן געדינט דער צאַרישער געהיים־פּאָליציי. צווישן די דאָזיקע שמוציקע נעמען איז אויך געווען דער נאָמען קלמן עלבוים פון ביאַליסטאָק. און דאָך ווילט זיך מיר גלויבן, אַז דאָס איז געווען אַן אַנדערער).

אין דער צײַט זענען גימנאַזיסטקעס אין ביאַליסטאָק געווען אַ זעלטנהייט. ווי חנעוודיק דיביידע שוועסטער האָבן אויסגעקוקט, ווען זיי זענען רואיק, באַשיידן געגאַנגען איבער דער גאַס! זייערע ברוינע אוניפאָרם־קליידלעך האָבן אויסגעקוקט גאַנץ אַנדערש ווי די געוויינלעכע קליידלעך פון אונזערע יונגע מיידלעך, און האָבן דערפרייט דאָס אויג.

די „רעאַליסטן" זענען דאָך געווען ווי זייערע „וויסנשאַפטלעכע" חברים און געהאַט, אַזוי צו זאָגן, אַ מאָראַליש רעכט צו זײַן די ערשטע צו באַקענען זיך מיט זיי. אינגיכן האָבן אָנגעהויבן פאַר־זאַמלען זיך אין זייער שטוב יונגעלײַט. מײַן ברודער הערמאַן איז שוין געווען אַן אָפטער גאַסט דאָרטן, אָבער איך האָב נישט געקאָנט אָפילו טראַכטן פון אַזאַ גליק. אָפטמאָל אין אָוונט האָב איך געטראָפן די גאַנצע משפּחה עלבוים שפּאַצירנדיק אין דער גאַס. די מאַמע איז שטענדיק געווען דערבײַ, קיינמאָל האָט זי נישט געלאָזט די טעכטער אירע אַרומגיין אַליין. עס איז געווען אפשר אַביסל אַלט־מאָדיש, אָבער שיין און ווירדיג האָט עס דאָך אויסגעזען.

אינמיטן זומער האָבן די עלבוימס זיך איבערגעקליבן אויף אַ דאַטשע אין דער סלאָבאָדקע. דאָס איז געווען הינטער דעם וואַלד „זווערינעץ", דאָרט, וואו עס פאַנגט זיך אָן דער שיינער אַלטער סאָסנאָווער וואַלד פון באַראָן קראָוזענשטערן. איצט זענען מײַנע אָוונטן געוואָרן גאָר פוסט און לער, ווײַל דאָס איינציקע וואָס איך האָב ביז איצט געהאַט, איז געווען צו טרעפן די צוויי שוועסטער אויף דער גאַס, וואַרפן אַ קורצן בליק אויף זיי און ווײַטער גיין...

דיביידע שוועסטער, אידאַ און שאַרלאָטע, זענען געווען פֿאַר מיר איין באַגריף, איין צוזאַמענגעשמאָלצענע וויזיע פֿון שיינקייט, יוגנט און גײַסטיקער ריינקייט. אין אָט דער וויזיע בין איך געווען „פֿאַרליבט". איך האָב באמת נישט געקאָנט זאָגן אַפֿילו צו זיך אַליין, ווער פֿון די צוויי שוועסטער איז מיר געווינשטער, ווײַל איך האָב דאָך זיי ביידע נישט געקענט. ביידע זענען געווען פֿאַר מיר דער נישט־דערגרייכטער שטערן, וואָס האָט זיך פּלוצים באַוויזן פֿאַר מיר. פֿאַרשטייט זיך, אַז קיינער, קיינער, קיינער האָט נישט געוואוסט און נישט געטאָרט וויסן מײַנע געהיימע געדאַנקען, דעם זיסן טרוים, וואָס איז בײַ מיר אַמשטאַרקסטן אין אָוונט, ווען איך זיץ אויפֿן גאַניק און קוק אויף די בעז־קוסטעס, וועלכע זענען איצט שוואַרץ; קוק אויף דער לבנה, וואָס כישופֿט מיט איר גרינעם שײַן אויף דעם ווײַטן הימל.

די טיר הינטער מיר האָט זיך געעפֿנט, אַ געלער שײַן איז גע־פֿאַלן אויף די טרעפּלעך פֿון דעם גאַניק און ווידער פֿאַרשוואונדן. דאָס איז אַרויסגעקומען פֿון שטוב הערמאַן. ער גייט פֿאַרבײַ, בלײַבט שטיין און רעדט אויס:

— ווילסטו גיין מיט מיר קיין סלאָבאָדקע?

מײַן האַרץ פֿאַנגט אָן צו שלאָגן שטאַרקער. איך קאָן נישט אויסרעדן קיין וואָרט. אים דוכט זיך מסתמא אויס, אַז איך האָב אים נישט פֿאַרשטאַנען, און ער מאַכט עס קלאָרער:

— צו די עלבוימס. קום אַזוי ווי דו ביסט. האָסט נישט קיין היטל? עס מאַכט נישט.

מיר פֿאַרלאָזן לופּינסקיס הויף, מיר גייען איבער די שטיל- און טונקל־געוואָרענע גאַסן און מיר ווײַזט זיך אויס, אַז דאָס איז אַ חלום. דאָס לעצטע מאָל, ווען איך בין געגאַנגען צוזאַמען מיט הערמאַנען, איז געווען מיט יאָרן צוריק, ווען מיר האָבן געזאָגט קדיש נאָך אונזער פֿאָטער אין דעם „פּאָלקאָוואַי" בית־מדרש. דערנאָך האָט קיינמאָל נישט פּאַסירט, אַז מײַן ברודער זאָל זיך האַלטן גלײַך מיט מיר. און וואָס ווײַטער איז געוואָרן ערגער. פֿאַר די לעצטע עטלעכע יאָר האָט ער פּשוט נישט גערעדט צו מיר, נישט געקוקט אין מײַן זײַט און נישט געהאַט מיט מיר קיין שום באַרירונג. ווי איז דאָס

מעגלעך? מען לעבט אונטער איין דאַך, מען לערנט זיך אין דער זעלבער שולע, מען עסט בײַ דעם זעלבן טיש! הערמאַן האָט עס פֿאָרט דורכגעפֿירט יאָר נאָך יאָר, סיסטעמאַטיש, מעטאָדיש, קיינמאָל נישט געמאַכט קיין אויסנאַם. אַזוי האָט ער זיך געפֿירט אויך קעגן אונזער ייִנגערער שוועסטער אַנאַ. ער האָט זי איגנאָנצן איגנאָרירט, אַזוי ווי זי וואָלט געווען אַ קאַץ אין שטוב. און אַז ער האָט אַמאָל פֿאָרט געדאַרפֿט רעדן צו איר אָדער צו מיר, האָט ער דאָס אויסגע־רעדט אין דער לופֿטן און געקוקט צו דער מאַמען. איך האָב גע־טראַכט, אַז אַזוי פֿירט מען זיך, אַז אַזוי איז ריכטיק; האָב איך אויך אָנגעפֿאַנגען צו באַציִען זיך צו מײַן שוועסטער אַנאַ, ווי ער — צו אונזביידן. ער איז דאָך דער עלטסטער, וואָס פֿאַרטרעט דעם פֿאַר־שטאָרבענעם טאַטן מײַנעם, ער ווייסט וואָס ער טוט... צו דעם ייִנגערן ברודער, יאַקאָב, איז הערמאַן געווען ליב און פֿרײַנדלעך.

אָבער הײַנט — הײַנט ווערט אַלצדינג אַנדערש, ווי דורך אַ כישוף. הערמאַן רעדט צו מיר נישט נאָר מענטשלעכע, נאָר ברײי־דערלעכע ווערטער און קוקט מיר אין פּנים אַרײַן און „שעמט זיך" נישט דאָס צו טאָן. ער איז מיר מוחל. וואָס מוחל? וואָס אַזוינס האָב איך אים, אייגנטלעך, געטאָן? איצט איז נישט דער מאָמענט צו שטעלן אים קשיות.

איך האָב געפֿונען אַ ברודער און באַלד וועל איך געפֿינען נאָך אַ שענערע מתנה. אַ נײַע באַגעגעניש דערוואַרט מיך, נײַע פֿרייד; מײַן חלום וועט באַלד מקוים ווערן.

מיר זענען אַרײַן אין וואַלד. איצט זעט ער אויס כמאָרנע און אומצופֿרידן, דער שיינער, תּמיד־פֿריינדלעכער „זווערינעץ"־וואַלד. די ביימער קוקן אויס צו זײַן העכער, די שטערן ווײַזן זיך צווישן די צווייגן און פֿאַרשווינדן. איך זע נישט הערמאַנס פּנים. איך הער זײַן שטימע:

— איך בין נעכטן אַדורכגעגאַנגען דעם וועג איינער אַליין, — זאָגט ער.

אָט האָסטו דיר! איך, דער שטאַרקער, דער פֿאַר־גאָרנישט־מורא־האָבנדיקער, וואָלט דאָס זיכער נישט געוואָגט צו טאָן, און ער, דער שטילער, דער „שוואַכער", שפּאַצירט זיך אין דער נאַכט אַליין

אין וואַלד! איך באַוואונדער אים אין האַרצן און, כדי צו מאַכן אים פֿילן גוט, זאָג איך:

— זײַ פֿאַרזיכטיק. מאַלע וואָס עס קאָן זיך טרעפֿן אין וואַלד.

— איך בין שוין צוגעוווינט, — ענטפֿערט הערמאַן געמאַכט־זאַרגלאָז.

איך פֿאַרשטיי גוט, צו וואָס ער זאָגט דאָס: ער וויל נישט, איך זאָל מיינען, אַז ער האָט מיך מיטגענומען נאָר צוליב דעם, ער זאָל האָבן אַ באַגלייטער. ניין, ער וויל זײַן אַ חבר, אַ פֿרײַנד; ער האָט חרטה, וואָס ער האָט מיר שווײַגנדיק וויי געטאָן די אַלע לאַנגע יאָרן. דאָס בעט ער בײַ מיר איך זאָל אים מוחל זײַן. און איך בין אים מוחל.

אַ, הערמאַן, איך פֿאַרגעס אַלצדינג. איך האָב צו דיר גאָרנישט. מײַן האַרץ גייט אויס נאָך דיר.

דער „גרינער וועג" דורכן וואַלד האָט זיך געענדיקט, דער „זווערינעץ" ליגט שוין הינטער אונדז. איך דערזע די הילצערנע גע־בײַדע פֿון דעם זומער־טעאַטער „ראָסקאָש" (לוקסוס). אויף דער צוגעשלאָסענער אײַנגאַנגס-טיר איז אָנגעקלעפּט אַן אַפֿיש. איך לייען דורך דאָס וואָרט „רויבער". אַ צערטלעכער ווינטל ווייעט פֿון דער סלאַבאָדקע און גלעט מײַנע האָר.

מיר פֿאַרקירעווען זיך רעכטס. דאָ שמעקט עס מיט טרוקענע סאָסנעס. צווישן די שוואַרצע אומנאַטירלעך הויכעביימער (אַזוי זעען זיי איצט אויס) באַווײַזן זיך עטלעכע ליכטלעך. דאָס זענען די באַלויכטענע פֿענצטער פֿון די זומער־דאַטשעס. עס איז גאָר נישט אַזוי שפּעט, ווי דאָס האָט זיך אויסגעוויזן אין וואַלד.

— וואוהין גייט איר? — דערהערט זיך פּלוצים אַ שטימע און נאָך איינע, און דערנאָך אַ געלעכטער און באַגריסונג.

דאָס זענען זיי, די עלבוימס מיט זייערע געסט.

מען האָט אויפֿגעהאַנגען אַ האַמאַק, אַרויסגעטראָגן פֿון שטוב אַ פּאָר בענקלעך, אָדער גלאַט אַוועקגעזעצט זיך אויף דער ערד, און מען פֿאַרברענגט דאָ דעם שיינעם אָוונט.

הערמאַן שטעלט מיך פֿאָר צוערשט פֿאַר דער מאַמען און דער־נאָך פֿאַר איין שוועסטער און פֿאַר דער צווייטער; אָבער ווער איז די

איינע און ווער די צווייטע, קאָן איך נישט אונטערשיידן, ווײַל עס איז טונקל.

דאָ איז אויך פֿאַראַן דער דיקער פּײַוול דאָליצקי, וואָס האָט צוזאַמען מיט הערמאַנען פֿאַרענדיקט די רעאַל־שולע, און אַבראַם רובינשטיין, דער ייִנגערער ברודער פֿון מײַן געוועזענעם רוסישן לערער. „אַבראַשאַ" איז נאָר וואָס אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק און זוכט צו עפּעס זיך צו דערשלאָגן.

קלמן עלבוים, דער ייִנגל, מיט דעם פּאָטערס גראָבער נאָז, זיצט שטיל לעבן דער מאַמען, שמייכלט און איז צופֿרידן, וואָס מען האָט אים דערלויבט צו זײַן צווישן דערוואַקסענע.

אַבראַשאַ רובינשטיין פֿאַנגט אָן צו זינגען. קיין שטימע האָט ער נישט, אָבער ער זינגט מוזיקאַליש.

— סערענאַדע פֿון שוברט — זאָגט צו מיר איינע פֿון די שוועסטער. אָבער וועלכע שוועסטער איז דאָס?

שוברטס טענער בעטן ליבע אין ביאַליסטאָקער סלאָבאָדקע. די לבנה באַווײַזט זיך הינטער דעם וואַלד און עס ווערט העלער. איך דערזע איצט וועלכע פֿון די צוויי שוועסטער עס זיצט דאָס לעבן מיר. דאָס איז די ייִנגערע, שאַרלאָטע. דער „טאָפּלטער שטערן" פֿאַרלירט זײַן טאָפּלקייט און קריסטאַליזירט זיך. איצט איז עס באַשטימט נאָר איין שטערן: שאַרלאָטע! און ערגעץ־וואו ווײַט הינטער איר שימער־רירט אידאַ. נו, זאָל זי זיך דאָרטן שימערירן געזונטערהייט. מײַן שטערן, מײַן ליכט, לעבעדיק־געוואָרענער טרוים איז דאָ בלויז איין שריט פֿון מיר, און רעדט, לאַכט און שמייכלט צו מיר און הערט זיך צו צו מיר, אַזוי ווי איך בין טאַקע איר גלײַכן, און נישט בלויז דער ייִנגערער ברודער, וועמען דער עלטערער האָט מיטגעבראַכט כמעט פֿון רחמנות. די אומגאַטירלעך הויכע סאָסנעס רוישן און פּלאַפּלען מיט זייערע צווײַגן, די דיקע מאַמע שלאָפֿט אײַן אין האַמאַק, די לבנה ווערט קלענער און ליכטיקער, אַלע פֿענצטער אין דער סלאָבאָדקע ווערן פֿאַרטונקלט. און מיר זיצן נאָך אַלץ אין וואַלד און רעדן און קאָנען זיך נישט צוגיין. מיר זענען שיכור, און איך מער פֿון אַלעמען, פֿון דער נאַכט, פֿון דער גרינער לבנה, פֿון שוברט און פֿון

דעם, וואָס מיר זענען אַזוי נאַריש, אַזוי יונג און ריין, ווי מען קאָן דאָס זײַן נאָר איין מאָל אין לעבן.

איך בין געקומען אַהיים ווען די נאַכט איז שוין געווען בלאָס, דער פֿרימאָרגן האָט זיך צוגערוקט נענטער. די מאַמע איז נישט געשלאָפֿן, זי איז געווען זייער באַזאָרגט.

— וואו זײַט איר געווען די גאַנצע נאַכט? האָט זי געפֿרעגט, אָבער נישט בייז, נישט מיט פֿאַרוואורף.

הערמאַן האָט איר רואיק געענטפֿערט. זי האָט מער גאָרנישט געזאָגט. אָט איז דער מאָמענט געקומען: אירע צוויי קינדער זענען מער קיין קינדער נישט; זיי זענען מענער. זיי האָבן זיך אָפּגעריסן פֿון איר, נישט געקלערט וועגן דעם, אַז זי וועט זיך זאָרגן, וועט נישט קאָנען אײַנשלאָפֿן טראַכטנדיק, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אירע זין. פֿאַרגעסן די מאַמע. אַן אַנדערע פֿרוי איז מיטאַמאָל געוואָרן דעם זון נענטער און וויכטיקער. זי האָט נאָך גאָרנישט געטאָן פֿאַר אים און וועט אפֿשר קיינמאָל גאָרנישט טאָן; אָבער דאָס איז עס דאָך: זי איז ייִנגער. און דאָס קינד, וואָס איז איצט שוין קיין קינד נישט, נאָר אַ מאַן, וויל פֿאַר איר, פֿאַר דער ווײַטער, פֿאַר דער אומבאַקאַנטער אינסטינקטיוו זאָרגן, פּונקט אַזוי ווי די אַלט־געוואָרענע מאַמע האָט געזאָרגט פֿאַר אים. דאָס איז דער דאַנק, וואָס אַ זון גיט דער מאַמען.

אַזוי האָט זיך אָנגעפֿאַנגען פֿאַר מיר די צײַט, וואָס מען רופֿט „ערשטע ליבע". וואָס האָט זי מיר געבראַכט? אומקלאָרע ראָמאַנטישע חלומות, וועלכע האָבן באַפּוצט, באַרײַכערט און באַפּאַרבט מײַן לעבן, אָנגעפֿילט מײַן האַרץ מיט דעם געפֿיל פֿון שיינקייט, אָפּגעריסן מיך פֿון דעם, וואָס איז איצט געווען מיר נאָענט און טײַער, באַרוישט מיך מיט דערוואַרטונג פֿון אַ גליק, וואָס האָט נישט געקאָנט און נישט געדאַרפֿט קומען, און צום שלוס מיר געבראַכט ביטערניש און אַנטוישונג אַזוי פֿיל, אַז איך קאָן עס ביז הײַנט נישט פֿאַרגעסן.

זעלטן וועמען עס איז אויסגעקומען אין זײַן יוגנט צו זען זײַן „אידעאַל" אַזוי צושמעטערט און פֿאַרניכטעט.

דער זומער האָט זיך פֿאַרענדיקט. אויס שפּאַצירן און זיצן און זינגען און רעדן אין וואַלד; אויס סלאָבאָדקע, אויס דאַטשע; ווידער

צוריק אין שטאָט צום לערנען זיך: אין דער רעאַל־שולע, און שאַר־לאַטע אין דער גימנאַזיע אין מינסק.

פֿון בערלין איז אָנגעקומען דער לאַנג-דערוואַרטעטער בריוו פֿון אונזער ווײַטן קרוב. דער אַדוואָקאַט עגער האָט אונז געלאָזט וויסן, אַז הערמאַן קאָן קומען קיין בערלין: זײַן מומע און איר מאַן וועלן אים פּרוּוון העלפֿן. דער צוזאָג איז נישט געווען קיין צופֿיל הייסער, אָבער קיין בעסערן האָבן מיר דאָך נישט געהאַט.

און פּונקט אַזוי ווי דעמאָלט, מיט יאָרן צוריק, ווען דער מאַמעס שוועסטער, אָלגאַ, איז אַוועק קיין אַמעריקע, זענען מיר ווידער אויפֿגעשטאַנען גאַנץ פֿרי, און ווידער האָט טרויעריק געברענט דער אומגעוויינלעך פֿרי אָנגעצונדענער לאָמפּ; ווידער האָט עס אויסגעזען ווי אַ יאָרצײַט; ווידער האָט די פֿאַרשלאָפֿענע דינסט אַרײַנגעטראָגן דעם קאָכנדיקן, זשומענדיקן סאַמאָוואַר; ווידער איז אַרײַן אין שטוב דער איזוואָזטשיק און גענומען שלעפּן הערמאַנס באַגאַזש: אַ געפֿלאָכטענעם שווערן קאָרב איבערגעבונדן מיט אַ שטריק און צוגעשלאָסן מיט אַ שלאָס, וואָס איז געהאנגען אויף אַן אײַזערנעם שטעקן. מיר פֿאָרן דורך די ליידיקע גאַסן — צום וואָקזאַל. עמיצער פֿון דער גאַס, אַ באַקאַנטער, שרײַט הערמאַנען צו אַ „זײַ געזונט”... אויפֿן וואָקזאַל וואַרטן שוין עטלעכע פֿון זײַנע פֿרײַנד. מען רעדט אומנייטיקע, איבעריקע און פֿאָרט נייטיקע ווערטער. אַט דאַרף מען זיך צוקושן, און איך ווייס ווי פּײַנלעך דאָס איז פֿאַר מײַן ברודער, וועלכער האָט פֿײַנד יעדן אויסדרוק פֿון האַרציקייט; אָבער ער מוז דאָס דורכמאַכן. און אָט איז ער שוין אינעווייניק, אין וואַגאָן, און קוקט דורכן פֿענצטער פֿון אויבן אַראָפּ. דער פֿענצטער עפֿנט זיך נישט, מיר קאָנען אים נישט הערן, מיר זעען נאָר ווי ער רעדט עפּעס מיט די הענט, און מיר ענטפֿערן אים אויך אַזוי. דער וואָקזאַל־גלאָק קלינגט צום דריטן מאָל. עס הערט זיך אַ פֿײַף, דער צוג רירט זיך פֿון אָרט און קריכט פּאַמעלעך פֿאַראויס, נעמט זיך אָן מיט כּוחות און פֿאַנגט אָן צו לויפֿן, ווערט אַלץ קלענער און — אַוועקגעפֿאָרן הערמאַן! די מאַמע ווישט אָפּ אַ טרער, נישט מער ווי איינע, אָבער דאָס איז אַ שווערע, אַ ברענענדיקע טרער.

הערמאַן איז אַוועק. איצט פֿאַרנעם איך זײַן פּלאַץ. איך בין דער

עלטסטער אין דער משפּחה. איך דאַרף ווײַזן אַ בײַשפּיל דער שוועס־טער און יאַקאָבן, ווי אַזוי צו פֿירן זיך. דאָס האָט געזאָגט די מאַמע, ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט פֿון וואָקזאַל.

הערמאַנס שאַפֿע ווערט איצט מײַן שאַפֿע, זײַן בעט ווערט איצט מײַן בעט. אין אונזער ענגער שטוב, וואו איינער האָט זיך תמיד אָנגעשטויסן אויף דעם צווייטן, איז געוואָרן פֿרײַער. איך שעם זיך צו האָבן אַזאַ געדאַנק; אָבער איך טראַכט פֿאַר זיך: עס איז גוט, וואָס ער איז אַוועק.

איך לערן זיך גוט. שטילערהייט גיי איך אָן מיט מײַן שרײַבן און פֿיר אַ געהייכע קאָרעספּאָנדענץ מיט עטלעכע מאָסקווער און פּעטערבורגער זשורנאַלן, און זיי ענטפֿערן מיר טאַקע און גיבן מיר אַמאָל עצות, אָבער דרוקן מיך, איילן זיי זיך נישט.

אין שטאָט ווערט געבוירן אַ נײַ וואָרט, וואָס קלינגט אין אָנהויב פֿרעמד, אָבער ביסלעכווײַז ווערט עס היימיש און האַרציק: „ציוניזם". מען רעדט דערפֿון וואָס ווײַטער אַלץ מער. מענטשן, וואָס קומען צו פֿאָרן פֿון גראָדנע, ווילנע, פּינסק און וואַרשע, דערציילן, אַז דאָרטן רעדט מען אויך וועגן דעם. מען איז אַ ביסל צעטומלט: מען ווייסט נישט ווי דער פּאָליצמייסטער פֿאַרהאַלט זיך צום ציוניזם. איז ער פֿאַר אָדער קעגן? איז עס דערלויבט, אָדער נישט דערלויבט? ער אַליין ווייסט אויך נישט און מאַכט זיך נישט־וויסנדיק. הייסט עס, מען מעג אָנגיין מיט פֿאַרזאַמלונגען, דיסקוסיעס און לעקציעס. דאָקטאָר כאַזאַנאָוויטש, וועלכער איז געווען פֿאַרשיקט קיין לאָדזש פֿאַר דעם גראַנאָווסקי־פּראָצעס, איז שוין צוריקגעקומען און קאָכט זיך מער פֿון אַלעמען. ער שטעלט אָפּ אויף דער גאַס באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע, כאַפּט זיי פֿאַר די לאַצן, רייסט זיי אָפּ די קנעפּלעך און באַשווערט זיי צו ווערן ציוניסטן. ער רעדט וועגן ציון אויך צו זײַנע קראַנקע, וואָס וואַרטן, נעבעך, אויף אַ רפֿואה פֿון הוסטן און נישט אויף אַ מאַסן־עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל... די שעה האָט געשלאָגן, — דערקלערט ער זיי. — מען דאַרף רעדן מיט דעם טערקישן סולטאַן; אײַער הוסט איז בלאָטע.

אַרום אים פֿאַרמירט זיך אַ גרופּע פֿון יונגע ענטוזיאַסטן: לעאָן פּאַפּערין, ליפּמאַן ראָזענטאַל, די לערער פֿון דער יאַפֿע־שולע, ציפּקין

און זשמוצקי. סאלאָמאָן קאַפּלאַן איז דער יינגסטער פֿון זיי אַלעמען. ער זעט אויס ווי אַ קינד, רעדט שיין און מיט ווארעמער לאָגיק און מען האָט ליב צוצוהערן זיך צו אים.

לעאָן פּאַפּערין שטעלט מיך אַפּ אין גאַס. ער איז עלטער פֿון מיר מיט אַ פּאָר יאָר. ער טראָגט ברילן. ער האָט אָבער די טבע צו קוקן איבער די ברילן, וואָס גיט זײַן פּנים אַ מאָדנעם אויסדרוק. זײַן מויל איז שטענדיק האַלב־אָפֿן און די פֿולע ליפּן צוטיילט. דאָס גיט אים אַ ביסל אַ נעגערשן אויסזען. ער איז זייער אַ פֿעיִקער און אַן אויפֿריכטיקער און אַן ענערגישער בחור.

— באַלד איז פּורים, — זאָגט מיר לעאָן פּאַפּערין, — מיר גייען פֿײַערן דעם יום־טוב. שרײַבט אָן עפּעס פּאַסיקעס און לייענט עס פֿאָר פֿאַר אונדז. זאָגט מיר צו, אַז איר וועט דאָס טאָן.

איך האָב געזאָגט „יאָ", אָבער איך האָב נישט געוואוסט ווי אַזוי צו האַלטן מײַן צוזאָג. וואָס הייסט, מען גייט פֿײַערן דעם יום־טוב פּורים און נישט אין דער שול? ווער זענען דאָס די „מיר", וואָס גייען עס טאָן? ציוניסטן? בין איך אויך אַ ציוניסט? אויב איך אַליין ווייס עס נישט, ווי אַזוי ווייסט דאָס לעאָן פּאַפּערין?

די פּורים־פֿאַרזאַמלונג איז פֿאָרגעקומען אין אַ פּריוואַט־הויז, איך געדענק שוין נישט בײַ וועמען. דער גרויסער זאַל איז געווען אָנגעפֿילט מיט געסט. בײַ דער וואַנט איז געשטאַנען אַ קליינער טיש מיט אַ שטול. צוערשט האָט פּאַכּערין פֿאָרגעלייענט אין רוסיש אַ ליד פֿון דעם רוסיש־יידישן דיכטער ש. פֿרוג. דאָס ליד האָט אַרויסגערופֿן אַ גרויסן בײַפֿאַל. דערנאָך איז געקומען מײַן ריי. דאָס איז געווען מײַן ערשטער אויפֿטריט און איך האָב נישט געוואוסט ווי זיך צו האַלטן — גייט, דאָס פּובליקום וואַרט! — האָב איך דערהערט פּאַפּערינס קאָמאַנדע, און איך בין צוגעגאַנגען צום טישל.

— „דער אייביקער וואַנדערער", — האָב איך הויך אַרויסגערעדט דעם טיטול און אין זאַל איז געוואָרן שטיל.

אַזוי האָט געהייסן מײַן קליינע זאַך. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ וואַנדערער, וועלכער האָט מיט יאָרן צוריק פֿאַרלאָזן זײַן היים און זיך געלאָזט גיין איבער דער וועלט. זײַן וועג איז אַ שווע־

רער, שאַרפֿע שטיינער צעבלוטיקן זײַנע פֿיס, ווילדע חיות פֿאַר־שפּאַרן אים דעם וועג... ער גייט ווײַטער, ער וואַנדערט...

אין מיטן לייענען האָב איך געוואָרפֿן אַ בליק אויף מײַן עולם. איך האָב דערזען אַ רייע פּנימער, וואָס אַלע האָבן געקוקט אויף מיר, און געקוקט אַזוי, אַז איך האָב נישט געקאָנט פֿאַרשטיין, צי זיי זענען מיט מיר אָדער קעגן מיר. „זיכער קעגן", האָב איך באַשלאָסן. איך האָב באַמערקט סאַלאָמאָן קאַפּלאַן, אין זײַן שילער־אוניפֿאָרם, און דעם לערער דאַווידזאָן, אַ קלוגן ציגישן ייִד, וואָס האָט באַגראָבן זײַן פֿערטע ווײַב. בײַ דער סאַמע טיר האָט מײַן אויג געכאַפּט אַ דאַמע, מיט אַ גרינעם הוט און אַ רויטער פֿעדער. די דאַמע האָט מיר אויס־געזען זייער באַקאַנט, אָבער ווער זי איז האָב איך זיך נישט געקאָנט דערמאָנען. וואו האָב איך זי געזען? איך קען זי דאָך! גאָט מײַנער, ווער איז זי? איך בין צעטומלט געוואָרן.

איך האָב געוואונען אַן אַלגעמיינעם בײַפֿאַל. אומבאַקאַנטע מענטשן זענען צוגעקומען און גערעדט צו מיר, ווי איך וואָלט זיי שוין לאַנג געקענט.

— זייער גוט, — האָט געזאָגט פּאַפּערין, — נאָר דעם צווייטן טייל האָט איר פֿאַרגעלייענט ערגער ווי דעם ערשטן.

זיכער איז ער געווען גערעכט. דאָס איז אָבער געווען צוליב דער דאַמע מיט דעם פּאַראַדנעם הוט. און אָט איז זי אַליין. זי קומט נענטער צו צו מיר און פּלוצלינג דערקען איך זי. זי זאָגט צו מיר:

— אַ שאָד וואָס די מאַמע איז דאָ נישטאָ. זי וואָלט הנאה גע־האָט פֿון דײַן לייענען.

און זי קרעכצט און קוואָקעט צו ווי אַ הון, ווי נאָר איינע אין גאַנץ ביאַליסטאָק קאָן דאָס טאָן.

נו, נו, דאָס איז זי טאַקע, מײַן אַלטע פֿרײַנדין, די קורעלאַפּניצע, די אומפֿאַרמײַדלעכע באַגלייטערין פֿון מײַן לעבן פֿון דעם ערשטן טאָג אָן. דער רויטער פֿעדער שאָקלט זיך אויף איר קאָפּ, זי איז זייער ענלעך צו אַן ערב־פּסחדיקער הון. עס גלוסט זיך מיר צו לאַכן; אָבער אין דער זעלבער צײַט דערפֿיל איך צו איר אַזאַ וואַרעמקייט, אַז איך כאַפּ אָן און דריק איר האַנט. איצט איז דאָך איר האַנט פֿריי, אָן

אַ קאַשיק. אויף מאָרגן האָט האָדעס טאַקע דערציילט מײַן מאַמען וועגן דעם, וואָס נעכטן איז געשען.

— פֿאַרוואָס האָסטו מיר נישט געזאָגט וועגן דעם און מיך נישט פֿאַרבעטן צו קומען? — האָט די מאַמע געפֿרעגט.

— דו הייסט דאָך מיר נישט שרײַבן, — האָב איך געענטפֿערט מיט ביטערניש און מיט אַ באַהאַלטענעם געפֿיל פֿון טריאומף.

— אויב דו שרײַבסט אַזוי, איז גאָר אַן אַנדער זאַך, — האָט זי געזאָגט.

און איך האָב זיך פֿאַרטראַכט: וואָס מיינט עס שרײַבן „אַזוי" און שרײַבן „נישט אַזוי"?

די דאָזיקע פֿראַגע איז אינגיכן געוואָרן קלאָרער פֿאַר מיר. פּאַסירט האָט דאָס — ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען — אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם גרויסן פֿײַער, וואָס האָט פּלוצים אויסגעבראָכן אין גראָדנע.

— „גראָדנע ברענט, גראָדנע ברענט!" — האָט זיך מיט אַמאָל דערהערט אין ביאַליסטאָק. אַ סך זענען באַלד אַוועקגעפֿאָרן קיין גראָדנע אויסצוגעפֿינען וואָס און ווער. גראָדנע איז דאָך נישט מער ווי צוויי שעה פֿאָרן פֿון ביאַליסטאָק, אַ שוועסטער שטאָט, אַזוי צו זאָגן, ענג פֿאַרבונדן מיט אַ סך פֿון אונזערע לעבנס־אינטערעסן. אַ טאָג איז אַוועק און נאָך אַ טאָג — גראָדנע האָט אַלץ געברענט. אַ טייל פֿון אונזערע „פּאָזשאַרניקעס" (פֿײַערלעשער) האָבן פֿאַרלאָזן ביאַליסטאָק און זענען אַוועקגעפֿאָרן קיין גראָדנע העלפֿן. דאָס האָט נאָך קיינמאָל פֿריִער נישט פּאַסירט. בײַנאַכט, ווען עס איז געוואָרן שטילער, האָט זיך בײַ אונדז געפֿילט אין דער לופֿט אַ מאָדנער אומקלאָרער ציטער, אַ צוגעפּרעסטער, געדעמפּטער באַזאָרגטער ריטם, קוים וואָס מען האָט דאָס געקאָנט כאַפּן מיטן אויער, אָבער נערוועזע מענטשן האָבן עס יאָ געפֿילט.

גראָדנע האָט געברענט אַ גאַנצע וואָך. כמעט אַ פֿערטל פֿון דער שטאָט איז אַוועק מיטן פֿײַער. אונזערע פֿײַערלעשער האָבן זיך צוריקגעקערט מיט שוואַרצע פֿאַרסאַזשעטע פּנימער, מיט אָפּגעברענטע הענט, אויסגעמוטשעטע, נישט אויסגעשלאָפֿענע, ווי סאָלדאַטן פֿון אַ מלחמה. דער בראַנדמײַסטער קאַלעכעוויטש, דער ריז, איז געווען

גאַנץ הייזעריק פֿון שלאָגן זיך מיט די גראָדנער פֿלאַמען, זײַנע אויגן זענען געווען רויט און געשוואָלן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום בין איך אַוועק קיין גראָדנע מיט דעם איינציקן צוועק אָנצוקוקן די פֿאַרוואונדעטע שטאָט. איך האָב דאָרטן געהאַט אַ באַקאַנט הויז, די קליינמאַנס. זייער עלטסטע טאָכטער, פֿאַניע, אַ גימנאַזיסטקע פֿון לעצטן קלאַס, אַ שיין און קלוג מיידל, האָט מיר געוויזן די פֿלעצער, וואָס זענען מיט אַ קורצער צײַט צוריק געווען אַ טייל פֿון דער שיינער שטאָט. אַ שרעקלעכער חורבן איז געבליבן נאָך דער שׂרפֿה.

מיר זענען אָנגעקומען צו אַן אָרט, וואָס איז נישט לאַנג צוריק געווען געדיכט פֿאַרבויט; איצט איז דער פּלאַץ געווען פֿאַרוויסט. מיר זענען געקראָכן איבער הויפֿנס פֿון שטיינער און ציגל און אָפּגעברענטע ברעטער. דערנאָך האָבן מיר זיך אַרונטערגעלאָזן אין אַ ברייטע נישט טיפֿע גרוב.

— דאָ איז געווען אַ שול, — האָט פֿאַניע אויסגערעדט.

פֿון דער שול איז גאָרנישט איבערגעבליבן אַ חוץ דעם שטיינערנעם פֿונדאַמענט און צעוואָרפֿענע שוואַרצע ציגל. פֿריש גראָז איז שוין צווישן די ציגל געוואַקסן. אַ פֿייגעלע האָט אַהער פֿאַרבלאָנדזשעט און געטסווישטשעט. וואָס גייט איר אָן אַ פֿײַער? מיר האָבן זיך צוגעזעצט אויף אַ שטיין.

— איר זעט, — האָט פֿאַניע אָנגעוויזן אויף האַלב־אָפּגעברענטע שטיקלעך פּאַפּיר, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער ערד.

אָבער דאָס איז נישט געווען קיין פּאַפּיר, דאָס זענען געווען שטיקלעך פּאַרמעט, אַן אָפּגעברענטע ספֿר־תּורה איז דאָס געווען. שטיל זענען מיר געזעסן מיט אַרונטערגעלאָזענע קעפּ און נישט גע-רעדט קיין וואָרט. אַ לײַכט ווינטל האָט פֿון צײַט צו צײַט אָנגערירט די שטיקלעך פּאַרמעט. דאָס פֿייגעלע האָט געפּישטשעט, דאָס פֿרישע גראָז, זאָט פֿון אַ סך וואַסער, וואָס מען האָט פֿאַרגאָסן, האָט ביס־לעכווײַז אַוועקגעשטופּט דעם נוצלאָזן קעגנשטאַנד, וואָס האָט איר געשטערט צו וואַקסן: גאָטס וואָרט.

— דאָס מוזט איר באַשרײַבן, — האָט פֿאַניע געזאָגט נאָך אַ ווײַלע פֿון שווייגן.

— באַשרײַבן ?—האָב איך אַרויסגערעדט.—ווי אַזוי באַשרײַבן ?

— איך ווייס נישט. אימיצער מוז דאָך דאָס טאָן. איך וואָלט געוואָלט, אַז דאָס זאָלט איר זײַן.

מײַן מאַמעס וואָרט האָט זיך מיר דערמאָנט און איז מיר איצט געוואָרן קלאָר. „אַזוי באַשרײַבן" מיינט, מען מוז עס באַשרײַבן. עס איז פֿאַראַן אַן אינערלעכע נויטווענדיקייט אין דעם, און אויב דו טוסט דאָס נישט, וועט דאָס אַן אַנדערער טאָן. אָבער ווען קיין נויט־ווענדיקייט איז נישטאָ, קאָן מען דאָס, פֿאַרשטייט זיך, טאָן, אָבער מען קאָן דאָס אויך נישט טאָן; יעדנפֿאַלס, קיין אַנדערער וועט דאָס שוין נישט טאָן. און דאָס מיינט: „שרײַבן נישט אַזוי".

קאַפּיטל נײַן.

דער איבערגאַנג־עקזאַמען אין לעצטן, זיבעטן קלאַס פֿון דער רעאַל־שולע איז געווען מײַן טריאומף. פֿון ווילנע איז אָנגעקומען דער „פּאָפּעטשיטעל" (הויפּט־אויפֿזעער) ביעלעצקי, דער זעלבער, מיט וועמענס נאָמען אונזערע לעזער און אַפֿילו דער דירעקטאָר אַליין האָבן אונז אַזוי אָפֿט געסטראַשעט. ווען ער איז אַרײַן אין גרויסן אַקט־זאַל, אין דעם זעלבן זאַל וואו איך האָב מיט אַ פּאָר יאָר צוריק צוגעגנבעט אַ געפֿעלשטן „פֿינף", איז פּשוט געוואָרן ליכטיק אין די אויגן פֿון די אַלע בלישטשנדיקע מעדאַלן, וועלכע זענען געווען צוגעשפּיליעט צו זײַן מונדיר. ער איז געווען אַ מאַן פֿון אַרום פֿער־ציק, פֿון מיטעלן וואוקס, מיט געדיכטע שוואַרצע האָר, מיט אַ קליין שוואַרץ בערדל אַרום זײַן קלוגן פּנים. ווי אַזוי און צוליב וועלכע וויסנשאַפֿטלעכע פֿאַרדינסטן ער האָט געמאַכט זײַן גלענצנדע קאַ־ריערע, ווייס איך נישט.

דער „פּאָפּעטשיטעל" איז געזעסן אין מיטן בײַם גרינעם לאַנגן טיש. דער דירעקטאָר פֿון דער רעכטער זײַט און דער אינספּעקטאָר פֿון דער לינקער זײַט דערנאָך די לערער, אַלע פּאַראַדנע אָנגעטאָן. עס האָט אויסגעזען נישט ווי אַן עקזאַמען אין דער רוסישער שפּראַך, נאָר ווי אַ קריגס־באַראַטונג: ווי אַזוי און מיט וועלכע סטראַטעגישע מיטלען זאָל מען באַקעמפֿן דעם שונא? און דער שונא... זענען געווען מיר, די שילער. מיר אָבער, זענען געווען אַנטשלאָסן דורכ־צוברעכן די פֿײַנדלעכע ליניע און אַריבערכאַפּן זיך אויף דער אַנ־דערער זײַט, אין זיבעטן קלאַס, הייסט עס. מיר האָבן געקוקט אויף דעם שונא, און דער שונא האָט געקוקט אויף אונז.

אָט־אָט קומט דער ערשטער שאָס. וועמען וועט ער טרעפֿן?

ביעלעצקי, דער פעלד־מאַרשאַל, דער גענעראַליסימוס, שושקעט זיך מיט דעם גענעראַל, מיט דעם דירעקטאָר. היינט וועט עס נישט גיין נאָך דעם אלף-בית, זאָגט דער גרויסער גאַסט. ער האַלט נישט פון דעם. ער וויל זיך באַקענען מיט דעם צופעליקן שילער; ער וויל וויסן, וואָס די שולע האָט אויפגעטאָן און ווי זי האָט דערצויגן די שילער.

איך דערהער מיין נאָמען און קום אַרויס פון הינטער דעם בענקל און פאַרבייג זיך: איך בין גרייט, נעמט מיך, באַקעמפט מיך.

מיט אינערלעכער פרייד און מיט טיפער צופרידנהייט דערמאָן איך זיך נאָך היינט צו טאָג וועגן מיין געשפּרעך, מיין צוזאַמענרעדן זיך מיט דעם „פּאָפּעטשיטעל", ווייל דאָס איז טאַקע געווען אַ געשפּרעך, אַ מעגלעכקייט אויסצורעדן זיך, און דורכאויס נישט קיין טרוקענער, „קאַזיאָנער" עקזאַמען, צו וועלכן מיר, און נאָך מער די לערער זענען געווען צוגעוויינט. פון דער ערשטער פראַגע, וואָס ביעלעצקי האָט מיר געשטעלט, האָב איך דערפילט, אַז דאָס רעדט צו מיר אַ פריינד, — נישט מיין פערזענלעכער פריינד, נאָר אַ פריינד פון דעם קורס, פון דער שיינער רוסישער שפראַך; אַ מענטש, וואָס איז פאַרליבט אין דעם זין און שיינהייט פון ליטעראַטור. מיט דעם אינסטינקט פון אַ געבוירענעם דערציער, פעדאַגאָג און מענטש פון קולטור, האָט דער מעדאַלן־באַהאַנגענער קריסט דערפילט אין דעם ייִדישן בחור מיט די מעלאַנכאָלישע אויגן אַ פונק פון דעם, וואָס איז אויך געווען אין זיין אייגענעם האַרצן. ביעלעצקי האָט געשטעלט פראַגן, ווי צו אַ גוטן באַקאַנטן, און איך האָב געענטפערט אויף זיי, ווי דער גוטער באַקאַנטער. מיר האָבן זיך פאַרטיפט אין דעם „געשפּרעך" און פאַרקראָכן אין דאָסטאָיעווסקיס ווערק. באַלד האָט דער דירעקטאָר געמאַכט אַ דערשראָקן פּנים, ווייל פון דאָסטאָיעווסקי אָדער טאָלסטאָי האָבן די שילער נישט געטאָרט גאָרנישט וויסן.

ביעלעצקי האָט דאָס געוואוסט, פאַרשטייט זיך, נאָר געמאַכט זיך נישט־וויסנדיק. און ווען איך האָב ווייטער גערעדט וועגן דאָסטאָיעווסקיס ראָמאַנען, האָבן דער דירעקטאָר און מיין לערער קראַסניאַנסקי אָנגעהויבן שטראַלן.

— איך שטעל אײַך מיט פֿאַרגעניגן אַ „פֿינף", — האָט דער שטרענגער רעוויזאָר געזאָגט צו מיר. — איר וועט אָודאַי וועלן פֿאָרטזעצן אײַער בילדונג און פֿאָרן קיין פּעטערבורג. אויב איר וועט דאַרפֿן מײַן הילף, ווענדט זיך צו מיר.

אָבער וועגן פֿאָרן קיין פּעטערבורג איז נאָך געווען צו־פֿרי צו רעדן. איך האָב דאָך געדאַרפֿט דורכמאַכן דעם לעצטן, זיבעטן קלאַס, און דאָס איז געווען נישט קיין גרינגע זאַך. מיר, די ייִדישע שילער, פֿילן שוין איצט גאַנץ נאָענט דעם דרוק און מעגלעך אויך דעם אומגליק, וואָס דערוואַרט אונז. וואָס וועלן מיר טאָן, אויב עס גע־לינגט נישט אַרײַנצוגיין אין אַן אוניווערזיטעט? ווי אַזוי וועלן מיר קאָנען פֿאַרדינען אונזער שטיקל ברויט, אַרויסהעלפֿן די עלטערן, די ייִנגערע מיטגלידער פֿון דער משפּחה? מיר פֿאַרזאַמעלן זיך אָפֿט און רעדן וועגן דעם.

— וואוהין ווילסטו פֿאָרן? — פֿרעגט יאַקאָב קופּריק.

— קיין ריגע, אין פּאָליטעכניקום, — ענטפֿערט מאַיסעי טרילינג.

— און דו, אַסיפּ?

— איך פֿאָר קיין פּעטערבורג. איך וועל פּרוּוון אויסהאַלטן דעם עקזאַמען אין טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט, און אויב איך פֿאַל דורך — אין ליעסנאָי אינסטיטוט (וואַלד־קאָלעדזש).

— דו ביסט נישט פּראַקטיש, וואָס וועט דיר שוין געבן דײַן וואַלד־אינסטיטוט? קיין שטעלע וועסטו דאָך קיינמאָל נישט קאָנען קריגן.

— איך ווייס עס, — האָב איך געענטפֿערט, — אָבער איך זוך דאָך נישט צו מאַכן אַ קאַריערע פֿון אַן אינזשעניר און נישט פֿון אַ וואַלד־מײַסטער. וואָס איך וויל, איז ווערן אַ שרײַבער. און צוליב דעם דאַרף איך זײַן אין פּעטערבורג.

מײַנע פֿרײַנד האָבן גאָרנישט געענטפֿערט. ביידע, ווי אויף קאָ־מאַנדע, האָבן אָנגעפֿאַנגען צו קוקן אין אַ זײַט. איך האָב פֿאַרשטאַנען, וואָס זייער שווײַגן האָט געמיינט: „רעדט מיט אַ יאָלד! אויב ער קאָן אָפּזיצן פֿיר־און־צוואַנציק שעה אין קאַרצער צוליב אַ מיידל, וועט ער נאָך באַגיין אַ סך אַנדערע נאַרישקייטן. נו, זאָל ער פּרוּוון ווערן אַ פּעטערבורגער שרײַבער!"

מעגלעך, אַז דאָס האָט זיך מיר נאָר אויסגעוויזן. אָבער, אויב דאָס איז געווען אַזוי, איז דאָס געווען נישט מער ווי נאַטירלעך. אָט האָט דאָך מײַן מאַמע אײַנגעזאָגט (אינגאַנצן) מיר פֿאַרבאָטן צו שרײַבן: בעסער זאָל איך שוין ווערן אַ צייכנער, אַ מאָלער, אַן אַרכיטעקט, — האָט געטענהט מײַן מאַמע, — אַבי נישט קיין שרײַבער. אין דער מעגלעכקייט, אַז איך זאָל קאָנען ווערן אַ מאָלער, אָדער אַפֿילו אַ סקולפּטאָר, האָט זי יאָ געגלויבט, און אַפֿילו מער ווי איך אַליין.

אפֿשר זאָל איך טאַקע פּרווון אַרײַנקומען אין פּעטערבורגער „אַקאַדעמיע פֿון קונסט"? ווער ווייסט? אָט איז דער זון פֿון דעם בלעכער, קוואַרט, וואָס קיינער האָט נישט געוואוסט פֿון אים, אַרײַן אין דער אַקאַדעמיע, און זע נאָר וואָס פֿאַר אַ וואָזשנעם מונדיר מיט גאָלדענע קנעפּ ער טראָגט דאָס!

דער לעצטער עקזאַמען איז אַריבער, די רעאַל־שולע איז געענדיקט! אַכט יאָר, אַכט לאַנגע יאָר זענען אַוועק. אַוועק די קינדערשע טעג, די יאָרן פֿון נאַיִוועטער, אומפֿאַרגעסלעכער יינגלשער צײַט. אַן אַנדער צײַט, אַ נאָך שענערע וואַרט אויף מיר. מעגלעך, אַז זי וואַרט... מעגלעך, אַז איך וועל זי דורכלעבן, די וואונדערבאַרע צײַט פֿון סטודענטן־יאָרן אין אוניווערזיטעט, אין דעם אמתן טעמפּל פֿון וויסנשאַפֿט... צום לעצטן מאָל פֿאַרזאַמלען זיך די שילער אין דעם גרויסן אַקט־זאַל, און דער דירעקטאָר וויטע צוטיילט אונז אונזערע דיפּלאָמען. דער דירעקטאָר איז שוין אַלט געוואָרן. איך דערמאָן זיך, ווי ער האָט אויסגעזען מיט אַכט יאָר צוריק, ווען איך, צוזאַמען מיט קופּריק, טרילינג. ראַזוק און זאַבלודאָווסקי, זענען אַרײַנגענומען געוואָרן אין דער רעאַל־שולע. דעמאָלט איז זײַן באָרד געווען נאָך האַלב־שוואַרץ. איצט זענען זײַנע האָר ווי זילבערנע פֿעדעם אויף דעם שטאָלצן שיינעם קאָפּ. אַ גוטער מענטש איז דער דירעקטאָר. איצט איז ער, נעבעך, קראַנק, מען קאָן אים אָפּט זען אין הויף, ווי ער זעגט האָלץ, — דאָס האָט אים דער דאָקטאָר פֿאַרשריבן אַזאַ מיטל קעגן האַרצווייטאָג.

— פֿערעלמאַן אָסיפּ! — דערהער איך מײַן נאָמען און איך דערנענטער זיך צום טיש, וואו די גאַנצע „נאַטשאַלסטוואָ" אונזערע זיצט אין פֿולן פּאַראַד. דער אַלטער דירעקטאָר קוקט אויף מיר אַ ווײַל.

גענוג אויפֿרעגונג האָב איך אים פֿאַרשאַפֿט! צוויי מאָל האָט מען מיך שיער-שיער נישט אַרויסגעוואָרפֿן פֿון זײַן רעאַל־שולע, — איינמאָל צוליב דער געטין פֿון ליטעראַטור, דאָס צווייטע מאָל צוליב דער געטין פֿון דער שאָסיי־גאַס... נישט אַזוי לײַכט איז עס געווען פֿאַר דעם אַלטן פּעדאַגאָג צו אַנטשליסן זיך, וואָס צו טאָן מיט מיר. זיכער האָב איך אויך בײַגעטראָגן מײַן חלק צו זײַן האַרץ־קראַנקהייט.

מיר קוקן איינער דעם צווייטן אין די אויגן. דאָס איז אַ שטומע שיידונג, אַ זײַ־געזונט, מער וועלן מיר זיך קיינמאָל נישט טרעפֿן.

אין האַרבסט זענען אַלע מײַנע געוועזענע חברים פֿון דער רעאַל־שולע אַוועקגעפֿאָרן צו האַלטן עקזאַמענס אין די פֿאַרשיידענע אוניווערזיטעטן. איך אָבער בין געבליבן אין ביאַליסטאָק. אַזוי האָט באַשלאָסן די מאַמע. איך וועל פֿאָרן איבעראַיאָר קײן פּעטערבורג צו פּרוּוון מײַן גליק. דערווײַל וועל איך געבן פּריוואַט־שטונדן און אָנקלײַבן אַביסל געלט, כדי אַרויסצוהעלפֿן אי דער מאַמען און אי זיך אַליין, ווען איך וועל ווערן אַ סטודענט. איך בין געוואָרן אַ פּראָפֿעסיאָנעלער לערער.

דעם גאַנצן טאָג, פֿון פֿרימאָרגן ביז דעם טונקעלן אָוונט, פֿלעג איך אַרומלויפֿן איבער די איצט פֿאַר מיר גרוי־געוואָרענע גאַסן פֿון ביאַליסטאָק, אָנקלינגען אָדער אָנקלאַפּן בײַ אַ טיר, אָפּזיצן הינטער דער טיר אַ שעה, פֿאַרלאָזן דאָס הויז און ווידער אָנקלינגען אין אַ צווייטע, אַ דריטע, אַ פֿינפֿטע, אַן אַכטע טיר.

לויפֿנדיק איבער די גאַסן, פֿלעג איך אָפֿטמאָל טרעפֿן זיך מיט מײַן געוועזענעם לערער אַבראַם יערוסאַלימסקי. ער האָט נאָך אַלץ געגעבן פּריוואַטע לעקציעס. איצט איז ער געוואָרן אַ טיפּישער אַלטער בחור, געוואוינט אין דעם זעלבן צימער ווי מיט צען יאָר צוריק, נישט געלייענט קיין ביכער, קיין צײַטונג, נישט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, וואָס עס טוט זיך אַרום אים אין דער שטאָט. ער האָט געגעסן אין דער פֿרי דריי האַרטע אייער, איבערגעכאַפּט עפּעס אין מיטן טאָג, געקומען שפּעט אין אָוונט אין זײַן איינזאַמען צימער שלאָפֿן, כדי אויף מאָרגן אָנצוהויבן דרייען די זעלבע קאַטערינקע איבעראַנײַס. אין זײַן צימער אויפֿן טיש איז געלעגן בלויז אַן איין איינציקער נומער פֿון דעם זשורנאַל „ניוואַ“,

וועלכער איז שוין אַלט געווען נײַן יאָר. יערוסאָלימסקי האָט מיטגע־בראַכט דעם דאָזיקן נומער „ניוואַ" פֿון פּעטערבורג אין דעם יאָר, ווען ער האָט פֿאַרלאָזן זײַן נישט־געלונגען סטודענטן־לעבן און איז געפֿאָרן קיין ביאַליסטאָק צו פֿאַרוואַנדלען זיך אין אַ פּעדאַגאָגישער מאַשין, אין אַן אויטאָמאַט, וואָס ווען מען באַצאָלט, שיט ער אַרויס פֿון זיך אַ באַשטימטע מאָס וויסנשאַפֿט — נישט מער און נישט ווייניקער. דער אויטאָמאַט דאַרף דאָך גאָרנישט פֿאַר זיך, טראַכט נישט, פֿילט נישט און טוט זײַן אַרבעט.

— ער האָט אַ סך געלט אין דער באַנק, ער האָט שוין אָפּגע־שפּאָרט צען טויזנט רובל, — האָט מען גערעדט וועגן אים. — וואָס דאַרף ער דאָס געלט?

אָבער דער אויטאָמאַט האָט פּלוצלינג באַוויזן, אַז ער איז אַ מענטש און נישט קיין פּעדאַגאָגישער גולם.

יערוסאָלימסקי האָט געהאַט אין ביאַליסטאָק נאָענטע קרובים, וואָס האָבן באַשלאָסן אַוועקצופֿאָרן קיין אַמעריקע. יערוסאָלימסקי האָט זיי אָפּגעגעבן דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען אַ סך ווייניקער ווי מענטשן האָבן דאָס אויסגערעכנט. אַוועקגעגעבן און קיינעם קיין וואָרט נישט גע־זאָגט. צופֿעליק האָבן מיר זיך דערוואוסט פֿון דעם און אָנגעפֿאַנגען צו קוקן אויף דעם „אויטאָמאַט", אויף דעם „מאַשין־מענטש", אויף דעם וויסנשאַפֿטלעכן „ראָבאָט" מיט אַנדערע אויגן.

און ער האָט זיך ווידער גענומען צום אַלטן. ווידער דאָס זעלבע: אַן איינזאַמער צימער אין לופּינסקיס הויז, דער זשורנאַל „ניוואַ", דרײַ האַרטע אייער אין דער פֿרי, די ערשטע לעקציע, די צווייטע, די פֿינפֿטע, די צוועלפֿטע... קיין אינטערעס ניט צום דרייפֿוס־פּראָ־צעס, צום ציוניזם, צום סאָציאַליזם, צו פֿרויען, צו ליבע! דער גולם לויפֿט ווײַטער איבער די גאַסן; דער אויטאָמאַט שיסט אויס פֿון זיך אַ שטרענג אָפּגעמאָסטענעם טייל וויסנשאַפֿטן: יערוסאָלימסקי לעבט ווײַטער.

לויפֿנדיק פֿון איין „אורָאָק" צום צווייטן, האָב איך געטראַכט: עס קאָן לײַכט פֿאָרקומען, אַז איך זאָל נישט אויסהאַלטן דעם עקזאַמען אין פּעטערבורג, ווײַל עס איז שווער אַריבערצושפּרינגען דעם דרײַ־

פראַצענטיקן צאָם פֿאַר ייִדן. עס איז אַ צופֿאַל, כמעט אַ לאָטעריע. וואָס־זשע וועט דעמאָלט ווערן פֿון מיר? אַ צווייטער יערוסאַלימסקי! אָט אַזוי ווי ער, וועל איך אַרומלויפֿן איבער ביאַליסטאָק, יאָר־איין. יאָר־אויס. ביסלעכווייַז וועט פֿאַרשווינדן מײַן יוגנט, ביסלעכווייַז וועט אויסגעוועפּט ווערן מײַן פֿאַרלאַנג צו שרײַבן, צו צייכענען, צו לייענען שיינע ביכער; איך וועל זאַמלען געלט, אַ רובל צו אַ רובל, וועל פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ טרויעריקער שטאָט־לעגענדע, אין עפּעס אַ באַזונדערן טיפּ, אין אַ פֿאַרזעעניש, אין אַן אומפֿאַרמײַדלעכן טייל פֿון דעם שטאָט־לעבן, אַזוי ווי דאָס זענען דער פּריסטאַוו, דער קאַזיאָנער ראַבינער און דער שטאָט־משוגענער...

אַזעלכע געדאַנקען האָבן מיך פֿאַרפֿאָלגט. איך האָב זיי אויס־געגאָסן אויפֿן פּאַפּיר אין דער פֿאָרם פֿון אַ קליינעם ראָמאַן („פּאָ־וועסט") און איך האָב אַנגערופֿן מײַן ווערק „דער פּריוואַט לערער" („אוטשיטעל טשאַסטניק אוראָקאָוו"), און עס אָוועקגעשיקט קיין פּע־טערבורג צו דעם דעמאָלט גוט־באַקאַנטן רוסיש־ייִדישן זשורנאַל „וואָסכאָד" (זון־אויפֿגאַנג). דער רעדאַקטאָר האָט מיר צוגעשריבן, אַז דאָס ווערק געפֿעלט אים און, אַז עס וועט אינגיכן אָפּגעדרוקט ווערן.

יענעם ווינטער האָט בײַ אונז געשפּילט אַן אָפּערעטן־טעאַטער. די קאָמפּאַני האָט געשפּילט אין צירק־געביידע, וואָס איז איבער־געמאַכט געוואָרן אין אַ מער־ווייניקער פּאַסיקן טעאַטער. יעדן אָוונט בין איך געלאָפֿן אין טעאַטער.

וואָס אַזוינס, אייגנטלעך, האָב איך דערזען אין דעם „בעטלער־סטודענט", אין „זשיראָפֿלאַ־זשיראָפֿלאַ", אין „קרעאָלקע", אין „צי־גײַנער־באַראָן", אין „געישאַ"? איז דאָס געווען די נאַיִווע, אויס־געטראַכטע מעשה, וואָס האָט מיך באַצויבערט? אָדער די יונגע ליבע, וואָס האָט שטענדיק געזיגט, נישט קוקנדיק אויף קיינע שטערונגען? אָדער די מעלאָדישע לייכטע מוזיק, וואָס איז געווען אַזוי אַלט פֿאַר דער וועלט און אַזוי יונג פֿאַר מיר? אַלץ צוזאַמען האָט מיר געבראַכט דעם זיסן טרוים פֿון אַ ווײַטער נישט־עקזיסטירנדער וועלט. אַז די דאָזיקע וועלט איז געווען נישט־רעאַל, דאָס האָב איך גוט פֿאַרשטאַ־נען; אָבער דער כישוף, וואָס זי האָט אויסגעאיבט אויף מיר, איז יאָ

געווען רעאַל. איך בין אַרומגעגאַנגען פֿאַרטשאַדעט פֿון די אַלע זיסע נאַרישקייטן, וועלכע איך האָב אַרונטערגעשלונגען יעדן אָוונט. די טאַנצנדיקע, שפּילעוודיקע מוזיק האָט געהילכט אין מײַנע אויערן דעם גאַנצן נעקסטן טאָג. די טעאַטער־פֿאַנטאַזיע איז געוואָרן פֿאַר מיר לעבן, און דאָס רעאַלע לעבן האָט זיך געשלעפּט ווי אַ בייזער, גרויער, לאַנגווײַליקער חלום. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז פֿאַר מיר אומגעזונט, אַז איך טאָר זיך נישט אונטערגעבן. ענדלעך האָט דער טעאַטער פֿאַרלאָזן די שטאָט. אָבער אַ לאַנגע צײַט האָב איך נאָך געהערט די באַרוישנדע, פּוסטע טענער פֿון די אָפּערעטקעס. דערנאָך אָבער איז מײַן ליבע צו דער דאָזיקער פֿאָרם פֿון טעאַטער אינגאַנצן פֿאַרשוואונדן, אַזוי ווי אָפּגעמעקט.

באַלד האָט אין ביאַליסטאָק אויסגעבראָכן אַ סענסאַציע, וועלכע האָט מיך פֿאַרכאַפּט, פּונקט אַזוי ווי יעדן איינעם אין אונזער שטאָט.

אויף דער קופּעטשעסקער גאַס, אין אַן אייגענער הויז, האָט געוואוינט די משפּחה חייקל גראַווע. שיין און רואיק האָט אויסגעזען דאָס ברוינע הויז פֿון דרויסן. די פֿענצטער זענען פֿון אינעווייניק געווען אַקוראַט באַפּוצט מיט גאַרדינען. אַן אַטמאָספֿערע פֿון ציכטיקייט אין געהאנגען איבער גראַוועס הויז. די קופּעטשעסקע גאַס איז געווען אַ ליאַרעמדיקע, אַ רוישיקע. אין מיטן פֿון דעם רויש האָט דאָס הויז געלעבט זײַן אייגן, שטיל לעבן.

דער סוחר חייקל גראַווע האָט געהאַט אַ זון, סאַלאָמאָן, און אַ טאָכטער, סאָניע. סאַלאָמאָן איז געווען אַ שילער פֿון דער רעאַלשולע, מיט אַ פּאָר קלאַסן העכער פֿון מיר. אַ גוטער חבר, אַ וואוילער בחור, דערצו נאָך איז ער געווען פֿיזיש אָנציענד, שיין אין פּנים, גוט געבויט.

עטלעכע מאָל איז מיר אויסגעקומען צו זײַן אין גראַוועס הויז. איך האָב זיך באַקאָנט מיט סאַלאָמאָנס טאַטן, וועלכער איז געווען אַ שווײַגנדיקער, אַ צוריקגעהאַלטענער ייִד, און אויך מיט זײַן ייִנגערער שוועסטער, סאָניע. אויך זי איז געווען שיין, אָבער אַנדערש ווי דער ברודער. זי האָט געהאַט גערדיכטע שוואַרצע האָר, אירע גרויסע, אַ ביסל אַרויסשטייענדע אויגן האָבן געבערדט וועגן אַ פֿאַרבאָרגענעם פֿײַער, וואָס קאָן פֿאַרברענען אַנדערע און זיך אַליין. אָבער אין דער

זעלבער צײַט האָט איר קוק געהאַט עפּעס ווייכעס. עס איז געווען, ווי די אויגן אירע וואָלטן געווען באַדעקט מיט אַ פֿאָרהאַנג און זי וואָלט דורך אים אַרויסגעקוקט אויף דער וועלט. אירע זאַפּטיקע ליפּן זענען געווען אַ ביסל געשוואָלן, שיין פֿאַרמירט. דער קאָליר פֿון איר פּנים איז געווען אַ טונקעלער. עפּעס אַזיאַטישעס איז געווען אין איר שיינקייט. זי איז געווען פֿאַרעכנט צווישן די גאָר שיינע מיידלעך פֿון דער שטאָט — און ביאַליסטאָק איז געווען נישט אָרעם אין זיי, — אָבער פֿאַרערער האָט זי געהאַט אַ סך ווייניקער ווי אַנדערע מיידלעך. זעלטן ווער עס פֿלעגט אַרײַנקומען אין דער ציכ־טיקער ברוינער הויז מיט די שטײַפֿע, קאַלטע גאַרדינען אויף די ריין־געוואַשענע פֿענצטער. אויף דער גאַס האָט זי זיך באַוויזן אויך זעלטן, און דאָס אויך שטענדיק אַליין, קיינמאָל נישט מיט אַ חברטע.

גייענדיק פֿאַרבײַ די ברויגע הויז, האָב איך געזען סאָניען זיצנ־דיק בײַם פֿענצטער. זי האָט געקוקט אויף דער גאַס, אויף דער ליאַ־רעמדיקער, פּראָזאַישער ייִדישער גאַס, וואָס איז איר געווען באַקאַנט פֿון קינדהייט אָן: די זעלבע לאַנגע „ייִדישע" וואָגנס, אָנגעלאָדן מיט וואָל, געשלעפּט פֿון „ייִדישע" פֿערד, געטריבן פֿון ייִדישע פֿורמאַ־נעס; די זעלבע ייִדישע זאַפּטיקע, סקאַרבאָווע אויסרופֿן, אויסגע־שרייען, באַגריסונגען; דאָס זעלבע קנאַקן מיט דער לאַנגער בײַטש איבער דעם רוקן פֿון „ייִדישע" פֿערדלעך. הײַנט, דאָס זעלבע ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן... און דאָס זעלבע וועט זײַן מאָרגן און נאָך אַ סך מאָרגנס שפּעטער, ביז אימיצער, אַ פֿרעמדער, אַן אומבאַקאַנ־טער, אַ ניי־אָנגעקומענער וועט זי אַרויסרײַסן פֿון דער ייִדישער קו־פּעטשעסקער גאַס. די גרויסע, אַ ביסל אויסגעסטאַרטשעטע אויגן, באַדעקט מיט אַ פֿײַכטן הויך, קוקן זשעדנע אַרויס אין דער וועלט. די פֿול־בלוטיקע ליפּן, געשוואָלן פֿון אינערלעכער קראַפֿט און ריי־פֿער ליידנשאַפֿט, זענען האַלב-געעפֿנט, אַזוי ווי זיי וואָלטן געוואַרט אויף אַ קוש. דאָ פֿענצטער איז ווי אַ ראַם פֿאַר דעם דאָזיקן יונגן פּנים, וועמענס עקזאָטישע, פֿרעמדע שיינהייט פּאַסט זיך דאָ גאָרנישט אַרײַן. אַ פֿרעמדלענדישע, עקזאָטישע בלום, מיט צאַרטע פֿאַרבן און מיט שטעכענדיקע דערנער — דאָס איז געווען דער אײַנדרוק פֿון איר שיינהייט. סאָניע גראָווע פֿאַרטראַכט זיך. זי הערט שוין נישט

דאָס קנאַקן פֿון דער בײַטש, זעט נישט די לאַנגע וואָגנס באַלאָדן מיט וואָל, וואָס שלעפּן זיך צום וואָקזאַל. אין אירע געדאַנקען זעט זי דעם אומבאַקאַנטן, דעם פֿרעמדן, דעם דערלייזער... ער וועט זי באַפֿרײַען פֿון דער קופּעטשעסקער גאַס, ער וועט איר געבן אַן אַנדער פֿענצטער, אַן אַנדערע געגנט, אַן אַנדער שפּראַך, אַן אַנדער — וואָס? אָ, זאָל זײַן וואָס עס וויל אַבי אַוועק, אַוועק פֿון דאַנען!

און דער פֿרעמדער, דער אַנדערער האָט זיך באַוויזן! דאָס איז געווען דער שטאָט־דאָקטאָר איוואַן גלאָוואַצקי, אַ קריסט. ווי אַזוי האָבן זיי זיך באַקענט? איך ווייס דאָס נישט, אָבער זיי האָבן זיך געטראָפֿן. דער שטאָט־דאָקטאָר איז געווען אין אָנהויב דרײַסיקער, אָבער אויסגעזען האָט ער עלטער. זײַן פּנים איז געווען בלאַס, זײַנע שוואַרצע האָר זענען פֿריצײַטיק געוואָרן שיטער. קליינע שוואַרצע וואָנצעלעך האָבן אים געמאַכט אויסזען ענלעך צו אַן אויסלענדער און נישט צו אַן אמתן רוס. עפּעס פֿרעמדעס, נישט פֿרײַנדלעכס, נישט האַרציקס האָט זיך געפֿילט אין זײַן פּערזאָן. ער איז תמיד געווען אָנגעטאָן עלעגאַנט, נישט אויפֿפֿאַלנד און מיט גוטן געשמאַק.

די שטאָט האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן דער נײַער געשעעניש: חייקל ראַוועס טאָכטער גייט אַרום מיט דעם „גאָראָדסקאָי" (שטאָטישן) דאָקטאָר. אָט האָט מען זיי ביידן נעכטן געזען פֿאָרנדיק אויף אַ דראָזשקע אין מיטן העלן טאָג. און זי שעמט זיך גאָר נישט! זי באַהאַלט זיך נישט, זי האָט פֿאַר קיינעם קיין מורא נישט — נישט פֿאַר איר טאַטן, נישט פֿאַר ביאַליסטאָק און נישט פֿאַר גאָט... וואָס־זשע וועט זײַן פֿון דעם? נו, וואָס איז דאָ נאָך צו פֿרעגן? נו, וועט זי זיך שמד'ן און חתונה האָבן מיט דעם קריסט. שמד'ן?! וואָס רעדט איר? קיינער האָט זיך קיינמאָל נישט געשמדט אין ביאַליסטאָק. חייקל גראַווע, דער כשרער ייִד, וועט עס נישט דערלאָזן! ער וועט פֿאַרשפּאַרן די טאָכטער אין זײַן ציכטיקער ברוינער הויז און זי נישט אַרויסלאָזן.

אָבער גיי פֿאַרשפּאַר אַ דערוואַקסענע מויד מיט גרויסע אויגן, וואָס בלישטשען מיט אַן אינערלעכן פֿלאַם פֿון יוגנט און ליידנשאַפֿט! שוין גענוג געווען פֿאַרשפּאַרט! גענוג געזעסן בײַם פֿענצטער הינטערן פֿאָרהאַנג. צוריק צו דער קופּעטשעסקער גאַס? צו די „ייִדישע"

וואָגנס אײַנגעשפּאַנט מיט „ייִדישע" פֿערד, אונטערגעיאָגט פֿון ייִדי־
שע פֿורמאַנעס, וואָס רעדן דעם כשרן, וואַרעמען און געזונטן לשון,
די שפּראַך פֿון איר מאַמען? ניין, קיינמאָל נישט!

וואָס גייט איר אַן ביאַליסטאָק? אָט פֿאָרט זי אין דער דראָזשקע איינע אַליין, אַן איר „חתן", און אַ קליינער, קוים באַמערקבאַרער שמייכל בלאָנדזשעט אַרום אירע מולאַטישע ליפּן. זי האַלט אַ שירעם איבער איר קאָפּ. מען זעט נישט אַזעלכע שירעמס בײַ אונז. עס איז אַ וואַרשעווער פּאַראַסאָל, זיכער אַ מתּנה פֿון דעם קריסט. לײַכטע שאָטנס פֿאַלן אויף איר פּנים און גיבן איר צו אַ באַזונדערן, שעל־מישן, פֿאַרפֿירערישן פֿרעמדן חן.

אַנטקעגן, אין זײַן אייגענער בריטשקע, פֿאָרט דער פּאָליציי־מײַסטער. ער דערזעט סאָניען, הויבט ער אויף די האַנט צו דעם קאָזירעק און סאַלוטירט איר. ער קען זי שוין. זי איז שוין דאָרטן, צווישן „זיי", אין זייער קרײַז...

ביאַליסטאָק קאָכט זיך, ביאַליסטאָק ווערט אַלץ מער אויפֿגערעגט. אין פֿריערדיקע צײַטן וואָלט די שטאָט ווי איין מענטש זיך אַ נעם געטאָן צו דער זאַך, מען וואָלט עס נישט צוגעלאָזט. אין פֿריערדיקע צײַטן — און איך געדענק זיי נאָך — איז געווען אוממעגלעך זיך צו באַווײַזן שבת מיט אַ שטעקן אין גאַס. קיין ייִדישער יונגערמאַן האָט נישט געוואַגט צו פֿאַרויכערן אַ פּאַפּיראָס אום שבת. אַן עירוב האָט זיך געצויגן, אויב נישט אַרום דער גאַנצער שטאָט, איז אַרום די שמאָלע געסלעך פֿון כאַנייקעס, פֿון די פּיאַסקעס. אָבער דער עירוב איז שוין לאַנג פֿאַרשוואונדן. אַ טראַמוויי איז שוין געלאָפֿן איבער די גאַסן און געפֿירט די ביאַליסטאָקער אינטעליגענץ אין וואַלד „זווערינעץ", צו די דאַטשעס און צו דעם זומער־טעאַטער „ראָסקאָש". עס זענען שוין געווען טעלעפֿאָנען און וויעלאָסיפּעדן, און מיט אַ פּאָר מאָנאַטן צוריק האָט זיך אַפֿילו באַוויזן אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער אַוטאָ־מאָביל... איז ווער און ווי אַזוי וועט מען איצט אַרײַנלייגן אין חרם חייקל גראַוועס טאָכטער פֿאַר שמד'ן זיך?

און גאָר אינגיכן האָט זי זיך געשמדט לויט דעם אָרטאָדאָקסיש־רוסישען (פּראַוואָסלאַוונעם) גלויבן; האָט חתונה געהאַט מיט דעם שטאָטישן דאָקטאָר גלאַוואַצקי, און ביידע זענען פֿאַרשוואונדן פֿון

ביאַליסטאָק — צוערשט געפֿאָרן קיין וואַרשע און דערנאָך ערגעץ ווײַטער.

נאָך אַ לאַנגע־לאַנגע צײַט נאָכדעם האָט די שטאָט געקלונגען מיט סאָניעס נאָמען, געטרויערט נאָך אַ פֿאַרלאָרענער טאָכטער, זיך געבייזערט, געערגערט זיך, געלאַכט מיט ביטערן צאָרן און פֿאָרט אַרײַנגעוואָרפֿן זי אין חרם, — אין אַן אַנדער חרם, נישט אין דעם, פֿון וועלכן עס רעדן די אַלטע ספֿרים, — דעם נײַעם, דעם מאָדערנעם חרם, האָט אַרויפֿגעלייגט אויף דער משומדת די קראַפֿט פֿון וואָרט, דער קיינמאָל נישט שטאַרבנדיקער פֿאָלקס־לשון, די קעניגלעכע מאַכט פֿון גאַסן־פּאָעזיע. סאָניע גראַוועס נאָמען איז געבליבן לעבן אין די לידער, אין די בײַסיקע, שאַרפֿע, צאָרניקע געגראַמטע שורות, וואָס זענען געשאַפֿן און געזונגען געוואָרן וועגן איר און דעם שטאָטישן דאָקטאָר. ווער האָט געשאַפֿן די דאָזיקע לידער? זיי זענען אַרויסגעשפּרונגען ווי פֿון אונטער דער ערד, ווי עס וואַקסט גראָז, ווי עס וואַקסט יעדע פֿאָלקס־שאַפֿונג. אַלע האָבן געזונגען די קופּלעטן: די קצבים פֿון דער יאַטקע־גאַס, מיט זייערע קאַשקעטלעך פֿאַררוקט אויף אַן אויער; די מאַרק־ייִדענע, וואָס זיצט אויף איר „פֿײַער־טעפּל"; די בעקערס אין זייערע וואַרעמע קעלערס, וואו זיי באַקן די באַרימטע „ביאַליסטאָקער קוכנס" מיט מאָן און ציבעלעס; די איזוואָזטשיקעס, וואָס זענען אויסגעגאַנגען פֿון לאַנגווײַל, שטייענדיק לעבן דעם פּוסטן וואָקזאַל אָדער דער אַפּטייק; די ציגל־לייגער, וועלכע האָבן שוין געבויט איצט הײַזער פֿון דרײַ שטאָק, נישט צוויי. זיי אַלע און נאָך אַנדערע האָבן אָן אויפֿהער איבערגעחזרט די ווערטער, וואָס זענען מיטאַמאָל געוואָרן באַקאַנט אין דער גאַנצער שטאָט:

אינמיטן נאַכט פֿון חייקלס הויז
גנבעט זיך זײַן בת אַרויס...

דאָס זעלבע ליד, נאָר אַביסל איבערגעמאַכט די נעמען פֿון די העלדן, האָט מען אינגיכן אָנגעפֿאַנגען צו זינגען וועגן אַן אַנדערער ייִדישער טאָכטער, וואָס האָט זיך אויך געשמדט און אויך פֿאַרבונדן איר לעבן מיט אַ קריסט. זי איז געווען אַ קליינע, חנעוודיקע בלאָנדינקע, מיט גאָלדענע קוטשעראַווע האָר, מיט אַ פֿריינדלעכן, שוין צופֿיל פֿרײַנדלעכן, שמייכל און אומשולדיקע העלע אויגן. זי האָט

זיך ציכטיק אָנגעטאָן, געהאַט אַ בויגזאַמע שיינע פֿיגור, קליינע הענטלעך און פֿיסלעך. מיט יאָרן צוריק איז זי געווען אַ שילערין פֿון מײַן מאַמען אין איר „נישט־דערלויבטער" שולע. אויב איך האָב קיין טעות נישט, איז איר נאָמען געווען טיקאָצינסקי. זי האָט געוואוינט לעבן דעם סאַמען מאַרק־פּלאַץ. אַ הויכער גאַראַדאָוואָי (פּאָליסמאַן), אַ „זשלאָב", מיט צוויי קעפּ העכער פֿון איר, איז געווײנלעך געשטאַנען אונטער איר פֿענצטער — דער טראַדיציאָנעלער פּלאַץ פֿאַר אַלע ראָמעאָס און דזשוליעטעס. טאַקע מיט דעם ראָמעאָ, מיט דעם פּראָסטן ביאַליסטאָקער גאָראַדאָוואָי, איז אונזער דזשוליעטע אַנטלאָפֿן פֿון שטאָט, אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן און אַוועקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע, קיין שיקאַגאָ.

מען איז געלאָפֿן פֿון ביאַליסטאָק, פֿון שטעט און שטעטלעך פֿון דער „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי", (די געגנטן, וואו יידן איז געווען דערלויבט צו וואוינען). די מאָדערנע געטאָ האָט געהאַלטן די נשמה פֿון מענטשן אין קייטן. זאָל עס זײַן דורך בילדונג אָדער דורך געשעפֿט־פֿאַרבינדונגען, געלט, חתונה אָדער אַפֿילו דורך שמדן זיך, אַבי אַנטלויפֿן, אַבי נישט דערשטיקט צו ווערן, אַבי אַרויסצורײַסן זיך אין דער ווײַטער, ברייטער וועלט, וואָס וועט געבן גליק, פֿרײַהייט און באַקוועמלעכקייטן . . . איז מען טאַקע „דאָרטן" געווען גליקלעכער ווי „דאָ" ? איז די ברייטע וועלט טאַקע געווען ברייטער און פֿרײַער ?

אָט האָט די מומע אָלגאַ, מײַן מאַמעס שוועסטער, געשריבן פֿון אַמעריקע. אָ, ווי ענג עס איז איר געווען אין אַמעריקעס „ברייטסטער" שטאָט, אין ניו יאָרק ! זי האָט דאָרטן שווער געאַרבעט, איר געזונט איז געווען אונטערגעבראָכן. אָבער איצט — שרײַבט זי — גייט איר בעסער: זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ פֿײַנעם געבילדעטן מאַן, אַ געוועזענעם רוסישן סטודענט, האָלאַנד. זיי האָבן אַ טאָכטער, וועלכער מען האָט, לכבוד מײַן שוועסטער אַנאַ, אַ נאָמען געגעבן אַנעט.

מיין ברודער הערמאַן האָט געשריבן פּאָסט־קאַרטלעך פֿון אַן אַנדער, אויך זייער „ברייטער" וועלט — פֿון בערלין, דײַטשלאַנד. ווי האַרצלאָז די דײַטשע קרובים אונזערע האָבן זיך באַצויגן צו אים! נישט לאַנג האָט ער זיך אויפֿגעהאַלטן אין בערלין און איז אַוועקגעפֿאָרן קיין דאַרמשטאַדט, אין דער קליינער דײַטשער אוניווערסי־

מעט־שטאָט, וואו עס האָבן אויך שטודירט זײַנע חברים פֿון ביאַליס־טאָק, — די ברידער מאַקאָווסקי.

הערמאַן האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן זייער קרײַז און געפֿילט זיך אַ סך גליקלעכער ווי אין בערלין.

אַרום פּסח האָב איך באַקומען פֿון הערמאַנען אַ בריוו פֿון דאַרמ־שטאַדט. איך געדענק דעם אינהאַלט כמעט וואָרט פֿאַר וואָרט:

ליבער אָסיפּ, זיי זייער פֿאָרזיכטיק מיט דעם דאָזיקן בריוו און גיב אַכטונג, ער זאָל נישט אַרײַנפֿאַלן אין פֿרעמדע הענט. די מאַמע טאָר אויך נישט וויסן פֿון דעם. מיט אַ וואָך צוריק בין איך קראַנק געוואָרן און די אַסיסטענטן פֿון דאָקטאָר וואָולין האָבן מיך גרינדלעך אונטערזוכט און געפֿונען בײַ מיר סימפּטאָמען פֿון דער קראַנקהייט; אָבער זיי האָבן מיך נישט אַוועקגעשיקט אין אַ האָספּיטאַל, נאָר גע־לאָזן אין דער היים, וואו איך וועל זיך שוין אין גיכן אויסקורירן. ווי אַזוי די דאָקטוירים — איך מיין ד"ר וואָולינס אַסיסטענטן — האָבן זיך דערוואוסט וועגן דעם, אַז איך בין קראַנק, קאָן איך נישט פֿאַר־שטיין... מסתמא האָט אימיצער פֿון מײַנע פֿרײַנד זיי געלאָזט וויסן.

דײַן ברודער הערמאַן.

איך האָב איבערגעלייענט דעם בריוו איינמאָל און נאָך אַמאָל און וואָס וויַטער איך האָב אים געלייענט, האָב איך אַלץ ווייניקער פֿאַרשטאַנען. הערמאַן איז קראַנק? וואָס פֿאַר אַ קראַנקהייט קאָן דאָס זײַן, אַז דעם דאָקטאָרס אַסיסטענטן קומען נישט־געררופֿענערהייט אים אונטערזוכן? ווער האָט וועגן עס איז געהערט פֿון אַזאַ מעדיציניַשער באַהאַנדלונג? אַזאַ זאַך טרעפֿט, ווען אַ מענטש איז גייסטיק־קראַנק. מען קומט צו אים, צי ער וויל דאָס, צי נישט, און מען נעמט אים אַוועק אין אַן אַנשטאַלט. אָבער דאָ האָבן זיי אים באַזוכט און איבער־געלאָזט אין דער היים. חוץ דעם איז דער בריוו געשריבן פֿון אַ גאַנץ נאָרמאַלן מענטשן. הייסט עס, אַז עס איז נישט דאָס. און צו וואָס שרײַבט ער מיר, אַז די אַסיסטענטן זענען פֿון ד"ר וואָולין? איז דען דער ד"ר וואָולין אַזאַ וועלט־באַרימטקייט, אַז יעדער איינער מוז אים אומבאַדינגט קענען?! דער נאָמען „וואָולין" האָט מיר אָנגעווייט אומקלאָרע געדאַנקען — איך האָב טאַקע געהערט דעם נאָמען, און דווקא אין ביאַליסטאָק, אָבער נישט אין צוזאַמענהאַנג מיט דאָקטאָרײַ.

האָב איך זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף די דאָזיקע אומקלאָרע גע־דאַנקען און ווײַטער זיך געבראָכן דעם קאָפּ.

איך האָב אָנגעשריבן הערמאַנען אַ לאַנגן בריוו, אָבער קיין ענט־פֿער האָב איך נישט באַקומען. נאָר מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, ווען דער זומער איז געקומען, און די צוויי ברידער מאַקאָווסקי (וואָס זייער פֿאָטער האָט געהאַט דעם מאַגאַזין פֿאַר קאָלאָניאַלע סחורות) זענען אָנגעקומען פֿון דאַרמשטאַדט קיין ביאַליסטאָק אויף וואַקאַציע, האָב איך זיך דערוואוסט וואָס עס האָט פּאַסירט:

די קליינע גרופּע רוסישע סטודענטן אין דאַרמשטאַדט האָט גע־גרינדעט פֿאַר זיך אַ קליינע ביבליאָטעק און באַשטימט הערמאַנען פֿאַר דעם ביבליאָטעקאַר. עס איז איבעריק צו דערמאָנען, אַז צווישן די ביכער פֿון דער ביבליאָטעק זענען געווען ווערק פֿון מאַרקס, לאַ־סאַל, קאַוטסקי און אַנדערע סאָציאַליסטן, — ביכער, וואָס זענען געווען פֿאַרבאָטן אין רוסלאַנד. אָבער דאַרמשטאַדט איז דאָך נישט רוסלאַנד, דאָ קאָן מען דאָך די דאָזיקע ביכער רואיק לייענען. אַזוי האָבן דער טייל רוסישע סטודענטן אויך געטענהט. נישט אַזוי איז אָבער געווען די מיינונג פֿון דער דײַטשער געהיים־פּאָליציי. איין אָוונט זענען דײַ־טשע זשאַנדאַרן נישט־געבעטענערהייט אַרײַן אין הערמאַנס צימער און געפֿונען בײַ אים די אַלע „פֿאַרבאָטענע" ביכער. זיי האָבן דער־קלערט, אַז דײַטשע סטודענטן, דײַטשע בירגער האָבן יאָ דאָס רעכט צו לייענען די דאָזיקע געפֿערלעכע ביכער, ווײַל „זיי ווייסן ווי אָפּ־צושאַצן דעם אומזין אין זיי"; אָבער פֿרעמדע סטודענטן, באַזונדערס רוסישע, טאָרן דאָס נישט טאָן. ניין, די געהיים־פּאָליציי וועט נישט דערלאָזן, אַז די „רוסישע ניהיליסטן", און דערצו נאָך ייִדן, זאָלן מיט זייער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט אונטערגראָבן די הערשנדע אָרדענונג פֿון דער דײַטשער אימפּעריע; דערפֿאַר מוז דער ביבליאָ־טעקאַר באַלד פֿאַרלאָזן די שטאָט, פֿאַרלאָזן דײַטשלאַנד און אָוועקגע־שיקט ווערן קיין רוסלאַנד, וואו מען וועט שוין ווייסן וואָס צו טאָן מיט אים.

אויף דעם האָט הערמאַן אַרויסגענומען זײַן פּאַספּאָרט און דער־קלערט, אַז כאָטש ער איז געבוירן געוואָרן אין רוסלאַנד, איז ער אַ דײַטשער בירגער. די פּאָליציסטן האָבן זיך אָפּגעטראָגן.

— איצט פֿאַרשטיי איך דעם פֿאַרשטעלטן בריוו. וואָס הערמאַן האָט מיר אָנגעשריבן: אַז ער איז „קראַנק“ — מיינט עס, אַז ער איז אין געפֿאַר אַרעסטירט צו ווערן; „אָוועקפֿירן אין שפּיטאָל“ — מיינט אַרײַנזעצן אין טורמע. אָבער וואָס מיינט ער מיט „אַסיסטענטן פֿון ד״ר וואָולין“? פֿאַרוואָס וואָולין?

— אָבער דאָס איז דאָך קלאָר, — האָט בערקאָ מאַקאָווסקי גע־ענטפֿערט. — וואָולין איז דאָך דער נאָמען פֿון דעם „זשאַנד־דאַרמסקי פּאָלקאָווניק“ אין ביאַליסטאָק, און זײַנע אַסיסטענטן, נו, דאָס זענען טאַקע זײַנע אַסיסטענטן, די פּאָליציאַנטן.

יאָ, איצט איז דער גאַנצער בריוו קלאָר! די הויפּטזאַך איז דאָך געווען דער „וואָולין“, און פּונקט דאָס האָב איך נישט געכאַפּט!

— אָבער ווי אַזוי האָט די דײַטשע געהיים־פּאָליציי זיך דער־וואוסט פֿון אײַער ביבליאָטעק? — האָב איך געפֿרעגט — איז עס דען נישט געווען אַ סוד?

מאַקאָווסקי האָט זיך פֿאַרטראַכט אויף אַ מאָמענט.

— יאָ, אייגנטלעך האָט עס יאָ באַדאַרפֿט זײַן אַ סוד; אָבער, ווי עס זעט אויס, איז דאָס נישט געווען אַזוי. די פּאָליציי האָט געשרוווּט זיך אַרײַנמישן, ווײַל מיר זענען דאָך געווען נישט קיין דײַטשע, נאָר רוסישע. צוועלף מענטשן זענען מיר געווען אינגאַנצן, — פֿיר פֿון ביאַליסטאָק, — מען קאָן אַפֿילו זאָגן פֿינף, ווײַל מען קאָן דאָ צורע־כענען אַזעפֿן אויך.

— ווער? ווי איז דער נאָמען?

—יונה אַזעף, — האָט מאַקאָווסקי איבערגעחזרט. — דו קענסט אים נישט. ער איז פֿון אַ קליין שטעטל צווישן ביאַליסטאָק און גראָדנע.

— אַ מאָדנער נאָמען: אַזעף.

— יאָ, אָבער אַ וואוילער בחור איז ער, אַ הייסער רעוואָלוציאָ־נער, אַ גוטער אָרגאַניזאַטאָר. דאָס איז געווען זײַן געדאַנק צו האָבן די ביבליאָטעק. ער האָט דאָך אויך געקאָנט אַרײַנפֿאַלן און אַרויסגע־שיקט ווערן. מען וואָלט אים געכאַפּט שוין אויף דער גרענעץ, — ווען נישט אַ גליקלעכער צופֿאַל, וואָס דײַן ברודער איז געווען אַ דײַטש.

— האָט אָזעף דאָס פֿריִער נישט געוואוסט?

געוויס נישט. קיינער האָט עס נישט געוואוסט. דו קענסט דאָך הערמאַנען, ווי צוריקגעהאַלטן ער איז. די זאַך האָט געקאָנט זײַן גאָר ערנסט אי פֿאַר דײַן ברודער, אי פֿאַר די אַנדערע.

— יאָ, זיכער, — האָב איך צוגעגעבן, — אָבער ווי אַזוי האָט זיך די געהיים־פּאָליציי דערוואוסט, אַז די ביכער געפֿינען זיך דווקא בײַ מײַן ברודער?

— דאָס פֿרעגט שוין בײַ דער פּאָליציי; איך ווייס דאָס נישט.

(באַמערקונג: דער פֿאַקט, וועלכן איך גיב דאָ איבער, איז נישט דערמאָנט געוואָרן אין קיין איינער פֿון די ביאָגראַפֿיעס אָדער דער־אינערונגען וועגן דעם גרויסן פּראָוואָקאַטאָר יונה אַזעף. עס איז אָבער גוט באַקאַנט, אַז זײַענדיק א סטודענט אין דאַרמשטאַדט, איז אַזעף שוין געווען אַ שפּיאָן און האָט געקראָגן אַ קליינעם מאָנאַטלעכן געהאַלט פֿון דער רוסישער „אָכראַנע" (אָכראַנאַיע אָטדיעלעניע, די צאַרישע געהיים־פּאָליציי). זיכער האָט ער דאָס געלאָזט וויסן דער דײַטשער פּאָליציי וועגן דער ביבליאָטעק, וועלכע ער האָט אַליין אָרגאַניזירט).

אין אַ שיינעם וואַרעמען אויגוסט-אָוונט האָב איך לעבן דער אַפּטייק געשמועסט — געערדט מיט אַן איזוואָזטשיק. איך דאַרף מאָרגן פֿרי אָוועק־פֿאָרן קיין פּעטערבורג. דערקלער איך אים, צי קאָן ער צוברענגען מיך און מײַן באַגאַזש צום וואָקזאַל? יאָ, ער קאָן, זיכער. ער וועט קומען מאָרגן פֿרי און אָנקלאַפּן אין פֿענצטער. איך קום אַהיים, קוק נאָכאַמאָל איבער מײַן קליינעם באַגאַזש און פֿיל זיך איצט שוין נענטער צו פּעטערבורג.

אויף מאָרגן פֿרי דערהערט זיך אַ שטאַרקער קלאַפּ אין פֿענצ־טער: דאָס קלאַפּט רוסלאַנד, דאָס קלאַפּט מײַן צוקונפֿט, מײַן שיקזאַל: מיט איין וואָרט: דאָס קלאַפּט דער נעכטיקער איזוואָזטשיק. מיר זיצן שוין ביים טיש און טרינקען טיי — די מאַמע, די שוועסטער, מײַן ברודער יאַקאָב און איך. דער איזוואָזטשיק קומט אַרײַן, טאַפּטשעט מיט די שווערע שטיוול, כאַפּט מײַן קאַרב מיט די אײַנגעפּאַקטע זאַכן, טראָגט דאָס אַרויס, קומט ווידער אַרײַן און זאָגט, אַז מען קאָן שוין פֿאָרן. איך שטיי אויף דער שוועל — אַן אומעט כאַפּט מיך

אַרום. אויף אַ מאָמענט קומט מיר דער געדאַנק, אַז איך טו עפּעס נישט־שיינעס, נישט ערלעכס, איך אַנטלויף פון מײַן אַלטער היים, איך לאָז איבער מײַן מאַמע, די שוועסטער... זיי בלײַבן דאָ, איך לויף אַוועק. איך וועל האָבן אַנדערע פריינד... איך גיי איבערן הויף. יעדער שטיין אונטער מײַנע פיס איז מיר באַקאַנט, איז פאַר מיר לעבעדיק. די דרײַ ביימער לעבן בובריקס וואַנט שטייען אין אַ גראַדער ליניע, — די פרײַנד און עדות פון מײַנע קינדער און יוגנט־יאָרן. נישט זיי זאָגן מיר „פאַר געזונטערהייט", נישט „קום צוריק", זיי וועלן פשוט וואַרטן. איך וועל אַנגיין מיט מײַן לעבן, און זיי וועלן וואַרטן — נישט אויף מיר; זיי וואַרטן, אַז דער האַרבסט זאָל אַוועק גיין און עס זאָל קומען דער ווינטער — דער פרילינג, דער זומער און ווידער דער האַרבסט. זיי האָבן נישט קיין צוקונפט, זיי האָבן זייער וואַרטן. זיי זענען גליקלעך.

איך זיץ אויף דער דראָשקע לעבן דער מאַמען, און אַנאַ מיט יאַקאָבן זיצן אויף דעם קליינעם בענקל מיט דעם רוקן צום פערדל. די דראָשקע פאָרט איבער דער גאַס, און קורצע אָפּגעריסענע ביל־דער, געדאַנקען און דעראינערונגען קומען מיר אין קאָפּ. אַזוי זעגן איך זיך מיט מײַנע ביאַליסטאָקער טעג. פרייליך אָדער טרויעריק, גליקלעך אָדער אומגליקלעך, איך האָב זיי איבערגעלעבט, אײַנגע־זאַפּט אין זיך, זיי זענען געוואָרן אַ טייל פון מיר. הויז נאָך הויז, גע־בײדע נאָך געביידע גייט אַוועק פון מיר די שטאָט. איך פאָר ווײַטער, זי שטייט אָפּ, בלײַבט צוריק. מיט יעדער הויז, מיט יעדן פענצטער, מיט יעדן ציגל איז פאַרבונדן מײַן לעבן, וואָס איך לאָז דאָ איבער.

די דראָשקע פאָרט פאַרבײַ דאָס הויז, וואו עס האָבן געוואוינט די עלבוימס. איך ווענד אָפּ מײַן קאָפּ, איך וויל נישט קוקן אַהין. דאָ איז אַרונטערגעפאַלן פון טראָן מײַן ערשטע ליבע. ווי הויך, ווי שטאָלץ זי איז געזעסן אויף איר קעניגלעכן פלאַץ און ווי נידריק זי איז אַרונטערגעפאַלן. דער קאָטבאַרער, דער אידעלער ברילִיאַנט איז געווען נישט מער ווי אַ שטיקל באַפּוצט גלאָז. שטיקלעך זענען געבליבן אויף דער ערד. איך האָב עס געזען. פאַר מײַנע אייגענע אויגן איז דאָס פאַרגעקומען. פרעך, האַרצלאָז און אָן שום געפיל פון חרפּה האָט די בלאָנדע, חנעוודיקע מיידל, מײַן „אידעאַל", אויס־

געזונגען מיר אין פנים אַרײַן, כדי נאָך טיפער צו מאַכן פאַר מיר מײַן ווייטאָג. „לאַך, פּאַיאַץ, איבער דײַן צובראָכענער ליבע"... פאַר גיכער, איזוואָזטשיק! וואָס גיכער!

אַט איז די סאַפּיסקי געסעלע. דאָ האָט געוואוינט מײַן חבר יאַקאָב צעכאַנאָווסקי. אַ שווערע עפּילעפּסיע־קראַנקהייט האָט זיך אַנטוויקלט אונטער זײַן נישט־רעגלמעסיקן אוגערקע קאָפּ און פון צייט צו צייט געטרייסלט זיין גוף אין פיינלעכע קאָנוואוסיעס. שטי־לערהייט, נישט האָבנדיק געזעגנט זיך מיט מיר, איז ער אַנטלאָפן קיין אַמעריקע, געפּרווּוט אַנטלויפן פון זיך אַליין, פון זײַן קראַנק־הייט. (באַמערקונג: יאַקאָב צעכאַנאָווסקי, אָדער יאַקאָב טשעסטער, ווי ער האָט זיך אין ניו יאָרק גערופן, האָט זיך אויפגעהאנגען אין זײַן וואוינונג דאַון-טאַון. די הויפּ־סיבה פון דעם זעלבסטמאָרד איז געווען זײַן קראַנקהייט).

ווײַטער פאָרט מײַן דראָשקע. אַ פלינקער יונגערמאַן מיט אַ קורצן האַלדז, מיט אַ זויערן אויסדרוק אויף זײַן קײַלעכדיקן פּנים, קומט אַנטקעגן, וואַרפט אַ בליק אויף דער דראָשקע מיט אירע פּאַ־סאַזשירן און לויפט ווײַטער, שטענדיק לויפט ער; ער גייט נישט, דער משה, אָדער מאַקס וואַלאַך (אין דער צוקונפט דער סאָוויעטישער דיפּלאָמאַט מאַקסים ליטווינאָוו).

און אַט איז דאָס הויז, וואו עס וואוינט מײַן געוועזענער לערער פון שיין־שרײַבערײַ, איינשטיין. ער האָט מיך געלערנט שרײַבן בעת מײַן מאַמע האָט געהאַט איר נישט־דערלויבטע „געהיימע" שולע. זיי געזונט, מיין גוטער, שטילער לערער! אַ דאַנק פאַר דיין לערנען מיך! (באַמערקונג: דער לערער איינשטיין איז דערהרגעט געוואָרן אין דעם ביאַליסטאָקער פּאָגראָם אין 1906. די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן אים לעבעדיקערהייט אַרײַנגעקלאַפּט טשוועקעס אין די אויגן און אין שאַרבן!...).

דער שטאָט־משוגענער, דער לאַנגער יאָסל, שטייט שוין אויפן מאַרק־פּלאַץ לעבן שטאָט־זייגער, ער האַלט זײַן האַנט אויף דער ברוסט לעבן האַרצן און היט אָפּ אַ בריוו, דעם מיסטעריעזן בריוו, וואָס ער קאָן זיך מיט אים נישט שיידן. ער רעדט עפּעס צו זיך אַליין, ער מאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער שפּילט אויף אַ פידל, ער יאָמערט און

באַקלאָגט זיך אויף אַ מיידל, וואָס ער האָט נאָך היינט זייער ליב — דער זינגער פֿון זײַן טרויער.

קאַמינקעס הויז קומט מיר אין אויג. דאָ האָט געאַרבעט מײַן טאַטע. דאָ, אַ קינד, בין איך אַנטלאָפֿן פֿון זײַן טויט. איצט איז דאָס הויז לער, פֿאַרוואָרפֿן. אַוועק די צוויי זין, אַוועק די צוויי טעכטער..

די אַלטע פֿרוי קאַמינקע איז געבליבן אַליין. געבויגן, צעבראָכן, מיט אויסגעפֿאַלענע ציין, שלעפּט זי זיך פֿון איין אַפּטייק צו אַ צווייטער און בעט, מען זאָל איר געבן כאָטש אַ קאַפּיטשקע מאָרפֿין. זי איז געוואָרן אַ מאָרפֿיניסטקע. זי וויל טרוימען אַ געפֿערלעכן, אַ גיפֿטיקן. אָבער אַ זיסן טרוים. זי פֿאַרקויפֿט די מעבל, די טעפּיכער, די זילבערנע לײַכטער, זי באַגנבעט זיך אַליין, די טעכטער און די זין, כדי צו קריגן וואו נאָר זי קאָן דעם זיסן סם אירן, דעם ביסלעכווײַזן טויט. ווײַטער, ווײַטער! פֿאָר גיכער, איזוואָזטשיק!

אָט איז די דראָשקע שוין פֿאַרבײַגעפֿאָרן ד״ר גראָנאָווסקיס הויז, וואו דער געלערנטער, דער קולטורעלער פּאַן שליאַכטשיץ איז באַגאַנגען איינעם פֿון די נידריקסטע פֿאַרברעכנס, וואָס קאָן נאָר אויסגעטראַכט ווערן... אָט פֿאָר איך שוין אויף שאָסיי־גאַס. דער אַלטער קריסטלעכער בית־עולם, דער פּלאַץ פֿון מײַנע ראָמאַנטישע שפּאַצירן און נשמה-באַגעגענישן מיט פֿראַניע נײַמאַרק. זײַ געזונט, פֿראַניע, דו וועסט שוין שפּאַצירן אויפֿן בית־עולם אָן מיר...

די דראָשקע שטעלט זיך אָפּ לעבן דעם שיינעם וואָקזאַל. בעת איך באַצאָל דעם איזוואָזטשיק, דערהער איך אַ זאַפֿטיקן קנאַק, אַזוי ווי עמיצער וואָלט אויסגעשאָסן. איך קוק זיך אַרום: אויף די קאָזלעס פֿון אַ לײדיקער דראָשקע, וואָס וואַרט אויף פּאַסאַזשירן, זיצט יורי ראָמאַנטשוק, מײַן געוועזענער חבר. ער טראָגט איצט אַ באָרד, דער פּנים איז רויט, אָפּגעברענט, אָבער איך דערקען די לאַנגע פֿערדישע ציין, — די זעלבע, וואָס האָבן זיך אַרײַנגעביסן אין מײַן בולקע. יורי קנאַקט מיט זײַן לאַנגער בײַטש; דאָס זעגנט ער זיך מיט מיר אַזוי און ווינשט מיר אַ גליקלעכע רײַזע קיין פּעטערבורג.

אַדיע, ביאַליסטאָק!

צווייטער טייל

קאַפּיטל איינס.

לאַפּי, טשאַרנאַיאַ וויעס, סאָקאָלקאַ, גראָדנע... ווילנע... איין סטאַנציע נאָך דער אַנדערער, טיילן מיך אָפּ אַלץ מער פֿון דער שטאָט, וואו איך בין געבוירן געוואָרן. איין סטאַנציע נאָך דער אַנדערער נענטערן מיך צו דער שטאָט, וואָס דאַרף מיר געבן מײַן צוקונפֿט. מיינע געדאַנקען פֿליען אויף צוריק. איך קוק אויפֿן זייגער: איצט גייען זיי עסן; די דינסטמיידל ברענגט פֿון קיך די זופּ און שטעלט זי אויפֿן טיש. ווער זיצט אויף מײַן פּלאַץ? מײַן שוועסטער אַנאַ, אָדער דער ייִנגערער ברודער, יאַקאָב? קליין איז געוואָרן אונזער משפּחה; זי וועט ווערן אַלץ קלענער. אין אַ יאָר אָדער צוויי וועט יאַקאָב אויך אַוועקפֿאָרן, און די מאַמע וועט בלײַבן אַליין מיט אַנאַן... און ווען די שוועסטער וועט חתונה האָבן — גאָר אַליין!..

עס קאָן אָבער פּאַסירן, אַז איך וועל מוזן קומען צוריק קיין ביאַליסטאָק און פֿאַרבלײַבן דאָרטן. אויסלאַנד? ניין, קיין אויסלאַנד פֿאָר איך נישט. מײַן ברודער הערמאַן איז אַ דײַטש, אַזוי ווי אונזער פֿאָטער איז דאָס געווען. איך נישט. איך האָב ליב רוסלאַנד, די רוסישע שפּראַך, די גרויסע רוסישע ליטעראַטור, דאָס רוסישע פֿעלד. איך האָב ליב דעם רוסישן ייִדן, דעם קליינעם באַשיידענעם מענטשל, און נישט דעם דייטשן ייִדישן קויפֿמאַן. איך וויל נישט שרייבן וועגן אים; ער אינטערעסירט מיך נישט. אָבער אויב איך וועל געצוואונגען זײַן צוריקצוקערן זיך קיין ביאַליסטאָק, וועל איך דאָרט פֿאַרזשאַווערט ווערן, אונטערגיין..

די זון גייט אונטער . דורך דעם אָפֿענעם פֿענצטער רייסט זיך אַרײַן דער גערוך פֿון ליטווישע פֿעלדער. אין וואַגאָן באַווײַזט זיך דער קאָנדוקטאָר און שטעקט אַרײַן אין די לאַנטערנעס נײַע שטיק־

לעך ליכט. די פּאַסאַזשירן אַרום מיר רעדן ייִדיש, פּויליש, רוסיש. זיי האָבן זיך שוין באַקענט איינער מיט דעם צווייטן. איך בין צו־פרידן, וואָס זיי לאָזן מיך צורו. איך וויל זײַן אַליין מיט מײַנע געדאַנקען. אָבער ווען איך פּרוּוו צונויפזאַמלען די געדאַנקען, זע איך, אַז איך האָב גאָרנישט קיין באַזונדערע געדאַנקען; ס'איז אַלץ דאָס זעלבע: אויסהאַלטן דעם עקזאַמען אין פּעטערבורג... אַ שרײַבער־קאַריערע... און דאָס זעלבע קלאַפּן די רעדער:

— עקזאַמען — עקזאַמען — מען־מען־מען!

עס ווערט שפּעט. איך הייב אויף דאָס ברעט הינטער מײַן רוקן, באַפעסטיק דאָס, קריך אַרויף. דאָס איז מײַן בעט. ס'איז דאָך אי־בעריק,מיין איך, צו זאָגן, אַז איך פאָר מיטן דריטן קלאַס. קיין קאָלדרע, קיין קישן באַקומט נישט דער פּאַסאַזשיר פון דריטן קלאַס. אָבער, גאָט מײַנער, וואָס פאַר אַ גליק דאָס איז אַרויפצוקריכן אויבן צוזאַמען מיט דײַנע אַכצן יונגע יאָרן און זיך אַנידערזעצן אויף דעם וואַגאָן־ברעט און הערן ווי די אײַזנבאַן, וואָס שלעפּט דיך קיין פּע־טערבורג, זינגט דיר אַ וויג־ליד:

— עקזאַמען — פּעטערבורג... עק־זאַ־מען. און די אויגוסט־נאַכט קוקט אַריין אין וואַגאָן־פענצטער און ווערט אַלץ שענער מיט דער פולערער לבנה און רייף־געוואָרענע שטערן.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, בין איך שוין געווען טיף אין דער ארץ פון רוסלאַנד. די „טשערטאַ" איז געבליבן הינטער מיר. איצט בין איך געווען „דאָרטן". דווינסק, די גרענעץ פון דער „טשערטאַ" איז געווען הינטער מיר.

די נעכטיקע פּאַסאַזשירן זענען פאַרשוואונדן. עס האָבן זיך באַ־וויזן אַנדערע. קיינער רעדט נישט קיין ייִדיש, אָדער פּויליש — נאָר רוסיש. זיי זענען אַנדערש אָנגעטאָן, זיי האָבן אַנדערע אויגן, בערד, נעזער... אַ פּויער אָנגעטאָן אין אַ טולופּ, אָבער אין אַן אַנדערן ווי מען טראָגט עס אין ביעלאָראָסיע, האַלט לעבן זיך אַ גרויסע האַלץ־זעג און לאָזט פון איר זיין אויג נישט אַראָפּ — דאָס איז זיין ברויטגעבער. אַ פּויערטע מיט אַ רויטן טיכל אויפן קאָפּ האַלט אויף די הענט אַ קליין קינד און פּרוּווט עס אײַנצושלעפערן מיט אַ וויג־

ליד — אַ רוסישן, פֿאַרשטייט זיך. דאָס ליד איז מיר פֿרעמד, איך הער עס צום ערשטן מאָל.

צוויי סטודענטן אין בלויע אוניפֿאָרמס רעדן צווישן זיך. איך הער די ווערטער: „קורס... פּראָפֿעסאָר... זיבן רובל אַ צימער"... אין קאָן נישט אָפּרײַסן די אויגן פֿון זיי...

נעכטן זענען מיינע געדאַנקען געפֿלויגן אויף צוריק. זיי האָבן זיך געשלעפּט הינטער דעם לעצטן וואַגאָן פֿון דעם צוג. הײַנט פֿליִען זיי פֿאָרויס, ווײַט פֿאַר דעם לאָקאָמאָטיוו. ביאַליסטאָק איז געבליבן אַ קליינער, קוים־באַמערקבאַרער פֿלעק אויף גאָטס ערד.

איך טראַכט וועגן מײַנע קרובים, וועלכע דערוואַרטן מיך אין פּעטערבורג. איך האָב קיינעם פֿון זיי נישט געזען. איך פֿלעג נאָר שרײַבן צו זיי בריוו. גאָר נישט קיין וויכטיקע בריוו זענען דאָס געווען: גראַטולירונגען צו אַ געבורטס-טאָג, צו נײַ־יאָר. און יעדעס מאָל איז דאָס שרײַבן געווען פֿאַר מיר אַן אָפּקומעניש. און טאַקע, וואָס שרײַבט מען אַזוינס צו אַ באָבע, וועלכע דו האָסט קיינמאָל נישט געזען און זי האָט דיך נישט געזען, און וואָס איז נאָך דערצו בלויז אַ האַלבע באָבע? און שרײַבן האָב איך געמוזט שרײַבן איז דײַטש, ווײַל זי איז פֿון ריגע און פֿאַרשטייט זייער ווייניק רוסיש. און פּונקט אַזוי שווער איז געווען אויך שרײַבן אַ רוסישן בריוו צו מײַן אָנקל יאַקאָב, מײַן מאַמעס שטיף־ברודער, וועגן וועמען איך ווייס נאָר איין זאַך, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אַ זיבן־מאָנאַטלעכער און צוזאַמען מיט אַ צווייטן ייִנגל, וואָס איז באַלד געשטאָרבן... אָבער די מאַמע פֿלעגט דורכאויס באַשטיין, אַז איך זאָל שרײַבן צו די קרובים. וואָס דאַרפֿן זיי דאָס אַזוי מײַנע בריוו?

פֿאַר מײַנע אויגן דרייען זיך נידריקע פֿעלדער און ווײַט אויפֿן האָריזאָנט אַ וואַלד. די פֿעלדער זענען ווייניקער פֿריש און פֿאַרביק, איידער די וואָס איך האָב פֿאַרלאָזן, און דער וואַלד איז אויך אַ גרויער, דער הימל איז נידריקער, די לופֿט איז קעלטער. מיר דער־נענטערן זיך אַלץ מער צום צפֿון. דאָ פֿילט זיך שוין דער הויך פֿון אָסיען, דאָס שטילע לאַנגזאַמע אָפּשטאַרבן פֿון דער זון. אַ פֿײַערלעכע טרויעריקייט הענגט אין דער לופֿט, זי דרינגט אַרײַן אין מײַן האַרץ, זי באַרואיקט.

ווײַטער לויפֿט דער צוג, שטעלט זיך אָפּ אויף אַ פּאָר מינוט בײַ די סטאַנציעס. וואָס טראָגן איצט טיף־רוסישע נעמען. לויפֿט ווײַטער, אײַלט זיך. אין וואַגאָן קומען צו אַלץ מער מענטשן. עס איז נישטאָ קיין פּלאַץ צו זיצן, מען שטייט. אויך די פּאַסאַזשירן זענען איצט אַנדערע, בעסער אָנגעטאָן, מיט מער אינטעליגענטע פּנימער. דוכט זיך, אַז איך בין דאָ דער איינציקער ייִד צווישן זיי. אָבער זיי זענען אַלע פֿרײַנדלעך צו מיר, רעדן העפֿלעך, כאָטש זיי זעען אויף מײַן פּנים מיט וועמען זיי האָבן צו טאָן.

— סטאַנציאַ אַלעקסאַנדראָווסקאַיאַ! — שרײַט אויס דער קאָנ־דוקטאָר. דאָס איז די לעצטע סטאַנציע. נאָכדעם קומט פּעטערבורג. איך ווער נערוועז און כאַפּ זיך צו מײַנע זאַכן.

— איר האָט נאָך פֿערציק מינוט ביז פּעטערבורג, — באַרואיקט מיך אַ פֿרוי.

גאַנצע פֿערציק מינוט! פֿאַר איר איז עס אַ סך; פֿאַר מיר, וועל־כער האָט געחלומט פֿון פּעטערבורג נאָך איידער איך בין אַרײַן אין דער רעאַל־שולע, איז עס ווייניקער ווי אַ וואונק פֿון אַן אויג.. און אָט ווערט נײַן און דרײַסיק מינוט, אַכט און דרײַסיק, זיבן און דרײַסיק, און די רעדער קלאַפּן אין טאַקט מיט דעם פּולס פֿון מײַן האַרצן!

„פּעטערבורג — זעקס־און־דרײַסיק — פּעטערבורג — — — — "

— סטאַנציאַ פּעטערבורג! — האָווקעט אַרויס דער קאָנדוקטאָר, אַזוי ווי ער וואָלט געהאַלטן אין פֿאַרקויפֿן די שטאָט.

דורכן פֿענצטער זע איך קליינע הײַזער, פֿאַבריקן, קליינע בי־דעריקע ביימער. די זון שײַנט, דער בלאָסער הימל איז פֿרײַנדלעך. אַלץ פֿאַמעלעכער באַוועגט זיך דער צוג און — בלײַבט שטיין! די רעאַליטעט האָט זיך געענדיקט; איצט הויבט זיך אָן מײַן טרוים.

איך שפּרינג אַרויס פֿון וואַגאָן און קוק זיך אַרום. איך ווייס, אַז איך מוז זיך טרעפֿן אויף דער סטאַנציע מיט אַ געוויסן סטודענט. עס שטייען און וואַרטן אַ סך סטודענטן. ווער־זשע פֿון זיי איז מײַן אָנקל, מײַן מאַמעס שטיף־ברודער, יאַקאָב ערליך?

— אָסיפּ? — דערהער איך מײַן נאָמען.

צו מיר קומט צו אַ יונגערמאַן אַנגעטאָן אין אַן אוניפאָרם פון פעטערבורגער אוניווערסיטעט. מיר צוקושן זיך. יאַקאַב איז מיט אַ פערטל קאָפּ נידעריקער פון מיר, זײַן פּנים איז אַנגענעם, זײַנע ברוינע אויגן קלוג און וואַרעם. אַ וואַרעמקייט גיסט זיך פון אים אַנטקעגן און פאַרכאַפּט מיך אין איין רגע. זײַן שמייכל איז אויך וואַרעם, זײַן שטימע זייער ווייך, באַרואיקנד. ער זעט נישט אויס צו זײַן מײַן אַנקל; גיכער אַן עלטערער ברודער, ווײַל ער איז נאָר מיט אַ פּאָר יאָר עלטער פון מיר. איך פיל זיך אַ ביסל צוטומלט און ווייס נישט ווי זיך צו האַלטן. ער אָבער איז פריינדלעך און רואיק, אַזוי ווי ער וואָלט יעדן טאָג אָרונטערגענומען פון צוג פּלימעניקעס. ער רעדט מיט דעם טרעגער, באַצאָלט אים און לאָזט מיר נישט צאָלן. און אָט זיצן מיר אויף אַ דראָשקע און פאַרלאָזן דעם וואָקזאַל.

— פאָר צום פינישן וואָקזאַל,—הייסט יאַקאַב דעם איזוואָזטשיק.

— צו וואָס צום וואָקזאַל? פרעג איך. — איז דען דאָס נישט פעטערבורג?

— אַוודאי פעטערבורג, — שמייכלט ער צו מיר, אָבער מיר וואוינען דאָך איצט אויף אַ דאַטשע אין „דריטער פּאַרגאָלאָוואָ״. דאָס ליגט אויף דער ליניע פון דער פינישער אײַזנבאַן.

און ער דערציילט מיר וועגן פעטערבורג. קיינער בלײַבט דאָ נישט זומער אין שטאָט. מען וואוינט אַרום פעטערבורג אין קליינע דאַטשעס, און מען קומט צו פאָרן, אויב מען דאַרף. עס איז נאָענט, זייער באַקוועם און גאָרנישט טײַער. די פאַרמעגלעכע מענטשן האָבן, אָדער דינגען, זייערע דאַטשעס לעבן די שטעטלעך גאַטשינאַ, צאַרס־קאָיע סעלאָ און פּאַוולאָווסק; די אָרעמערע באַזעצן זיך זומער לעבן דער פינישער גרענעץ. פון דער „דריטער פּאַרגאָלאָוואָ״ איז נישט מער ווי אַ שעה צו דער גרענעץ.

עס האָט אונז גענומען נישט ווייניקער ווי דרײַ־פערטל שעה אָנצוקומען צום פינישן וואָקזאַל. ער איז געלעגן אין אַן אַנדער טייל פון דער שטאָט. אָבער איך בין געווען צופרידן מיט דעם, ווײַל דאָס האָט מיר געגעבן די געלעגנהייט צו באַקענען זיך אַ ביסל מיט פּע־טערבורג. מיר זענען פאַרבײַגעפאָרן דעם נעווסקי פּראָספּעקט. אַ מין צויבער איז געהאנגען איבער די מאַיעסטעטישע הײַזער, איבער דעם

אַניטשקאָוו פּאַלאַץ פֿון די צאַרן, איבער דעם שפּיץ פֿון דער אַדמי־ ראַליטעט. אָבער דאָס פֿערדל האָט באַלד אָװעקגעשלעפּט אונזער דראָשקע אין אַן אַנדער געגנט. דאָ איז געװען אַ סך רואיקער, איינ־ פֿאַכער. קלײנע הײַזער, שמאָלע טראָטואַרן האָבן דערמאָנט אַ פּראָ־ װינץ־שטאָט. אָבער פּונקט װי אױפֿן נעװסקי פּראָספּעקט, האָט זיך אױך דאָ געשפּירט דער זעלבער שאַרפֿער גערוך פֿון ברענענדער סמאָלע. דאָס האָט מען פֿאַרריכט דעם ברוק און אים באַגאָסן מיט ברענענדן אַספֿאַלט. דער גערוך איז געװען פֿאַר מיר ניי. ער האָט זיך בײַ מיר פֿאַרבונדן מיט מײַן ערשטן אײַנדרוק פֿון פּעטערבורג.

װידער פֿאָר איך אין צוג. מײַן יונגער אָנקל יאַקאָב, אָדער יאַשאַ, װי מען האָט אים פֿאַרקירצט גערופֿן, זיצט לעבן מיר. איך קוק אױף אים מיט איין אויג. און װידער פֿיל איך די װאַרעמקייט, די ערלעכ־ קייט װאָס גייט אַרויס פֿון אים. זײַנע ברוינע אויגן זענען אַזוי ערנסט, אַ פֿײַנער שמייכל שפּילט אַרום זײַן מויל און אַרום די װייכע װאָנ־ צעס. איין זאַך געפֿעלט מיר נישט: ער האָט אַ גרויסן פֿליך, און ער איז דאָך נישט מער װי דרײַ און צװאַנציק יאָר אַלט. ער כאַפּט אונ־ טער מײַן פֿאַרװאונדערטן בליק, טרעפֿט מײַנע געדאַנקען און זאָגט:

— איך האָב פֿאַרלאָרן מײַנע האָר מיט אַ פּאָר יאָר צוריק. אין איין זומער איז עס פּלוצלינג געקומען. איך פֿלעג אויפֿװאַכן אין דער פֿרי און געפֿינען גאַנצע הויפֿנס האָר אויפֿן קישן.

איך װיל דאָ מאַכן קלאָר די אַ ביסל קאָמפּליצירטע קרובים־פֿאַר־ העלטענישן פֿון אונזער משפּחה. מײַן זיידע פֿון קאָװנע, יצחק (איסאַק) ערליך, האָט חתונה געהאַט צװיי מאָל. מײַן מאַמע און איר שװעסטער אָלגאַ זענען געװען קינדער פֿון זײַן ערשטער װײַב. דערנאָך האָט מײַן זיידע חתונה געהאַט צום צװייטן מאָל מיט אַן אַלמנה, שאַר־ לאָטע ליכטנטאַל, פֿון ריגע. זי האָט געהאַט אירע אייגענע קינדער פֿון איר ערשטן מאַן: ניקאָלאַי, פֿאַניאַ און אידאַ. יאַשאַ, דער ייִנגס־ טער פֿון דער משפּחה, איז דער זון פֿון דער צװייטער חתונה פֿון יצחק מיט שאַרלאָטען. הייסט עס, אַז מײַן מאַמע און יאַשאַ האָבן געהאַט דעם זעלבן פֿאָטער, נאָר פֿאַרשיידענע מאַמעס. איז ער מיר בלויז אַ האַלבער אָנקל. דערפֿאַר קומט עס אויך, אַז דער אונטערשייד פֿון אונזערע יאָרן איז געװען אַזוי קליין.

אונזער צוג לויפט איבער פעלדער, וועלכע זענען איצט באַדעקט מיט אַ ליַיכטן נעבל. אַ קליינע אָזיערע האָט זיך באַוויזן פון דער וויַיטן אויף אַ מאָמענט און איז פאַרשוואונדן הינטער די קוסטעס. ווידער אַ נאַקעטער פעלז, קליינע הילצערנע היַיזלעך, דאַטשעס — אַלץ אַזוי ניַי און פרעמד פאַר מיַין אויג. דער וואַגאָן איז אָנגעפּאַקט אומעטום זעט מען אוניפאָרמס. דאָ זיצט אַן אָפיציר. דאָרט אַ טשינאָווניק, וויַיטער — אַ סטודענט און ווידער אַן אָפיציר. דער צוג שטעלט זיך אָפּ זייער אָפט, וויַיל די דאַטשעס ליגן געדיכט איינע לעבן דער צווייטער. עס איז שוין אָוונט; אָבער אַ מאָדנער אָוונט: דער טאָג האָט זיך פאַרענדיקט, אָבער עס ווערט ווייניק טונקל; אַ דורכזיכטיקער שאָטן באַדעקט די ערד, דער הימל אָבער איז העל־גרין, ווי דאָס וואַסער אין אַ טיפן טייך. דערנאָך, ווי מיט איין קלאַפּ, פאַרשווינדט דער העל־גרינער הימל, די דורכזיכטיקע פאַרבן ווערן אויסגעלאָשן, און אַ שווערע, דיקע, צפונדיקע פינצטערנישט כאַפּט אַרום די ערד.

—מיר זענען אָנגעקומען, — זאָגט יאַשאַ. — דאָס איז „דריטע פאַרגאָלאָווא״.

אַ קליינער, באַשיידענער וואָקזאַל, אַ פינישער טרעגער, אַ פינישער פערדל און אַ פינישער קליינער וואָגן מיט אַ גלעקל. עס איז נאָך רוסלאַנד, נאָר דאָ וואוינען פינען. דער דאַטשע־סעזאָן דויערט בלויז אַ פּאָר מאָנאַטן. אין דער איבעריקער ציַיט איז עס אַ ודערפל, וואָס לעבט זיַין אייגן רואיק לעבן.

— פיאָטר מוכינס הויז, נומער 25, — זאָגט אָן יאַשאַ דעם אַדרעס, און דער פורמאַן אונזערער, שאָקלט מיטן קאָפּ אויף „יאָ״: ער קען דאָס הויז.

און מיר פאָרן.

עס איז שוין געוואָרן גאָר טונקל. די דאָרפישע געסלעך זענען שוואַך און קאַרג באַלויכטן פון די קעראָסין־לאַמטערנס, וואָס שטעקן דאָ און דאָרט אין וויַיטע אינטערוואַלן. די נידעריקע פענצטער פון די דאַטשעס זענען אויך באַלויכטן און דאָס גיט צו אַ ביסל מער ליכט די געסלעך.. הינטער איין פענצטער דערזע איך פרויען־סילועטן, יונגע און עלטערע. אַ קליינע, נידעריקע, אַלטע פרוי מאַכט מיט

איר האַנט באַרואיקענדע באַוועגונגען און שמייכלט. די יונגע פֿרײַלינס ערגערן זיך — אַזוי זעט עס אויס.

— דאָס איז די „באַבושקאַ" (באָבע), — זאָגט צו מיר יאַשאַ און ווײַזט אָן אויף דער קלײנער פֿרוי. יאַשאַ נעמט מיך פֿאַר דער האַנט און פֿירט מיך. מיר גייען אַרײַן אין אַ טונקעלן פֿאָדערצימער, וואו עס שמעקט מיט היי און מיט נאָך עפּעס דאָרפֿישעס. איך פֿאָלג נאָך מײַן פֿעטער, ווי אַ בלינדער, מיט מײַן קלײנעם טשעמאָדאַן אין דער האַנט.

פּלוצים ווערט העל: יאַשאַ האָט געעפֿנט די ברייטע שווערע אַרײַנגאַנג־טיר, און אַ געל ליכט רײַסט זיך אַרײַן אין טונקעלן פֿאָדערצימער. איך מאַך נאָך אַ פּאָר טריט און גיי אַרײַן אין אַ גרויסן, אײַנפֿאַך מעבלירטן צימער, און דערקען די סילועטן, וועלכע איך האָב געזען פֿון דרויסן דורכן פֿענצטער. די קלײנע גרוי־האָריקע „באַבושקע" כאַפּט מיך אַרום און קושט מיך. די אַנדערע צוויי עלטערע טוען דאָס זעלבע. די ייִנגערע, כמעט קינדער, באַגריסן מיך אָן קושן זיך. פֿײַן, אָבער איך ווייס נישט „ווער איז ווער". איך שטיי אין מײַן גרויער „קרילאָטקע" (אַ זומער־מאַנטל אָן אַרבל מיט אַ פּעלערינע), דער שטאָלץ פֿון מײַן זייער באַשרענקטן גאַרדעראָב, און די יונגע מיידלעך, מײַנע קוזינעס, קוקן מיט גרויסע דערשראָקענע אויגן אויף דעם שנײַדער קרוטניצקיס מײַסטער־ווערק און ווייסן נישט וואָס צו זאָגן: אַזוינס האָבן זיי מסתמא נאָך נישט געזען. דערנאָך לויפֿט אײנע אַרויס, נאָך איר די צווייטע, און באַלד די דריטע. נאָר די פֿערטע בלײַבט און קוקט נישט אויף מיר, נאָר אויף דעם ברענענדן לאָמפּ. איר פּנים דריקט אויס אומפֿאַראורזאַכטן רחמנות. אַזוי קוקט זי די גאַנצע צײַט. איך וואונדער זיך: טוט איר נישט וויי די אויגן צו קוקן גלײַך אין פֿלאַם?

מײַנע יונגע קוזינעס זענען אַ לאַנגע צײַט נישט צוריקגעקומען. די עלטערע, אַ ביסל דיקערע פֿרוי, מסתמא זייער מאַמע, איז אַרויס פֿון צימער און האָט זיי צוריקגעבראַכט. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז זיי זענען אַ סך וויניקער צופֿרידן מיט זייער נײַעם קוזין, ווי ער מיט זיי. די עלטערע פֿרויען האָבן געהאַלטן אין איין אויספֿרעגן מיך, ווי עס גייט „יעטכען" — דאָס הייסט, העניעטאַן, מײַן מאַמען.

ביסלעכווייז האָב איך אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין, ווער די אַלטע פֿרויען זענען. די קליינע אַלטע פֿרוי מיט די שיינע ווײַסע האָר, וועלכע זענען געווען צושפּאָלטן אין מיטן, איז געווען די באָבע שאַרלאָטע. זי האָט געהאַט בלויע קינדישע אויגן און אַ באַרואיקנדע פֿרײַנדלעכע שטים. יאַשאַ האָט זי גערופֿן „באַבושקאַ", אָבער זי איז געווען זײַן מאַמעס און נישט זײַן באָבע. גערופֿן האָט ער זי אַזוי דערפֿאַר, וואָס די אַלע מיידלעך האָבן זי אַזוי גערופֿן. פֿאַר זיי איז זי טאַקע געווען אַ באָבע. די דיקערע פֿרוי, די מאַמע פֿון די מיידלעך, איז געווען איר טאָכטער, פֿאַניאַ שטעמבער. די צווייטע פֿרוי, אַ דאַרע, מיט אַ דין, בלאַס פּנים, אַן איידעלע, אַ שווײַגנדע, איז געווען איר צווייטע טאָכטער, אידאַ קלאַטשקאַ, אַן אַלמנה. מיט אַ יאָר צוריק האָט זי פֿאַרלאָרן איר מאַן. קיין קינדער האָט זי נישט געהאַט און האָט זיך באַצויגן צו די קינדער פֿון איר שוועסטער פֿאַניאַ שטעמבער, אַזוי ווי צו אירע אייגענע.

נאָך זײַענדיק אין ביאַליסטאָק האָב איך געהערט פֿון מײַן מאַמען, אַז פֿאַניאַס קינדער — אַלע מיידלעך — זענען מוזיקאַליש באַגאַבט. דאָ אויפֿן פּלאַץ האָב איך אויסגעפֿונען, אַז זייער מוזיקאַלישער טאַלאַנט איז אַן אויסערגעוויינלעכער, און איז אָנערקענט פֿון די גרעסטע מוזיקאַלישע אויטאָריטעטן. די עלטערע שוועסטער, עמאַ, איז געווען מער מוזיקאַליש רייף, ווי די אַנדערע שוועסטער. עמאַ איז געווען זעכצן יאָר אַלט, האָט געהאַט שיינע, אַ ביסל קורצזיכטיקע אויגן, שיינע באַוועגונגען, דיקע שוואַרצע האָר. געשטערט האָט איר די נאָז — אַ קאַפּעטשקע צו־לאַנג. אָבער ווען זי איז געזעסן בײַ דער פֿאָרטעפּיאַנע פֿלעגט איר גאַנץ פּנים אויפֿבליען פֿון אַן אינערלעכן ליכט. די ייִנגערע שוועסטער זשעניע (יעווגעניע), איז געווען קוים פֿערצן יאָר אַלט, און שוין איצט האָט איר פּנים געשטראַלט מיט אַ קלאַסישער שיינקייט. זי האָט אויך געשפּילט אויף דער פּיאַנאָ און מען האָט זי באַוואונדערט נישט ווייניקער ווי עמאַן. די גאָר־ייִנגסטע, לידיאַ, צוועלף יאָר אַלט, איז געווען ענלעך צו עמאַן. האָט פֿאַרגעטערט זשעניען, און זשעניע האָט זיך רואיק געלאָזט פֿאַרגעטערן פֿון איר. לידיאַ איז אויך געווען זייער מוזיקאַליש, אָבער דערווײַל ווייניקער ווי די שוועסטער. זי האָט געשפּילט פֿידל, אָבער

זי איז אַליין נישט געווען צופרידן מיט דעם אינסטרומענט און גע־חלומט צו שפּילן האַרף. אַלע דריי זענען געווען שילערינס פון דער פּעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע. די צוויי עלטערע שוועסטער האָבן זיך געלערנט בײַ פּראָפעסאָר מאַלאַזאָמאָוואַ, וועלכע איז מיט יאָרן פריִער געווען די בעסטע שילערין פון אַנטאָן רובינשטיין. פרוי מאַ־לאַזאָמאָווא — איצט שוין אַן עלטערע פרוי — האָט געקוקט אויף עמאַ און זשעניע שטעמבער ווי אויף אירע — און דאָס מיינט אויך רובינשטיינס — גײַסטיקע נאָכפאָלגערינס. „אַנטאָן רובינשטיינס מו־זיקאַלישע אייניקלעך" האָט מען אָפט גערופן מײַנע צוויי עלטערע קוזינעס.

נו, און די פערטע שוועסטער, די וואָס האָט שווײַגנד געקוקט אויף דעם ברענענדן לאָמפּ? איר נאָמען איז געווען מינאַ. זי איז געווען דאָס צווייטע קינד, צווישן עמאַ און זשעניע, — אויך מוזיקאַ־ליש באַגאַבט. אירע שוועסטער האָבן פאַרזיכערט, אַז זי איז מער באַגאַבט ווי זיי אַלע. ערשטוינלעך איז געווען איר מוזיקאַלישער זכרון. זי האָט געקאָנט פײַפן גאַנצע סימפאָניעס און קיינמאָל נישט מאַכן קיין טעות.

אָן אומגליק האָט איר געטראָפן. ווען זי איז געווען אַ דריי־יאָריק קינד, האָט די ניאַניע געלאָזט איר פאַלן. איר קאָפּ האָט זיך אָנגע־שלאָגן אָן אַ האַרטן באָדן און איר מוח איז פאַרקריפּלט געוואָרן. דאָס צאַרטע, רואיקע קינד האָט זיך פּלוצלינג פאַרוואַנדלט אין אַ מענטש־לעכער חיה, וואָס האָט זיך געוואָרפן אויף דער אייגענער מאַמען און זי געביסן. אַ פּאָר יאָר האָט מינאַ פאַרבראַכט אין אַן אַנשטאַלט און איז געקומען אַהיים אַ שטילע, אַ רואיקע, אָבער גײַסטיק אַ נישט־אַנטוויקלטע, מיט אַ פאַרשטאַנד פון אַ פינף־יאָריק קינד. אַזוי איז זי שוין פאַרבליבן אויף איר גאַנצן לעבן. זי האָט זייער שלעכט געזען, מיט מי געקאָנט דורכלייענען אַ פּאָר שורות. ווען זי האָט געניית אָדער געשטריקט, האָט זי געמוזט האַלטן די נאָדל לעבן די סאַמע אויגן. זי האָט געטאָן די הויז־אַרבעט, געהאָלפן דער מאַמען אויפפּאַסן אויף דער באַלעבאַטישקייט. זי האָט אָבער געהאַט אַ וואונ־דערבאַרן זכרון. אויף ציפערן איז איר זכרון פשוט געווען אומגלויב־לעך. זי האָט געוואוסט דעם געבורטסטאָג פון יעדן איינעם, געוואוסט

אין וואָס פֿאַר אַ טאָג דער געבורטסטאָג וועט אויספֿאַלן איבער אַ יאָר, איבער צען יאָר. אָבער ווי אַזוי זי האָט עס אויסגערעכנט בײַ זיך אין איר פֿאַרקריפּלטן קאָפּ, האָט זי נישט געקאָנט דערקלערן.

די שוועסטער האָבן זייער ליב געהאַט מינאַן, גענומען זי אויף קאָנצערטן און גערעכנט זיך מיט איר מיינונג.

אַלע מיטגלידער פֿון דער משפּחה זענען געווען אויסערגעוויינ־לעך פֿרײַנדלעך צווישן זיך. גערעדט האָט מען צווישן זיך — ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען — דײַטש. דאָס האָט מען געטאָן אויס רעספּעקט צו דער „באַבושקאַ״. נאָר זשעניע האָט גערעדט צו איר רוסיש און קיינמאָל נישט דײַטש.

דאָס אַלץ האָט יאַשאַ ערליך, מײַן האַלבער פֿעטער, מיר דער־ציילט, ווען מיר זענען געבליבן אַליין אין אונזער שלאָף־צימער.

צו מײַן גרויסער ערשטוינונג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער אַלײַן איז אויך אַ באַדײַטנדער מוזיקער. אַ חוץ וואָס ער איז געווען אַ סטודענט פֿון אוניווערסיטעט, איז ער גלײַכצײַטיק אויך געווען אַ שילער פֿון דער פּעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע, וואו ער האָט געלערנט קאָמפּאָזיציע בײַ דעם וועלט־באַרימטן מוזיקער רימסקי־קאָרסאַקאָוו. יאַשאַ איז געווען פֿאַררעכנט צווישן די בעסטע טעאָ־רעטיקער פֿון מוזיק, האָט גוט געשפּילט פּיאַנאָ און איז אויך געווען אַ מוזיק־לערער.

— אָבער איצט: שלאָפֿן, שלאָפֿן! מאָרגן וועלן מיר אַרומריידן וואָס צו טאָן מיט דיר, — האָט ער געזאָגט.

איך האָב אָבער נישט געקאָנט אײַנשלאָפֿן. איך האָב געטראַכט, אַז איך בין אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ מאָדנער וועלט, כמעט אַ צויבער־וועלט, וואָס איז אָנגעפּילט ביז די ברעגעס מיט מוזיק. דאָ, אין דער הויז, דינט מען דער קונסט, מען אַרבעט פֿאַר איר, מען לעבט פֿאַר איר. עס איז אַן ערנסטע און טיפֿע לעבנס־פֿראַגע. די יונגע דינען דער קונסט דירעקט, זיי גיבן אַוועק דער מוזיק אַלע זייערע כוחות; די עלטערע טוען עס אומדירעקט דורכדעם, וואָס זיי גיבן אָפּ זייער לעבן דעם יונגן דור.

דורך וועלכע וואונדער פֿון דער נאַטור האָט עס פּאַסירט, אַז דער גאָלדענער רעגן פֿון קונסט האָט זיך אַרונטערגעגאָסן פּונקט איבער

אַט דער הויז און אַזוי נאָענט צו מיר?! וואָס פֿאַר גליקלעכער צופֿאַל פֿאַרבינדט מיך מיט דער וואונדער־הויז!

עס בלײַבט נאָר איין זאַך: צו טאָן אַלצדינג, כדי צו פֿאַרבלײַבן אין פּעטערבורג, אַנהאַלטן זיך מיטביידע הענט, נישט אָפּלאָזן מײַן שיקזאַל.

אויף מאָרגן איז יאַשאַ געפֿאָרן מיט מיר קיין פּעטערבורג. אַזוי ווי די עקזאַמענס אין דער קונסט־אַקאַדעמיע און אין דער וואַלד־אַקאַדעמיע וועלן פֿאָרקומען נישט פֿריִער ווי אין סעפּטעמבער, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז איך זאָל דערווײַל פּרוּוון מײַן גליק מיט דעם טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט.

יאַשאַ האָט מיך צוגעבראַכט צום אינסטיטוט אויף זאַבאַלקאַנסקי פּראָספּעקט. דאָס איז געווען אַ טונקל־רויטע, ברייטע געביידע, אויס־געהאַלטן אין אַן אַלטן סאָלידן סטיל. ברייטע נידעריקע טרעפּ האָבן געפֿירט צום הויפּט־אַרײַנגאַנג. צוזאַמען מיט מיר זענען געקומען אַנדערע יונגעלײַט פֿון מײַן עלטער. צווישן זיי זענען געווען אויך ייִדישע יונגעלײַט, וואָס איז געווען לײַכט צו דערקענען נאָך זייערע פּנימער.

איך האָב זיך צורעדט מיט אַ פּאָר יונגעלײַט און זיי האָבן מיר דערציילט, אַז עס זענען שוין אָנגעגעבן געוואָרן איבער טויזנט „פּראָשעניעס" (ביטעס) צו האַלטן דעם אַרײַנטריט-עקזאַמען, און וואַקאַנסיעס זענען פֿאַראַן אומגעפֿער צוויי הונדערט. האָט עס אויס־געקוקט שלעכט פֿאַר די ייִדישע קאַנדידאַטן. עס איז דאָך געווען אַ ספּעציעלער „ייִדישער פּראָצענט": פֿון יעדע הונדערט קריסטן בלויז פֿינף ייִדן. דאָס מיינט, אַז דאָס יאָר וועלן קאָנען אַרײַנטרעטן אין אינסטיטוט נאָר צען ייִדישע סטודענטן. און עס זענען שוין אַרײַנגע־געבן געוואָרן אַכט הונדערט ייִדישע „פּראָשעניעס". דאָס איז דאָך שוין נישט קיין עקזאַמען; דאָס איז אַ פּשוטע לאָטעריע, אַ שפּיל מיטן צופֿאַל. צו וואָס־זשע אינגאַנצן עקזאַמענירן זיך? יאָ, אָבער אין אַנדערע אינסטיטוטן, אין מאָסקווע, אין קיעוו, אין טאָמסק, איז געווען כמעט דאָס זעלבע. און עס זענען נאָך געווען אַ ריי אינסטי־טוטן, אין וועלכע ייִדן האָבן אינגאַנצן נישט געקאָנט אַרײַנקומען, ווי צום בייִשפּיל, די מיליטערישע מעדיצינישע אַקאַדעמיע.

ענדלעך, נאָך אַ גוטער שעה וואַרטן, בין איך צוגעקומען צו דעם קאַנצעלאַריסט.

— וואו איז אײַער דערלויבעניש צו וואוינען אין פּעטערבורג ? — האָט ער אַרויסגערעדט.

— איך האָב נישט.

אָבער איר דאַרפט עס האָבן. ווענדט זיך צום גראַדאָנאַטשאַלניק (הויפּט פון דער שטאָט־פּאָליציי).

די קאַנצעלאַריע פון דעם גראַדאָנאַטשאַלניק איז געווען אויף גאָראָכאָוואַיאַ גאַס, לעבן דעם טײַך נעוואַ. צופאָרן אַהין האָט מען געקאָנט מיט דער „קאָנקע" (סטריט־קאַר, געשלעפּט פון פערד). עס האָט מיר גענומען אַ היבש ביסל צײַט, ביז איך בין אָנגעקומען צו דער גרדאָנאַטשאַלסטוואַ. דאָס איז געווען אַ שיינע געביידע, אין שיינעם קלאַסישן סטיל. לעבן אַרײַנגאַנג זענען אַרומגעגאַנגען פּאָליסלײַט און אַ סך פּריוואַט־אַגענטן אין ציווילע קליידער: שפּיאָנען און „אָכראַניקעס" (אַגענטן). מען האָט מיר אָנגעוויזן אַ באַשטימטע טיר און איך בין אַרײַנגעגאַנגען. איך האָב שוין געהאַט אָנגעשריבן אַ „פּראָשעניע", מען זאָל מיר דערלויבן וואוינען אין פּעטערבורג צוויי מאָנאַטן, ביז די עקזאַמען־צײַט וועט זײַן פאַראיבער. מיט דער דאָזיקער „פּראָשעניע" בין איך צוגעקומען צו אַ טשינאָווניק מיט אַ פּײַנעם אָקוראַט אָפּגעשאָרענעם בערדל און שפּיציקע אויגן.

— ווי קאָנען מיר וויסן, אַז איר זייט געקומען קיין פּעטערבורג טאָקע צוליב די עקזאַמענס, — האָט ער געזאָגט. — ברענגט מיר אַ באַשטעטיקונג פון דעם אינסטיטוט, אַז איר גייט האַלטן דעם עקזאַמען, באַקומט איר די וואוינרעכט.

— „נישט מער ווי גערעכט", האָב איך געטראַכט. „ווי קאָן ער דען וויסן, אַז אַ מענטש איז געקומען צוליב דעם עקזאַמען און נישט צו העלפן מאַכן אַ רעוואָלוציע ? פאַרוואָס האָב איך פריער נישט געטראַכט וועגן דעם ?"

און איך כאַפּ זיך ווידער אַרײַן אין דער „קאָנקע". איך זיץ אויבן אויפן דאַך פון וואַגאָן, אויף דעם „אימפּעריאַל", ווי מען רופט עס, איך ווייס נישט פאַרוואָס. אויבן קאָסט דרײַ קאָפּיקעס; אונטן, אינעווייניק — פינף. אָבער אויבן איז שענער און באַקוועמער. דו

זעסט די שטאָט, דו פֿילסט זיך כמעט ווי אַן אמתער פּעטערבורגער מענטש.

איך קום אָן אין טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט און האָב ווידער אַ געשפּרעך מיט דעם מאַן פֿון דער קאַנצעלאַריע. ער זאָגט מיר:

— וואָס הייסט, מיר זאָלן אײַך געבן אַ באַשטעטיקונג, אַז איר האָלט עקזאַמען? איר קאָנט דאָך נישט צוגעלאָזן ווערן צום עקזאַמען ביז וואַנען איר האָט נישט די דערלויבעניש צו וואוינען אין פּע טערבורג.

— אָבער ווי נאָר איר גיט מיר אַ באַשטעטיקונג, באַקום איך די דערלויבעניש.

— און ווי נאָר איר באַקומט די דערלויבעניש, גיב איך אײַך די באַשטעטיקונג.

„נישט מער ווי גערעכט", טראַכט איך. „דער מאַן קאָן מיר נישט געבן אַ באַשטעטיקונג צוליב דער פּאָליציי. פֿאַרוואָס האָב איך פֿריִער נישט געטראַכט וועגן דעם?"

ווידער זיץ איך אויפֿן „אימפּעריאַל" און ווידער באַקוק איך די שטאָט. איצט איז זי מיר שוין גאָר גוט באַקאַנט, אַ ביסל אַפֿילו צוגעגעסן, וואָלט איך געזאָגט. איך שלינג אַרײַן דעם גערוך פֿון ברענענדן אַספֿאַלט און פֿיל זיך נאָך מער פּעטערבורגיש, ווי פֿריִער... איך בין נישט זיכער, אַז דער טשינאָווניק מיט די שפּיציקע אויגע-לעך וועט פֿאַרשטיין דעם טשינאָווניק פֿון דעם טעכנאָלאָגישן אינ־סטיטוט.

איך האָב געטראָפֿן: ער פֿאַרשטייט טאַקע נישט. ער האָלט זיך בײַ זײַנס:

— ווי קאָן איך וויסן, אַז איר ווילט טאַקע האַלטן דעם עקזאַמען? גיט מיר אַ באַשטעטיקונג!

אָבער איך האָלט זיך פֿעסט בײַ דעם, אַזוי צו זאָגן, טעכנאָלאָגישן שטאַנדפּונקט. איך לאָז נישט אָפּ. איינער פֿון זיי איז נישט גערעכט. און פֿאָרן היין און צוריק אין דער קאָנקע איבער די גאַסן איז אויך נישט קיין פּלאַן. איך בין הונגעריק, איך וויל עסן. מיט איין וואָרט, הער טשינאָווניק, לאָזט מיך וואוינען אין פּעטערבורג צוויי חדשים.

צו מײַן גרויסער ערשטוינונג שרײַבט ער עפּעס אַרויף אויף מײַן „פּראַשעניע". איך פּיל זיך, כאָטש הונגעריק, אָבער דאָך גליקלעך.

און ווידעראַמאָל פֿאָר איך אין אינסטיטוט.

דער מאַן אין קאַנצעלאַריע נעמט אַלע מײַנע דאָקומענטן, קוקט זיי נאָכאַמאָל איבער און הייסט מיר אַרײַנגיין אין צווייטן צימער, צום דירעקטאָר פֿון אינסטיטוט.

דער דירעקטאָר איז אַ באַוואוסטער אינזשינער. ער האָט אַ פּנים וואָס דריקט זייער ווייניק אויס, חוץ טיפֿע גלײַכגילטיקייט. ער קוקט איבער מײַנע דאָקומענטן און רעדט אַרויס:

— ווי קומט עס, אַז איר זײַט אַ דײַטשער אונטערטאַן?

איך עפֿן מײַן מויל צו ענטפֿערן. ער שלאָגט מיך איבער:

— איך ווייס נישט, צו וואָס. אייגנטלעך, איר ווילט האַלטן עק־זאַמען. מיר נעמען אַרײַן אין אינסטיטוט אַ זייער געקליבענע צאָל ייִדן. און עס איז נישט מער ווי רעכט, אַז מיר זאָלן אויסקלײַבן רו־סישע ייִדן און נישט פֿרעמדע. ווען איר זאָלט אַפֿילו באַקומען אַ „פֿינף" פֿאַר אַלע קורסן, וועלן מיר אײַך אויך נישט אַרײַננעמען. סײַדן איר וועט אַרויסווײַזן גאָר אויסערגעוויינלעכע פֿעיקייטן.

ער האָט געהאַלטן מײַנע דאָקומענטן גרייט צוריקצוגעבן זיי מיר.

— איך וויל פֿאָרט האַלטן דעם עקזאַמען—האָב איך געענטפֿערט.

— ווי איר ווילט, — האָט דער דירעקטאָר אַרויסגערעדט גלײַכגילטיק. — איך האָב אײַך אָבער געוואָרנט.

אויף דער דאַטשע האָט מען שוין געוואַרט אויף מיר. אַ נײַע פּערזאָן איז געקומען אין מײַן אָנוועזנהייט: דער הויפּט פֿון דער משפּחה, דער פֿאָטער פֿון די פֿיר קוזינעס מײַנע, לוי שטעמבער. ער האָט אויסגעזען אַ סך ייִנגער פֿון זײַנע יאָרן, געווען דאַר, געהאַט שוואַרצע האָר און אַ שאַרפֿן בליק. עפּעס מיסטרויאישעס איז געווען אין דעם דאָזיקן בליק זײַנעם, אַמאָל אַפֿילו נישט־פֿרײַנדלעכן. נאָר אַזוי האָט ער נאָר אויסגעוויזן. אין דער אמתן איז מײַן פֿעטער לוי שטעמבער געווען אַ גוטהאַרציקער, אַ זייער ליבער, זייער אָנשטענ־דיקער מאַן, וואָס האָט שווײַגנד און באַשיידן געאַרבעט פֿאַר זײַן צאָלרייכער פֿאַמיליע. קיין גרויסע בילדונג האָט ער נישט באַקומען, גערעדט גאַנץ שלעכט רוסיש, — ווײַל אויך ער האָט געשטאַמט פֿון

ריגע, — איז אים נישט געווען לײַכט זיך דורכצושלאָגן און שאַפֿן די נייטיקע מיטלען צום לעבן. אין מוזיק האָט ער גאָרנישט פֿאַרשטאַנען און ער האָט אויך נישט פֿאַרשטאַנען וואָס פֿאַר אַן אוצר זײַנע הויך־באַגאַבטע קינדער זענען. פֿון אָנפֿאַנג, מיט אַ פּאָר יאָר פֿריִער, — אַזוי האָט מען מיר דערציילט, — איז ער געווען שאַרף קעגן דעם, אַז די טעכטער זאָלן אינגאַנצן לערנען מוזיק.

מען האָט מיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַר אים. ער האָט געוואָרפֿן אַ מיסטרויִאישן בליק אויף מיר, אויף מײַן „קרילאַטקע" און אַרויסגערעדט:

— ווילסט זײַן אַ סטודענט? ביסט הונגעריק? פֿאַניאַ גיב אים עסן.

און מער האָט ער נישט גערעדט צו מיר דעם גאַנצן אָוונט.

— יאָזעפֿכן, — האָט נאָכן עסן געזאָגט צו מיר די קליינע „באַבושקאָ", — דו ביסט אים געפֿעלן. ווײַל אויב נישט, וואָלט ער דיך נישט אײַנגעלאַדן צום עסן.

קאַפּיטל צוויי.

עס איז אַ שיינער, רואיקער האַרבסט־מאָרגן. עס איז נישט קאַלט, מען קאָן אַרומגיין אָן אַ מאַנטל, און אַזוי טאַקע טוען עס הײַנט טויזנטער יונגעלײַט, וואָס גייען, פֿאָרן און לויפֿן אין די אוניווערזיטעטן און אינסטיטוטן צו האַלטן דעם אײַנטריט־עקזאַמען. איך בין איינער פֿון דער יונגער אַרמיי, וואָס רײַסט זיך מיט אַזאַ אומגעדולד צו וויסנשאַפֿט, צו קולטור. די „קאַנקע״ וואָס גייט צו דעם טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט איז איבערגעפּאַקט מיט יונגעלײַט. איין וואַגאָן נאָכן צווייטן ברענגען צו נייע באַטאַליאָנען, נייע מחנות פֿון קאַנדידאַטן. בלאָנדע, שוואַרצע, רויטע; הויכע, נידעריקע, דאַרע, דיקע; בעלאָרוסן (ווײַס־רוסן), מאַלאָרוסן (אוקראַאינער), אַרמעניער, קאַראַימען, גרוזינען, קאַלמיקן; פֿון טײַך וואָלגאָ און פֿון טײַך ניעמאָן, פֿון קאַווקאַז, סיביר, טורקעסטאַן און אַרכאַנגעלסק; יידן און קריסטן; גאַנץ יונגע בחורים און מענער מיט בערד און פּליכעס, — אַלע זענען זיי דאָ. מוטער־רוסלאַנד האָט זיי צוגעשיקט פֿון אַלע עקן פֿון איר לאַנד. זיי וועלן הײַנט ציִען דעם לאָטעריי־צעטל. אַ קליינע צאָל פֿון די אויסגעקליבענע וועט געווינען. ווער? איך! — האָפֿט יעדער איינער. — זיכער איך; אויב נישט, בין איך אַ פֿאַרפֿאַלענער!

הײַנט איז דער שווערסטער און וויכטיקסטער עקזאַמען: געאָמעטריע. דער גרויסער אוידיטאָריום, וואו דער עקזאַמען קומט פֿאָר, איז איבערגעפּאַקט מיט מענטשן. קיין פּלאַץ איז נישט פֿרײַ. אָבער עס מאַכט נישט אויס, מען דאַרף נאָר אַ ביסל צוּוואַרטן און אַ פּלאַץ וועט זיך שוין געפֿינען. אַן עלעגאַנטער פּראָפֿעסאָר, אָנגעטאָן אין אַ טייערער און שיינער אוניפֿאָרם, איז דער עקזאַמינאַטאָר, דער „תּליון״. ער איז נאָך יונג. זײַנע האָר זענען אַקוראַט אָפּגעשאָרן,

פּאַרקעמט. זײַנע שיך זענען אויפּפּאַלנד עלעגאַנט, מיט לאַקירטע שפּיצן — אַט גייט ער באַלד טאַנצן אַ פּאָלקאַ־מאַזורקאַ. זײַן נאָמען איז סאַמוס. פֿאַר מיר איז ער דער גרויזאַמער, קאַלטבלוטיקער פּראָפֿעסאָר סאַמוס, דער „מערדער", וואָס „שנײַדט", וואָס „קוילעט" אַוועק דעם אַפּליקאַנט אין ווייניקער פֿון אַ מינוט צײַט. מען קען אים גוט, זײַן „מערדערישער" נאָמען קלינגט איבער גאַנץ רוס־לאַנד צווישן די צוקונפֿטיקע אינזשינערן און טעכנאָלאָגן. מען ציטערט פֿאַר אים. ער שטייט אַזוי לעבן דעם שוואַרצן טאָוול, רופֿט אויס איין נאָמען נאָך אַ צווייטן, און קענטיק, אַז ער פֿילט זיך גאַנץ גוט אין זײַן אַרבעט. זײַן שטימע קלינגט הויך, ערנסט, ניט צו־קאַלט, ניט צו־פֿרײַנדלעך. ער בייזערט זיך ניט. ער זעט ניט אויס צו זײַן אַ תּליון; ער איז אַ ריכטער, ער וועגט אָפּ די וויסנ־שאַפֿט, ער וויל האָבן די נייטיקע מאָס. סאַמוס שטעלט דעם אַפּלי־קאַנט בלויז דרײַ פֿראַגן. אויב ער ענטפֿערט אויף אַלע דרײַ, קריגט ער אַ „פֿינף" (אויסגעצייכנט); אויב אָבער ער ענטפֿערט נאָר אויף איין פֿראַגע ניט ריכטיק, איז אויס „פֿינף" און וואַרשײַנלעך אויס ווערן אַ סטודענט. די פֿראַגן זענען ניט גרינגע. זיי זענען ספּעציעל אויסגעטראַכט, אויסגעאַרבעט געוואָרן פֿון דעם עלעגאַנטן פּראָ־פֿעסאָר. אַמאָל איז עס אַ וואָרטשפּיל: מען קאָן די פֿראַגע פֿאַרשטיין אַזוי און מען קאָן זי אויך פֿאַרשטיין אַנדערש, און — מען פֿאַלט אַרײַן. אָפּטמאָל איז עס גאָרניט קיין וויכטיקע פּראָבלעם, וואָס די לערער פֿון דער רעאַל־שולע האָבן איגנאָרירט. סאַמוס ווייסט עס און גראָד אַזאַ פּראָבלעם וויל ער וויסן, און שוין, באַלד אויפֿן אָרט. ער האָט קיין צײַט ניט. אײַלט זיך צו יונגערמאַן ווײַל יעדע קליינע פֿאַרשפּעטיקונג איז אַ „מינוס" פֿאַר אײַך.

איך קוק זיך אַרום: ערנסטע, דערשראָקענע פּנימער, ווײַט אויפֿ־געריסענע אויגן, האַלב־געעפֿנטע מײַלער, טראָפּנס שווייס אויף יעדן שטערן; קיינער שמייכלט ניט, מען הערט זיך אויפֿמערקזאַם צו.

איך דערהער מײַן נאָמען און פֿאַרנעם דעם פּלאַץ לעבן דעם שוואַרצן טאָוול. סאַמוס קוקט אויף מיר, אָבער ער זעט מיך ניט. ער האָט מיך שוין פֿאַרגעסן, איידער ער האָט מיר פֿאַרגעשלאָגן צו ענטפֿערן אויף אַ געאָמעטרישע פּראָבלעם. קיין וואָרטשפּיל איז

עס אויך ניט. נאָר איך דערמאָן זיך גאַנץ קלאָר, אַז אונדזער לערער סווידערסקי האָט זיך וויניק אָפּגעשטעלט אויף דער דאָזיקער פּראָ־בלעם, ווײַל עס איז ניט געווען באַזונדערס נייטיק. אָבער אין דעם איצטיקן מאָמענט איז דאָס געווען אויסערגעוויינלעך וויכטיק. איך האָב דערפילט, אַז איך גיי אונטער, איך ווער דערטרונקען, און קיינער, קיינער אין דער וועלט קאָן מיך ניט ראַטעווען. דער גע־דאַנק, אַז סאַמוס האָט מיך געכאַפּט, האָט מיך געמאַכט הילפלאָז. כ'האָב פאַרלאָרן די קראַפט צו טראַכטן, צו העלפן זיך. כ'האָב אויפגעגעבן דעם קאַמף, איידער ער האָט זיך אָנגעהויבן.

— געננוג! — האָט אַרויסגערעדט סאַמוס און האָט עפּעס אַריינ־געשריבן אין זײַן זשורנאַל.

איך זיץ אין הויף פון דעם אינסטיטוט — צעבראָכן, ערנידע־ריקט, צעטראָטן — אַזוי ווי איך בין דאָס נאָך קיינמאָל אין מײַן לעבן ניט געווען. די האַרבסט־זון שײַנט מיט צערטלעכער מילדקייט. דער הימל איז אַזוי באַרואיגענד בלוי, אַז דאָס האַרץ גייט מיר אויס פון רחמנות צו זיך אַליין... אַ פויגעלע שפּרינגט אַרום לעבן מיר און פּישטשעט. ווען איך וועל שטאַרבן, וועט זי פּונקט אַזוי פּישטשען און זאָרגלאָז שפּרינגען. הינטער מײַנע געדאַנקען פאַרמירט זיך דער ווילן צו באַגיין זעלבסטמאָרד. מײַן קאָפּ נעמט אַרײַן בײדע געדאַנ־קען גלײַכצײַטיק: איך מוז עפּעס איבערכאַפּן, ווײַל איך בין הונ־געריק, און איך מוז באַגיין זעלבסטמאָרד, ווײַל איך בין אַן איבע־ריקער אויף דער וועלט. כאַטש אַ גלאָז טיי און ברויט מיט פּוטער, אָדער מיט וואורשט, צי מיט קעז... די מאַמע וועט וויינען... איך בין שוין גרייט צו וויינען מיט איר איבער דעם גוטן זון, וואָס זי האָט פאַרלאָרן.

שוין צום פערטן מאָל קום איך האַלטן דעם עקזאַמען, — האָב איך דערהערט אַ שטימע לעבן זיך, — און ווידער דורכגעפאַלן. און אַלץ צוליב דעם סאַמוס.

דאָס האָט גערעדט אַ יונגערמאַן, אַן עכטער מאַלאַרוס מיט לאַנגע בלאָנדע האָר און אַ קליין בערדל אַרום דעם פרײַנדלעכן, ניט צו־קלוגן פּנים.

— איך בין אויך דורכגעפאַלן, — האָב איך זיך אָפּגערופן, — אָבער דאָס איז צום ערשטן מאָל.

— נו, זײַט איר דאָך נאָר אַן אָנפאַנגער; אָבער איך דאַרף שוין חתונה האָבן. מײַן כּלה וואַרט אויף מיר אין פּאָלטאַווע. ווי נאָר איך קום אַרײַן אין אינסטיטוט, קומט זי צו פאָרן קיין פּעטערבורג. אָבער ווי קומט מען אַרײַן, אַז דער פאַרשאָלטענער סאַמוס לאָזט ניט?

— וואָס־זשע טראַכט איר צו טאָן?

— אין אַ מאָנאַט אַרום וועלן פאָרקומען די עקזאַמענס אין לעס־נאָי אינסטיטוט (וואַלד־אינסטיטוט); אפשר וועל איך דאָרט האָבן מער מזל. נאָר ניט פאַרלירן דעם קאָפּ, דאָס איז די הויפּט־זאַך. מײַן נאָמען איז בעלאָגאָראָדקאָ. עס פרייט מיך אײַך צו קענען.

דער קורצער געשפּרעך האָט מיך באַרואיקט. אייגנטלעך, וואָס האָב איך פאַרלאָרן? גאָרנישט. איך האָב נאָך צוויי שאַנסן: פּרוּוון אָפּגעבן עקזאַמען אין דער קונסט־אַקאַדעמיע און אין וואַלד־אינס־טיטוט. עס איז נאָך צו־פרי צו באַגיין זעלבסטמאָרד, אָבער גאָרניט צו פרי צו כאַפּן אַן אָנבײַסן...

אײַליג האָב איך פאַרלאָזן דעם אינסטיטוט, כּדי מער ניט צוריק־קערן זיך צו אים.

דער עקזאַמען אין דער קונסט־אַקאַדעמיע האָט געדאַרפט פאָר־קומען מיט דרײַ וואָכן שפּעטער. האָב איך, הייסט עס, אַ ביסל צײַט זיך צוצוגרייטן צו אים.

— דו דאַרפסט גיין צו גאָלדבלאַטן, — האָט יאַשאַ, מײַן אָנקל, געזאָגט צו מיר. — ער איז אַ גוטער לערער.

— גאָלדבלאַט?

— יאַקאָוו סעמיאָנאָוויטש גאָלדבלאַט האָט געענדיקט די קונסט־אַקאַדעמיע מיט אַן אויסצייכענונג. ער האָט אַ קלאַס, וואו עס לער־נען זיך יונגע מאָלער, וואָס ווילן האַלטן דעם עקזאַמען. איך וועל אויסגעפינען זײַן אַדרעס.

אויף מאָרגן בין איך אַוועקגעגאַנגען צו גאָלדבלאַטן. ער האָט געוואוינט אויף יעקאַטערינינסקי קאַנאַל, ניט ווײַט פון דער מאַרי־אינסקער אָפּערע. איך האָב דערזען פאַר זיך אַ באַשיידענעם מענטשן פון מיטעלן וואוקס. ער האָט געהאַט קליינע, אָבער שאַרף קוקנדיקע

אויגן, אַ קליין טונקל־ברוין בערדל און קליינע שיטערע וואָנצעס. זײַנע האָר זענען געווען אַ ביסל טונקעלער ווי דאָס בערדל. די אונ־טערשטע ליפּ איז געווען אַ קאַפּעטשקע אַרונטערגעצויגן. ניט אַזוי האָב איך זיך פֿאָרגעשטעלט אַן אמתן, אַ דיפּלאָמירטן מאָלער! גע־רעדט האָט ער מיט אַ קליינעם שפּראַך־פֿעלער, האָט אַרויסגערעדט דעם בוכשטאַב „ש" ניט קלאָר גענוג. ער האָט מיך אָנגענומען צווישן זײַנע שילער.

עס איז באמת געווען אַ קינסטלערישע פֿרייד צו זיצן אין אָוונט אין דעם גרויסן אַרבעטס־צימער אין גאָלדבלאַטס הויז און צייכענען. צוזאַמען מיט מיר זענען געווען פֿאַרזאַמלט אַ טוץ שילער, יידישע און קריסטלעכע, אייניקע ייִנגער, אַנדערע שוין אַ ביסל עלטער. אויף אַ ספּעציעלן פּעדעסטאַל שטייט די גרויסע שיינע גיפּס־ סטאַטוע פֿון דעם גריכישן גאָט אַפּאָלאָן און מיר צייכענען אים אָפּ. קיינער רעדט ניט, יעדער איינער איז פֿאַרטיפֿט אין זײַן אַרבעט. גאָלד־בלאַט, איצט אָנגעטאָן אין אַ ווײַסן קאַמזויל, גייט אַרום פֿון איין שילער צו אַ צווייטן און רעדט צו יעדן שטילערהייט — ניט ווי אַ לערער, נאָר מער ווי אַ טאַטע. ער פּרוווט צו זײַן אומפּאַרטייאיש צו יעדן איינעם, אָבער זײַן קינסטלעריש האַרץ מאַכט פּאַרט אַן אונ־טערשייד צווישן די שילער. זײַן ליבלינג איז געווען אַ יידישער יונגערמאַן פֿון אַדעס מיטן נאָמען נאָטקין. דער בחור האָט געהאַט ווילדע קוטשעראַווע האָר, אַ קליין דראָטענע בערדל און נאַרישע טאַלאַנטפֿולע אויסגעגלאָצטע אויגן.

— איר דאַרפֿט פֿלײַסיקער שטודירן די „הענטעלעך" און די „פֿיסלעך", — פֿלעגט גאָלדבלאַט זאָגן צו מיר. — אַ נו, גיט מיר אײַער בלײַשטיפֿט.

(באַמערקונג: יאַקאָב (יאַנקעלע) גאָלדבלאַט איז געבוירן גע־וואָרן אין ווילנע און האָט דאָרט פֿאַרבראַכט זײַנע קינדער־יאָרן צוזאַמען מיט אַברהם קאַהאַן, רעדאַקטאָר פֿון „פֿאָרווערטס". זיי זענען געווען נאָענטע חברים. אב קאַהאַן שרײַבט וועגן דעם אין זײַן בוך „בלעטער פֿון מײַן לעבן". דער צופֿאַל האָט געוואָלט, אַז גראָד גאָלדבלאַט זאָל ווערן מײַן לערער פֿון צייכענען).

די קונסט־אַקאַדעמיע געפינט זיך אויף דעם אַנדערן ברעג פון טײַך נעוואַ, אויף „וואַסיליעווסקי אָסטראָוו״ (וואַסילי־אינזל). שוין פון ווײַטן זעט מען דעם קלאַסישן קופּאָל איבער דער געביידע. צוויי שטיינערנע לייבן ליגן ניט ווײַט פון אַרײַנגאַנג און קוקן אויף די אַרײַנגייענדע מיט זייער בלינדן, שטיינערנעם בליק.

אין דער קונסט־אַקאַדעמיע זענען קיין באַגרענעצונגען פאַר יידן ניט געווען. די צאָל אַפּליקאַנטן איז, נאַטירלעך, געווען אַ סך אַ קלענערע, ווי אין אַנדערע אינסטיטוטן און אויך גאָר אַנדערש זענען געווען די באַציאונגען פון די פּראָפעסאָרן.

דער הויפּט־עקזאַמען אין צייכענען האָט געדויערט צוואַנציק שעה: צען טעג צו צוויי שעה אַ טאָג, שפּעט נאָכמיטאָג. איך זע זיך זיצנדיק אין אַ גרויסן, רונדן, שיין־געבויטן צימער. די פֿענצטער גייען אַרויס אין דעם אַקאַדעמיע־גאָרטן. גרויסע עלעקטרישע לאָמפּן הענגען אַרונטער פון דער סטעליע און מאַכן דעם צימער אַזוי העל ווי בײַטאָג. איך האַלט אויף מײַנע קני אַ גרויסן הילצערנעם ברעט און קוק אויפמערקזאַם אויף דעם מאָדעל. דאָס מאָל איז עס די סטאַטוע „אַפּאָקסיאָמען״. עס שטעלט פאָר אַ נאַקעטן גריכישן בחור, וועלכער נעמט אַרויס אַ שפּליטער, וואָס איז אים אַרײַן אין פוס.

ניט ווײַט פון מיר זיצט נאַטקין. זײַנע נאַזוור־אויסגעגלאָצטע אויגן זענען איצט גאָרניט נאַזוו; זיי זענען פֿול מיט חכמה. פֿון צײַט צו צײַט וואַרפט ער אַ בליק אויף מײַן צייכענונג. אָבער ער זאָגט גאָרניט. אָבער מיר דאַכט זיך פאָרט, אַז אים געפעלט ניט מײַן אַרבעט. מיר אַליין געפעלט זי ניט. איך פאַנג אָן צו צווייפלען אין דעם, אַז איך בין טאַקע געבוירן אַ צייכנער, אַ מאָלער, אַן אַרכיטעקט.

אין אַ פּאָר טעג האָב איך זיך דערוווּסט, אַז איך בין ניט אַרײַנגענומען געוואָרן אין דער קונסט־אַקאַדעמיע. און כאָטש אינערלעך בין איך שוין געווען גרייט צו דער דאָזיקער נײַעס, האָט עס מיר פאָרט פאַרשאַפט שמערצן. נאָך ענגער איז געוואָרן מײַן וועג. ווי אַ פאַרצווייפלטער שפּילער שטעל איך איצט אַלצדינג אויף איין קאָרט, און די קאָרט הייסט: וואַלד־אינסטיטוט. אויב די קאָרט ווערט געשלאָגן, אויב איך פאַרליר, ווי איך האָב שוין פאַרלאָרן צוויי

מאָל, — דעמאָלט... אָבער איך האָב מורא געהאַט אַפילו צו טראַכטן וועגן דעם, וואָס וועט זײַן דעמאָלט. עס טאָר ניט זײַן קיין דעמאָלט! עס וועט ניט זײַן! און זאָל מײַן יידישער ביאַליסטאָקער גאָט מיר בײַשטיין.

איך בין אַוועק אין וואַלד־אינסטיטוט איבערצוגעבן דעם די־רעקטאָר מײַנע דאָקומענטן און צו באַקומען די דערלויבעניש צו האַלטן דעם עקזאַמען.

דער אינסטיטוט איז געווען הינטער דער שטאָט. צוערשט פאָרט מען מיט איין „קאָנקע", דערנאָך מיט אַ צווייטער איבער דעם גרויסן נעוואַ־בריק. דאָ, אויף דער „וויבאָרגסקאַיאַ סטאָראָנאַ", געפינט זיך די באַוואוסטע מיליטעריש־מעדיצינישע אַקאַדעמיע, וואָס גרייט צו דאָקטוירים פאַר דער אַרמיי. ווײַטער, איבער דעם ברייטן סאַמפּסאָ־ניעווסקי פּראָספּעקט, לויפט די „פּאַראָוואַיאַ קאָנקאַ" (פערד־קאַר אויף דאַמף), ווי די סטודענטן האָבן דאָס גערופן.

איך בין אָנגעקומען אין „ליעסנאָיע" און דערזען פונוויטן די געביידע, וועגן וועלכער איך האָב געטראַכט נאָך פון דער צײַט, ווען מײַן לערער יערוסאַלימסקי מיט זײַן פרײַנד באַידאַטש זענען אָנגעקומען אין ביאַליסטאָק, בײַדע געוועזענע סטודענטן פון דעם וואַלד־אינסטיטוט. און אָט איז דאָס הויז! איינפאַך, אָבער סאָליד געבויט, דרײַ עטאַזשן הויך, אָפּגעפאַרבט אין ווײַס. מײַן האַרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווען איך האָב עס דערזען. הייסט עס, דאָס הויז עקזיסטירט טאַקע, עס איז ניט קיין מעשה, וואָס איך האָב זיך אויסגעטראַכט. עס לעבט, עס האָט געוואַרט אויף מיר די גאַנצע צײַט זינט יערוסאַלימסקיס טעג. קאָן עס דען זײַן, אַז עס האָט געוואַרט אויף מיר אומזיסט?

איך גיי אַרײַן צום דירעקטאָר פון אינסטיטוט, פּראָפעסאָר קערן. עפּעס ניט־רוסישעס איז פאַראַן אין זײַן אויסזען. ער איז אין די פערציקער, האָט קורץ־געשאָרענע האָר, אַ געשאָרן בערדל, טונקעלע אויגן און אַן ערנסטן בליק. דער פאַראַדנער מונדיר פון אַ „געלערנטן וואַלד־מייסטער" זיצט אויף אים אַן עלעגאַנץ.

— איך זע, אַז איר זײַט אַ דײַטשער אונטערטאַן, — זאָגט ער צו מיר.

און איך טראַכט בײַ זיך: אַהאַ! ווידער די זעלבע צרה! צו וואָס פֿאַר אַ שוואַרץ יאָר האָב איך געדאַרפֿט מײַן דײַטשקייט? און וואָס, אייגנטלעך, פֿאַר אַ דײַטש בין איך דאָס — איך, דער ביאַליסטאָקער בחור? וואָס שלעפּט עס זיך מיר נאָך ווי אַ קללה?

— אין אונדזער אינסטיטוט־אוסטאַוו (קאָנסטיטוציע) — רעדט קערן ווײַטער — איז ניט דערמאָנט, אַז אויסלענדער טאָרן זיך ניט לערנען בײַ אונדז. הייסט עס, קאָן דאָס אײַך ניט שטיין אין וועג. האָלט נאָר גוט אויס דעם עקזאַמען. איך ווינטש אײַך גליק.

ער גיט מיר די האַנט און שמייכלט. איך פֿיל, אַז ער מיינט עס טאַקע, און אויף אַ מאָמענט בין איך אַ ביסל צוטומלט: פֿאַרוואָס קומט עס מיר? דאָ דערמאָן איך זיך, אַז דער דירעקטאָר עדוואַרד עדוואַרדאָוויטש קערן איז דאָך אַ דײַטש, וועלכער האָט פֿאַרבלאָנדזשעט צווישן די רוסן. קענטיק, אַז ער האָט זיך דערפֿרייט, טרעפֿנדיק אַן אַנדער דײַטש, מיך, הייסט עס. מײַן „דײַטשקייט״ איז מיר צונוץ געקומען.

און אָט קומט דער טאָג פֿון עקזאַמען. עטלעכע הונדערט יונגע־לײַט פֿילן אָן דעם אינסטיטוט, ווינציקער איידער אין טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט, אָבער אַכט מאָל אַזוי פֿיל וויפֿל עס זענען פֿאַראַן וואַקאַנציעס. צווישן די יונגע לײַט זענען אַ סך יידן. דער „יידישער פּראָצענט״ איז דאָ נאָך קלענער: דרײַ פּראָצענט אַנשטאָט פֿינף. קריסטלעכע וואַקאַנסיעס זענען דאָס יאָר פֿאַראַן הונדערט און צוואַנציק. דאָס מיינט, אַז מער ווי זעקס יידן וועלן ניט אַרײַנגענומען ווערן, און עס עקזאַמינירן זיך מער ווי צוויי הונדערט. חוץ דעם, וואָס קאָן שוין דערוואַרטן אַ ייד, אויב עס געלינגט אים אַפֿילו אַרײַנצוקומען אין אינסטיטוט? קיין שטעלע וועט ער קיינמאָל ניט קריגן. אַזוי איז שוין דאָס געזעץ. יעדער יידישער יונגערמאַן האָט דאָס געוואוסט און איז פֿאַרט געלאָפֿן אַהער, פֿאַרט געשטופּט זיך און געהאַלטן פֿאַר דאָס גרעסטע גליק אַרײַנגענומען צו ווערן, ווײַל אַלע אַנדערע זענען געווען פֿאַרשפּאַרט.

הײַנט איז דער עקזאַמען פֿון רוסיש. צו וואָס, אייגנטלעך, דאַרף אַ צוקונפֿטיקער וואַלד־מײַסטער קענען אָנשרײַבן אַ סאָציאַל־פּסי־כאָלאָגישן אַרטיקל און דערצו נאָך אין אַ שיינער שפּראַך, ווייס איך

ניט; אָבער איך בין צופרידן, ווײַל דאָ האָב איך אַ גוטע מעגלעכ־
קייט זיך אפשר אויסצוצייכענען.

אין אודיטאָריום קומט אַרײַן אַ רוסישער גלח. איך ווייס אַז
זײַן נאָמען איז אַלבאָוו. ער איז דער ברודער פֿון דעם באַקאַנטן
שרײַבער אַלבאָוו, וועמען די קריטיק האָט גערופֿן „אָפּשטאַמער
פֿון דאָסטאָיעווסקי". דער גלח האָט אַ סימפּאַטישן פּנים, האַלט
זיך פֿרײַנדלעך. ער איז אָנגעשטעלט בײַם אינסטיטוט, — כאָטש
צו וואָס דאַרף אַ וואַלד־אינסטיטוט האָבן אַ גלח? אָבער הײַנט דאַרף
מען אים יאָ האָבן. ער איז דער, וואָס גיט אָכטונג אויף די „סאָטשי־
בעניעס" און גיט זײַן אורטייל וועגן זיי. נאָך אַ קורצער רעדע,
אין וועלכער ער ווינשט אונדז אַלעמען דערפֿאָלג, אַנאָנסירט ער
די טעמע, אויף וועלכער מיר דאַרפֿן שרײַבן: „די גרונד־שטריכן
פֿון רוסישן פֿאָלקס־כאַראַקטער".

די טעמע געפֿעלט מיר. פֿאַרוואָס טאַקע ניט פֿאַרטראַכטן זיך
וועגן די גרונד־שטריכן פֿון רוסישן כאַראַקטער? ווער זענען זיי דאָס,
די רוסישע מאַסן? זענען זיי גוט, שלעכט? זענען זיי דאָס די, וואָס
גיבן די יידישע יונגעלײַט קיין רעכט ניט צו וואוינען אין פּעטערבורג,
צו שטודירן אין די אוניווערסיטעטן? איז דאָס טאַקע בײַ זיי אין
בלוט, אין גרונט פֿון זייער נשמה — בייזקייט, פֿאַרפֿאָלגונג, שפּאָט
און אַ פֿאַרלאַנג צו פּײַניקן? אָדער שולדיק אין דעם איז ניט דאָס
פֿאָלק אַליין, נאָר דער רעגירנדער קלאַס, וואָס רעפּרעזענטירט
כלומרשט די ברייטע רוסישע מאַסן?

פֿאַרשטייט זיך, אַז שרײַבן וועגן דעם אַלעם מיט דער „קאַזיאָ־
נער" פּען אויף דעם גלאַטן בויגן פּאַפּיר טאָר מען ניט. דאָס וועט
דער גלח אַלבאָוו ניט דורכלאָזן. אָבער רעדן וועגן די גוטע אייגנ־
שאַפֿטן פֿון רוסישן פֿאָלק, פֿון דעם פּראָסטן, אומגעבילדעטן פּויער,
פֿון דעם באַשיידענעם בעל־מלאָכה, פֿון דער רוסישער פֿרוי, פֿון
די צאָלרײַכע מאַרטירער, וואָס האָבן געזוכט און געשטאָרבן פֿאַרן
אמת (וואָס פֿאַר אַן אמת — דאָס טאָר מען ניט דערמאָנען); יאָ, וועגן
דעם מעג מען דאָך אָנשרײַבן מיט אַ פֿול האַרץ און מיט דער ריכטי־
קער פּונקטואַציע... און די פּונקטואַציע איז אפשר נאָך וויכטי־
קער דאָ, איידער דאָס האַרץ.

אויף מאָרגן איז דער צווייטער עקזאַמען; איבערמאָרגן — דער דריטער; דערנאָך — דער פערטער. די פּראָפעסאָרן אין גרינע מונדירן פרעגן מיך אויס אין געאָמעטריע, טריגאָנאָמעטריע, אַל־געברע. עס גייט גוט. איך ווייס ניט וואָס פאַר אַ צייכנס זיי גיבן מיר, אָבער זיכער ניט קיין שלעכטע, — דאָס פיל איך. נאָר איינמאָל אין אַריפמעטיק האָב איך אויף אַ מאָמענט אָנגעפאַנגען צו בלאָנדזשען...

— וואָס, וואָס? ווי אַזוי, זאָגט איר, איז דאָס? — האָט זיך אויפ־געכאַפּט דער מאַסיווער פּראָפעסאָר דאָמאָגאַראָוו.

אַ קאַלטער שווייס האָט מיך באַדעקט. איך געדענקט נאָך הײַנט דעם דאָזיקן מאָמענט, איך פיל נאָך הײַנט דעם זויערן נודנעם טעם, וואָס האָט זיך צושפּרייט איבער מײַן האַרץ. אַזוי מוז פילן אַ מענטש, ווען מען פירט אין דער קאַלטער נאַכט צו זײַן תּליה. איך געדענק דעם מאָמענט און וועל אים קיינמאָל ניט פאַרגעסן: די הויכע פענצ־טער פאַר מײַנע אויגן, די גרויסע ברענענדע לאָמפּ — ווײַל עס איז שוין געווען אָוונט — און די הייזעריק־באַסאָווע שטימע פון דעם פּראָפעסאָר:

— ווי זאָגט איר, איז דאָס ?

איך האָב געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונג און אינסטינק־טיוו אָנגעטאַפּט דעם ריכטיקן ענטפער. עס איז געווען דער ריכטי־קער, ווייל דאָמאָגאַראָוו האָט זיך אָפּגערופן מיט אַ צופרידענעם בורטש:

— נו, דאָס איז אַן אַנדער זאַך.

אָבער קיין „פינף" האָט ער מיר זיכער ניט געגעבן. און וואָס איך האָב געדאַרפט, איז בלויז „פינפן", זעקס „פינפן" פאַר זעקס פאַרשיידענע קורסן, וואָס איז אומגעפער דאָס זעלבע, ווי האָבן אין קאָרטן־שפּיל זעקס טײַז.

אויף מאָרגן האָב איך דורכגעמאַכט דעם עקזאַמען אין פיזיק גאָר גלענצנד און צוריקגעקערט זיך צו מײַן פלאַץ אַ נײַער מענטש. ווער זאָגט עס, אַז איך דאַרף האָבן זעקס „פינפן"? האָבן דאָס דען מײַנע קאָנקורענטן, די יידישע יונגעלײַט?

די עקזאַמענס האָבן זיך פאַרענדיקט. איצט דאַרף מען וואַרטן אויף דעם רעזולטאַט, וואָס וועט באַקאַנט ווערן אין אַ וואָך אַרום.

מען וועגט אָפּ מײַן שיקזאַל. אָבער בעסער ניט טראַכטן וועגן דעם, זײַן צווישן מענטשן און צושטרייען זיך.

איך פאַרברענג דעם זונטאָג אין הויז פון מײַנע קרובים אין שטאָט. זיי וואוינען איצט אויף יעקאַטערינינסקי קאַנאַל, ניט ווײַט פון דער קאָנסערוואַטאָריע. די וואוינונג איז אַ שיינע און זעט אויס רײַכלעך.

איצט, אין ווינטער, ווערן די שטעמבערס וואוינען באַזונדער, און די „באַבושקאַ", יאַשאַ און די מומע איידאַ אויך באַזונדער, אין אַן אַנדער וואוינונג, ניט ווײַט פון די שטעמבערס.

איך באַקען זיך מיט נאָך אַ מיטגליד פון מײַן נײַ־געפונענער משפּחה: מיט אָנקל ניקאָלאַי ליכטענטאַל, וואָס א״ז מיר, אייגנטלעך, גאָר ניט קיין אָנקל, ווײַל ער און מײַן מאַמע שטאַמען פון פאַרשיי־דענע פאָטערס און פאַרשיידענע מוטערס. ער איז אַ שטיף־ברודער פון יאַשאַן; אָבער קיינער רעכנט זיך ניט מיט דעם, קיינער טראַכט אַפילו ניט וועגן דעם. מען איז ברידער און שוועסטער, מען איז איין גרויסע פרײַנדלעכע משפּחה, וועלכע האָט מיך שוין האַרציק אַרײַנ־גענומען, ווי אַן אייגענעם. ניקאָלאַי איז זייער אַ שטילער מענטשל, מיט בלויע אויגן, קורצע, האַלב־גרויע האָר און קליינע וואָנצעלעך אויפן קליינעם בלאַסן פּנים. ער איז זייער קורצזיכטיק, אָן זײַנע גאָלדענע ברילן זעט ער כמעט גאָרנישט. ער פאַרנעמט אַ גוטע און וויכטיקע שטעלע אין אַן אײַזנבאַן־קאַנטאָר און פאַרדינט ניט שלעכט. ניקאָלאַי האָט אַ ווײַב מיט פינף קינדער. זײַן ווײַב איז אויך געקומען מיט אים זיך באַקענען מיט מיר. זי רעדט ניט קיין סך און לאָזט אַנדערע רעדן. זי קאָן, נעבעך, ניט פאַרגעסן, אַז פאַר דער חתונה איז זי געווען אַ נייטאָרין, אין וועלכער ניקאָלאַי האָט זיך שטאַרק פאַרליבט — אפשר טאַקע צוליב זײַן קורצזיכטיקייט.

אין צווייטן צימער האָט זיך פאַרזאַמלט דער יונגער עלע־מענט. אַ חוץ מײַנע קוזינעס, זײַנען דאָ פאַראַן יונגע מוזיקאַנטן, אַלע שילער פון דער קאָנסערוואַטאָריע: דער טשעלאָ־שפּילער גאָרדעל, די פידלער קראַנץ און באָריס ליפשיץ.

זיי זענען אַלע וואוילע יונגעלײַט, אָט די אויסדערוויילטע צו־קונפטיקע קינסטלער, וועמעס נעמען וועלן באַלד נעמען אויפ־

שיינען פאַר דער ציוויליזירטער וועלט, ווײַט איבער די גרענעצן פון רוסלאַנד, אין אייראָפּע און אויך אין אַמעריקע. דער טאַלאַנט־פולסטער פון די יונגע פידלער איז באָריס ליפּשיץ, אַ שילער פון לעאָפּאָלד אַוער. ליפּשיץ איז קוים זיבעצן יאָר אַלט. ער האָט גרויסע פאַרחלומטע אויגן, זײַן נאָז איז אַ ביסל צו־לאַנג, זײַן שמייכל איז חנעוודיק, זײַנע האָר — לאַנג. איך דערצייל אים אַ נאַרעשן וויץ, ער צולאַכט זיך האַרציק און אין איין רגע ווערט ער מײַן בעסטער פרײַנד. איך האָב אים שוין אָפּגעקויפט, ער וויל מיר זאָלן רעדן איינער צום צווייטן „דו״.

(באַמערקונג: ווען באָריס ליפּשיץ האָט געענדיקט די פּעטער־בורגער קאָנסערוואַטאָריע, האָט ער זיך צוערשט געשמדט און דער־נאָך געביטן זײַן נאָמען „ליפּשיץ״ אויף „סיבאָר״, וואָס האָט גע־קלונגען דורכאויס ניט יידיש, מער אפשר סקאַנדינאַוויש, און וואָס איז, אייגנטלעך, געווען ניט מער ווי אַ קליינע פאַרקריפּלונג פון זײַן ערשטן נאָמען „באָריס״. ער האָט זיך פאַרליבט אין אַוערס טאָכטער—וועלכער מיר האָבן פרײַנדלעך־צערטלעך גערופן „מוכאַ״, די פליג — און חתונה געהאַט מיט איר. איר פאָטער, וועלכער האָט אַליין געשטאַמט פון יידן, איז געווען שטאַרק קעגן דער חתונה און האָט זיך צוקריגט אי מיט דער טאָכטער, אי מיט דעם איידעם זײַנעם. סיבאָר האָט געמאַכט אַ גרויסע קאַריערע, כאָטש ניט אַזוי גרויס ווי מען האָט פון אים דערוואַרט. דער גרויסער רוסישער שרײַבער לעוו טאָלסטאָי דערמאָנט אים אין זײַן טאָגבוך. סיבאָר האָט אָפּט באַזוכט טאָלסטאָיען אויף זײַן גוט אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ און ער האָט דאָרטן געשפּילט פאַר דעם גרויסן שריפטשטעלער).

איצט האָט ליפּשיץ געשפּילט און זשעניע האָט אים באַגלייט. אַלע האָבן זיך שטיל צוגעהערט. אין מיטן שפּילן איז אַנגעקומען לוי שטעמבער, דער פאָטער, און האָט אָנגעהויבן רעדן הויך, אַזוי ווי גאָרניט וואָלט פאַרגעקומען. ער האָט מיך דערזען און געזאָגט צו מיר:

— ביסט דורכגעפאַלן אין דער קונסט־אַקאַדעמיע? פּאַניאַ, גיב אים עסן.

— ער האָט שוין געגעסן, — האָט זײַן ווײַב געענטפערט.

— גיב אים נאָך: ער איז דורכגעפאַלן אין טעכנאָלאָגישן אינס־טיטוט אויך.

דער וויץ איז אים זייער געפעלן און ער האָט זיך האַרציק צולאַכט.

אויף מאָרגן האָב איך זיך אויפגעכאַפּט גאָר פרי און זיך געלאָזט פאָרן אויף „ליעסנאָיע" אויסגעפינען מײַן שיקזאַל. ווי לאַנג, ווי אומענדלעך לאַנג האָבן זיך געשלעפּט די „קאָנקעס". אין גאָרטן האָב איך פון דער ווײַטן דערזען דעם מאַלאָרוס בעלאָבאָראָדקאָ, מיט וועמען איך האָב זיך געהאָט צורעדט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק אין טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט. ער איז ניט געגאַנגען, נאָר געשפּרונ־גען, כמעט געטאַנצט.

— איך לויף קלאַפּן אַ טעלעגראַם צו מײַן כּלה, זי זאָל שוין קומען! איך בין אָנגענומען געוואָרן אין וואַלד־אינסטיטוט! — האָט ער צוגעשריען צו מיר. — יאָ, און איר זײַט ניט אָנגענומען.

— ניט אָנגענומ...?

— זיכער נישט. איך האָב אײַער נאָמען ניט געפונען אויף דער ליסט. איר זײַט דאָך מיט מיר אין דער זעלבער גרופּע, אויף דעם זעלבן בוכשטאַב, אויף „ב". איך בין בעלאָבאָראָדקאָ און איר בעגעלמאַן. ניין נישט געזען אײַער נאָמען.

איך לעב אַ ביסל אויף, איך קאָן נאָך אָטעמען:

— וואָס פאַר אַ בעגעלמאַן בין איך? מײַן נאָמען איז „פּ", ניט אויף „ב".

— אַזוי גאָר? נו, דאָס דאַרפט איר אַליין אויסגעפינען אין דער קאַנצעלאַריע.

איך לויף אַוועק פון דעם מאַלאָרוס. אַז נישט גוט זאָל אים ווערן מיט זײַן פּאַלטאַוועער כּלה צוזאַמען!

איידער איך בין אַרײַן אין דער קאַנצעלאַריע, טרעף איך זיך אין קאָרידאָר מיט אַ יונגעמאַן, וואָס זעט אויס צו זײַן אַ ייִד. ער איז נידעריקער פון מיר, האָט אַ קורצן האַלדז, שיטערע שוואַרצע האָר מיט אַ פּריצישטיקן פּליך און קלוגע קאָמיקישע אויגעלעך. איך קען אים נישט, אָבער ער שטעלט מיך אָפּ:

— איר זײַט אָנגענומען געוואָרן, — זאָגט ער צו מיר.

— אָבער, אָבער, — רעד איך אויס, — מײַן נאָמען איז ניט בעגעלמאַן.

— ווער זאָגט דען, אַז בעגעלמאַן? איר זײַט דאָך —

און ער רעדט אַרויס מײַן כשרן דײַטש־רוסיש־יידישן נאָמען און דערציילט ווײַטער:

— מײַן ברודער איז אַ מאָלער, אַ פרײַנד פון גאָלדבלאַט, אײַער לערער. ער האָט מיר דערציילט וועגן אײַך. אָבער קומט אַרײַן אין דער קאָנצעלאַריע; איר ווילט דאָך אַוודאי זען אײַער נאָמען.

און איך דערזע אים טאַקע, אויף דער וואַנט, צווישן אַנדערע נעמען.

— און אָט איז מײַנער, — אָט דאָ, אונטן: מאָיִסעי שוואַרץ.

— וואו איז דאָ אַ טעלעגראַף? — פרעג איך אים.

ער זאָגט מיר. ער איז אַ היגער, אַ פעטערבורגער, און קען די שטאָט.

— איך וועל וואַרטן אויף אײַך — שרײַט ער מיר נאָך.

איך וויל צוזאַמענקלײַבן מײַנע געדאַנקען, גוט פאַרשטיין, וואָס האָט פּאַסירט מיט מיר; אָבער עס איז ניטאָ וואָס אייגנטלעך צו פאַרשטיין. עס איז דאָך גאָר איינפאַך: איך האָב געוואונען אַ מיליאָן. וואָס קאָן שוין זײַן איינפאַכער?

און איך קלאַפּ אָפּ אַ טעלעגראַמע קיין ביאַליסטאָק:
„אָנגענומען אין וואַלד־אינסטיטוט. שיקט געלט."

קאַפּיטל דרײַ

איך בין אַ סטודענט. איך האָב וואוינרעכט אין פּעטערבורג. איך בין „אינעווייניק״, אויף דער אַנדערער זײַט פֿון דער יידישער „טשערטאַ״, איינער פֿון די „אויסגעקליבענע״... איך וואוין מיט דער „באַבושקאַ״, מיט „טאַנטע אידאַ״ און מיט יאַשאַן. מיר פֿאַרנעמען צוויי צימערן, וועלכע מיר האָבן אָפּגעדונגען פֿון די פּרײַסמאַנס, וואָס האָבן אַ נײַ געשעפט. אין דעם גרעסערן צימער האָבן געוואוינט יאַשאַ און איך, אין צווייטן — די ווײַס־האָריקע באָבע און די שטילע מומע אידאַ. זייער צימער האָט אין דער זעלבער צײַט געדינט פֿאַר אַן עס־צימער. די וואוינונג איז געווען ניט ווײַט פֿון דער סאַדאָוואַיאַ גאַס, לעבן פֿירשט יוסופּאָווס הויז.

מײַן האַלב־אָנקל יאַשאַ און איך האָבן געלעבט פּונקט אַזוי ווי דער גרעסטער טייל פֿון די פּעטערבורגער סטודענטן. מיר האָבן זיך געלערנט, אַ סך געלייענט, געפּרוווט פֿאַרדינען אויפֿן לעבן, און ווען נאָר עס איז געווען מעגלעך, געגאַנגען אין טעאַטער און אויף קאָנצערטן. זײַן טישל מיט אַ קעראָסין־לאָמפּ איז געשטאַנען בײַ איין פֿענצטער; מײַן טישל מיט אַ צווייטן קעראָסין־לאָמפּ — בײַם צווייטן פֿענצטער. ער האָט פֿאַר זײַנע אויגן געהאַט איין טייל פֿון דעם גרויען לאַנגווײַליקן פּעטערבורגער הויף, און איך, פֿון מײַן פֿענצטער, — אַן אַנדער טייל.

יאַשאַ האָט שטודירט פֿילאָזאָפֿיע; איך — באָטאַניק, זאָאָלאָגיע...

אין וואַלד־אינסטיטוט האָט מען ניט געמוזט באַזוכן די לעקציעס. דער אינסטיטוט איז געווען זייער ווײַט. פֿאָרן אַהין אָפֿט איז פּשוט געווען אוממעגלעך, סײַדן מען האָט געוואוינט אין יענער געגנט, הינטער דער שטאָט. איך אָבער האָב דאָך געוואָלט בלײַבן

אין פעטערבורג, זעען די שטאָט, באַקענען זיך מיט איר קולטור, טרעפן זיך מיט מענטשן. אַ חוץ דעם, — און דאָס איז געווען די הויפטזאַך, — האָב איך דאַך געדאַרפט פאַרדינען אויפן לעבן. אין ביאַליסטאָק איז עס געווען גרינג: מען האָט געגעבן פּריוואַטע לעקציעס; אָבער דאָ, אין פעטערבורג, איז יעדער צווייטער סטו־דענט געווען אַ פּריוואַט־לערער. עס זענען געווען מער לערער, אײדער שילער. און דאַך איז מיר געלונגען צו קריגן אַ תּלמיד. איך האָב זיך גענומען צו אים מיט אַזאַ אימפּעט, אַרײַנגעלייגט אין מײַן לערנען אים אַזוי פיל ווילן, און אפשר אויך חכמה, אַז אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָב איך אים שוין ניט געדאַרפט לערנען, און איך האָב פאַרלאָרן מײַן גאָלדענע געלעגנהייט. „אַן אַנדערש מאָל וועל איך שוין וויסן בעסער”, האָב איך צו זיך געזאָגט; אָבער דער אַנדערש מאָל איז ניט געקומען. און לעבן מוז מען, און דער „באַ־בושקע” מוז מען געבן 25 רובל אַ חודש (יעדער איינער פון אונדזער בונטער משפּחה צאָלט אײַן זײַן חלק), און די מאַמע אין ביאַליס־טאָק האָט ניט קיין געלט צו שיקן. איצט האָב איך דערזען די אַנ־דערע, די ביטערע זײַט פון מײַן זיסן מקוים־געוואָרענעם חלום.

נאָך זײַענדיק אין ביאַליסטאָק האָב איך געהאַט אָפּגעדרוקט אַ דערציילונג אין אַ קליינעם פעטערבורגער וואָכן־זשורנאַל, וואָס האָט געהייסן „פעטערבורג”. איך האָב באַשלאָסן אַרײַנצוגיין אין דער רעדאַקציע, אפשר וועט פון דעם עפּעס אַרויסקומען.

אין פאָדערשטן צימער זענען געזעסן צוויי פרײַלינס און גע־קלאַפּט אויף אַ קליינער מאַשין, און די מאַשין האָט געשריבן מיט בלויע געדרוקטע בוכשטאַבן. דאָס איז געווען די ערשטע שרײַב־מאַשין וואָס איך האָב געזען, און נאָך צוויי מיט אַמאָל.

דער רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער, אַ. מאַלטשאַנאָוו, איז גע־ווען שוין אַן עלטערער מאַן מיט אַ גרויער באָרד. ער האָט אויס־געזען ווי אַ פּראָפעסאָר און ניט ווי אַ שרײַבער. ווען איך האָב אים דערציילט, ווער איך בין, האָט ער מיר געזאָגט:

— איך קאָן אײַך געבן אַרבעט אין מײַן זשורנאַל, אויב איר ווילט. איר וועט זײַן מײַן געהילף, אַזוי צו זאָגן. אָבער צאָלן קען איך ניט פיל. ס׳איז אַ קליינער, אַן אָרעמער זשורנאַל.

„אָרעמער! און אַליין האָבן זיי צוויי שרײַב־מאַשינען!" — האָב איך געטראַכט בײַ זיך. — „נאָר גאָרנישט, מען מוז נעמען וואָס מען גיט".

— איך וועל אײַך צאָלן דרײַסיק רובל אַ מאָנאַט, — האָט ער געזאָגט. — אויב איר זענט צופרידן, קאָנט איר אָנהויבן אײַער אַרבעט שוין מאָרגן אין דער פרי.

אויף מאָרגן האָט נעווסקי פּראָספּעקט באַוואונדערט אַ נײַעם פּעטערבורגער שרײַבער, וואָס איז דערוויַיל, נעבעך, נאָך געווען אָנגעטאָן אין אַ סטודענטישער אוניפאָרם. דאָס הייסט: דער פּראָספּעקט האָט זיך באַדאַרפֿט וואונדערן, אָבער ער האָט עס ניט געטאָן. מענטשן זענען געגאַנגען, געלאָפן, געפאָרן צו זייערע געשעפטן, פּונקט ווי נעכטן און אייערנעכטן. פאַרענדערט האָט זיך נאָר דער יידישער סטודענט מיט די מעלאַנכאָלישע אויגן, וואָס איז פּלוצלינג דערהויבן געוואָרן צו דער העכסטער מדרגה: גע־וואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דעם זשורנאַל „פּעטער־בורג", וואָס קיין מענטש האָט אים ניט געלייענט. אָבער ס'מאַכט ניט: מען וועט אים שוין לייענען! לאָזט מיך נאָר זיך אַ נעם טאָן צו אים!

איך האָב זיך אַ נעם געטאָן. אָבער ווען איך בין איינמאָל אין דער פרי אָנגעקומען אין דער רעדאַקציע, האָט איינע פון די פרײַלינס מיר געלאָזט וויסן, אַז מאָרגן דאַרף איך שוין ניט קומען.

— און איבערמאָרגן אויך ניט. איר דאַרפט מער אינגאַנצן ניט קומען.

איך בין געבליבן שטיין אַ דערשלאָגענער.

די צווייטע פרײַלין האָט זיך אָפּגערופן:

— דער זשורנאַל וועט זיך סײַ ווי באַלד פאַרמאַכן. מיר ביידע וועלן אויך בלײַבן אָן אַ שטעלע.

מיר איז געלונגען צו באַקומען אַרבעט בײַ אַ „קאָזיאַנעם" רע־וויזאָר, וועלכער האָט אונטערזוכט דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון די פּויערים אין אוקראַיִנע. ער האָט אָנגעזאַמלט גאַנצע בערג מיט סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן און איך האָב דאָס געדאַרפט ברענגען אין אָרדענונג. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע און פאַר מיר ניט

קיין אינטערעסאַנטע. דער רעוויזאָר איז געווען אַ מין ציווילער „גענעראַל", האָט זיך געלעבט גוט, און מיר געצאָלט ווייניק. וואָס איך האָב אָנגעשריבן, האָט ער אָפּגעפּירט צום מיניסטער. דער מי־ניסטער האָט עס אויך ניט געלייענט און איבערגעגעבן צו אַ קאָ־מיסיע. אין דער קאָמיסיע האָט עס אויך קיינער ניט געלייענט און — די פּויערים אין אוקראַיִנע האָבן אַלץ געוואַרט...

איינמאָל בין איך געקומען צו אים אין הויז. ער איז געווען האַלב־אָנגעטאָן, און גערעדט אומפּאַרשטענדלעכע רייד: די פּויערים אין וואָראָנעזש זענען ליגנער און פוילענצער. יעדער איינער פון זיי האָט ניט ווייניקער ווי ניין און צוואַנציק פערד, און דערפאַר קאָן מען אים, דעם רעוויזאָר, אין איין טאָג פאַרשיקן קיין סיביר, און מיך מיט אים צוזאַמען.

איך בין אַנטלאָפן אין פּחד. דער רעוויזאָר איז אַראָפּ פון זינען.

איך האָב אָנגעהויבן צו שרײַבן קליינע צײַטונגס־אַרטיקלען און זיי ברענגען אין פאַרשיידענע צײַטונגען. די אַרטיקלען זענען געווען אויף די פאַרשיידנסטע טעמעס, ווי: פון וואַנען נעמען זיך פאַלנדע שטערן?; אַ פּופּציקסטער יאָרצײַט פון אַ באַוואוסטן דיכ־טער; ווער האָט געשאַפן די יאַפּאַנעזישע שריפט? איניקע צײַטונגען האָבן דאָס געדרוקט און געצאָלט ניט שלעכט.

איך האָב אָנגעשריבן אַ דערציילונג „די כלה" און דאָס גע־בראַכט אין דער רעדאַקציע פון דער צײַטונג „נאָוואָסטי" (נײַעס). דאָס איז געווען די איינציקע פּראָגרעסיווע צײַטונג, וואָס האָט גע־האָט דעם מוט צו קעמפן אויף פאַר יידישער רעכט. אין דער „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי", האָבן די „נאָוואָסטי" און איר רעדאַק־טאָר, אָסיפּ נאָטאָוויטש, געהאַט אַ זייער שיינע רעפּוטאַציע. מײַן האַרץ האָט געקלאַפּט, ווען איך בין אַרויף אויף די טרעפּ פון דער רעדאַקציע. איך וועל באַלד דערזען נאָטאָוויטשן אַליין, דעם גרויסן און מעכטיקן נאָטאָוויטש, אָדער „מאַרקיז אַ'קוויטש", ווי ער האָט זיך גערופן, און וועגן וועמען מען האָט אין ביאַליסטאָק גערעדט, אַז ער דערלאָזט ניט מען זאָל באַליידיקן יידן... איך האָב דערהערט אויף די טרעפּ אַ היסטערישע שטימע וואָס האָט

געשריען אַזוי הויך, אַז איך האָב זיך דערשראָקן. איך האָב גע־עפנט די טיר. פון אויבן פון אַ שאַפע האָט געקוקט אויף מיר "מאַרקיז אַ׳קוויטש" אויסגעהאַקט אין מירמעלשטיין. דער לעבע־דיקער נאַטאַוויטש איז אויך געווען אין צימער. דאָס האָט ער אַזוי היסטעריש געשריען אויף אַ מענטשל מיט אַ שוואַרצער באָרד און דערשראָקענע בייזע אויגעלעך.

נאַטאַוויטש איז געווען פון הויכן וואוקס, אַ ייד אין די פער־ציקער, פעסט געבויט. זײַן בליק איז געווען אַ שווערער, זײַן שטערן הויך, מיט אַ בראָדעוועקע, מיט וועלכער ער האָט שטאָלצירט. מען האָט באַלד געקענט דערפילן אַ מענטשן אָן הומאָר, וואָס האַלט פון זיך מער ווי אַנדערע האַלטן פון אים. אָבער מען האָט פאָרט געשפּירט אין אים אַ פערזענלעכקייט. ווי נאָר "מאַרקיז אַ׳קוויטש" האָט דערזען, אַז אַ פרעמדער מענטש הערט זײַנע געוואַלדן, איז ער אַרויסגעלאָפן פון צימער.

— וואָס ווילט איר? — איז דאָס מענטשל גראָב אַרויפגע־פאַלן אויף מיר, אַזוי ווי איך וואָלט געקומען באַגנבענען די גאַנצע רעדאַקציע מיט אים צוזאַמען.

— איך האָב אײַך געבראַכט אַ דערציילונג.

— אַ דערציילונג? וואָס פאַר אַ דערציילונג? — ער האָט גע־וואָלט אויסלאָזן אויף מיר די מפּלה, וואָס ער האָט געכאַפּט פון נאַטאַוויטשן. — נו, לאָזט איבער אײַער דערציילונג און קומט אַרײַן אָן אַנדערש מאָל.

— ווען זאָל איך קומען?

— ווען?! — האָט ער אָנגעהויבן צו שרײַען. וואָס ווייס איך? איך בין אַוועק אַ צעטומלטער. מען האָט אויף מיר אָנגעשריען אָן אַ פּאַרוואָס.

ווי איך האָב שפּעטער אויסגעפונען, איז דאָס מענטשל מיט דער פאַרדאַרבענער גאַל געווען דער "סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע". זײַן נאָמען, אויב איך מאַך קיין טעות ניט, איז געווען זײַדמאַן. מיט ליטעראַטור האָט ער גאָר ניט געהאַט צו טאָן. דער בעל־הבית פון דער צײַטונג, נאַטאַוויטש, האָט געהאַט אַ שלעכטע טבע צו עפענען אַ מויל אויף קלענערע מיטאַרבעטער, און זײַדמאַן האָט

דאָס געמוזט, נעבעך, שווײַגנדיק אַריבערטראָגן. יעדעס מאָל, ווען ער האָט מיך דערזען, איז ער געוואָרן בלאַס, ווײַל איך בין דאָך געווען דער עדות פון זײַן ערנידריגונג.

— ניין, מיר האָבן נאָך ניט דורכגעלייענט אײַער דערציי־לונג,„ — פלעגט ער מיר זאָגן, — קומט אַן אַנדערס מאָל.

אַזוי האָט דאָס מענטשעלע מיך אָפּגעמוטשעט אַ היפּש ביסל צײַט. ענדלעך האָב איך דערהערט פון אים:

— יאָ, מען האָט שוין געלייענט אײַער דערציילונג: נישט געוואַלדיק, אָבער מיר וועלן זי אָפּדרוקן.

— ווען? — האָב איך געפרעגט.

— ווען?! — האָט ער באַלד אויפגעהויבן זײַן שטימע, כדי צו ווײַזן זיך אַליין, אַז ער איז ניט אַבי־ווער, מאָלע וואָס דער יידישער „מאַרקיז" שרײַט אויף אים. — ווען? מיר האָבן גענוג מאַטעריאַל אָן אײַער דערציילונג. מעגלעך אין אַ יאָר, מעגלעך אַז אין פיר יאָר אַרום.

— אין פיר יאָר? דאָס איז צו לאַנג צו וואַרטן.

און ווער בעט אײַך וואַרטן? אויב איר ווילט, קאָנט איר שוין נעמען אײַער דערציילונג צוריק.

איך בין אַנטלאָפן פון דער צײַטונג, פון דעם היסטערישן רע־דאַקטאָר און פון דעם קליינלעכן סעקרעטאַר. איך האָב אָפּגעמאַכט בײַ זיך קיינמאָל אַהין מער ניט אַרײַנצוקומען.

ווי נאָר איך האָב געהאַט אַ שעה צײַט, האָב איך זיך אַרײַנ־געכאַפּט אין דער שיינער פּעטערבורגער מלוכה־ביבליאָטעק, לעבן דעם קייזערלעכן אַלעקסאַנדער טעאַטער. כמעט אַ רעליגיעזע שטיל־קייט האָט געהערשט אין דעם פּרעכטיקן לעזע־זאַל. קיינער האָט ניט געוואַגט אויסצורעדן קיין איין וואָרט. גערעדט האָבן די הונדער־טער טויזנטער ביכער, וועלכע האָבן אָנגעפּילט די געביידע. אַ כישוף איז אַרויסגעגאַנגען פון דער ריזיקער ביכער־אַרמיי. די ביב־ליאָטעק איז געווען ווי אַ געבענטשטער אינזל פון אַ פאַרשקלאַפּטן לאַנד. וואָס פאַר אַ זעלטענער פאַרגעניגן דאָס איז געווען צו זיצן אין דער ביבליאָטעק צוזאַמען מיט הונדערטער אַנדערע יונגעלײַט,

סטודענטן און „קורסיסטקעס" (סטודענטינס), און אַלטע בכבודע מענטשן, און לייענען אַ בוך, דורכבלעטערן די אַלטע קאָפּיעס פון דעם זשורנאַל „טעאַטער און קונסט". דאָס איז געווען דער איינציקער טעאַטער־זשורנאַל אין רוסלאַנד, און אויך דער איינציקער, וועמען עס איז געלונגען זיך צו שטעלן מער־ווייניקער אויף די פיס. מיט אַ געפיל פון טיפן רעספּעקט האָב איך געבלעטערט די גלאַנציקע זייטן פֿון דער וואָכנשריפֿט, איינגעקוקט זיך אין יעדער פאָטאָגראַפיע, געלייענט יעדע שטיקל „נײַעס", וואָס איז געווען שוין עטלעכע יאָר אַלט. שעה'ן לאַנג האָב איך געלייענט די טעאַטער־אַרטיקלען, וואָס זענען געווען אונטערגעשריבן מיט די נעמען „אַלעקסאַנדער קוגעל" און „האָמאַ נאָוווּס" (אין לאַטײַן מיינט עס, „דער נײַער מענטש"). ביידע האָבן געשריבן אין אַן אויסגעצייכנטער רוסישער שפּראַך, ערנסט, לאָגיש און קלאָר. איך האָב ניט געקאָנט באַשטימען ווער פון זיי עס איז געווען בעסער און אינטערעסאַנטער. מײַן אָנקל יאַשאַ האָט מיר דערקלערט, אַז „האָמאָ נאָוווּס" איז דער פּסעוודאָנים פֿון אַלעקסאַנדער קוגעל. ווער־זשע איז קוגעל אַליין? דער זון פון אַ קאַזיאָנעם ראַבינער אין דער שטאָט מאָזיר, מינסקער גובערניע. ער איז אַן אויסגעשטודירטער אַדוואָקאַט, אָבער ער באַשעפֿטיקט זיך ניט מיט זײַן פּראָפֿעסיע. ער איז פאַררעכנט צווישן די סאַמע בעסטע טעאַטער־קריטיקער. מיט זײַן מיינונג רעכנט זיך יעדער שוישפּילער, פון קלענסטן ביז דעם גרעסטן. געשמדט? ניין, אַ ייד. און ער מאַכט דערפון קיין סוד ניט.

עס האָט פּאַסירט, אַז דער קייזערלעכער דראַמאַטישער טעאַטער (אַלעקסאַנדער־טעאַטער) האָט אויפֿגעפֿירט אַ סצענישע באַאַרבעטונג פון דאָסטאָיעווסקיס ראָמאַן „דער אידיאָט". די באַאַרבעטונג איז געווען געמאַכט פון אַ יידן מיטן נאָמען עטינגער. אָבער אַזוי ווי פּאַר אַ יידן איז געווען אוממעגלעך אויפגעפירט צו ווערן אויף דער קייזערלעכער בינע, האָט ער זיך פֿאַרבונדן מיט דעם באַקאַנטן דראַמען־ און קאָמעדיען־שמירער וויקטאָר קרילאָוו. ס'האָבן געשפּילט די גרעסטע שוישפּילער פון גאַנץ רוסלאַנד: סאַווינאַ, דאַווידאָוו, וואַרלאַמאָוו, סטרעלסקאַיאַ, דאַלסקי, און די גאַנצע פאַרשטעלונג

איז געווען אַ שלעכטע, אַ נאַכלעסיקע. אַ חוץ דעם כמעט געניאַלן דאַלסקין, האָבן אַלע איבעריקע פשוט ניט געוואוסט וואָס זיי טוען.

איך האָב זיך אָוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַן אַרטיקל וועגן דער גאַנצער פאָרשטעלונג, פאַרגלײַכט די באַאַרבעטונג מיט דעם אָריגינאַל און אָנגעוויזן אויף די פעלערן, וואָס דער רעזשיסאָר קאַרפּאָוו האָט דערלאָזן. דאָס איז געווען די ערשטע טעאַטער־קריטיק, וואָס איך האָב אָנגעשריבן אין מײַן לעבן. מיר איז אײַנגעפאַלן צו ווענדן זיך טאַקע צו אַלעקסאַנדער קוגעלן אַליין.

די רעדאַקציע פון קוגעלס זשורנאַל „טעאַטר אי איסקוסטוואָ" איז געווען אויף דער מאַכאָוואַיאַ גאַס, נומער 33. איך האָב זיך אויפגעהויבן אויף אַ ברייטער „פּריצישער" טרעפּ און געקלונגען. אַ קריסטלעכער יונגערמאַן האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל.

— וואָס ווילט איר? — האָט ער געפרעגט.

— איך האָב געבראַכט אַ קליינעם אַרטיקל.

— לאָזט עס איבער און קומט אין אַ פּאָר טעג ווידער.

אַ וואָך שפּעטער האָב איך ווידער אָנגעקלונגען. דאָס מאָל האָט די טיר געעפנט אַ ווילדער מענטש: דער פּנים באַוואַקסן מיט אַ טונקעלער צופּאַטלטער ברוינער באָרד, די האָר שוין עטלעכע וואָכן ניט פאַרקעמט, אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן גרויען שמוציק אויסזעענדיקן שלאָפראָק. דער מענטש האָט געטראָגןברילן, אָבער איינס פון די ברילן־גלעזער האָט געפעלט.

איך האָב דערקלערט וועגן וואָס איך בין געקומען און אַז איך וויל זען הער קוגעל.

— אַהאַ! — האָט ער זיך אָפּגערופן. — וואוהין זענט איר פאַרפאַלן געוואָרן? קומט אַרײַן.

מיר זענען דורכגעגאַנגען איין טונקל צימער, אַ צווייטן און זיך אָפּגעשטעלט אין אַ גרויסן אַלטמאָדיש־מעבלירטן זאַל. דער מאַן האָט אָנגעצונדן אַ גרויסן קעראָסין־לאָמפּ און עפּעס געבורטשעט פאַר זיך.

„איז עס מעגלעך, אַז דאָס איז טאַקע קוגעל אַליין, דער גרויסער קריטיקער, דער גרויסער מבין אויף שיינקייט?" האָב איך געטראַכט און געקוקט אויף אים פאַרוואונדערט.

— ווייפיל מאָל איך בעט, אַז מען זאָל מיר אַרײַנגיסן קעראָ־סין אין לאָמפּ אין דער פרי, פאָלגט מען מיך ניט. אָט איז דער אַרטיקל, וואָס איר האָט געבראַכט. (ער האָט אָנגעהויבן זוכן אין די קעשענעס פון זײַן ברייטן שלאָפּראָק). וואו איז ער, צום טײַוול? פאַרלאָרן! יאָ, דאָס איז ער! געפונען!

מײַן אַרטיקל איז געווען אינגאַנצן צעקנייטשט. דער מאַן האָט געקוקט אויף אים מיט איין אויג דורך דער ראַם פון דעם אַרויסגע־פאַלענעם גלעזל און געמאַכט: „הע".

— איר פאַרשטייט, ווי צו האַלטן אַ פעדער אין דער האַנט! — האָט ער אַרויסגערעדט און ווידער געמאַכט „הע" אָדער „קכע". וועט איר אויסטרינקען אַ גלעזל טיי? מאַשאַ! צוויי גלעזער טיי! און אַרײַנגיסן קעראָסין אין לאָמפּ! — האָט ער אויסגעשריען צו אימיצן.

איצט בין איך שוין געווען זיכער, אַז דאָס איז טאַקע אַלעק־סאַנדער קוגעל. אָבער ווי קומט ער צו האָבן אַזאַ ווילדע באָרד, אַזעלכע צעפּאַטלטע, ניט פאַרקעמטע האָר, וועלכע זענען געווען ענלעך אויך צו אַ מין באָרד, וואָס איז געוואַקסן אויפן קאָפּ? פאַרוואָס פאַרריכט ער ניט זײַנע ברילן? וואָס בורטשעט ער די גאַנצע צײַט, אַזוי ווי ער וואָלט געווען ניט צופרידן מיט מײַן באַזוך? און צו וואָס גיט ער מיר טיי? איך בין דאָך ניט געקומען צו אים צו גאַסט.

קוגעל האָט אָנגעהויבן מיך אויספרעגן ווער איך בין, פון וואַ־נען, וואָס איך טו און ווי קום איך צו שרײַבן וועגן דאָסטאָיעווסקין. דערבײַ האָט ער ניט געקוקט אויף מיר, נאָר אויסגעדרייט דעם ווילדן קאָפּ זײַנעם אין אַ זײַט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געשעמט צו רעדן מיט אַזאַ פּאַרשויך, ווי דער סטודענטל דאָ... פון צײַט צו צײַט האָט ער געמאַכט „קכע". דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— צי איך וועל אָפּדרוקן אײַער קריטיק, צי ניט, איז ניט וויכטיק. כאָטש בעסער וואָלט געווען יאָ אָפּדרוקן. קאַרפּאָוו, דער רעזשיסאָר, וועט זיך שוין קראַצן.

און פּלוצלינג האָט זיך קוגעל האַרציק צעלאַכט, געשריען מיט אַ פולן מויל „האַ!" און „הע־ע־ע!"

אַ דיקע פרוי מיט אַ שיינעם פּנים האָט זיך באַוויזן אין דער טיר און געפרעגט דערשראָקן:

— וואָס איז, אַלעקסאַנדער ראַפּאַילאָוויטש? עפּעס פּאַסירט?
— זײַ באַקאַנט, זינאַ, — האָט ער מיך פֿאַרגעשטעלט.
שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דאָס איז זינאַידאַ כאַלמסקאַיאַ, אַ שוישפּילערין פֿון „קליינעם" טעאַטער. זי איז געווען אַ קריסטין, פֿאַרהייראַט זענען זיי, אייגנטלעך, ניט געווען, ווײַל דאָס געזעץ האָט ניט דערלויבט, אַז אַ ייִד זאָל חתונה האָבן מיט אַ קריסטין פֿון דער גריכיש־אָרטאָדאָקסישער רעליגיע, און שמדן זיך האָט קוגעל ניט געוואָלט. זיי האָבן אָבער געלעבט אין איין וואוינונג און יעדער איינער אָרום זיי האָט רעספּעקטירט זייער באַציִונג.
— איר קאָנט האַלטן אַ פּעדער אין האַנט, — האָט ער ווידער געזאָגט, — ווילט איר זײַן מײַן סעקרעטאַר?
איך האָב געקוקט אויף אים מיט גרויס פֿאַרוואונדערונג.
— דאָס איז ניט שווער, — האָט ער געזאָגט. — איר וועט דאַרפֿן קומען אַהער יעדן אין דער פֿרי, אָרום צען אַזייגער, לייענען די צײַטונגען, מאַכן נייטיקע אויסשניטן, לייענען די בריוו און אויך שרײַבן. איך וועל אײַך שוין ווײַזן וואָס צו טאָן. איך וועל אײַך צאָלן פֿערציק רובל מאָנאַטלעך, מער קען איך ניט, דער זשורנאַל איז דאָך אַן אָנשיקעניש אויף מיר.
פֿאַרשטייט זיך, אַז ער האָט ניט געדאַרפֿט וואַרטן אויף מײַן „יאָ".
קוגעל האָט געמאַכט „קכע" און איז געוואָרן אינטימער.
— פֿאַר אײַך איז בײַ מיר געווען יורי בעליאַיעוו, אַ פֿעיִקער יונגערמאַן. אים האָט אויסגעכאַפּט די אַנטיסעמיטישע צײַטונג „באָוואָיע ווּרעמיאַ". נו, אײַך וועט די צײַטונג שוין ניט אויסכאַפּן.
ער האָט מיך באַגלייט ביז צו דער טיר און ווען איך האָב שוין געהאַלטן בײַם אַרונטערגיין די טרעפּ, האָב איך דערהערט זײַן קול:
— און טראַכט אויס פֿאַר זיך עפּעס אַ גוטן פּסעוודאָנים.
זיכער וואָלט איך דעמאָלט פֿאַרבראַכט די גליקלעכסטע נאַכט פֿון מײַן לעבן, ווען ניט אָט דער לעצטער אויסרוף קוגעלס: „טראַכט אויס אַ פּסעוודאָנים". ווי טראַכט מען עס אויס פּסעוודאָנימען אײַנ־

גאַנצן? און וואָס מיינט עס אַ גוטער פּסעוודאָנים און ניט קיין גוטער? און פאַרקערט גערעדט, זענען די גוטע פּסעוודאָנימען שוין ניט אויסגעכאַפּט? כמעט די גאַנצע לאַנגע ווינטער־נאַכט איז אַוועק, און איך בין נאָך אַלץ געווען אָסיפּ, אָדער יאָסיף פּערלמאַן. שוין פֿאַרטאָג, ווען די פֿענצטער זענען געוואָרן גרוי אַנשטאָט שוואַרץ, האָב איך געפונען וואָס איך האָב געזוכט. פון היינט אָן וועל איך זיין אָסיפּ דימאָוו. וואָס מיינט דער נאָמען? עס האָט אַ געוויסן שׂכל. מיין ליבלינג אויטאָר איז געווען טשעכאָוו. צווישן די העלדן פון זיינע דערציילונגען איז פאַראַן איינער „אָסיפּ דימאָוו". אין זיין וואונדערשיינער דערציילונג „פּאָפּריגוניאַ" (אַרומשפּרינגערין). ער באַשרייבט אין דער דאָזיקער דערציילונג אַ יונגע פאַרהייראַטע פרוי, וואָס זוכט אַ העלד איר גאַנץ לעבן און מאַכט תמיד אַ טעות. זי ווייסט ניט, אַז דער העלד, וועמען זי זוכט, איז דאָ לעבן איר — איר אייגענער מאַן, דער באַשיידענער דאָרפישער דאָקטאָר, אָסיפּ דימאָוו, וואָס ראַטעוועט אַ קינד פון דיפטעריט, אָבער שטאַרבט אַליין פון אַן אָנשטעקונג. נו, און אַזוי ווי איך בין געווען „אָסיפּ", האָט זיך דער „דימאָוו" שוין אַליין צוגעפּאַסט און עס איז געבאָרן געוואָרן מיין פּסעוודאָנים, וואָס האָט זיך שפּעטער פאַרוואַנדלט אין מיין פולשטענדיק געזעצלעכן נאָמען, וועלכן איך און מיין משפחה טראָגן.

די ערשטע ליטעראַרישע אַרבעט, וועלכע איך האָב אונטערגע־שריבן מיט מיין נייעם נאָמען, איז געווען אַ מער אָדער וויניקער לאַנגע אויספאָרשונג וועגן דאָסטאָיעווסקין, וועלכע איך האָב אָפּגע־דרוקט אין קוגעלס זשורנאַל. עס האָט געהייסן: „די דראַמאַטישע עלעמענטן אין דאָסטאָיעווסקיס ווערק". קוגעל איז געווען זייער צופרידן מיט דער אַרבעט. ער האָט געריבן די הענט, געמאַכט „קכע" און „הע", געשפּיגן אויף דער פאָדלאָגע און געזאָגט:

— איינער אָנטדעקונג, אַז דאָסטאָיעווסקיס העלדן האָבן קיין קינדער ניט, אָדער ווען זיי האָבן זיי יאָ, שטאַרבן זייערע קינדער אויס, איז אַ זייער אָריגינעלע. אָבער באַצאָלן איין פאַר דעם באַ־זונדער קאָן איך ניט. אַ זייער אָריגינעלער געדאַנק, האָט איר אים ניט וואו געגנבעט?

דער גרויסער קריטיקער האָט זיך באַצויגן צו מיר ניט ווי אַ רעדאַקטאָר צו זײַן מיטאַרבעטער, נאָר ווי אַ רבי צו זײַן תּלמיד. איך האָב זיך געלערנט בײַ אים, אַ סך געגנאַשט פֿון זײַן חכמה, פֿון זײַן גרויסער טעאַטער־דערפֿאַרונג.

ער איז געווען צופֿרידן מיט מיר. ניט איינמאָל האָט ער דאָס מיר געזאָגט.

איך בין געוואָרן אַן אייגענער בײַ אים אין שטוב, ווײַל די רעדאַקציע פֿון זשורנאַל און די וואוינונג זענען געווען צוזאַמען: אין פֿאָדערשטן צימער איז געשטאַנען אַ טיש — דאָס איז געווען דער קאַנטאָר; און ווײַטער נאָך צוויי טישלעך — דאָס איז געווען די רעדאַקציע, וואו איך האָב געאַרבעט. אַזוי איז דאָס געווען אָפֿיציעל. אָבער די אמתע רעדאַקציע איז געווען אין קוגעלס פּרי־וואַטן צימער, וואוהין זײַטיקע מענטשן פֿלעגן נאָר זעלטן צוגעלאָזט ווערן. אויך דער קאַנטאָר איז געווען אויפֿן „אָפֿיציעלן" טיש נאָר טיילווײַז. דער אמתער קאַנטאָר זענען געווען די קעשענעס פֿון קו־געל ברוינעם שלאָפֿראָק. טאָקע דאָרטן פֿלעגן זיך אָפּטמאָל אָפּגע־פֿינען וויכטיקע דאָקומענטן, נייטיקע בריוו, וועלכע מיר האָבן אומ־זיסט געזוכט אין אַלע אַנדערע פּלעצער. און גאָרניט: דער זשורנאַל איז אַרויסגעקומען פּינקטלעך, וואָך נאָך וואָך, איין נומער בעסער און אינטערעסאַנטער פֿון פֿריערדיקן, געווינענדיק אַלץ מער אין פּאָפּולאַריטעט און רעספּעקט.

קוגעל האָט פּערזענלעך געקענט אַלע שרײַבער און אַלע שוי־שפּילער, אָבער דאָס האָט אים ניט געשטערט צו שרײַבן פֿרײַ און אָפֿן זײַן מיינונג וועגן זיי. איך געדענק ניט ווען עמיצער פֿון זיי האָט זיך געבייזערט איבער זײַנער אַן אומגינסטיקער קריטיק. ער האָט קיינמאָל ניט באַליידיקט שוואַכע קינסטלער, ניט געזוכט צו מאַכן חוזק פֿון זיי. מיט אַ וואָרט אָדער צוויי איז ער געווען מיט זיי פֿאַרטיק. אָבער מיט אַן אמת קינסטלערישער פֿרייד פֿלעגט ער זײַן דער ערשטער צו באַגריסן אַ נײַעם טאַלאַנט, אַ נײַעם אויפֿ־גייענדיקן שטערן. אויך דאָ פֿלעגט ער קיינמאָל ניט שפּרינגען קדוש און ניט צעלאָזן זיך אין געוואַלדיקע לויב־געזאַנגען. וואָס העכער, וואָס באַדײַטנדיקער עס איז געווען דער נאָמען, אַלץ פֿאָר־

זיכטיקער איז קוגעל געווען אין זײַנע לויב־ווערטער. עס איז געווען
אַזוי ווי ער וואָלט דעמאָלט באַזונדערס שטאַרק פילן די גרויסע
פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וועלכע ער טראָגט אויף זײַנע פלייצעס. עפּעס
גאָר הויכעס און שיינעס איז דעמאָלט געקומען פון אים, דעם באַ־
שיידענעם זון פון דער באַשיידענער שטעטל מאָזיר. עס איז נאָר
געווען איין זאַך צוליב וועלכער ער איז אַראָפּגעגאַנגען פון זײַן
גראַדן וועג; אַ זאַך, וואָס האָט אים געמאַכט „דיפּלאָמאַטיש" אין זײַנע
קריטיקן, אַפילו פּאַרטייאיש, און — איך זאָג עס מיט גרויס ביי־
טערניש — אויסנוצן זײַן פען אין אַ פאַלשער ריכטונג. די דאָזיקע
זאַך איז געווען זײַן ווײַב. זינאַידאַ כאָלמסקאַיאַ איז געווען אַ שויי־
שפּילערין מיט אַ באַגרענעצטן טאַלאַנט. ווען זיי האָבן זיך באַ־
געגנט, איז כאָלמסקאַיאַ געווען דין, עלעגאַנט, חנעוודיק. איצט איז
זי געוואָרן זייער פעט. שווער האָט זי געטראָגן איר גרויסן און נאָך
יונגן קערפּער. פאַר יונגע ראָלן איז זי ניט געווען פּאַסיק; פאַר
אַלטע — נאָך צו יונג. זי האָט געשפּילט אין פּעטערבורגער „קליי־
נעם טעאַטער" (וואָס איז גאָרניט געווען קליין). אָבער ביידע, אי
זי, אי קוגעל, האָבן געחלומט אַז זי זאָל אַרײַן אין קייזערלעכן
אַלעקסאַנדער־טעאַטער. דאָרטן האָט מען אָבער ניט געוואָלט הערן
פון דעם.

אין זײַן שרײַבן האָט מען געקאָנט פילן, אַז קוגעל איז ניט
געווען צופרײַנדלעך צו די פּערזאָנען, וואָס זענען געשטאַנען אין
שפּיץ פֿון דעם קייזערלעכן טעאַטער. דאָס איז געווען צוליב כאָלמס־
קאַיאַ. אין די טעאַטער־קרײַזן האָט מען גוט פאַרשטאַנען, וואָס ער
מיינט. אָבער אַזוי גרויס איז געווען דער רעספּעקט און דער צו־
טרוי, וואָס מען האָט געהאַט צו אים, אַז מען האָט עס פאַרקוקט:
אַ מענטש גלויבט, אַז זײַן ווײַב איז אַ גרויסער טאַלאַנט — נו, איז
וואָס? אָבער ווען אין מאָסקווע האָט זיך געעפנט דער מאָסקווער
קונסט־טעאַטער איז די זאַך געוואָרן ערנסטער. קוגעל איז געווען
דער איינציקער קריטיקער אין גאַנץ רוסלאַנד, וועלכער איז פון
דער ערשטער מינוט אָן אַרויסגעטראָטן קעגן דעם נײַ־געבאָרענעם
טעאַטער. נאָך זײַן מיינונג, איז דאָרטן אַלצדינג געווען שלעכט: די
שוישפּילער, די רעזשי, די פּאוזען, די גאַנצע אײַנדרוקספולע אַט־

מאָספּערע. האָט עס קוגעל טאַקע געמיינט? פון אָנפאַנג אפשר ניט; נאָר ביסלעכווײַז האָט ער זיך אַליין אײַנגערעדט און האָט זיך שוין געהאַלטן בײַ דעם. די שענסטע און די גלענצנדסטע אויפפירונגען פלעגט ער ניט גראָב אָרונטעררײַסן, נאָר האַלב אָרונטעררײַסן, און ער האָט ניט געלאָזט אין זײַן זשורנאַל שרײַבן אַנדערש. דער ברייטער עולם האָט זיך געוואונדערט: פאַרוואָס רייסט קוגעל אַרונטער סטאַניסלאַווסקין און נעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָן, די צוויי געניאַלע פירער פון דעם טעאַטער? אָבער אין דער טעאַטער־פּראַ־פעסיע האָט מען גוט געוואוסט, אַז דאָס איז צוליב כאַלמסקאַיאַ: ער וויל, אַז זי זאָל דאָרטן אַנגאַזשירט ווערן. און דאָס האָט מען ניט געטאָן.

קוגעל האָט געקאָנט ווערן איינער פון די איבערגעבנסטע פרײַנד פון דעם מאָסקווער טעאַטער, וועלכער האָט רעוואָלוציאָ־ניזירט און אָפּגעפרישט די סצענישע קונסט אויף דער גאַנצער וועלט; ער אָבער האָט ביז אַ געוויסן גראַד פאַרראַטן זיך אַליין. ער האָט זיך „אויסגעגליטשט" און הינקענדיק איז ער געלאָפן הינ־טער דער פאַראַד־קאַרעטע פון סטאַניסלאַווסקין, אָנשטאָט צו זיצן מיט איר צוזאַמען. עס האָט מיר דעמאָלט וויי געטאָן און עס טוט מיר ניט ווייניקער ווי איצט, ווען איך דערמאָן זיך אָן דעם און בין געצוואונגען אויף אַזאַ אופן צו דערמאָנען מײַן געוועזענעם לערער... אַ סך מענער, און גרעסערע ווי אַלעקסאַנדער קוגעל, האָבן זיך אויסגעגליטשט צוליב אַ פרוי. און אויב דערבײַ האָט געליטן דער אמת פון קונסט, איז דאָ אָבער באַשטעטיקט געוואָרן — נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל! — דער גרויסער טראַגישער אמת פון לעבן...

שלאָף רואיק, רבי מײַנער! דו האָסט דאָך מיך געלערנט צו זאָגן דעם אמת. וועסט מיר מוחל זײַן פאַר דעם אמת, וואָס איך רייד איצט אַרויס וועגן דיר אַליין. אויך כאַלמסקאַיאַ איז שוין טויט און אויך סטאַניסלאַווסקי. די קונסט, אָבער, צוליב וועלכער די דרײַ האָבן זיך געשלאָגן, זי לעבט ווײַטער. און דאָס איז אפשר די איינציקע טרייסט...

קאַפּיטל פיר.

אַ דאַנק דעם, וואָס איך בין געווען קוגעלס נאָענטער מיט־אַרבעטער, בין איך געקומען אין באַרירונג מיט אַ סך מענטשן, וואָס האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין ליטעראַטור- און טעאַטער־לעבן. פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגן זיי אַרײַנקומען אין דער רעדאַקציע פון זשורנאַל „טעאַטער און קונסט”, און קוגעל האָט קיינמאָל ניט פאַרגעסן מיך צו באַקענען מיט זיי.

מערסטנס זענען דאָס געווען קריסטן, אָבער קיינמאָל האָבן זיי אַפילו ניט דערמאָנט די פאַרשיידנאַרטיקייט פון אונזערע רע־ליגיעס. אַזוי האָבן זיי זיך געפירט ניט נאָר צוליב זייער גוטער דערציִונג, — וואָס איז אָפט מאָל גאָרניט געווען אַזוי גוט, — נאָר פשוט דערפאַר, וואָס זיי האָבן אַזוי געפילט.

איבערטרײַב איך ניט?... ניין. די רוסישע אינטעליגענץ האָט זיך טאַקע געפילט און געפירט אין באַציִונג צו יידן ברידערלעך־פרײַנדלעך, ווי זיי וואָלטן געוואָלט פאַרגיטיקן די יידן פאַר די אַלע פאַרפאָלגונגען פון דער רעגירונג. עס איז אַרויסגעקומען בײַ זיי איינפאַך, ערנסט, נאַטירלעך, ווי אַ זאַך, וועגן וועלכער עס לוינט זיך אַפילו ניט צו רעדן: קאָן דען רעליגיע שפּילן אַ שעדלעכע ראָל צווישן געבילדעטע, קולטורעלע מענטשן?

דער ערשטער, מיט וועמען קוגעל האָט מיך באַקאַנט, איז געווען דער הויפּט־רעזשיסאָר פון דעם קייזערלעכן טעאַטער, קאַרפּאָוו. ער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין טעאַטער־לעבן בכלל. ער איז געווען נאָענט צו אַ סך וויכטיקע פערזענלעכקייטן, האָט גע־פירט דעם קייזערלעכן טעאַטער מיט אַ פעסטער האַנט, האָט זיך ניט איינמאָל געטראָפן מיטן צאַר און גרויספירשטן און האָט פאַר־

שטאַנען דערבײַ צו האַלטן זיך אומאָפּהענגיק. איך האָב דערוואַרט צו זען אַ מין אָנגעבלאָזענעם אינדיק, אָנשטאָט דעם איז געשטאַנען פֿאַר מיר אַ מאַן פֿון אַ יאָר פֿערציק מיט אַ שוואַרצער באָרד, מיט שוואַרצע, קלײנע, קלוגע און כיטרע אויגעלעך און מיט אַ גרויסן שײַנענדיקן פּליך. אַזעלכע פּנימער קאָן מען טרעפֿן אַמאָל צווישן פּויערים, וואָס פּאַרשטייען צו מאַכן אַ קאָפּיקע. ס'איז געווען שווער צו דערקענען אין אים ניט נאָר דעם מעכטיקן רעזשיסאָר, נאָר גלאַט אַ מענטשן פֿון טעאַטער — אַזוי ניט „טעאַטראַליש" איז געווען זײַן אויסזען.

קאַרפּאָוו איז געווען פֿון יאַראָסלאַוו, געבוירן אין אַ פּראָסטער פֿאַ־מיליע. אין זײַן יוגנט האָט ער אָנטייל גענומען אין דער סאָציאַליסטי־שער באַוועגונג, און געווען פֿאַרשיקט קיין אַרכאַנגעלסק, אין צפֿון רוס־לאַנד, וואו ער האָט פֿאַרבראַכט אַ שטיקל צײַט, ווי אַ פּאָליטישער פֿאַרברעכער. דאָרטן האָט ער זיך געטראָפֿן מיט זײַן איצטיקער ווײַב, אַ גאַנץ פּראָסטער קריסטלעכער פֿרוי, מיט דעם אויסזען, מאַניערן און רעדן פֿון אַ פּויערטע. איך האָב זיך באַפֿרײַנדעט מיט קאַרפּאָוון און בין אָפֿטמאָל געווען בײַ אים אין הויז אויף דער גאַנ־טשאַרנאַיאַ גאַס הינטער נעווסקי פּראָספּעקט: כמעט יעדעס מאָל, ווען איך בין אַרויפֿגעקומען צו אים, האָב איך געטראָפֿן פֿרוי קאַרפּאָוו, מיט אַ פּאַמעניצע וואַסער און אַ שמאַטע אין דער האַנט, וואַשנדיק די פּאָדלאָגע. צו וואָס האָט זי דאָס געטאָן? קאַרפּאָוו איז ניט געווען אָרעם, אַ דינסט אין די דעמאָלסדיקע יאָרן האָט געקאָסט זייער ביליק.

דאָס ערשטע מאָל, ווען איך האָב דערזען די פּאַרסאָפּעטע אָרעם־געקליידטע פּויערטע מיט דער פּאַמעניצע, האָב איך ניט געוואָלט גלויבן, אַז דאָס איז דאָס ווײַב פֿון דעם מאַן, וועלכער איז נעכטן געווען אײַנגעלאַדן אין צאַרס טעאַטער־„לאָזשע".

— קאַרפּושקאַ איז בײַ זיך אין צימער, קום אַרײַן — האָט זי געזאָגט.

אַזוי האָט זי גערופֿן קאַרפּאָוון: „קאַרפּושקאַ". פֿאַר איר איז ער נאָך אַלץ געבליבן דער זעלביקער „אַרעסטאַנט", דער פּאָליטישער פֿאַרשיקטער, וואָס זי האָט געטראָפֿן אין דעם קאַלטן, פֿאַרוואַר־

פענעם אַרכאַנגעלסק. קאַרפּאָוו האָט זיך באַצויגן צו איר מיט רעספּעקט און האָט קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן, אַז ער איז מיט עפּעס העכער פון איר.

קאַרפּאָוו האָט אויך געשריבן פּיעסן פון דעם לעבן פון פאַבריק־אַרבעטער. מיר איז אויסגעקומען עטלעכע מאָל צו שרײַבן וועגן זײַנער אַ דראַמע, — ווײַל קוגעל האָט עס ניט געוואָלט טאָן, — און קיין גרויסער ענטוזיאַסט פון זײַן שאַפן בין איך ניט געווען. אָבער מיט קיין איין וואָרט האָט קאַרפּאָוו קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן, אַז ער בייזערט זיך אויף מיר פאַר מײַן קריטיק, און איז ווידער געזעסן מיט מיר אין דעם רעסטאָראַן „וויענאַ" — דער טרעפפּונקט פון שרײַבער און שוישפּילער — ביז שפּעט אין דער נאַכט.

איין מאָל האָב איך אים געפרעגט, ווי עס פאַרהאַלט זיך אין טעאַטער דער צאַר, ניקאָלײַ דער צווייטער. קאַרפּאָוו, לאַכנדיק אין זײַנע וואָנצעס, האָט אָנגעהויבן צו דערציילן:

ווען דער צאַר וויל קומען אין טעאַטער, לאָזט מען באַצײַטנס וויסן דעם פּאָליצמייסטער פון דעם טעאַטער (עס איז געווען אַזאַ מין אַמט). מען לאָזט באַלד וויסן דעם רעזשיסאָר, קאַרפּאָוו, הייסט עס, און ער שיקט נאָך צוויי געוויסע שוישפּילער: דעם דיקן גוטמוטיקן גיגאַנט וואַרלאַמאָוו און דער בעסטער מוטער־ראָליסטין סטרעלסקאַיאַ. פאַרוואָס גראָד נאָך זיי? ווײַל זיי וועלן הײַנט אָוונט שפּילן דעם וואָדעוויל „פּרעזשדע סקאָנטשאַליס, פּאָטאָם פּאָוויענטשאַליס" (פריער געשטאָרבן, נאָכדעם חתונה געהאַט). שוין דער נאָמען אַליין גיט צו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ מײַסטערווערק דער דאָזיקער איינאַקטער איז געווען. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַן אַלטן בחור (וואַרלאַמאָוו), וואָס איז פאַרליבט אין אַן אַלטער מויד (סטרעלסקאַיאַ). כדי צו צעשטערן די חתונה, זאָגט מען אים, אַז זי איז געשטאָרבן; און איר זאָגט מען, אַז ער איז געשטאָרבן. ווען זיי טרעפן זיך, שרעקן זיי זיך זייער איבער און צעלויפן זיך. שפּעטער אָבער ווערט די זאַך קלאָר און אַלצדינג ענדיקט זיך גוט און פֿײַן.

צאַר ניקאָלײַ, דער הערשער פון הייליקן רוסלאַנד, דער מאַן פאַר וועמען עס האָט געציטערט די וועלט, איז געווען פאַרליבט אין דער דאָזיקער נאַרישקייט. פאַר אים צו זען דעם „טויטן" וואַרלאַמאָוון

אַנטלויפנדיק פון דער „טויטער" סטרעלסקאַיאַ, איז געווען די העכסטע פאָרם פון קונסט־געניוס. און צי מען האָט היינט געשפּילט „רעוויזאָר", אָדער „האַמלעט", — דעם סקעטש האָט מען אַריינ־געדרוקט אין אָנהויב. ניקאָליי אַליין האָט ניט געבעטן, אַז מען זאָל אַזוי טאָן; עס האָט אים ניט געפּאַסט, — נאָר מען האָט שוין גע־וואוסט אָן דעם צאַרס ביטע וואָס צו טאָן. און ווען פאַר „האַמלעט" האָט זיך פּלוצים באַוויזן דער פּעטער וואַרלאַמאָוו (אַ זון פון דעם באַוואוסטן קאָמפּאָזיטאָר) און אין אַ זאַפּטיקער, געשמאַקער שפּראַך אָנגעפאַנגען צו דערקלערן זיך אין ליבע צו דער פּעטינקער, זאַטער סטרעלסקאַיאַ, האָט דאָס פּובליקום זיך באַלד אויסגעדרייט און גע־קוקט אין צענטער פון ערשטן באַלקאָן און אָנגעפאַנגען צו שרייען:
— הימן! הימן!

דער אָרקעסטער פלעגט באַלד אַ קלאַפּ טאָן דעם רוסישן הימן, די שוישפּילער אויף דער בינע און אויך דאָס פּובליקום און די אַכראַניקעס (געהיים־פּאָליציסטן) אין זאַל פּלעגן אָנהויבן זינגען „באָזשע צאַריאַ כראַני". דערנאָך איז סטרעלסקאַיאַ געשטאָרבן, און נאָכן טויט האָט זי געקוויטשעט פון שרעק, דערזעענדיק דעם גע־שטאָרבענעם וואַרלאַמאָוון, וועלכער האָט געפּרוווט זי אַריבער־צוקוויטשען.

אין מיטן פון באַלקאָן, אין דער קייזערלעכער לאָזשע, אונ־טער דעם דיקן פאַרשטויבטן רויטן „קלאַסיש"־צושפּאַלטענעם פאָר־האַנג, איז געזעסן אַ מענטשל אומבאַשיידן דעקאָרירט און אויפּ־פּאַלענד מעדאַלירט, מיט אַן אויסדרוקלאָזן פּנים פון אַ פּראָווינ־ציעלן אינפאַנטעריע־אָפיציר. דעם אָפיצירס האָר זענען געווען פון אַן אומבאַשטימטן קאָליר, אַ געמיש פון העל־ברוין מיט טונקל־רויט; זיין בערדל איז געווען אַ ביסל העלער, אָבער אויך אומבאַ־שטימט אין קאָליר. ער איז נאָר וואָס אַרויס פון די הענט פון אַ פאַריקמאַכער, וועלכער, ווי עס זעט אויס, האָט געאַרבעט אויף אים עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד: יעדעס הערעלע איז אַקוראַט פאַר־קעמט, אָפּגעשאָרן, אָפּגעמאָסטן, אָפּגעהיט, אויסגעכאָוועט און באַ־שפּריצט מיט עפּעס אַ טייערן „מאָטאָל" — ווי מיין אַמאָליקער שוסטער אין ביאַליסטאָק פלעגט דאָס זאָגן, ווען די שטיוול האָבן

זיך געלאָזט צופיל הערן. דער אַרמיי־אָפיציר האָט געהאַט בלויע אָדער מעגלעך גרויע אויגן, מיט אַן אומבאַשטימטן אויסדרוק, אָדער בעסער געזאָגט, אָן קיין שום אויסדרוק. די אויגן האָבן געקוקט; ווײַל צוליב דעם זענען דאָך אויגן געשאַפן, אָבער צי זיי האָבן עפּעס געזען, און דערזעענדיק געלאָזט וויסן דעם מוח, און ווי דער דאָזיקער מוח האָט די אינפאָרמאַציע פון די אויגן אויפגענומען, איז געווען אוממעגלעך צו באַשטימען. איבער די אויסגעכאַליעטע וואַנצעס האָט זיך געהויבן די נאָז — אַ טיפּיש־רוסישע נאָז פון אַן „איוואַן" אָדער „סטעפּאַן". ווען אַזעלכע נעזער פלעגט דאָס רוסישע ווערטל זיך וויצלען: „בעת עס רעגנט, קאָן עס נאָך אַרײַנרעגענען". נו, אַזוי ווײַט איז די קייזערלעכע נאָז ניט געווען אויפגעריסן, אָבער דאָך ווײַט גענוג.

דער דאָזיקער באַשיידענער גרויער מענטשל מיט די צענטליקער מעדאַלן, איז געזעסן אויף זײַן פּלאַץ אַזוי ווי ער וואָלט אָט־אָט ווערן אָפּגעפאָטאָגראַפירט. איין מאָל האָב איך דערזען לעבן אים זיצן אַ דאַמע מיט אַ קאַלטן בלאַסן פּנים, מיט לאַנגע הענט און אויפגעבלאָזענע אַרבל אויף די פּירעקיקע פּלייצעס. אַ דיקער שנור פּערל איז געהאַנגען אַרום איר האַלדז. אַלעקסאַנדראַ איז געזעסן נאָך מער „פאָטאָגראַפיש" ווי איר „ניקי", ווי זי האָט אים גערופן אין פּריוואַטן לעבן. די קייסערין האָט געקוקט אויף דער בינע און האָט אַפילו ניט געשמייכלט. אפשר האָט זי ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָרטן קומט פאָר און אפשר האָט זי צו־גוט פאַרשטאַנען. אָבער זײַן מאַיעסטעט, דער הערשער איבער אַ זעקסטל פון דער וועלט, דער צענטער פון פּאָליטיק, דער צילקעגנשטאַנד פון טעראָריסטישע אַקטן, דער אַרמיי־אָפיציר אויף דעם אַלטן טראָן פון די ראָמאַנאָווס, — אַ, ווי פרייליך עס איז אים געווען אויפן האַרצן! ער האָט פּשוט ניט געקאָנט זיך צוריקהאַלטן פון געלעכטער. אָבער לאַכן ווי אַן איינפאַכער שטערבלעכער פּאַסט פאַרט ניט, ער איז דאָך עפּעס אַ צאַר! האָט ניקאָלײַ געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונג צו באַהאַלטן זײַן געלעכטער פון צוויי טויזנט מענטשן, וואָס האָבן דאַן אָנגעפּאַקט דעם טעאַטער. נאָר ווען עס איז שוין געווען גאָר אוממעגלעך אויסצובאַהאַלטן, האָט דער צאַר

באַדעקט זײַן פנים מיט דער אַפישקע, אַרונטערגעלאָזן די אויגן און געגלעט זײַנע וואָנצעס מיט דער דלאָניע. אויסגעלאַכט זיך אויף גיך, פאַרשטיקט, באַהאַלטן, האָט ער ווידער געמאַכט אַ „פאָטאָגראַפֿישן" פנים פֿאַר דער וועלט און ווידער געזעסן מאַיעסטעטיש, פוסט, אויסגעפוצט, מיט דעם וואַסערדיקן בליק זײַנעם...

און אויף מאָרגן האָט די גוטע פראָסטע פויערטע אין דער ציצענער ספאָדניצע, מיט דער נאַסער שמאַטע אין דער האַנט, געזאָגט צו מיר אין איר וואוינונג:

— נעכטן האָט מײַן קאַרפושקאַ ווידער באַקומען אַ דאַנק פון צאַר.

ווי אַזוי דאָס האָט פאַסירט, אַז יעווטיכי קאַרפאָוו, אַ געוועזענער פאָליטישער פאַרשיקטער, אַ ווייניק־געבילדעטער, ווייניק־באַלעזענער מענטש מיט אַ זייער באַגרענעצטער באַגאַבונג און אָן שוישפילערישער פאַנטאַזיע, האָט יאָרן־לאַנג געשפילט אַן אומגעהויער וויכטיקע ראָלע אין לעבן פון טעאַטער, איז מיר ביז הײַנט ניט קלאָר.

שפעטער, ווען עס האָבן זיך באַוויזן אַנדערע, יונגע רעזשיסאָרן, מער באַגאַבטע, האָט קאַרפאָווס שטערן זיך אַרונטערגעקײַקלט פון דעם טעאַטער־הימל.

אין מאָסקווע האָט זיך געגרינדעט דער קונסט־טעאַטער. די נעמען פון די צוויי דירעקטאָרן, נעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָ און סטאַניסלאַווסקי, זענען איבערנאַכט געוואָרן פאָפולער. מײַן חלום איז געווען זיך נעענטער צו באַקענען מיט דעם דאָזיקן טעאַטער און מיט זײַנע פירער.

איך האָב געאַרבעט אין דער רעדאַקציע, ווען אימיצער האָט אָנגעקלונגען בײַ דער טיר. אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן, זייער עלעגאַנט, „אייראָפעיִש" אָנגעטאָן, איז אַרײַן. זײַן פנים איז געווען אַ ביסל אַ בייזער, די קליינע אויגן אַזוי ווי געשוואָלן, אַ קליין שיטער בערדל, צושפאָלטן אין מיטן, איז געווען אַקוראַט פאַרקאַמט. ער האָט אויסגעזען ווי אַ דירעקטאָר פון אַ גרויסער פירמע וואָס פירט געשעפטן מיט אויסלאַנד. קוגעל איז אַרויס אין קאָרידאָר און פאַרבעטן דעם גאַסט אין וואוינונג.

מיט אַ פּאָר מינוטן שפּעטער האָט זיך באַוויזן קוגעל — שוין ניט אין שלאָפראָק, און זיך אָנגערופן צו מיר:

— וולאַדימיר איוואַנאָוויטש וויל אײַך זען.

לויט דעם רוסישן מנהג האָט קוגעל גערופן דעם גאַסט מיט זײַן ערשטן נאָמען און מיט דעם נאָמען פון זײַן טאַטן. אַזוי האָבן מיר אַלע געטאָן אין רוסלאַנד. מיך, צום בײַשפּיל, האָט מען אַנדערש ניט גערופן, ווי „אָסיפּ איסידאָראָוויטש" (דער זון פון איזידאָר), און קוגעל איז געווען „אַלעקסאַנדער ראַפאַילאָוויטש" (דער זון פון דעם מאָזירער ראַבינער רפאל). אָבער פון וואַנען זאָל איך וויסן, ווער עס איז דער דאָזיקער וולאַדימיר דער זון פון עפּעס אַן איוואַן?

— איך האָב מיט גרויס אינטערעס דורכגעלייענט אײַער אַר־טיקל וועגן דאָסטאָיעווסקין. עס איז אָריגענעל, עס איז פרייש — האָט דער גאַסט מיר געזאָגט. קוגעל האָט געקוקט אויף מיר מיט איין אויג צוגעדריקט, די ווילדע באָרד נאָך מער צופּאַטלט, דער פּנים זויער, אַזוי ווי ער וואָלט געווען מיט עפּעס אומצופרידן. דאָס איז געווען זײַן טבע, ווען ער איז דווקא געווען צופרידן. פּלוצים האָט ער זיך צעלאַכט און זיך געווענדט צו מיר:

— איך האָב מורא, אַז איר ווייסט ניט ווער עס רעדט צו אײַך.

— ניין, איך ווייס טאַקע ניט.

— מײַן נאָמען איז נעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָ, — האָט דער גאַסט אַרויסגערעדט, — איך בין דער דירעקטאָר פון דעם מאָסקווער טעאַטער. און ווען איר וועט זײַן אין מאָסקווע קומט אונז באַזוכן. איר וועט זײַן ווילקאָמען.

אין דער צײַט איז אין פּעטערבורג געקומען שפּילן אַ דײַטשע טרופּע. פון אויסלאַנד פלעגן אָפט קומען פאַרשיידענע קינסטלער. איינמאָל איז דאָס געווען גיטרי, דער זייער באַגאַבטער פראַנצוי־זישער שוישפּילער (דער פאָטער פון דעם איצט וועלט־באַקאַנטן דראַמאַטורג סאַשאַ גיטרי). אַן אַנדערש מאָל — די איטאַליענישע זינגער באַטיסטיני, אַנסעלמי, מאַזיני. דאָס זענען עס געווען די שוישפּילער פון ווינער בורג־טעאַטער, מיט אַדאָלף זאָנענטאַל אין דער שפּיץ. זאָנענטאַל איז געווען פאַררעכנט צווישן די גרעסטע שוישפּילער פון דער וועלט. אין פּעטערבורג איז ער נאָך קיינמאָל

ניט געווען, און דאָס פּובליקום איז געווען נײַגעריק צו זען דעם גרויסן קינסטלער. מײַן רעדאַקטאָר האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל פּרוּוון האָבן אַ געשפּרעך מיט זאַנענטאַלן און אויך באַקומען זײַן פאָטאָגראַפיע פאַרן זשורנאַל. איך האָב געקוקט אויף דער בינע. צווישן די פילע שוישפּילער זענען מיר באַזונדערס געפעלן צוויי: איינער אַ נידעריקער, מיט אַ בויגזאַמער שטימע, און דער צווייטער אַ הויכער מיט אַ רויטער באָרד און פאַרנעמע מאַנירן פון אַ פירשט. ווער פון זיי איז געווען זאַנענטאַל? נאָך דעם לעצטן אַקט, ווען דער הויכער פירשט זעגנט זיך פאַרן טויט מיט זײַנע סאָלדאַטן, איז מיר געוואָרן קלאָר, אַז ער איז דאָס זאַנענטאַל. ווײַל נאָר ער האָט גע־קאָנט אַרויסרופן אַזאַ טרויער און בײַ אַ סך מענטשן אויך טרערן מיט זײַן שפּילן. צום ערשטן מאָל האָב איך איצט געזען אַ גרויסן טראַגישן שוישפּילער אין אַ גרויסער טראַגעדיע. די פאַרשטעלונג האָט אַרויסגערופן אַ דערלײַכטערונג און דערהויבונג אין דער נשמה פון צושויער.

איך בין אַוועק הינטער די קוליסן אין זאַנענטאַלס גאַרדעראָבע־צימער. ער האָט געהאַלטן אין אַרונטערנעמען פון זײַן פּנים דעם גרים. איך האָב דערזען פאַר זיך אַן אַלטן מאַן. ער איז זיכער געווען איבער זיבעציק. טיפע קנייטשן זענען געלעגן אויף זײַן פּנים, אויף דעם הויכן שטערן און אַרום די העל־גרויע טיף און נאַיִווע קוקנדיקע יונגע אויגן. איך האָב אים געוויזן דעם זשורנאַל. ער האָט אַלץ געשוויגן איך האָב ניט געוואוסט ווי אַזוי אַרויס־צורופן אים אויף אַ געשפּרעך, און האָב פּלוצלינג אַרויסגעפּלאַצט ניט באַזונדערס טאַקטפול:

— איך בין אַ ייד.

דער אַלטער שוישפּילער, דער נאַר־וואָס געשטאָרבענער איי־דעלער פירשט, האָט אויפגעהויבן זײַנע גרויסע אויגן און מיט גרויסער ערנסטקייט אַרויסגערעדט:

— איך אויך.

נו, יאָ, דאָס האָב איך געוואוסט, און דערפאַר האָב איך דאָך מיט דעם אַרויסגעפּלאַצט.

— קאָן איך האָבן אײַער בילד, הער זאַנענטאַל? — האָב איך אים געבעטן.

— מײַן בילד? איך ווייס ניט, אויב איך האָב עס בײַ זיך.

ער איז אויפגעשטאַנען. גאָט מײַנער, ווי הויך ער איז. מער ווי מיט אַ קאָפּ העכער פון מיר. און ווי גלײַך ער האַלט זיך דאָס אין זײַן עלטער.

— יאָ, אָט האָב איך עס געפונען. ביטע.

זײַן רואיקע פרײַנדלעכקייט האָט מיר צוגעגעבן מוט.

— הער זאַנענטאַל, — האָב איך געזאָגט — דאָס בילד איז פאַר דעם זשורנאַל. אָבער איך וואָלט זייער געוואָלט האָבן אײַער בילד פאַר מיר פערזענלעך.

ווידער האָט ער זיך אויפגעהויבן, ווידער געגאַנגען אין אַ ווינקל, וואו עס זענען געלעגן זײַנע זאַכן, און איז צוריקגעקומען מיט אַ קלענערן בילד זײַנעם. ער האָט אָנגעטאָן גרויסע, ביליק־אויסזעענדיקע ברילן און איז מיט אַמאָל געוואָרן ענלעך צו אַ סטאָליער, וואָס דאַרף עפּעס אויסשנײַדן פון אַ שטיק האָלץ. ער האָט געפונען אַ פּען און האָט אָנגעהויבן שרײַבן. ווי זײַנע הענט האָבן זיך דאָס געטרייסלט! לאַנגזאַם, אַקוראַט, קעמפנדיק מיט דער ציטערדיקער האַנט, האָט דער שוישפּילער אָנגעשריבן מיט דײַטש־גאָטישע בוכשטאַבן:

„צום אָנדענק פון אַדאָלף זאַנענטאַל.”

אויסצופירן די אונטערשריפט האָט אים גענומען נאָך מער צײַט. ווען ער איז שוין געווען פאַרטיק מיט דעם לעצטן בוכשטאַב, האָט ער אָנגעהויבן מאָלן ליניעס, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם נאָמען פון אויבן און פון אונטן.

— דאָס בין איך אין דער ראָלע פון נתן החכם, אין לעסינגס פּיעסע, האָט ער דערקלערט. — איך האָב די ראָלע זייער ליב. איך וועל זי דאָ אויך שפּילן פאַר די רוסן, זיי זאָלן קוקן אויף דעם יידן מיט אַנדערע אויגן.

— איז עס אמת, — האָב איך אים געפרעגט, — אַז איר לייגט תפילין יעדן פרימאָרגן?

— יאָ, — האָט ער געענטפערט. — מײַן טאַטע האָט עס געטאָן, און זיכער מײַן זיידע, און מײַן עלטער־זיידע אויך; פאַרוואָס זאָל איך דאָס ניט טאָן? יעדן אין דער פרי, אײדער איך גיי אין בורג־טעאַטער צו דער פּראָבע, גנבע איך אָפּ אַ פערטל שעה אויף תפילין־לייגן. איך האָב עס הײַנט אין דער פרי אויך געטאָן בײַ מיר אין האָטעל...

איך בין אַוועק פון טעאַטער מיט אַ טאָפּלטן אײַנדרוק: איין אײַנדרוק איז געווען פון דער פּיעסע און דעם שוישפּילער, וואָס האָט זי געשפּילט, און דער צווייטער אײַנדרוק איז געווען פון דעם הויכן אַלטן יידן, דעם ליבלינג פון וויען און פון קייזער פראַנץ יאָזעף; דעם גרויסן קינסטלער מיט דעם פּנים פון אַ קליין־שטעטלדיקן סטאָליער, וואָס אײדער ער טרעפט זיך מיט שעקספּירן און שילערן, לייגט ער תּפילין אויף זײַן זיבעציק־יאָריקן ציטערנדיקן אָרעם.

אין מיטן ווינטער איז אַרײַן אין רעדאַקציע אַ יונגערמאַן מיט אַ ציגן־בערדל און מיט קרום זיצנדיקע פענסנע אויף אַ לאַנגער נאָז. ער האָט גערעדט אַ ביסל שנעלער ווי געוויינלעך און האָט אָפט מאָל געברויכט טשיקאַווע־קלינגענדיקע ווערטער. קוגעל האָט אים באַגריסט אויף זײַן געוויינלעכן שטייגער, איבערטריבן פרײַנדלעך, אַזוי ווי ער וואָלט נאָר געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער פרייט זיך. דער אמת אָבער איז געווען, אַז ער האָט זיך יאָ געפרייט, נאָר ער האָט דאָס ניט געוואָלט אַרויסווײַזן.

— אאַ־אַ־אָ! ווי גייטס, אַנאַטאָלי וואַסיליעוויטש? האָט קוגעל אויסגעשריען. — נאָר וואָס אָנגעקומען? פון קיעוו? פון דער שווייץ? זײַט באַקאַנט, — האָט ער זיך געווענדט צו מיר. — דאָס איז לונאַטשאַרסקי, אונזער טעאַטער־קאָרעספּאָנדענט פון קיעוו.

לונאַטשאַרסקי האָט אָנגעהויבן עפּעס צו שושקען צו קוגעלן, אַז איך זאָל ניט הערן. קוגעל האָט אים געענטפערט הויך אויפן קול:

— איר ווילט געלט? די געשעפטן גייען שלעכט, דער זשורנאַל ברענגט נאָר דעפיציט. אַ פינפערל קאָן איך אײַך געבן, ניט מער. און שרײַבט מיר עפּעס אָן פאַר דעם. רעדט זיך דורך מיט דימאָוון. אַדיע.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן מײַן באַקאַנטשאַפט מיט דעם צוקונפטיקן באָלשעוויסטישן קאָמיסאַר פון פאָלקס־בילדונג, לונאַטשאַרסקי. מיר האָבן שוין דעמאָלט געוואוסט, אַז ער באַשעפטיקט זיך מיט פּאָליטיק; אָבער ווי ווײַט זײַן טעטיקייט איז געגאַנגען האָבן מיר ניט געהאַלטן פאַר פּאַסיק צו פרעגן אים. חוץ דער געהיימער טעטיקייט זײַנער, איז ער אויך געווען פאַרנומען מיט ליטעראַטור. ער איז געווען אַ געבילדעטער מאַן, האָט געקענט שפּראַכן, האָט אַ סך געלייענט און עס איז געווען אַ פאַרגעניגן צו פאַרברענגען אַן אָוונט אין זײַן געזעלשאַפט. טעאַטער איז געווען זײַן שוואַכקייט. טעאָרעטיש האָט ער זייער גוט געקענט די בינע; אָבער שאַפן פאַר דער בינע האָט ער, נעבעך, ניט געקאָנט. ער האָט אונז פאָרגעלייענט זײַן פּיעסע „בראַדאָברעי קאָראָליאַ" (דעם קעניגס באַרבער). געלייענט האָט ער גוט, מיט ריכטיקע און אַפילו אַקטיאָרישע אינטאָנאַציעס. די אידעע פון דער דראַמע איז געווען, אַז ניט דער קעניג, נאָר זײַן „באַרבער" איז דער אמתער הערשער פון לאַנד... און איינמאָל ווערט דער „באַרבער" בייז, שנײַדט איבער דעם קעניג זײַן האַלדז און פאַרכאַפּט די מאַכט. נאָכן לייענען האָבן זיך אָנגעהויבן דיסקוסיעס. קיין דערפאָלג האָט לונאַטשאַרסקי יענעם אָוונט בײַ אונז ניט געהאַט; אָבער ער האָט ניט פאַרלאָרן דעם מוט און איז ווײַטער אָנגעגאַנגען מיט זײַן „שאַפן". שיין איז געווען אין אים דאָס, וואָס ער האָט געקאָנט זײַן ענטוזיאַסטיש וועגן שאַפונגען פון אַנדערע, און עס האָט אים געפרייט, ווען ער האָט געקאָנט שרײַבן און ריידן וועגן דעם. דאָס האָט אים געשאַפן פרײַנד, וואָס זענען געווען גרייט אים צו העלפן. און ער האָט זיך טאַקע געניצט אין דעם.

איינמאָל איז אַרײַנגעקומען אין רעדאַקציע אַ מאַן, גוט געקליידט, מיט שאַרפע אומרואיקע אויגן. אַ מין ביטערקייט און אומצופרידנקייט איז געווען אין דעם אויסדרוק פון זײַן פּנים. ער האָט געהאַט אַ קליין שפּיצ־יק בערדל און קליינע וואָנצעס. דערזעענדיק אים, האָט קוגעל אומצופרידן געפרעגט:

— קומסט פון מאָסקווע?

— יאָ. איך בין געקומען דיך זען. וואָס מאַכט זינאַידאַ? (כאָלמס־קאָיאַ, קוגעלס ווײַב).

אים איז געווען שווער אַרויסצורעדן ריכטיק דעם קלאַנג „ר״. עס איז בײַ אים אַרויסגעקומען ווי „כר״, און דאָס האָט דײַטלעך אַרויסגעגעבן זײַן יידישע אָפּשטאַמונג. ער איז געווען פֿון אָדעס, דוכט זיך, אַ רבס אַ זון. זײַן נאָמען איז געווען גורלאַנד. ער האָט זיך גע־שמדט, באַקומען אַ פּראָפעסאָר־שטעלע, געשריבן אין צײַטונגען און זשורנאַלן, און געווען אויפן וועג צו מאַכן אַ גרויסע קאַריערע. זײַן פּסעוודאָנים איז געווען „אַרסעני ג׳״, אָדער „אַרסעני גוריעוו״. אין די ליטעראַרישע קרײַזן האָט מען אים פֿײַנט געהאַט, ווײַל גע־שריבן האָט ער, דער אָדעסער ייִד, אין איין טאָן מיט אַלע רע־אַקציאָנערע פֿינצטער־געשטימטע שרײַבער.

גורלאַנד איז אויך געווען איינער פֿון די סאַמע וויכטיקסטע מיטאַרבעטער פֿון דער שוואַרץ־רעאַקציאָנערער צײַטשריפֿט „רוס־קאָיע גאָסודאַרסטוואָ (רוסישע מלוכה), וואָס איז סובסידירט געוואָרן פֿון דער רעגירונג. מען האָט שטאַרק געזידלט דעם משומד אין אַלע פּראָגרעסיווע צײַטונגען. פּעליעטאָניסטן האָבן בייז אָפּגעחוזקט פֿון אים, גערופֿן אים „קאַזיאָנער עסער״. אים האָט עס ניט געאַרט. קוגעל האָט אים געקענט נאָך פֿון דער צײַט, ווען זיי ביידע זענען געווען סטודענטן אין פּעטערבורגער אוניווערסיטעט. דעמאָלט איז גורלאַנד געווען גאָר אַן אַנדערער.

— הער זיך צו, — האָט קוגעל איינמאָל געזאָגט צו גורלאַנדן.
— מיר זענען אַמאָל געווען פֿרײַנד. טו מיר אַ טובה, אויב דו ווילסט שוין יאָ אַמאָל אַרײַנכאַפּן זיך צו מיר: טו דאָס אין אָוונט, מענטשן זאָלן ניט זען, ווי דו קומסט אין מײַן רעדאַקציע.

צו מיר האָט קוגעל געזאָגט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אַנטשולדיקן:

— געוויס איז גורלאַנד אַ גרויסער טויגעניכטס; אָבער ער האָט אויך אַ קלוגן קאָפּ אויף זיך. חוץ דעם, ווייסט ער וועגן אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין די העכערע קרײַזן, און דאָס איז וויכטיק פֿאַר אַ זשורנאַליסט. אָבער איר קאָנט אים איגנאָרירן, אויב איר ווילט.

איך האָב פאַרגעסן צו דערמאָנען, אַז אַ חוץ וואָס קוגעל האָט אַרויסגעגעבן זײַן טעאַטער־זשורנאַל, וועלכער האָט אים געבראַכט ווייניק פּראָפיטן, איז ער אויך געווען אַ פּאָליטישער שרײַבער — ווי ווײַט עס איז געווען מעגלעך צו שרײַבן וועגן פּאָליטיק. איך דערמאָן זיך אַ געשפּרעך, וואָס קוגעל האָט געהאַט מיט גורלאַנדן. די טעמע איז געווען, פאַרשטייט זיך, די צוקונפטיקע רוסישע רע־וואָלוציע.

— רוסלאַנד — האָט קוגעל געזאָגט — דערמאָנט מיר אָן אַ גרויסן, דיקן לאַבן ברויט. פון אויבן איז דאָס שטיק ברויט אָנגע־שמירט גאַנץ דיק מיט פּוטער — קוים וואָס מען קאָן דאָס דער־שמעקן. דאָס זענען מיר, די אינטעליגענץ. ווען דאָס שטיק ברויט וועט זיך אַ ריר טאָן און אַרונטערפאַלן און, נאַטירלעך, מיטן פּוטער אַראָפּ — וואָס וועט דעמאָלט ווערן פון אונז? מיר זענען די ערשטע, וואָס וועלן אָפּגעווישט ווערן.

— ריכטיק — האָט גורלאַנד געענטפערט: — טאָ טשעפּעט ניט דאָס ברויט. לאָזט עס רואיק ליגן אין דער איזבאָ (פּויערשע הײַזל), קריכט ניט צו אים.

און פּלוצים האָט גורלאַנד זיך אויסגעדרייט צו מיר:

— אָט דער יונגערמאַן איז דאָך איבערצײַגט, אַז ווען ער באַ־זײַטיקט פון גאָס דעם גאָראָדאָוואָי (פּאָליסמאַן), וועט אַלצדינג אין איין מאָמענט ווערן גוט. דער גאָראָדאָוואָי, מײַן יונגער פרײַנד, מוז שטיין אויף דעם ראָג פון גאָס, אָניט, וועט דער ערשטער כוליגאַן אַרונטעררײַסן פון אײַער קאָפּ דאָס היטל. איר קענט רופן דעם צאַר, אָנשטאָט „מאַיעסטעט”, גאָראָדאָוואָי, אויב איר ווילט. אָבער לאָזט אים שטיין אויף דער גאָס און האַלטן אָרדענונג. רוסלאַנד אָן אָר־דענונג מיינט טעראָר.

(באַמערקונג: ווען דער „גאָראָדאָוואָי” איז באַזײַטיקט געוואָרן, און די מאַכט איז אַריבערגעגאַנגען צו לענינען, איז גורלאַנד געווען איינער פון די ערשטע, וועמען די באָלשעוויקעס האָבן דערשאָסן. צו דער צײַט איז ער שוין געווען אַ וואַזשנע פּערזאָן בײַ דער רע־גירונג, אַ ראַטגעבער פון צאַרישן מיניסטער שטורמער).

איין מאָל האָט קוגעל געזאָגט צו מיר:

— איך האָב באַקומען אַ בריוו פון ווײַנבערגן. ער באַקלאָגט זיך אויף עפּעס. ער וואוינט ניט ווײַט פון דאַנען. זעט זיך מיט אים און געפינט אויס, וואָס ער וויל. דאָס איז פּאַוועל ווײַנבערג, דער לץ.

— פּאַוועל ווײַנבערג? זיין נאָמען האָט געהאַט אַ באַזונדערן אָפּקלאַנג, איבערהויפּט צווישן יידן, ווײַל ער איז געווען דער מחבר פון אַ גרויסער צאָל נאַרישע, באַליידיגענדע, בייזע און אָפּטמאָל שמוציקע וויצן, וועלכע מען האָט פאַרשפּרייט אין רוסלאַנד. אין דער צײַט, וועלכע איך באַשרײַב דאָ, זענען די דאָזיקע וויצן און אַנעקדאָטן שוין געוואָרן אַלט, פאַרלאָרן זייער פּאָסקודנע „שאַרפ־קייט". נאָך פריער, ווען פּאַוועל ווײַנבערג איז געווען יונג, האָבן זײַנע „שאַפונגען" געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. ווײַנבערג האָט זיי דערציילט פון עסטראַדע און די שכורע אָפיצערן מיט זייערע דאַמען האָבן אַנגעקוואָלן.

ווײַנבערגס יעדער אַנעקדאָט האָט פאַרגעשטעלט דעם יידן אין אַ שלעכטן ליכט: ער איז פאַלש, ער האָט מורא פאַר אַ קאָזאַק, ער אַנטלויפט פון מיליטער־דינסט, ער האָט ליב געלט, ער קויפט אונ־טער די פּאָליציי און ווי נאַר וואָס — שמדט ער זיך . . .

מעגלעך, אַז אומבאַוואוסטערהייט האָט ווײַנבערג אין זײַנע „שאַפונגען" אָפּגעשפּיגלט זײַן אייגענע נשמה. ער אַליין איז געווען אַ געשמדטער ייד און ער האָט זיך וויניק געזאָרגט וועגן מאָראַל און מענטשלעכער ווערדע. אין דער יוגנט האָט ער געחלומט צו ווערן אַ שוישפּילער. קיין טעאַטער־טאַלאַנט האָט ער אָבער ניט געהאַט. האָט ער ביסלעכווייז זיך גענומען צו דערציילן „יידישע אַנעקדאָטן"", אַפּלאַכן פון יידן איז שטענדיק געווען אַ דאַנקבאַרע פּראָפעסיע. און דאָ איז נאָך די צײַט געווען גינסטיק פאַר אַזאַ טעטיקייט: מען האָט אַוועקגענומען בײַ יידן זייערע בירגערלעכע רעכט, מען האָט זיי געהאַלטן אין אַ „געטאָ", אין דער „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי", און די יידן אַליין האָבן דאָך ניט געקאָנט ענטפערן אויפן חוזק און באַליי־דיקונגען, זיי האָבן געמוזט שווײַגן, טאָ ווי אַזוי נוצט מען ניט אויס די געלעגנהייט? מען איז געלאָפן אין דעם זומער־טעאַטער: וואָס פאַר אַ נײַעם יידישן וויץ וועט הײַנט עפּעס דערציילן פּאַוולושקאַ ווײַנ־בערג? די אַדעסער יידישע סטודענטן איז איינמאָל געלונגען אָפּצו־

שנײַדן בײַ דעם „קינסטלער" די עקן פון זײַן עלעגאַנטן פּראַק פּונקט אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט געדאַרפט אויפטרעטן פאַרן פּוב־ליקום. ווײַנבערג האָט עס נישט באַמערקט. מען האָט זייער שטאַרק געלאַכט, יאָ, אָבער דאָס מאָל נישט פון די וויצן, נאָר פון דעם לץ אַליין.

פּאַוועל ווײַנבערג, דער געשמדטער ייד, דער בייזער פּאַיאַץ, איז אײַנגעלאַדן געוואָרן צום צאַר אַלעקסאַנדער דעם דריטן, אין זײַן פּאַלאַץ אין ליוואַדיע, אין קרים. דער זעלבסטהערשער פון רוס־לאַנד, דער געשוואָרענער פֿאַרערער פֿון שליוואָוויץ, האָט מיט זײַן גראָבן מוזשיצקן חוש געפֿונען, אַז פּאַוולושקאַ איז אַ גרויסער קינסטלער. פון דעם מאָמענט אָן איז פּאַוולושקאַ געוואָרן שוין „פּאַ־וועל איסאַיעוויטש" — ווײַל זײַן פּאָטער האָט געהייסן ישעיה. ווײַנבערג איז געוואָרן אַ פיגור. איצט פלעגט ער אויפטרעטן שוין ניט אויף די שאָקלדיקע ברעטער פון אַ טיראַספּאָלער אָדער קרע־מענטשוגער זומער־טעאַטער, נאָר טאַקע אויף רוסלאַנדס ערשטער בינע, אין קייזערלעכן אַלעקסאַנדער טעאַטער. דאָס האָט ער געטאָן צווישן די אַקטן, אָדער נאָך דער פאָרשטעלונג, און דער קייזער־לעכער טעאַטער האָט געקראַכט פון געלעכטער. גיי לאַך ניט, אַז דער צאַר אַליין „האָט געהייסן פריילעך זײַן".

דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז פּאַוועל ווײַנבערג זאָל האָבן אַ ברודער, פּיאָטר ווײַנבערג, וואָס איז געווען אַ הויך־געבילדעטער, אַ באמת קולטורעלער מענטש, אַ באַגאַבטער שרײַבער, דיכטער און איבערזעצער. פּיאָטר איז געווען אַ פולשטענדיקער קאָנטראַסט צו זײַן ברודער דעם לץ. ער איז געווען באַפרײַנדעט מיט די גרויסע רוסישע שריפטשטעלער טורגעניעוו און דאָסטאָיעווסקי. ער איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן באַקאַנט געמאַכט דעם רוסישן עולם מיט דעם שאַפן פון דעם גרעניאַלן דײַטש־יידישן דיכ־טער היינריך היינע. פּיאָטר ווײַנבערג איז געווען שטאָלץ מיט זײַן אַרבעט און האָט זיך אונטערגעשריבן אָפט: „היינע פון טאַמבאָוו". די ליטעראַרישע קרײַזן, די בעסטע רוסישע שרײַבער האָבן הויך געשעצט פּיאָטר ווײַנבערגן און מען האָט אים אויסגעוויילט צו זײַן דער פּרעזידענט פון דער רוסישער „ליטעראַרישער געזעלשאַפט".

אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ שיינער לאַנגער יידישער באָרד, מיט אַ בכבודיקן פּליך, שטענדיק פאַרנעם, ווירדיג, פריַינדלעך אין זײַנע מאַנירען, איז ער געווען אַן עכטער, טיפּישער רוסישער „פּראָגרע־סיווער שרײַבער". צוזאַמען מיט אַנדערע רוסישע שריפטשטעלער, ווי קאָראָלענקאָ (פּאָטאַפּענקאָ, באַראַנצעוויטש, פּלעגט ווײַנבערג אויפטרעטן אויף סטודענטישע קאָנצערטן, פאָרלייענען זײַן ליד „צום ים". דער דערפאָלג איז שטענדיק געווען אַ געזיכערטער, ווײַל יעדער איינער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער ים איז ניט געווען גלאַט ים; עס איז געווען די פרײַהייט; און די כוואַליעס, וואָס האָבן אַזוי מעכטיק געשלאָגן אין ברעג, דאָס איז דאָך געווען די רעוואָלוציע אַליין.

זײַן יינגערער ברודער, דער דערציילער פון אַנטיסעמיטישע וויצן, איז געווען אַ ברענענדע וואונד אין זײַן אַלטן, אייביק־יונגן, אייביק־ענטוזיאַסטישן האַרצן. פאַר אים איז „פּאָוולושקאַ" געווען טויט. אָבער טויט איז ער אויך איצט געווען פאַר דעם ברייטן עולם. יאָרן־לאַנג האָט מען שוין גאַרנישט געהערט פון געוועזענעם ליב־לינג פון דעם פאַרשטאָרבענעם אַלעקסאַנדער דעם דריטן.

און צו אַט דעם פּאַוועל ווײַנבערג האָט קוגעל איצט מיך געשיקט.

איך בין אַרײַן אין זייער אַ באַשיידענער וואוינונג אויף דער רײַכער מיכאַילאָווסקאַיאַ גאַס, אין צווייטן הויף. אויף מײַן קלונג האָט זיך באַוויזן אַ בלאָנדע פרוי, מיט אַן אויסגעמאַטערטן און נאָך יונגן פּנים.

— גייט אַרײַן אין צווייטן צימער — האָט זי צו מיר געזאָגט.

אין צווייטן צימער איז געווען טונקעלער. אַ ביליקער טיש איז געשטאַנען לעבן פענצטער, אַ פּאָר בענקלעך, אַ בעט לעבן דער וואַנט. אויפן בעט איז געלעגן אַ מאַן, אַנגעטאָן אין אַ טונקל־בלויען שלאָפראָק, און האָט עפּעס געערעדט צו מיר. עס איז געווען אין רוסיש, — יאָ, אָבער איך האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין קיין איין וואָרט. איך בין צוגעקומען נעענטער. דער מאַן האָט געקוקט אויף מיר מיט גרויסע בלויע אויגן, וואָס האָבן גאַרנישט אויסגעדריקט. זײַנע האָר זענען געווען בלאָנד־גרוי, דער פּנים — אַ ניט־געזונטער,

אַזוי ווי געמאַכט פון פּרעס־פּאַפּיר. איין זײַט פון פּנים איז געווען ניט ענלעך צו דער צווייטער. קענטיק, אַז ער האָט זיך שוין עטלעכע טעג ניט געגאָלט, אַ גרויע שטשעטשינע איז געווען אויף זײַנע באַקן. ענדלעך האָב איך פֿאַרשטאַנען וואָס ער האָט גערעדט מיט זײַן האַלב־פּאַראַליזירטן מויל:

— זעצט זיך. וואָס מאַכט קוגעל?...

פּאַוועל ווײַנבערג איז געווען פּאַראַליזירט ניט אינגאַנצן, איין העלפט פון זײַן גוף איז געווען טויט. ער איז געלעגן אין בעט שוין אַ סך יאָרן. איין האַנט און איין פוס זענען געווען בײַ אים ווי אָפּ־געשטאָרבן, אָבער רעדן האָט ער געקאָנט, כאָטש זייער ניט קלאָר. ביסלעכווייז האָב איך זיך צוגעוואוינט צו זיין „מרוקען" און אָנגע־פאַנגען צו פאַרשטיין זײַן לשון. שרעקלעך זענען געווען די טענער, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון זײַן מויל. זיי זענען געווען ווי בײַ אַ מענטשן, וואָס וויל שרײַען פון שלאָף און קאָן זיך ניט אויפכאַפּן און קאָן זיך ניט אויסשרײַען. ער געפינט זיך צווישן צוויי וועלטן, אַ האַלבער געשפּענסט, אַ האַלב־לעבעדיקער מענטש. ער איז ניט דאָרטן און ניט דאָ, ער איז אין ערגעץ ניט, ער שרעקט מענטשן און שרעקט זיך אַליין.

וואָס האָט ער אייגנטלעך געוואָלט? ער האָט געוואָלט, אַז קוגעל זאָל אָפּדרוקן אַן אויפרוף צו דער טעאַטער־פּראָפעסיע, מען זאָל אים העלפן. עס איז אים שלעכט, — האָט ער געקלאָגט, — עס איז אים זייער שלעכט, און ווען ניט זײַן פרוי, דער גוטער מלאך, וואָלט ער...

ער האָט אָנגעהויבן וויינען. זײַן ווײַב האָט זיך באַוויזן אין דער טיר און גענומען אים טרייסטן: באַלד וועט זײַן בעסער, מען וועט צושיקן געלט פון קיעוו, זיי וועלן אָוועקפאָרן אויף קאַווקאַז, וואו ער וועט געזונט ווערן. ער האָט געשאָקלט צושטימענדיק מיטן קאָפּ.

— 'אָט 'אײַ צו־שיק, — האָט ער אַרויסגערעדט, און דאָס האָט געמיינט: „גאָט האָט אײַך צוגעשיקט".

איך האָב געוואוסט, אַז קוגעל וועט קיין בריוו פון ווײַנבערגן אָודאי ניט דרוקן. גאַנץ פאַרזיכטיק האָב איך דערמאָנט דעם נאָמען פון זײַן עלטערן ברודער, פּיאָטר. אפשר קאָן ער העלפן?

דער קראַנקער האָט אָנגעפאַנגען זיך וואָרפן אויפן בעט.

— מײַן ברודער וויל גאָרנישט הערן פֿון מיר. ער האָט מיר נישט געענטפֿערט אויף מײַנע בריוו. ער האָט נישט געוואָלט זען מײַן ווײַב, ווען זי איז געקומען צו אים. וואָס פֿאַר אַ ברודער איז ער מיר?

איך האָב געשוויגן. און טאַקע, וואָס פֿאַר אַ ברודער איז געווען דער מענטש, וועלכער האָט אַזוי גראָב אָפּגעלאָכט פֿון זײַן פֿאָלק, זײַן אָפּשטאַמונג, זײַן רעליגיע, צו דעם הויך־קולטורעלן פֿאַרזיצער פֿון דער „ליטעראַרישער געזעלשאַפֿט"?

— יאָ, פֿאַר דער וועלט זעט ער אויס צו זײַן איידל און גוט, נאָר ניט פֿאַר מיר. ער האָט מיך פֿײַנט. איך בין ניט גוט, איך טויג ניט... זאָג איך דען, אַז איך בין יאָ גוט? איך בין פּ. ווײַנבערג און ער איז פּ. ווײַנבערג; איך בין אַ פֿאַרך און אויך ער איז אַ פֿאַרך — ביידע אויף „פּ".

אַזוי האָט ער טאַקע אויסגערעדט דאָס גראָבע יידישע וואָרט. דאָ האָט ער זיך שוין דערמאָנט, אַז ער איז געווען אַ ייד...

איך האָב זיך אויפגעהויבן.

— איר גייט שוין? האָט דער פּאַראַליזירטער לײַך אַרויסגערעדט מיט זײַן שווערער אײַזערנער צונג. — אפשר וועט איר נאָך פֿאַרבלײַבן און אויסטרינקען אַ גלעזעלע טיי מיט אונז? קיינער קומט דאָך ניט צו מיר. אַלע האָבן מיך פֿאַרגעסן...

ער האָט געהאַלטן מײַן האַנט און מיך ניט געלאָזט גיין. און פּלוצלינג איז די העלפֿט פֿון זײַן פּנים געוואָרן באַלעבט פֿון אַן אינערלעך לײַדן. די צווייטע העלפֿט אָבער איז געבליבן טויט, ווי אַ צוקנייטשטע מאַסקע. די גרויע אויסדריקלאָזע אויגן זענען גע־וואָרן וואָסערדיק, די צונג האָט געקעמפֿט מיט דעם אײַזערנעם גע־וויכט פֿון ווערטער, און מיט גרויס מי, מיט קאָנוווּלסיוון אימפּעט האָט ער אַרויסגעשטופּט פֿון זיך:

— דאָס האָט מיך גאָט געשטראָפֿט דערפֿאַר, וואָס איך האָב חוזק געמאַכט פֿון יידן.

האָט דער אַמאָליקער צענפֿאַך לײַכטזיניקער „פּאַוולושקאַ" דאָס טאַקע געמיינט? אָדער האָט ער גערעדט אַזוי נאָר דערפֿאַר, וואָס ער האָט געהאָפֿט מיט דעם צו געווינען עפּעס בײַם יידישן גאָט,

אויסבעטן בײַ אים אַ ביסל געזונט, אַ ביסל געלט? אָדער האָט ער דאָס געוואָלט טאָן אַ מין געפעליקייט צום יונגן גאַסט, וואָס האָט זיך פּלוצים אַרײַנגעריסן אין זײַן איינזאַם לעבן? זיכער וואָלט ער אַליין ניט געקאָנט ענטפערן אויף דעם. נאָך ביז הײַנט צו טאָג געדענק איך — דעם טונקעלן צימער אין צווייטן הויף אויף מיכאַילאָווסקאַיאַ גאַס, דעם גרויען פֿענצטער און דעם לעבעדיקן מת, וואָס רעדט אויס מיט זײַן פּאַראַליזירטער צונג די הונדערט פּוד שווערע ווערטער:

— גאָט האָט מיך געשטראָפט דערפאַר, וואָס איך האָב חוזק געמאַכט פון יידן.

קאַפּיטל פינף.

אַרום דער צײַט האָב איך באַקומען פון גראָדנע דעם פאָל־גענדן בריוו:

„דאָס שרײַבט צו אײַך די זעלבע מיידל, וואָס האָט אײַך אַרומ־געפירט איבער די גאַסן פון גראָדנע נאָך דער שרפה. געדענקט איר, ווי מיר ביידע זענען געזעסן אויף אַ שטיין לעבן דער אָפּגעברענטער שול און ווי מיר האָבן געקוקט אויף די שטיקלעך פאַרמעט פון דער האַלב־פאַרניכטעטער ספר־תורה? איך האָב אײַך נאָך געבעטן אָנשרײַבן וועגן דעם עפּעס, און איר האָט מיר גאָר ניט געענט־פערט אויף דעם און זײַט געוואָרן זייער טרויעריק. אפשר וועט איר אַמאָל באַשרײַבן וואָס איך האָב אײַך געוויזן, ווען איך דעמאָלט זײַן שטאָלץ.

„איצט האָב איך צו אײַך אַן אַנדער בקשה און איך האָף, אַז איר וועט מיר אין דעם ניט אָפּזאָגן. מיט עטלעכע מאָנאַטן צוריק האָב איך געענדיקט די גימנאַזיע און איך וויל פאָרן קיין פּעטער־בורג אויף די העכערע פּרויען־קורסן. די נויטיקע מיטלען פאַר דעם האָב איך, ווײַל מיר זענען ניט אָרעם. אָבער קיין רעכט צו וואוינען אין פּעטערבורג האָב איך ניט, און אָן דעם קאָן איך ניט ווערן קיין סטודענטקע. האָב איך באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו אײַך און בעטן אײַך, אַז איר זאָלט חתונה האָבן מיט מיר..."

אויף דעם פלאַץ האָב איך זיך אָפּגעשטעלט. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך האָב ניט ריכטיק דורכגעלייענט די לעצטע שורה.

— וואָס איז געשען? — האָט מײַן פּעטער יאַשאַ זיך אָפּגערופן.

— האָסט באַקומען אַ גוטע נײַס, זעט אויס!

ער איז געזעסן בײַ זײַן טישל און האָט עפּעס געלייענט.

— יאָ, זייער אַ גוטע נײַס, — האָב איך געענטפערט און האַס־טיק ווײַטער געלייענט:

„...פאַרשטייט זיך, אַז דאָס וועט ניט זײַן קיין אמתע חתונה, נאָר אַ פיקטיווע, נאָר אויפן פאַפיר. עס וועט זײַן ניט מער ווי אַ פוסטע פאָרמאַליטעט, וועלכע מיר ביידע וועלן דאַרפן דורכמאַכן. אַלס געזעצלעכע ווײַב פון אַ פעטערבורגער סטודענט, באַקום איך באַלד דאָס רעכט צו וואוינען אין פעטערבורג און איך קאָן אָנגיין מיטן לערנען זיך, און דאָס איז די הויפטזאַך. מיר וועלן וואוינען אין פאַרשיידענע וואוינונגען. אויב אָבער דאָס וועט זײַן אומ־מעגלעך, קאָנען מיר וואוינען צוזאַמען אין פאַרשיידענע צימערן. פאַרשטייט זיך, אַז אַלע אויסגאַבן פון דער צערעמאָניע וועל איך נעמען אויף זיך און איר האָט מיט דעם גאָרנישט צו טאָן. איך האָב אויף אײַך קיין שום רעכט נישט, פונקט ווי איר האָט קיין שום רעכט נישט אויף מיר. און איר דאַרפט ניט קיין מורא האָבן, אַז איך וועל ווי עס איז אויסנוצן דאָס פאַפירל, וואָס איר וועט מיר געבן. ווי נאָר איר וועט עס דאַרפן האָבן, וועלן מיר זיך באַלד גטן, וואָס איז בײַ יידן, אַ דאַנק גאָט, זייער לײַכט. אָבער איך האָף, אַז עס וועט צו דעם ניט קומען און מיר וועלן פאַרבלײַבן פאַפירענע מאַן און ווײַב, ביז איך וועל פאַרענדיקן מײַן שטודירן. און פאַר אײַך איז סײַ־ווי נאָך צו־פרי חתונה צו האָבן. איר זײַט צו ראָמאַנטיש פאַר דעם, מײַן פרײַנד. איך געדענק, ווי איר האָט געהאַלטן מײַן האַנט די גאַנצע צײַט, ווען מיר זענען געזעסן בײַ דער צעריסענער ספר־תורה און אַ פייגעלע האָט געצוויטשערט אַרום אונז, און אַלץ איז געווען אַזוי שטיל. איר האָט אָנגעוויזן אויף דאָס פרישע גראָז, וואָס איז אויסגעוואַקסן פון אונטער דעם פאַרמעט, און געזאָגט, אַז גאָטס וואָרט שטערט דעם גראָז צו וואַקסן. איר האָט דאָס ניט געדאַרפט זאָגן, ווײַל דאָס קלינגט ווי אַ מין באַליידיקונג פאַר דער ספר־תורה. אָבער מיר וועלן נאָך רעדן וועגן דעם, ווען מיר וועלן זיך זען אין פעטערבורג.

„איך האָף, אַז איר וועט מיר לאָזן וויסן וואָס גיכער, ווײַל עס איז אַ שאָד די צײַט און מען דאַרף אַלץ צוגרייטן.

„אײַער פרײַנד,

פאַניאַ קליינמאַן.״

— וואונדערבאַרע נײַס! — האָב איך אויסגעשריגן: — איך גיי חתונה האָבן! —

יאַשאַ האָט אָפּגערוקט פֿון זיך דעם בוך, אויפֿגעהויבן זײַן קלוגן האָרלאָזן קאָפּ און גאָר פּאַרזיכטיק געפֿרעגט, אַזוי ווי מען פֿרעגט אַ שווערן חולה, ווי ער פֿילט זיך:

— וואָס גייסטו האָבן?

איך האָב אים דערציילט פֿון דעם בריוו און ער האָט אָנגעהויבן פֿרעגן פֿראַגן קשיות, וואָס האָבן גאָרניט געהאַט קיין שייכות צו דער זאַך: איז פּאַניאַ קליינמאַן אַ שיין מיידל? ווי לאַנג קען איך זי? האָב איך טאַקע געהאַלטן איר האַנט, ווען דאָס פֿייגעלע האָט גע־צוויטשערט? און אַ חוץ האַלטן די האַנט, צי האָב איך איר אַמאָל אַ קוש געטאָן אויך?

— אָבער, יאַשאַ, וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט דעם? די חתונה וועט דאָך זײַן אַ פֿיקטיווע, ניט קיין אמתע.

יאָ, יאָ, איך פֿאַרשטיי, — באַבושקאַ! וואַרף אַלצדינג אַוועק און לויף שוין אַהער! אונזער אָסיפּ וויל חתונה האָבן!

מײַן גוטע באָבע איז אַרײַנגעלאָפֿן אין צימער אַ צוטומלטע, אַ דערשראָקענע:

— וואָס פֿאַר אַ חתונה? ווער חתונה? אין דעם צימער קאָן זי ניט וואוינען. ניין, זי וועט שטערן יאַשאַן. און אין צווייטן צימער קאָן זי אויך ניט, סײַדן קויפֿן אַ דיוואַן. איך לויף שוין אַריבער צו פּאַניאַ! וואָס וועט זי זאָגן? גאָט מײַנער, חתונה גאָר!

זי האָט האַסטיק פֿאַרלאָזן די שטוב.

ווייניקער ווי אין אַ פֿערטל שעה אַרום בין איך שוין געווען אַרומגערינגלט פֿון מײַנע קרובים — די אַלטע, עלטערע, יינגערע און גאַנץ יונגע. זיי זענען געקומען צו לויפֿן, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען מײַן לויה און ניט מײַן חתונה. די מומע אידאַ האָט זיך אומ־געקערט פֿון איר „סלוזשבע" (אָפּיס־אַרבעט) און אויך גענומען אָנטייל אין דער גרויסער דיסקוסיע.

— מען לאָזט אָפּילו ניט מענטשן רואיק שטודירן, — האָט די מומע פּאַניאַ געזאָגט. — קוים וואָס אָסיפּ איז דורכגעפֿאַלן אין איין

אינסטיטוט און אין אַ צווייטן און איז אַרײַן אין אַ דריטן, שוין וואַרפט מען זיך אים אויפן האַלז.

— פּיקטיוו, בלויז אויף פּאַפּיר, — האָב איך פּראָטעסטירט.

— גאָט באַהיט, ווען יעטכען (מײַן מאַמע) זאָל זיך דערוויסן פון דעם! — האָט אָנגעפאַנגען צו יאָמערן די באַבושקאַ.

— זי דאַרף דאָס ניט וויסן, ווײַל עס איז דאָך אַ קלייניקייט, אַ פּוסטע פאָרמאַליטעט! — האָב איך ווידער דערקלערט.

— צו וואָס האָסטו געהאַלטן איר האַנט? — האָט געוואָלט בײַ מיר דערגיין לידיע, די סאַמע ייִנגסטע קוזינע. — מאַמע, צו וואָס האָט אָסיפּ געדאַרפט האַלטן די האַנט פון אַ גאָר פרעמדער מיידל, ווען ער האָט גערעדט וועגן גראָז־וואַקסן?

— ער איז דאָך אין וואַלד־אינסטיטוט, — האָט די מאַמע איר דערקלערט, — רעדט ער וועגן גראָז.

— זי וויל זיך גאַרניט לערנען, — האָט עמאַ זיך געקאָכט. — זי וויל חתונה האָבן. דו ווילסט אויך חתונה האָבן און וואוינען מיט איר צוזאַמען אין איין שטוב! האַ־האַ־האַ־האַ!

באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין פּעטערבורג איז ניט דער־לויבט צו האָבן צוויי וואוינונגען, און אויב פרײַלין קליינמאַן וועט ווערן מײַן ווײַב, — אַ פּיקטיווע, פאַרשטייט זיך, — וועלן מיר זײַן געצוואונגען צו וואוינען צוזאַמען. נו, איך האָב דאָך צוגעזאָגט דער באַבושקאַ צו וואוינען מיט איר, און צוליב דעם האָט זי דאָך גענומען אַ ספּעציעלע וואוינונג, געקויפט פאַר מיר אַ טישל, אַ בעט און אַ לאָמפּ מיט אַ גרינעם אַבאַזשור. וואָס־זשע וועט ווערן פון אָט די זאַכן?

מײַן ענטוזיאַזם צו ווערן אַ פּיקטיווער מאַן, איז געוואָרן אָפּ־געשוואַכט. זיבן פּרויען פון פאַרשיידענעם עלטער, מיט פאַרשיי־דענע שטימען, אין פאַרשיידענע שפּראַכן, אָבער מיט די זעלבע אַר־גומענטן, האָבן מיך איבערצײַגט, אַז די זאַך איז אַבסאָלוט ניט פאַר מיר.

— פרעג זיך נאָך בײַ דײַנע פרײַנד פון דעם וואַלד־אינסטיטוט. אפשר וויל אימיצער פון זיי ווערן אַ פּיקטיווער מאַן, — האָט די

מומע אידאַ מיר פֿאַרגעשלאָגן. — ווּעסטו טאָן אַ טובה אי דער מיידל אי זיך אַליין.

דאָס איז געווען אַ גוטע, אַ פּראַקטישע עצה, און איך האָב באַשלאָסן איר פֿאָלגן.

אין אָוונט בין איך געקומען צו מײַנע קאָזינס שטעמבער. דאָרט זענען געווען געסט, יונגע מוזיקער, שילער פֿון דער קאָנסערוואַטאָריע. אַ יונגער סטודענט פֿון אוניווערזיטעט, מיט בלאָנדע, גלאַט־פֿאַרקאַמטע האָר, מיט אַ לאַנגער נאָז און מיט פּענסנע, האָט מיך באַגריסט מיט אַן איראָנישן געלעכטער:

— איך גראַטוליר דיר. איך הער, אַז דו גייסט חתונה האָבן. פֿאַרגעס ניט מיך אײַנצולאַדן.

דאָס איז געווען איגאָר סטראַווינסקי, דער צוקינפֿטיקער גרויסער קאָמפּאָזיטאָר, דער פֿאַרפֿאַסער פֿון דער מוזיק אין דער באַלעט־סיויאיטע „פּעטרושקאַ". ער האָט זיך געלערנט אין פּעטערבורגער אוניווערסיטעט, אָבער גלײַכצײַטיק אויך אין דער קאָנסערוואַטאָריע בײַ רימסקי־קאָרסאַקאָוו.

מײַנע קוזינעס האָבן אָנגעפֿאַנגען צו לאַכן און איך האָב זיך געפֿילט אַזוי ווי מען וואָלט מיך געכאַפּט בײַ אַ גנבֿה.

— איך וועל שפּילן אויף דײַן חתונה, — האָט סטראַווינסקי פֿאַרשגעשלאָגן. — דו מיינסט, איך ווייס ניט ווי אַזוי צו שפּילן אויף חתונות?

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן צו דער פּיאַנאָ און אָנגעפֿאַנגען דאָ אויפֿן אָרט צו פֿאַרפֿאַסן חנעוודיקע יידישע חתונה־מאָטיוון. וואו האָט ער זיי געקאָנט הערן, אַט דער אמתער „רוסאַק", וועלכער האָט זײַן גאַנץ לעבן פֿאַרבראַכט אין אַ טיפּיש קריסטלעכער אַמאָספֿערע?

באַלד איז סטראַווינסקי געוואָרן שפּאַסיק און אָנגעפֿאַנגען צו ווײַזן אויף דער פּיאַנאָ פֿאַרשיידענע קונצן: ווי עס גייט אַ שכור אויף דער גאַס, ווי עס שפּילט אַ קאַליע געוואָרענע קאַטערינקע... זײַנע פֿינגער זענען געפֿלויגן איבער די קלאַווישן, געטאַנצט, געשפּרונגען, און איינמאָל, ווען עס האָבן אים אויסגעפֿעלט פֿינגער, האָט ער אָנגעשלאָגן דעם טאָן מיט זײַן לאַנגער נאָז. דאָס איז באַזונדערס געפֿעלן מיגען, דער שוואַכזיניקער.

פאַרענדיקט די שטיפערײַ אויף דער פּיאַנאָ, איז איגאָר ווידער געוואָרן דער גוט־דערצויגענער יונגערמאַן מיט די גוטע מאַנירן, אַ ביסל שטײַף, צוריקגעהאַלטן, אָבער אויפריכטיק און פרײַנדלעך. בײַ די שטעמבערס אין הויז האָט ער זיך געפילט היימיש. ער איז דאָך געווען אַרומגערינגלט מיט יונגע קינסטלער, וועלכע האָבן, אַזוי צו זאָגן, גערעדט זײַן לשון. ער האָט הויך געשעצט עמאָס און זשעניעס שפּילן, באַזונדערס זשעניעס, און האָט ליב געהאַט צו רעדן מיט איר וועגן מוזיק. ביידע זייער יונג, גרין יונג, פלעגן זיי זיצן בײַ דער פּיאַנאָ, שפּילן און רעדן. דער לאַנגער שוואַרצער אינס־טרומענט איז געווען דער היטער און באַשיצער פון זייער ריינער יוגנט.

אויף מאָרגן בין איך אַוועק אין מײַן וואַלד־אינסטיטוט. פאַר־נומען מיט מײַן אַרבעט אין קוגעלס זשורנאַל האָב איך זייער פאַר־נאַכלעסיקט מײַן שטודירן. ווי אַ פרעמדער האָב איך זיך דאָרט געפילט.

— וואוהין זײַט איר פאַרפאַלן געוואָרן? מען זעט דאָך אײַך גאָרנישט! — האָט מיך אָפּגעשטעלט מײַן קאָלעגע מישאַ שוואַרץ, דער זעלבער וואָס האָט מיר דער ערשטער אָנגעזאָגט, אַז איך בין אָנגענומען געוואָרן אין וואַלד־אינסטיטוט. — איר טאָרט ניט אַזוי שטאַרק איגנאָרירן דעם אינסטיטוט, יעדנפאַלס, די פּראַקטישע אַרבעטן דאַרפט איר דאָך דורכמאַכן, קומט מיט מיר!

באַלד זענען מיר געזעסן אין אַן אַנדער זאַל און אַנאַטאָמירט אַ וואָרעם. יעדער איינער פון די סטודענטן האָט געקראָגן אַ פּיר־קאַנטיקן שוואַרצן טעלער אָנגעפילט מיט וואַסער, אַ גרויסן טויטן רעגן־וואָרעם און נייטיקע אינסטרומענטן: מעסערלעך, לאַנצעטן, פּינצעטן, שערעלעך. דאָס אַנאַטאָמירן איז דורכגעפירט געוואָרן אויפן טעלער, אונטערן וואַסער. אין אָנהויב איז דאָס געווען אַ ביסל אָפּשטויסנד. נאָכדעם האָבן מיר אַלצדינג פאַרגעסן און נאָר זיך צו־געהערט צו דעם, וואָס דער פּראָפעסאָר און זײַנע אַסיסטענטן האָבן אונז געוויזן. אַפילו דער שאַרפער גערוך פון „פאָרמאַלין" איז אונז געוואָרן אָנגענעמער. ער האָט געשמעקט מיט שטילער וויסנ־שאַפטלעכער אַרבעט, מיט אויספאָרשונג, מיט יוגנט. אַ מאָדנע צו־

פרידנקייט האָט מיך אַרומגעכאַפּט. עס איז שיין אַזוי צו אַרבעטן, אַזוי צו שטודירן די נאַטור. צו וואָס יאָג איך זיך נאָך אַן אויסגעטראַכטן לעבן, נאָך כאַראַקטערן און מענטשן און סיטואַציעס, וועלכע זענען קיינמאָל ניט געווען; יאָג זיך נאָך שאָטנס און ניט נאָך רעאַליטעט? ווי גליקלעך וואָלט איך זיך געפילט, פאַרשנדיק די סודות פון דער נאַטור, ווען ניט דער אומפאַרשטענדלעכער דראַנג נאָך ליטעראַטור, נאָך קונסט, וואָס יאָגט מיך אַן — וואָס וויַטער אַלץ שטאַרקער!...

ווען מיר זענען פאַרטיק געוואָרן מיט אַנאַטאָמירן דעם וואָרעם, זענען מיר אַריַינגעגאַנגען אין סטודענטישן לעזע־צימער, אין „טשיטאַלקאַ", ווי מען האָט דאָס גערופן. קיינער, אַ חוץ די סטודענטן, האָט ניט געהאַט קיין רעכט אַריַינצוקומען אַהער. דער דירעקטאָר, דער אינספעקטאָר און די פּראָפעסאָרן האָבן שטרענג אָפּגעהיט די דאָזיקע טראַדיציע. יעדער אוניווערסיטעט אין גאַנץ רוסלאַנד האָט געהאַט אַזאַ „טשיטאַלקאַ", אַ קליינעם אינזל פון פריַיהייט. אַפילו די פּאָליציי און די אַלמעכטיקע „אָכראַנע" (פּאָליטישע געהיים־פּאָליציי) האָט ניט געוואַגט צו ברעכן דעם שטומען אָפּמאַך, וואָס האָט עקזיסטירט צווישן איר און דעם רוסישן סטודענט, דעם אייביקן רעוואָלוציאָנער, דעם „אינערלעכן שונא", ווי מען האָט דאָס געלערנט אין דער „סאָלדאַטסקער סלאָוועסנאָסט". אָבער די דאָזיקע פריַיהייט האָט ניט געקענט אַריבערגיין איבער דער שוועל פון סטודענטישן לעזע־צימער. אויף די ווענט פון דער „טשיטאַלקאַ" זענען געהאַנגען פאַרשיידענע פּאָליטישע אויפרופן, רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען און שאַרפע פּראָטעסטן קעגן דער רעגירונג, קעגן דעם צאַר אַליין; אויף די טישן זענען געווען צוואָרפן אויסלענדישע בראָשורן און פּאָליטיש־עקאָנאָמישע ביכער, וואָס זענען געווען געדרוקט אין דער שווייץ און אַריַינגעשמוגלט קיין רוסלאַנד. ווי אַזוי? ווער האָט עס געטאָן? וואָס פאַר אַ פאַרבינדונג איז געווען צווישן אונדזער „טשיטאַלקאַ" און די געהיימע קאָנספּיראַטיווע קריַיזן, וואָס האָבן צוגעגרייט די צוקונפטיקע רוסישע רעוואָלוציע? עס איז געווען קלאָר, אַז אַזאַ פאַרבינדונג האָט יאָ עקזיסטירט און איז געווען גוט אָרגאַניזירט.

— שוין צײַט איבערצוכאַפּן עפּעס, — האָט מישאַ שוואַרץ פאַרגעשלאָגן.

דער וואַלד־אינסטיטוט האָט געהאַט אַ „סטאָלאָווקע“, אַ מין קליינעם רעסטאָראַן, וואו מען האָט געקאָנט עסן זייער ביליק און אויך זייער שלעכט. אַ טעלער זופּ האָט געקאָסט דרײַ קאָפּיקעס, אַ געהאַקטע קאָטלעטקע — עלף קאָפּיקעס. אונדזערע יונגע ציינער און מאַגנס האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט.

— איך זוך אײַך, — האָט צו מיר געזאָגט גילאַנסקי, אַ קליין וואוקסיקער יידישער סטודענט, מיט געדיכטע קוטשעראַווע האָר, וואָס וואָלטן געווען גענוג פאַר דרײַ סטודענטן.

— עס איז אײַער ריי צו גיין מיט די ביכער.

— מיט וואָס פאַר אַ ביכער?

— צו זאַמלען געלט פאַר אונדזער געזעלשאַפט. איר האָט דאָך ניט קיין געלט אײַנצוצאָלן אין אינסטיטוט פאַר דעם רעכט צו לערנען זיך?

— ניין.

— און באַלד דאַרף מען דאָך שוין אײַנצאָלן. מוז מען גיין צו די רײַכע יידן און בעטן, זיי זאָלן אונדז העלפן. זײַט איר מאָרגן פרײַ? מיר וועלן גיין אין איין פּאָר, און לעווין מיט גורעוויטשן וועלן זײַן דאָס צווייטע פּאָר. איר זײַט באַקאַנט? דאָס איז פּינקוס גורעוויטש.

אַ קליין־וואוקס־קער פלינקער, גוט־אויסזעענדיקער בחור, מיט שוואַרצע פּראַנטעוואַטע וואָנצעלעך, האָט מיך פרײַנדלעך באַגריסט.

„אפשר רעדן מיט גורעוויטשן וועגן דעם פיקטיוון שידוך?“, האָב איך געטראַכט. „ער וואָלט דאָס יאָ געטאָן. ער זעט אויס צו זײַן אַ פײַנער בחור, גייט זיך אַרום אַ צופרידענער, זינגט זיך אונ־טערן נאָז און שמייכלט“.

אָבער איך האָב זיך צוריקגעהאַלטן:

„אַוועקגעבן אים אַזאַ פײַן מיידל, ווי פאַניאַ איז? פאַר וואָס קומט דאָס אים? ער מיינט דאָך אַוודאי, אַז מיט זײַנע שוואַרצע וואָנצעלעך איז ער שוין אַ גאַנצער אָפיצער!

איך האָב דערפילט עפּעס ווי אַ שטאָך אין האַרצן, ווען איך האָב געטראַכט, אַז גורעוויטש וועט אַוועקנעמען פון מיר „מײַן“ מיידל:

„ניין, ניט ער; איך וועל שוין געפינען אַן אַנדערן!"

אויף מאָרגן האָב איך זיך געטראָפן מיט גילאַנסקין און מיר האָבן זיך געלאָזט גיין צו די רײַכע יידן לויט די אַדרעסן וואָס ער האָט בײַ זיך געהאַט.

אין פּעטערבורג זענען געווען אַ סך רײַכע יידן. דאָס זענען געווען אָדער מענטשן מיט העכערער בילדונג, ווי דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן, וואָס צוליב דעם האָבן זיי באַקומען וואוינרעכט, אָדער סוחרים פֿון דער „ערשטער גילדיע", וואָס צאָלן אײַן הויכע שטײַערן און מעגן אויך דאָ וואוינען.

רײַכע, ברייטע טרעפּ, אַ וואַזשנער שווייצאַר (פּאָרטער) אונטן, און אַ נאָך וואַזשנערער לאַקעי (באַטלער) אין דער וואוינונג. ניט אַזוי גרינג איז עס געווען אָנצוקומען צו די באַלעבאַטים; אָבער אונדזער אוניפאָרם האָט אונדז אומעטום גוט געהאָלפן. עטלעכע מאָל האָבן מיר געדאַרפט דערקלערן דעם וואַזשנעם לאַקעי, וואָס אַזוינס מיט ווילן פֿון דעם „באַרין". דער לאַקעי פֿלעגט איבערלאָזן אונדז אַליין אויף אַ פּאָר מינוט און צוריקקומען מיט אַ דרײַ- אָדער פינף־רובלדיקן פּאַפּירל אין דער האַנט.

אין אַנדערע פֿלעצער האָט מען אונדז געבעטן אַרײַנגיין, און דאָס ערשטע וואָס מיר האָבן געהערט פֿון באַלעבאָס איז געווען:

— איך צאָל דאָך שוין אין...

און ער האָט דערמאָנט דעם נאָמען פֿון אַ געזעלשאַפט, צו וועלכער ער שיקט געלט. אָבער אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט דער רײַכער ייד פּאָרט אַרײַנגעשריבן זײַן נאָמען אין אונדזער בוך.

מיר האָבן אָנגעזאַמלט אַ שיינע סומע געלט, און נאָס פֿון רעגן, אָבער צופרידן, זענען מיר געגאַנגען אַהיים.

— גילאַרסקי, אפשר ווילט איר חתונה האָבן? — האָב איך פּלוצלינג געפרעגט מײַן באַגלייטער.

איך האָב אים דערציילט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. ער האָט גענומען מיך אויספרעגן ווי פּאַניע זעט אויס, צי זי איז אַ שוואַרצע אָדער אַ בלאָנדינקע, ווי גרויס איז זייער הויז אין גראָדנע און צי עס האָט חובות.

— צו וואָס דאַרפט איר דאָס אַלץ וויסן? — האָב איך זיך גע־וואונדערט. — עס איז דאָך ניט קיין אמתע חתונה, עס איז דאָך נאָר אויפן פּאַפּיר.

— איך בין צופרידן, האָט גילאַרסקי ענדלעך אַרויסגערעדט.

איך האָב געלאָזט וויסן פּאַניען, אַז איך פערזענלעך קאָן, ליידער, מיט איר ניט חתונה האָבן, נאָר אָנשטאָט מיר, וועט מיט איר חתונה האָבן מײַנער אַ חבר, ווען ענס ברייוו זי וועט מסתמא דער־האַלטן גלײַכצײַטיק מיט מײַנעם. וואָס אָנבעלאַנגט דער צוריסענער ספר־תורה, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויף דער ערד נאָך דעם גראָדנער פּײַער, וועל איך זיכער אָנשרײַבן אַ סקיצע. מיט איין וואָרט: מיר וועלן זיך אין גיכן זען. „דאָ סווידאַניאַ!" (אויף ווי־דערזען!).

אויף דעם ברייוו האָב איך קיין ענטפער ניט באַקומען. איז זי אפשר גאָר ברוגז אויף מיר? דאָס קאָן דאָך ניט זײַן: איך האָב דאָך איר אַ טובה געטאָן — צוגעשטעלט איר אַ חתן! אָבער אויך פון דעם צוגעשטעלטן חתן האָב איך זיך ניט געקאָנט עפּעס דער־וויסן. ער האָט מיך אויסגעמיטן, אַזוי ווי ער וואָלט אויך געווען ברוגז אויף מיר. אָבער דאָס קאָן דאָך אויך ניט זײַן: איך האָב דאָך אים צוגעשטעלט אַ כלה!

איינמאָל האָב איך אים געכאַפּט אין דער „טשיטאַלקאַ".

— וואָס איז מיט פּאַניען? קומט זי צו פאָרן?

צו וואָס דאַרפט איר דאָס וויסן? — האָט ער ענדלעך אומצו־פרידן אַרויסגערעדט. — איר האָט דאָך דאָס ניט געוואָלט טאָן, האָב איך עס געטאָן.

— וואָס האָט איר געטאָן?

— חתונה געהאַט מיט פּאַניען.

— ווען?

— מיט אַ מאָנאַט צוריק.

— הייסט עס, זי איז אין פּעטערבורג? איך וויל זי זען.

— איך וועל איר דאָס זאָגן.

— וואַרט אויס, גילאַרסקי! וואוהין לויפט איר? איז זי אָנגע־קומען אויף די קורסן? וואו וואוינט זי?

— זי וואוינט מיט מיר; וואו דען זאָל זי וואוינען? — האָט ער געזאָגט. — איך האָב איצט קיין צײַט ניט, אַנטשולדיקט.

איך האָב זיך געפילט אַ פאַרשעמטער, אַן איבערגעלאָזענער. עפּעס האָט מען דאָ אָפּגעטאָן הינטער מײַנע פּלייצעס, און אפשר לאַכט מען נאָך אָפּ פון מיר אויך. גיי, טו טובות מענטשן, וואָס קאָנען דאָס ניט אָפּשאַצן!

דעם אמת געזאָגט, האָב איך זיך געפילט אַ ביסל באַליידיקט. איך לויף אַרום, איך צורײַס זיך צו געפינען איר אַ פּאַסיקן פּאַפּיר־מאַן, און זי האָלט גאָרניט פאַר נייטיק מיר צו באַדאַנקען פאַר מײַן אַרבעט. אויך גילאַרסקי האָט געקאָנט זײַן צו מיר פרײַנדלעכער. נו, מילא, נישט—איז נישט.

פון צפון האָבן זיך צוגערוקט די ווײַסע נעכט, וואָס זענען ענלעך צו אַ געוויינלעכער נאַכט, נאָר מיט אַ בעלמע אויפן אויג. די ווײַסע נאַכט קוקט פון דעם נאָרדפּאָל און איר בליק דערגרייכט אַזש ביז דעם נעווסקי־פּראָספּעקט. דער כישוף, וואָס ליגט באַהאַלטן אין דער שטאָט פון צאַר פּעטער דעם גרויסן, לעבט איצט אויף. שאָטנהאַפטע סילועטן באַוועגן זיך איבער די גאַסן. עס איז שווער צו אונטערשיידן די פּנימער, ווײַל די גאַסן־לאַמטערנס זענען אַרונטערגענומען און מען פאַרלאָזט זיך אויף דעם ווײַטן, אייביק־פאַרשנייטן נאָרדפּאָל, אַז ער וועט שוין באַלײַכטן פּעטערבורג.

דער שאָטנהאַפטער סילועט פון מײַן חבר גילאַרסקי האָט מיר פאַרשטעלט דעם וועג. ער איז געווען ניט אַליין. לעבן אים איז געגאַנגען אַ יונגע פרוי אײַנגעוויקלט אין אַ ברייטער מאַנטיליע. פאַניע קליינמאַן? ניין. פאַניע איז דאָך געווען אַ סך דאַרער. מיר דרײַ האָבן געמאַכט אַן אינסטינקטיווע באַוועגונג: צוערשט—אָפּשטעלן זיך; דערנאָך—אַוועקצולויפן, אָבער צו לעצט, פאַרשעמט פון די ערשטע צוויי געדאַנקען, האָבן מיר זיך פאַרט אָפּגעשטעלט. נו, יאָ, דאָס איז טאַקע געווען זי, מײַן גראַדנער וועג־ווײַזערין און די פּאַפּיר־כּלה, וואָס איך האָב צוריקגעוויזן.

— ווי גייט עס אײַך? איך בין צופרידן אײַך צו זען. איך האָב שוין לאַנג געוואָלט אײַך זען, נאָר ער האָט מיר געזאָגט, אַז איר זײַט זייער פאַרנומען אין דער רעדאַקציע.

אַזוי האָט זי גערעדט און פאַרגעסן צוריקצונעמען איר האַנט פון מײַנער. מעגלעך, אָבער, אַז איך בין געווען דער צושטרייטערער, וואָס האָב פאַרגעסן צוריקצונעמען די האַנט; עס איז שווער צו זאָגן אין אַזאַ פאַל ווער וואָס... גילאַרסקי האָט עס זיכער באַמערקט. נו, וואָס אַזוינס האָט ער דאָ צו זאָגן, דער אָנגעשטעלטער, דער „פּאַפּירענער" מאַן? ווער פֿרעגט אים, צי איך זאָל יאָ האַלטן די האַנט פֿון מײַן גראָדנער מיידל, צי ניט האַלטן?

לערנט זי זיך אויף די קורסן? נו, געוויס לערנט זי זיך. צוליב דעם איז זי דאָך געקומען. נאָר איצט איז וואַקאַציע־צײַט, אָבער אין האַרבסט וועט זי, פֿאַרשטייט זיך, ווידער אָנהויבן לערנען, אפשר מיט אַ קלײנער פאַרשפּעטיקונג... און ווי געפעלן מיר עפּעס די ווײַסע נעכט? געפעלן יאָ? איר—ניט. עס איז איר שווער אײַנצושלאָפן, דאָס ליכט דרינגט דורך דעם פענצטער־פאָרהאַנג. אָבער אים איז גאַרנישט, ער כראָפּעט די גאַנצע נאַכט...

— ווער כראָפּעט, פאַניע?

— וואָס הייסט ווער? ער, גילאַרסקי...

— עס איז צײַט צו גיין אַהיים, — האָט דער „פּאַפּירענער", פּיקטיווער מאַן, וואָס כראָפּעט בײַנאַכט, פּלוצלינג געמאַכט זיך וויכטיק און גענומען פאַניען אונטערן אָרעם.

זי האָט מיר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, וואָס איז איצט געווען באַגאָסן מיט אַ באַזונדערן חן, און זיי זענען פאַרשוואונדן, צושמאָלצן געוואָרן צווישן אַנדערע שאָטנהאַפטע באַשעפענישן, וואָס האָבן געשוועבט איבער דעם כישופדיקן נעווסקי פּראָספּעקט...

איך האָב ניט געמאַכט קיין צען טריט, ווי אַ שאַרפער געדאַנק האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ און זיך אָפּגערופן ווי אַן עכאָ אין האַרצן:

„די גראָדנער פאַניע קלײנמאַן, איצט די פּיקטיווע פאַניע גילאַרסקי, איז דאָך שוואַנגער, אַ בלינדער קאָן דאָך דאָס זען!"

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט דער פאַנטאַסטישער, דער ענטוזיאַסטישער פּראָיעקט פון דער כשרער יידישער מיידל, וועלכע האָט געוואָלט אָפּנאַרן דעם פעטערבורגער פּריסטאַוו, האָט זיך געשפּילט מיט חופּה וקידושין און איז געווען ערנסט מיט דער

וויסנשאַפט. אַזוי האָבן זיך פאַרענדיקט כמעט אַלע פּיקטיווע „פּאַ־פּיר“־חתונות, וועלכע זענען פון צײַט צו צײַט געשלאָסן געוואָרן צוליב דעם איין און איינציקן צוועק: זיך דורכגנבענען דורך דער פאַרדאַמטער „טשערטאַ“, דורכברעכן פאַר יעדן פּרײַז, מיט אַ פאַר־צווייפלטן שפּיל דעם צאַם, וואָס האָט אַרומגערינגלט די יידישע יונגוואַרג. פאַניע קליינמאַן איז געווען ניט די ערשטע און אויך ניט די לעצטע, וואָס איז געפאַלן אויף דעם דאָזיקן געוואַגטן גע־דאַנק. סוף כל סוף האָט זי אָפּגענאַרט ניט דעם פּריסטאַוו, נאָר זיך אַליין, — אויב מען קאָן דאָס אָנרופן „אָפּגענאַרט“. אויך אַנ־דערע יידישע מיידלעך זענען אַזוי „אַרײַנגעפאַלן“ און אָנשטאָט אַ דיפּלאָם, באַקומען אַ חתן און אַ מאַן. עטלעכע אָבער זענען טאַקע געווען פאַרהייראַט נאָר אויפן פּאַפּיר, און דער „מאַן“ און די „ווײַב“ זענען ביז צום סוף פאַרבליבן פרעמד איינער דעם צווייטן.

מען האָט זיך געשושקעט נאָך וועגן אַנדערע פאָרמען פון „גנבענען די טשערטאַ אָסיעדלאָסטי“ און אַרײַנכאַפּן זיך אין פּע־טערבורג, אין מאָסקווע, אין קיעוו; אָבער יענע פאָרם איז שוין געווען אַזוי געוואַגט, אַז די יידישע מיידלעך, אײַנגעשפּאַרט אין געטאָ, האָבן דאָס אויסגענוצט נאָר זייער זעלטן, אָבער פאָרט אויסגענוצט. דאָס איז געווען: זיך שטעלן אונטער דעם שוץ פון דעם אַזוי־געררו־פענעם „געלן פּאַספּאָרט“. ווי איראָניש ביטער דאָס זאָל ניט קלינגען, אָבער דער שענדלעכער „בילעט“ האָט פאָרט געגעבן אַ מין שוץ, אַ חוזק אויף געוויסע רעכט, וועלכע די ער'לעכע יידישע מיידלעך האָבן ניט געהאַט. מען האָט מיר פאַרזיכערט, אַז אין קיעוו זענען געווען אַ פּאָר אַזעלכע פאַלן. דאָרט אָבער האָט זיך געהאַנדלט ניט וועגן האָבן די מעגלעכקייט צו לערנען זיך, נאָר וועגן נעמען אָנטייל אין דער אונטערערדישער פּאָליטישער טעטיקייט. צוויי יידישע טעראָריסטקעס האָבן ניט געהאַט קיין אַנדער מעגלעכקייט צו וואוינען אין קיעוו, ווי נאָר אונטער דער מאַסקע, אַז זיי זענען גאַסן־מיידלעך. זיי זענען געווען געצוואונגען זיך צו רעגיסטרירן בײַ דער פּאָליציי און אַ היבשע צײַט זענען זיי דורכגעגאַנגען די אַלע דערנידריקונגען, מיט וועלכע אַזאַ „פּראָפעסיע“ איז אין רוסלאַנד

געווען פאַרבונדן. אָבער זיי האָבן זיך ניט געשעמט מיט דעם. זיי האָבן דאָס געהאַלטן פאַר אַ טייל פון זייער מאַרטירער־וועג...

די דאָזיקע יידישע מיידלעך — פון פינסק, דוכט זיך — האָבן דאָך יאָ געהאַט אַן אַנדער וועג, ווי אַרײַנצוקומען אין דער פאַר־באַטענער געגנט: זיי האָבן נאָר געדאַרפט ווײַזן דעם פּריסטאַוו אַ טויף־שײַן, אַ דאָקומענט, אַז זיי האָבן אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן. אָבער דער שענדלעכער „געלער" דאָקומענט איז פאַר זיי געווען ווייניקער שאַנדע, ווי דער מיט געוואַלט אָנגעצוואונגענער טויף־שײַן.

קאַפּיטל זעקס.

איינמאָל איז צו מײַן אָנקל יאַשאַ געקומען אַ יונגער סטודענט, זייער „פּראַנטעוואַטע" אָנגעטאָן. אַזעלכע סטודענטן האָט מען אָנגערופן מיט דעם באַליידיקנדן נאָמען „בעלאָ־פּאָדקלאַדאָטשניקי" — דאָס הייסט, סטודענטן, וואָס זייער מונדיר האָט אַ ווײַסן אונטערשלאַג. פּאַרשטייט זיך, ניט אין דעם אונטערשלאַג איז געווען דער עיקר. געמיינט האָט מען מיט דעם אויסדרוק „ווײַסע אונטערשלאַגניקעס" אומגעפער דאָס פאָלגענדע: „איר, פּראַנטעוואַטע, רײַכע סטודענטן, וואָס קאָנען זיך דערלויבן אַ ווײַסן אַטלאַסענעם אונטערשלאַג, איר טראַכט ניט וועגן די לײַדן און אונטערדריקונגען פון פאָלק. איר קעמפט ניט קעגן דער צאַרישער רעגירונג און ווילט ניט העלפן אונדז, די פּראָגרעסיווע סטודענטן, מיט אַ שוואַרצן, פּראָלעטאַרישן אונטערשלאַג, אין אונדזער קאַמף קעגן דער זעלבסטהערשונג. איר הוליעט, איר טאַנצט, איר יאָגט זיך נאָך כּלות, שעמען מעגט איר זיך, „בעלאָ־פּאָדקלאַדאָטשניקעס" וואָס איר זײַט!"

לויט זײַן גאַנצן אויסזען, לויט זײַנע מאַניערן און האַלטן זיך, האָט דער גאַסט זיכער באַלאַנגט צו דער דאָזיקער ווייניק־געאַכטעטער גרופּע; אָבער צו מײַן גרויס פאַרוואונדערונג, האָט יאַשאַ אים אויפגענומען האַרציק און מיט גרויס רעספּעקט. אויך די קליינע ווײַס־האָריקע באַבושקאַ האָט געפּונען פאַר נויטיק אַרײַנצוקומען אין צימער און באַגריסן דעם יונגנמאַן אויף דײַטש. ער האָט איר אויך געענטפערט אויף דײַטש און געקושט איר האַנט, פּונקט אַזוי ווי אַ יונגער אָפיצער וואָלט דאָס געטאָן ערגעץ־וואו אויף אַן אַריסטאָקראַטישן באַל.

— אַלעקסאַנדער דאָבראָליובאָוו, — האָט ער אים פאָרגעשטעלט פאַר מיר.

דער נאָמען האָט געקלונגען דורכאויס רוסיש, קריסטלעך, ווי דאָס קאָן נאָר זײַן, און פּאָרט איז עפּעס געווען ניט־קריסטלעכעס אין זײַן אידעלן, בלײַכן און שיינעם פּנים. איך האָב זעלטן ווען געזען אַזאַ שיין פּנים, סײַדן שפּעטער, ווען איך האָב זיך באַקענט מיט דעם שרײַבער לעאָניד אַנדרעיעוו. דער יונגערמאַן האָט גע־האַט שוואַרצע דיקע האָר, שוואַרצע רונדע אויגן, וועלכע האָבן גע־קוקט גלײַך אין פּנים אַרײַן און האָבן בוכשטעבלעך היפּנאָטיזירט. דער דאָזיקער בליק זײַנער איז געווען אַזאַ פּאָדערנדיקער, אַז אָפט מאָל איז עס געווען ניט אָנגענעם צו רעדן מיט אים. זײַנע אויגן האָבן מער ווי געקוקט, זיי האָבן אַזוי ווי געמאָנט: „זאָג נאָר דעם אמת, פֿאַרשעם ניט זיך און מיך מיט זאָגן אַ ליגן". זײַנע רויטע ליפּן זענען געווען געפֿורעמט דעליקאַט און שיין, ווי בײַ אַ מיידל, אין קאָנטראַסט מיט דער אידעלער, צערטלעכער בלאַסקייט פֿון זיין פּנים־הויט. גערעדט האָט ער מיט אַ חנעוודיקן שפּראַך־דעפעקט: זײַן „ר" איז געווען ענלעך צו אַ „ל" און זײַן „ל" האָט געקלונגען ווי „או". אָבער גערעדט האָט ער לאָגיש, איבערצײַגענד און ערנסט. אַ טיפֿע ערנסטקייט איז געווען אַרום אים.

מאַכנדיק אַן אָנשטעל, אַז איך בין פֿאַרטיפֿט אין מײַנע באָ־טאַנישע ביכער, האָב איך באַהאַלטענערהייט געקוקט אויף דעם, וואָס עס טוט זיך בײַ יאַשאַס טישל.

דער יונגער סטודענט האָט אַרויסגענומען אַ בוך און עס גע־וויזן יאַשאַן. אויף דער ערשטער זײַט האָב איך דורכגעלייענט: „נאַטורא נאַטוראַטאַ".

דאָס איז געווען אַ זאַמלונג פֿון לידער, און דאַבראָליובאָוו האָט גענומען זיי לייענען פֿון בוך. זיכער זענען זיי געווען געשריבן אין רוסיש, אָבער געקלונגען האָבן זיי פֿאַר מיר כמעט ווי טערקיש: איך האָב ניט פֿאַרשטאַנען וועגן וואָס עס רעדט זיך דאָרט. דאָס הייסט, יעדעס וואָרט באַזונדער האָב איך יאָ פֿאַרשטאַנען, אָבער אַלע ווערטער צוזאַמען האָבן געקלונגען ווי אַן אומזין, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען צוזאַמענגעשטוקעוועט מיט דעם צוועק צו מאַכן חוזק.

— און דאָס אַנדערע ליד האָב איך אַרײַנגעבראַכט אַהער, — האָט דער גאַסט אַרויסגערעדט.

און צו מײַן גרעסטער ערשטוינונג האָט דאָבראָליובאָוו אין פול־שטענדיקן ערנסט אָפּגעדעקלאַמירט זײַן ליד, וואָס איז באַשטאַנען פון איין איינציקער שורה. אין רוסיש איז די שורה געווען: "אָ, זאַקראָי סוואָי בלעדניאַ נאָגי", וואָס מיינט: „אָ, פאַרדעק דײַנע בלייכע פיס".

איך האָב זיך ניט געקענט צוריקהאַלטן און אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ הויכן האַרציקן געלעכטער. יעדער איינער אויף מײַן אָרט וואָלט, דוכט מיר, זיך צולאַכט.

(קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן מאַכן פּאָפּולער אין רוסלאַנד די נײַע ליטעראַרישע שולע — דעקאַדענטן, סימבאָליסטן, — אַזוי ווי דאָס איינשורהדיקע ליד, וואָס קיינער האָט ניט פאַרשטאַנען און יעדער איינער האָט עס ציטירט. אין די ענגע ליטעראַרישע קרײַזן רעדט מען נאָך הײַנט וועגן די „בלייכע פיס" און מען שמייכלט... אָבער ניט אַ סך מענטשן ווייסן ווער דער אמתער מחבר פון דעם דאָזיקן „מײַסטערווערק" איז. אַ טייל שרײַבן עס צו דעם שוין פאַרשטאָרבענעם דיכטער וואַלערי בריוסאָוו. עס איז ניט אַזוי. בריוסאָוו, וועלכער איז דעמאָלט געווען אַ יונגער סטודענט, איז געווען דאָבראָליובאָווס אַ מיט־קעמפער, אָבער אין די דאָזיקע „פּיס" איז ער ניט שולדיק. עס איז דערפאַר שווער פעסטצושטעלן דעם אמת, ווײַל דאָבראָליובאָוו האָט אינגיכן פאַרניכטעט זײַן בוך „נאַטורא נאַטוראַטאַ". די איבערגעבליבענע עט־לעכע קאָפּיעס זענען אַ ביבליאָגראַפישע זעלטנקייט).

דאָבראָליובאָוו האָט זיך לאַנגזאַם אַרומגעקוקט. זײַן בליק איז געווען שטאַר, די שיינע טיפע אויגן זענען געוואָרן אומבאַוועגלעך. איך האָב געזען, אַז אויך מײַן פעטער יאַשאַ איז ניט צופרידן מיט מיר. דער גאַסט האָט געכאַפּט זײַן סטודענטן־היטל, וואָס האָט אַזוי געבלישטשעט, ווי זי וואָלט נאָר וואָס אַרויס פון דער קראָם.

— איך מוז שוין גיין, — האָט ער געזאָגט גאַנץ רואיק.

זײַן פּנים איז איצט געווען ענלעך צו אַ שיין־אויסגעאַרבעטע מאַסקע. ער האָט צערעמאָניעל געגעבן יאַשאַן די האַנט. דערנאָך, גאָר אומגעריכט, האָט ער זיך געווענדט צו מיר:

— ווילט איר מיך אפשר באַגלייטן?

איך בין געווען צופרידן דאָס צו טאָן, ווײַל דער גאַסט האָט מיך זייער פאַראינטערעסירט. אָבער ווען איך האָב געהאַלטן אין אָנ־טאָן מײַן מאַנטל, האָט יאַשאַ צו מיר שטילערהייט אַרויסגערעדט:

— גיי ניט, בלײַב אין דער היים.

עס איז געווען אַ קאַלטער ווינטיקער אָוונט. דאַבראַליובאָוו איז געגאַנגען האַרט לעבן מיר און האָט געהאַלטן אין אויספרעגן מיך: ווער איך בין, וואָס איך טו, און ענדלעך — וואָס איך פאַר־שטיי אין ליטעראַטור.

וואָס וויל ער אייגנטלעך פון מיר? צו וואָס שלעפּט ער מיך אין די גאַסן אין אַזאַ אומאַנגענעמען וועטער? איך בין געווען בייז אויף זיך אַליין: פאַרוואָס איך פאָלג אים און גיי ניט אַוועק?

מיר זענען שוין געווען לעבן דער ברייטער פאָנטאַנקע (אַ פעטערבורגער קאַנאַל) און זענען אַרויפגעגאַנגען אויף אַ בריק.

— לאָמיר זיך דאָ אָפּשטעלן, האָט ער פאָרגעשלאָגן.

אויף דער בריק איז געווען נאָך קעלטער און ווינטיקער. אַ מאָדנע קראַפט איז געווען אין דעם עלעגאַנטן באַגלייטער מײַנעם. איך האָב זי געפילט. עס איז געווען אוממעגלעך אים ניט צו פאָלגן. און אָט שטייען מיר בײדע אויף דער אַלטער בריק. מיר קוקן אַרונ־טער אויף דאָס שוואַרצע קאַלטע וואַסער אונטער אונדזערע פיס — אַזוי הייסט ער מיר. קיין איין מענטש איז אַרום אונז ניטאָ. דער ווינט שלאָגט אין פנים. דאַבראַליובאָוו נעמט מיך אונטערן אָרעם און האַלט מיך פעסט. „גיי ניט מיט אים", — דערמאָן איך זיך יאַשאַס ווערטער. טונקעלע געדאַנקען, טונקל ווי דאָס וואַסער פון דער פאָנטאַנקע, פליען דורך מײַן קאָפּ.

איך געדענק שוין ניט וואָס איך האָב גערעדט צו אים. דער עלעגאַנטער סטודענט האַרט לעבן מיר, האָט זיך צוגעהערט צו מיר און געשוויגן.

— גייט אַהיים, — האָט ער פלוצים אַרויסגערעדט.

האַלטנדיק מײַן האַנט אין זײַנער און קוקנדיק מיר גלײַך אין פנים, האָט ער אַרויסגערעדט:

— איך האָב געהערט ווי ערליך (יאַשאַ) האָט אײַך געזאָגט.

איר זאָלט ניט גיין מיט מיר; אָבער עס איז גוט וואָס מיר האָבן זיך דורכגערעדט.

ווען איך בין צוריקגעקומען אַהיים, האָב איך געפונען יאַשאַן אין אַן אויפגערעגטן צושטאַנד. ער האָט מיר געבעטן דערציילן אים וועגן מײַן שפּאַציר מיט דאָבראָליובאָוון מיט די קלענסטע איינצל־הייטן. ווען איך האָב אים באַשריבן, ווי מיר זענען געשטאַנען אויף דעם בריק און דאָבראָליובאָוו האָט מיר געהייסן אַרונטערקוקן, האָט יאַשאַ געזאָגט:

— ער האָט דיך געוואָלט אַרײַנוואַרפֿן אין וואַסער!

איך האָב געפּרוּווט זיך צולאַכן, אָבער דער געלעכטער איז ניט אַרויסגעקומען קיין אויפריכטיקער.

— לאַך ניט, — האָט יאַשאַ מיך אָפּגעשטעלט, — דו קענסט ניט דאָבראָליובאָוון. ער האָט שוין אַ מענטשלעך לעבן אויף זײַן געוויסן...

דאָס וואָס ערליך האָט מיר דערציילט, האָט באמת געקלונגען ווי אַ פאַנטאַסטיש מעשהלע:

— אַלעקסאַנדער דאָבראָליובאָוו איז דער עלטסטער זון אין דער משפּחה. אויסער אים זענען פאַראַן צוויי ברידער און דרײַ שוועס־טער. זייער פאָטער איז געווען אַ פלאָטן־אָפיצער. איצט איז ער שוין טויט. ער איז אַ קרוב פון דעם באַוואוסטן רוסישן קריטיקער דאָבראָליובאָוו. די מוטער, מאַריאַ גענריכאָוונאַ, זאָגט מען, איז אַ יידישע טאָכטער. אויב אַזוי, דאַרפן דאָך די קינדער האָבן אין זיך יידיש בלוט. זיי רעכענען זיך אָבער פאַר קריסטן, פּראַוואָסלאַוונע. אַלעקסאַנדער האָט באַקומען אַן אויסערגעוויינלעך פײַנע דערצי־אונג: ער באַהערשט גוט עטלעכע אייראָפּעישע שפּראַכן, ער איז אַ קענער פון מאָלערײַ, מוזיק און איז אויך אַ באַגאַבטער שרײַבער, אַ דיכטער, אַ צוקונפטיקער גרויסער נאָמען אין דער ליטעראַטור.

— און דאָס איז זײַן ליד: „אָ, פאַרדעק דײַנע בלייכע פיס"?...

— דאָס ליד, פון וועלכן דו לאַכסט, איז גאָר ניט אַזוי קאָמיש. לאָמיך דאָס דיר דערקלערן, — האָט יאַשאַ געזאָגט. — פאַראַיאָרן האָט ער געמאַכט אַ רײַזע איבער איטאַליע, צוזאַמען מיט זײַן פרײַנד בריוסאָוו. זיי זענען אַ סך אַרומגעגאַנגען צופוס. אין דעם דאָזיקן

לאַנד, ווי דו ווייסט, קאָן מען זען אויף שריט און טריט אַ גרויסן הילצערנעם צלם אויף וועלכן עס איז צוגעשלאָגן די פיגור פון יעזוס. און אָט זעט דער פּאָעט די דאַרע שטאַרצנדע און מסתמא בלייכע פיס פון דעם געקרייציקטן. דאָס רעגט אויף זיין קריסטלעך האַרץ און ער רופט אויס צו זיין גאָט, צו יעזוסן: אָ, פאַרדעק דיינע בלייכע פיס!

— דאָס האָט ער דיר דערציילט?

יאָ. דו האָסט אים באַליידיקט מיט דיין לאַכן. און ניט נאָר אים אַליין, נאָר אויך דעם קריסטלעכן גאָט, וועמען ער האָט באַזונגען. איך האָב שטאַרק מורא געהאַט פאַר דיר. געוויינלעך האַלט ער זיך פון ווייטן מיט מענטשן, וועלכע ער קען ניט. צו באַגיין אַ פאַר־ברעכן שרעקט ער זיך אויך ניט...

און ווייטער איז געגאַנגען די פאַנטאַסטישע געשיכטע:

— דאַבראָליובאָוו האָט געהאַט אַ יונגן פריינד, אַ שילער פון גימנאַזיע, קוים 16 יאָר אַלט. פאַר אַ צייט־פאַרטרייב, צוליב שפּאַס, אָדער צוליב אַ פאַרלאַנג אויסצופּרוּוון זיין אינערלעכע מאַכט, האָט דאַבראָליובאָוו אָנגעפאַנגען צו ווירקן אויף דעם יונגן בחור, אַז ער זאָל באַגיין זעלבסטמאָרד... שטאַרבן איז זיס — שטאַרבן, ווען מען איז יונג, און ניט וואַרטן ביז מען ווערט אַלט און קראַנק... דאַבראָליובאָוו פלעגט איינלאַדן דעם אָרעמען בחור צו זיך אין זיין צימער, וואָס איז געווען ספּעציעל דעקאָרירט פאַר דעם צוועק. די ווענט זענען געווען אויסגעקלעפּט מיט שוואַרצן פּאַפּיר, דאָס פענצטער פאַרהאַנגען. אַלצדינג אין דעם פאַרכישופטן צימער איז געווען פאַנטאַסטיש, מיסטעריעז. דער יונגער גימנאַזיסט האָט פאַר־לאָרן דעם קאָפּ און האָט זיך ענדלעך דערשאָסן.

— וואָס פאַר אַ נידערטרעכטיקייט! איז דאַבראָליובאָוו נאָרמאַל? איז ער ביים פולן פאַרשטאַנד?

— אָ, יאָ, זיכער! מען דערציילט, — און אפשר האָט ער אַליין אַרויסגעלאָזט דעם קלאַנג, — אַז ער האָט אויפגעגעסן אַ שטיק מענטשלעך פלייש.

— אַ שטיק מענטשלעך פלייש?!... פון וואַנען האָט ער געקראָגן דאָס פלייש? מען פאַרקויפט דאָך דאָס ניט אין די יאַטקעס!

— גלייב איך דאָך דאָס טאַקע ניט, כאָטש ער אַליין זאָגט דאָס, — האָט יאַשאַ זיך אָפּגערופן. — אָבער אין וואָס איך גלייב יאָ איז, אַז ער איז אַן אמתער דיכטער.

ער האָט מיר געגעבן צו לייענען דאָבראָליובאָווס בוך „נאַטוראַ נאַטוראַטאַ". אַ סך זאַכן זענען מיר ניט געפעלן. אַנדערע, ווידער האָב איך ניט פאַרשטאַנען. וואָס עס האָט אָבער מיך געוואונדערט איז געווען אַ ליד, געווידמעט דעם יידישן פאָלק. עס איז געווען איינפאַך און האַרציק אָנגעשריבן:

„אַ פאָלק, אַ מחנה מענטשן וואַנדערן דורך דער וויסטעניש. פּײַערן צינדן זיך אָן אין דער נאַכט אין דער זומפּיקער געגנט. אָדלערס פליען איבער די טרויעריקע קעפּ אין ווײַטן פּוסטן הימל. מען גייט, אַן אַ וועג, אָבער מיט אַ באַשטימטן ציל פאָרויס".

אַן אומהיימלעך געפיל האָט געהאַט אין זיך די פּאָעמע. יאַשאַ ערליך, וועלכער, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז אויך געווען אַ קאָמפּאָזיטאָר, אַ שילער פון רימסקי־קאָרסאַקאָוו, האָט אָנגעשריבן מוזיק צו דעם דאָזיקן ליד. איך געדענק אַ ביסל דעם ניגון נאָך הײַנט.

אָבער ווי קומט אָט דער טראַגישער פראַנט, אַ מענטש וואָס איז אַזוי ווײַט פון יידישער דערציאונג, פון יידישן וואָרט, פון יידישער רעליגיע, — ווי קומט ער צו באַזינגען און באַוויינען די טראַגישע געשיכטע פון ישראל?

— רעדט ער אַמאָל וועגן יידן? — האָב איך געפרעגט מײַן אָנקל.

— קיינמאָל ניט, וואָס ווייסט ער וועגן זיי?

אָבער ער האָט פאָרט געוואוסט. זײַן אמתער אינסטינקט פון אַן ערלעכן פּאָעט האָט אים געצוואונגען צו שרײַבן וועגן אַ פאָלק און אַ ראַסע, וואָס האָט אים „ניט אינטערעסירט", אָבער אין דער טיפעניש פון זײַן נשמה האָט פאָרט געלעבט אַן אינטערעס צו יידן. הייסט עס, דער קלאַנג, אַז זײַן מאַמע איז אַ יידישע טאָכטער, האָט טאַקע געהאַט אַ גרונד.

איך האָב זיך באַקענט מיט זײַן מוטער, מאַריאַ גענריכאָוונאַ. דאָס וואָרט „גענריכאָוונאַ", דאָס הייסט, די טאָכטער פון אַ גענריך, אָדער

היינריך, האָט קלאָר אָנגעוויזן, אַז זי איז ניט קיין רוסישע. איז זי טאַקע געווען אַ ייִדישע? איר פּנים איז געווען שיין, זי האָט זיך געהאַלטן מיט גרויס זעלבסט־באַהערשונג. אירע אויגן זענען גע־ווען שוואַרץ, דורכאויס ניט רוסישע און ניט דײַטשע. זי האָט גע־האַט אַ געוויסע ענלעכקייט צו מײַן אייגענער מאַמען. נאָר מערק־ווירדיק איז געווען איר באַציאונג צו די קינדער, באַזונדערס צו אַלעקסאַנדערן און צו דער עלטערער טאָכטער, מאַשאַ. אַלצדינג וואָס זיי האָבן געטאָן אָדער געטראַכט, האָט געפונען בײַ דער מאַמען אַן אײַנזערנעם ווידערשטאַנד. אָבער געליבט האָט זי זיי מיט אַ כמעט חיהשער בלינדקייט.

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז אַלעקסאַנדער דאָבראָליובאָוו פאַר־שוואונדן. קיינער האָט ניט געהערט פון אים, מען האָט אַפילו ניט געוואוסט צי ער לעבט נאָך. זײַן מוטער, וועלכע האָט געהאַט גוטע פאַרבינדונגען, איז אַוועק צום גראַדאָנאַטשאַלניק (הויפּט פון דער פּעטערבורגער פּאָליציי) און מען האָט אים אָנגעפאַנגען זוכן איבער גאַנץ רוסלאַנד. מיר האָבן זיך געוואונדערט, געבראַכן זיך די קעפּ און ביסלעכווײַז פאַרגעסן וועגן אים. אַנדערע נײַע זאָרגן האָבן איצט באַשעפטיקט מײַן מוח.

די צײַטונג „בירזשעוויאַ וויעדאָמאָסטי" (די בערזן־צײַטונג) האָט אַנאָנסירט, אַז זי האָט אָרגאַניזירט אַ קאָנקורס אויף קלײנע דער־ציילונגען. די בעסטע דערציילונג וועט באַלוינט ווערן מיט טויזנט רובל, די צווייטע — מיט 500, דערנאָך — 300, 275 אאַז"וו. די דערציילונגען דאַרפן זײַן אָריגינעל, און ניט אונטערגעשריבן מיטן אמתן נאָמען פון דעם מחבר. דער נאָמען מוז אַרײַנגעשיקט ווערן אין אַ ספּעציעלן פאַרקלעפּטן קאָנווערט. אויף אַזאַ אופן וועט מען אָפּהיטן די אומפּאַרטייאישקייט פון דער ליטעראַטור־דזשורי, וועל־כע באַשטייט פון גוט־באַקאַנטע שרײַבער און קריטיקער. דער צוועק פון דעם דאָזיקן קאָנקורס איז צו געבן אַ מעגלעכקייט יונגע, נאָך אומבאַקאַנטע שרײַבער, צו קומען צום וואָרט.

„דאָס איז טאַקע אַן ענין פאַר מיר" האָב איך געזאָגט צו זיך אַליין. „אפשר וועט מיר געלינגען אַרײַנצוכאַפּן איינעם פון די פּופּצן פּרײַזן".

אין שפּיץ פֿון דער צײַטונג איז געשטאַנען אַ מאַן מיט אַ ניט־רוסישן נאָמען: סטאַניסלאַוו מאַקסימיליאַנאָוויטש פּראָפּער. ער איז געווען אַן עסטרײַכישער — וואַרשעווער גאַליצישער — ייִד, וואָס איז מיט יאָרן צוריק געקומען קיין פּעטערבורג און האָט זיך דאָרט באַזעצט. זײַן יידישע רעליגיע האָט אים מסתמא געשטערט, האָט ער זי אָוועקגעוואָרפן און איז צוזאַמען מיט זײַן ווײַב, פֿלאָראַ מאַרטינאָוונאַ, געוואָרן פּראַוואָסלאַוונע קריסטן, רוסן מיט אַ גאַליציאַנער אַקצענט. איך ווייס ניט ווי אַזוי, נאָר עס איז אים געלונגען צו געווינען דעם צוטרוי פֿון דעם פֿינאַנץ־מיניסטער וויטע.

איך האָב אָנגעשריבן אַ דערציילונג פֿון סטודענטן־לעבן. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ גרופּע סטודענטן פֿון דעם וואַלד־אינסטיטוט, וועלכע זענען אַזוי אָרעם, אַז זיי לעבן אין אַ קליינעם שפּײַכלער, אין אַ „זעמליאַנקע", וואו מען האַלט ווינטער די קאַרטאָפֿל. טשאַנעס פֿון קרויט. דאָרט לערנען זיי זיך, דאָרט שלאָפֿן זיי און דאָרט עסן זיי. זיי פּאַרדינען אַ ביסל געלט אָפּראַמענדיק שניי פֿון גאַס. איך פֿערזענלעך האָב פֿון אַזעלכע סטודענטן קיינמאָל ניט געהערט. איך צווייפֿל זייער, אויב אַזאַ גרופּע האָט ווען עס איז געקענט טאַקע פֿירן אַזאַ לעבן. אָבער מיטן פֿולן צוטרוי צו מײַן פֿאַנטאַזיע, האָב איך באַשריבן דאָס אויסגעטראַכטע לעבן; איבערגעלייענט, געבליבן מיט דעם גאַנץ צופֿרידן און אָפּגעשיקט צו דער צײַטונג. אָנגערופֿן האָב איך די סקיצע: „סילועטן". איך האָב קיינעם ניט דערציילט וועגן מײַן פּראָבע און אָנגעהויבן וואַרטן.

די צײַטונג האָט אין גיכן אָנאָנסירט, אַז מען האָט איר צוגעשיקט עטלעכע טויזנט סקיצן, און די ליטעראַרישע ריכטער האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט צו געפֿינען אין דעם דאָזיקן פּאַפּירענעם ים אמתע פּערל, און דאָס וועט נעמען אַ היפּשע צײַט...

נו, זאָל זיי גאָט העלפֿן. איך אָבער מוז זיך איצט אַליין העלפֿן: די איבערגאַנג־עקזאַמענס אויפֿן צווייטן קורס וועלן זיך שוין באַלד אָנהייבן.

איך האָב אָפּגעמאַכט מיט מײַן נײַעם חבר, מישאַ שוואַרץ, אַז מיר זאָלן זיך צוזאַמען צוגרייטן צום עקזאַמען. מישאַ האָט געוואוינט אין די „ראָטעס", וואָס אַמאָל זענען זיי געווען ראָטעס,

וואו עס האָבן געלעבט סאָלדאַטן, נאָר איצט זענען דאָס געווען גאַסן. זײַן פֿאָטער איז געווען אַ פּאַרמעגלעכער ייד, און דאָס הויז האָט זיך געפֿירט אויף אַ גאָר ברייטן שטייגער. דער אַלטער שוואַרץ איז געווען אַ הויכער, פֿרומער ייד, מיט אַ זײַדענער יאַר־מולקע אויפֿן קאָפּ. איך האָב ניט דערוואַרט צו טרעפֿן אין פּעטער־בורג, אין דער הויפּט־שטאָט פֿון „הייליקן" רוסלאַנד, אַזאַ טיפּיש שיינעם יידן, וואָס האָט מיט קיין זאַך ניט געפּרוּווט באַהאַלטן זײַן ידישקייט. ער האָט אויך זײַן יידישקייט ניט אונטערגעשטראָכן; ער האָט עס געמאַכט מיט אַ נאַטירלעכקייט, לײַכטקייט, ווי אַ זעלבסטפֿאַרשטענדלעכע זאַך. ער האָט געלייגט תּפֿילין, אָפּגעהיט אַלע ימים טובים; ער האָט אָבער ניט געצוואונגען זײַנע זין צו טאָן דאָס זעלבע. ניט ווײַל ער איז געווען גלײַכגילטיק צו דעם וואָס זיי טוען, נאָר ווײַל ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז מיט געוואַלט וועט ער בײַ זיי סײַ־ווי גאָרנישט אויספֿירן.

די איבערגאַנג־עקזאַמענס זענען געווען, פֿאַרשטייט זיך, אַנ־דערש ווי דער אײַנטריט־עקזאַמען. די פּראָפֿעסאָרן האָבן ניט געוואָלט קיינעם „איבערשנײַדן דעם האַלדז"; מען האָט נאָר געדאַרפֿט וויסן דעם קורס, און מען האָט געקאָנט זײַן זיכער, אַז מען איז אַריבער. אָבער דאָס איז געווען ניט לײַכט פֿאַר מיר. איך האָב געהאַט נאָר אַ פּאָר טעג אַרײַנצוקאַפּן דאָס, וואָס דער פּראָפֿעסאָר האָט געהאַלטן אין דערקלערן דאָס גאַנצע יאָר.

אָבער דורכפֿאַלן האָב איך ניט געטאָרט פֿאַר קיין פֿאַל. אויב איך קריג ניט דורכשניטלעך דעם צייכן דרײַ און אַ האַלב, — ניט בלויז דרײַ, — וועל איך אויסגעשלאָסן ווערן פֿון אינסטיטוט. פֿאַר־בלײַבן נאָך אויף אַ יאָר אין דעם זעלבן קורס האָט מען געמעגט נאָר אין די לעצטע צוויי קורסן, ניט אין די ערשטע צוויי.

יאָ, אַ קליינער אויסנאָם איז פֿאַרט געווען: אויב דער סטודענט האָט ניט באַקומען די פֿולע „דרײַ און אַ האַלב", און עס פֿעלט אים ניט מער ווי אַ קליין ביסל, אַ זעכצנטער טייל, דעמאָלט קאָן ער יאָ זיצן נאָך אַ יאָר, אָבער אַזעלכע פֿאַלן זענען געווען זעלטן.

איך האָב געהאַלטן איין עקזאַמען נאָך אַ צווייטן; איינעם בעסער, אַן אַנדערן ערגער, און ווען איך האָב גענומען אונטערפֿירן די אונ־

טערשטע שורה, האָב איך אַנטדעקט, אַז איך בין אין אַן ערנסטער געפאַר אַרויסצופליען פון אינסטיטוט. עס איז געבליבן בלויז איין איינציקער עקזאַמען: העכערע מאַטעמאַטיק. איך דאַרף באַקומען אַ פינף! אויב אָבער איך כאַפּ אַ „דריי" — טרײַבט מען מיך אַרויס. ס׳איז געבליבן נאָך די זעלטענע מעגלעכקייט: דער פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק זאָל מיר אַפילו געבן ניט אַ „פינף", נאָר אַ „פיר". דעמאָלט בין איך געראַטעוועט! מען וועט מיך דאַן אויך ניט אַרויס־טרײַבן פון אינסטיטוט, מען וועט מיך לאָזן בלײַבן נאָך אַ יאָר אויפן ערשטן קורס.

איך האָב אָנגעשטרענגט אַלע מײַנע כוחות און געזעסן שפּעט אין די נעכט איבער די שווער־פאַרדײַלעכע פאַרמולן פון דער הע־כערער מאַטעמאַטיק. אין דער זעלבער צײַט אָבער האָב איך דאָך געדאַרפט אָנגיין מיט מײַן אַרבעט פאַר דעם טעאַטער־זשורנאַל. קוגעל איז געווען זייער ניט צופרידן און האָט בייז געבורטשעט:

— וואָס גייט מיך אָן אײַער מאַטעמאַטיק? איך דאַרף מאַכן דעם נומער. איר דאַרפט זיצן אין דער דרוקערײַ, ניט אין אינסטיטוט. און צו וואָס, אייגנטלעך, דאַרפט איר אינגאַנצן אײַער וואַלד־אינסטיטוט?

— אויב איך האָב ניט קיין וואוינרעכט, — האָב איך געענט־פערט, — וועל איך דאָך מוזן אַוועקפאָרן פון פּעטערבורג.

— נו, עס איז פאַראַן אַ וועג, — האָט ער געזאָגט, באַזאָרגט וואָס זײַן מיטאַרבעטער וועט מוזן אַוועקפאָרן. — מען שמדט זיך, האָט מען שוין דאָס רעכט צו וואוינען.

זײַנע ווערטער האָבן מיר שטאַרק וויי געטאָן. ער אַליין האָט דאָס ניט געטאָן. ער האָט זיך געבייזערט אויף זײַן ברודער נאָטאַן, אַ מיטאַרבעטער פון אַ קליינער צײַטונג, וואָס יענער האָט דאָס געטאָן, און מיר הייסט ער עס יאָ טאָן, ווײַל אויב ניט וועט דאָך לײַדן דער זשורנאַל. דאָס איז געווען, דוכט זיך, דאָס ערשטע מאָל, ווען אין מײַן פרײַנדשאַפט און איבערגעבנהייט צו אים איז געקומען אַ ריס. אין רעדאַקציע־צימער איז דעמאָלט געווען קוגעלס אַנ־דערער ברודער, דער רויט־האָריקער יונה (יאָנאַ). ער האָט מסתמא

באַמערקט די ווירקונג, וואָס קוגעלס האַסטיקע ווערטער האָבן אויף מיר געהאַט, און ער האָט געזאָגט צו מיר:

— איך וועל אײַך פאַרבײַטן אין דער דרוקערײַ. גייט און לערנט אײַער מאַטעמאַטיק. זאָרגט ניט.

(באַמערקונג: יונה קוגעל איז איצט פאַררעכנט אין סאָוועט־רוסלאַנד צווישן די פעיִקסטע זשורנאַליסטן. ער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דער „קראַסנאַיאַ גאַזעטאַ" אין לענינגראַד. נאָך פּאָר דער איבערקערעניש האָט ער זיך געשמדט און חתונה געהאַט מיט כאַלמסקאַיאַס אַ פּלימעניצע, יעקאַטערינאַ, וועלכע איז געווען אין מײַן צײַט אַ בוכהאַלטערין פֿון „טעאַטער אי איסקוסטוואָ". חוץ יונהן, האָט קוגעל געהאַט נאָך ברידער: נאַטאַן, אַ קליינער זשור־נאַליסט; איסאַק, וואָס האָט גאַרנישט געהאַט קיין שייכות צו זשור־נאַליזם און געהאַלטן זיך פון ווײַטן, אַ שווײַגנדיקער, אַ ווייניק־פרײַנדלעכער, און אָסיפּ, וואָס האָט געהאָלפן אין דער זשורנאַל־אַרבעט און געהאַט דעם גרעסטן רעספּעקט צו זײַן באַרימטן ברו־דער. אָסיפּ האָט אים ניט געוואָגט צו רופן „אַלעקסאַנדער", נאָר „אַלעקסאַנדער ראַפּאַיִלאָוויטש". אָסיפּ איז געווען אַ שלימ־מזל, קיין באַזונדערע באַשעפטיקונג האָט ער ניט געהאַט און האָט זיך דער־נערט „בײַם ברודער". ער האָט זיך פאַרליבט אין אַ געוויסער יונגער דאַמע מיטן נאָמען, אויב איך האָב קיין טעות ניט, מאַר־קעוויטש. מיט אַ יאָר דרײַצן צוריק, זײַענדיק אין פּראָג, האָב איך באַקומען אַ בריוו פון מײַן אַלטן לערער, קוגעל. ער איז שוין געווען אַלט, האָט זיך צושיידט מיט כאַלמסקאַיאַ און זיך באַקלאָגט אויף קראַנקהייטן, וואָס פּלאָגן אים. א מאָדנע פראַזע איז געווען אין דעם בריוו: „אַ גוטע פרוי מיט דעם נאָמען מאַרקעוויטש באַשיצט מײַן עלטער". דאָס האָט דער פאַרגעטערטער, שטאַרק באַליבטער „אַלעקסאַנדער ראַפּאַיִלאָוויטש" אַוועקגענומען פון יינגערן ברודער זײַן ווײַב. אַ פּאָר מאָנאַטן נאָכדעם ווי איך האָב באַקומען דעם דאָזיקן בריוו איז אַלעקסאַנדער קוגעל געשטאָרבן אין עלטער פון דרײַ און זעכציק יאָר. עס איז געווען נאָך אַ ברודער, וויקטאָר, דער סאַמע יינגסטער, אַ הייסער ציוניסט).

דעם הייס־געווינטשן צייכן „פינף" האָב איך פּאָר מאַטעמאַטיק

ניט באַקומען. פּראָפֿעסאָר דאָמאָגאַראָוו האָט אָפּגעשאַצט מײַן אַרבעט בלויז מיט אַ „פֿיר". אויף אַזאַ אופֿן בין איך געבליבן זיצן אויפֿן ערשטן קורס אויף נאָך אַ יאָר. וואָס פֿאַר אַן אונטערשייד, אייגנטלעך, מאַכט עס פֿאַר מיר, צו באַקומען מײַן דיפּלאָם אַ יאָר שפּעטער? איבעראַיאָר וועל איך שוין דורכמאַכן מײַן איבערגאַנג־עקזאַמען.

אין דעם זעלבן פֿרילינג האָט מײַן פֿעטער יאַשאַ געהאַט מער מזל, ווי איך: ער האָט פֿאַרענדיקט אי זײַן אוניווערסיטעט, אי די קאָנסערוואַטאָריע, און געקראָגן צוויי דיפּלאָמען מיט אַמאָל. אָבער אַפֿילו מיט די צוויי האָט ער, זײַענדיק אַ ייִד, ניט געוווּסט וואו אָנצווווּענדן זײַנע אומגעוויינלעך גרויסע פֿעיִקייטן. דער אוניווער־סיטעט־דיפּלאָם האָט געגעבן דאָס רעכט צו ווערן אַ לערער פֿון פֿילאָלאָגיע און געשיכטע אין אַ גימנאַזיע אָדער אין אַ רעאַל־שולע; אָבער ניט קיין ייִדן. איז געבליבן זײַן מוזיקאַלישע קאַריערע. זײַן לערער, רימסקי־קאָרסאַקאָוו, האָט טאַקע זייער גע־האַלטן פֿון אים. אָבער וואָס איז אַ „מוזיקאַלישע קאַריערע"?

— נו, דאָס וועלן מיר זען שפּעטער, אין האַרבסט, — האָט יאַשאַ זאָרגלאָז געזאָגט צו מיר. — דערווײַל אָבער פֿאָר איך מיט דיר קיין ביאַליסטאָק.

דאָס איז געווען אַ שיינער, אַ גליקלעכער זומער. איך בין געווען צופֿרידן ניט נאָר פֿאַר זיך אַליין, נאָר אויך צוליב מײַן מאַמען און יאַשאַן. ווען מײַן מאַמע האָט געזען איר האַלבן ברודער דעם לעצטן מאָל, איז ער געווען נאָך גאָר אַ קינד. און איצט איז קיין ביאַליסטאָק אָנגעקומען אַ דערוואַקסענער מאַן, און אַן אויסגע־שטודירטער, אַ הויך־געבילדעטער מענטש, אַ זייער באַגאַבטער מוזיקער, אַ קענער פֿון ליטעראַטור און אַ טיף־דענקנדער פֿילאָסאָף. מײַן מאַמע, וואָס איז געווען ווײַט פֿון זײַן סענטימענטאַל, האָט גע־וויינט פֿון פֿרייד און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט דעם טײַערן גאַסט, ווי אַמבעסטן אויפֿצונעמען.

און אין גיכן איז געקומען אויף אונדז אַ נײַע שמחה, שוין גאָר אומדערוואַרט: די וואַקסנדע פֿרײַנדשאַפֿט צווישן יאַשאַ און מײַן שוועסטער אַנאַ. צו דער צײַט איז אַנאַ שוין געווען אַ דערוואַקסענע מיידל. שיין — וואָס מען רופֿט שיין — איז זי ניט געווען; זי האָט

אָבער געהאַט לעבעדיקע שיינע אויגן, דיקע האָר, איז געווען פריי־לעך, געבענטשט מיט אַ פיינעם הומאָר און האָט פאַרמאָגט באַ־אָבאַכטונגס־קראַפט. דער גאַסט פון פעטערבורג, איר האַלב־פעטער, האָט איר אימפּאָנירט. עס דוכט זיך מיר אָבער, אַז אָפט מאָל האָט זי ניט פאַרשטאַנען, וועגן וואָס ער רעדט צו איר: צו־זוויַט איז געווען דער אונטערשייד אין זייער ביידנס דערציאונג און אין דער סביבה, פון וועלכער זיי האָבן ביידע געשטאַמט. אָבער די סימ־פּאַטיע צווישן זיי איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און צערטלעכער.

— איך וועל האָבן אַ געשפּרעך מיט אים, — האָט די מאַמע צו מיר געזאָגט.

איך האָב זיך געפילט שטאָלץ בײַ זיך, וואָס זי רעדט מיט מיר אַזוי פאַרטרוילעך. הייסט עס, זי האַלט מיך מער ניט פאַר קיין יינגל, נאָר פאַר אַ מאַן, מיט וועמען מען קאָן זיך באַראָטן.

ווי אַזוי דער דאָזיקער געשפּרעך איז אָפּגעלאָפן, ווייס איך ניט. דער רעזולטאַט אָבער איז געווען, אַז יאַשאַ איז אַרויסגעקו־מען מיט קלאָרע דיבורים: ער האָט ליב אַנאַן, זײַן האַלב־פּלימעניצע, און וויל מיט איר חתונה האָבן. מײַן שוועסטער האָט געזאָגט „יאָ", כאָטש, ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אָן גרויסן ענטוזיאַזם. אויף אַזאַ אופן, שטיל און באַשיידן, איז די זאַך באַשטימט געוואָרן. צוליב פאַרשיידענע אורזאַכן האָט מען באַשלאָסן אָפּצוּוואַרטן מיט דער חתונה אַ יאָר צײַט, ביז יאַשאַ וועט געפינען אַ זיכערע באַשעפטי־קונג און וועט זיך קענען אײַנאָרדענען בעסער אין פעטערבורג מיט זײַן יונג ווײַבל. דערווײַל, האָבן מיר באַשלאָסן, וועלן מיר האַלטן דעם אָפּמאַך פאַר זיך.

קאַפּיטל זיבן.

עס איז האַרבסט, איך בין צוריק אין פּעטערבורג, איך הויב אָן מײַן צווייטן יאָר אין וואַלד־אינסטיטוט, אויף דעם זעלבן קורס. איך באַשליס בײַ זיך אַליין צו קומען אָפטער צו די לעקציעס און ניט פאַרנאַכלעסיקן דאָס שטודירן, ווי איך האָב געטאָן פאַראַיאָרן.

איך באַשליס אויך ניט צו וואוינען בײַ דער באַבושקאַ, נאָר אַליין אין אַ געדונגענעם צימער, אַזוי ווי אַלע סטודענטן טוען. מײַן צימער איז לעבן דעם טײַך נעוואַ, ניט ווײַט פון דעם לאַנגן, שיינעם ליטעיני בריק. עס איז אַ סך נענטער צו מײַן אינסטיטוט און אויך ניט ווײַט פֿון דעם זשורנאַל „טעאַטער און קונסט", וואו איך גיי אָן מיט מײַן זשורנאַליסטישער אַרבעט. איך זע איצט זעלטענער מײַנע מוזיקאַלישע קאָזינס. איך הייב אָן צו פאַרשטיין, אַז די משפחה איז קעגן דעם שידוך. פאַרשטייט זיך, מען רעדט ניט אַרויס קיין וואָרט, אָבער צופרידן איז מען ניט. אויב יאַשאַ זאָל שוין חתונה האָבן מיט אַן אייגענער, טאָ צו וואָס האָט ער גע־דאַרפט פאָרן קיין ביאַליסטאָק? עס האָט זיך געקאָנט געפינען אײ־מיצער דאָ אין פּעטערבורג, גאָר נאָענט; צו וואָס זוכן אין דער ווײַט? עמאַ, למשל, איז געווען כמעט אין דעם זעלבן עלטער ווי מײַן שוועסטער אַנאַ און איז געווען מער פּאַסיק פאַר יאַשאַן...

דאָס איז געווען אַ זונטאָג אָוונט בײַ די שטעמבערס. אין דרויסן האָט געגאָסן אַ רעגן — דער לאַנגווײַליקער, אָן־רחמנות־דיקער פּעטערבורגער אָסיען־רעגן. מיר זענען געזעסן בײַם טיש, געטרונקען טיי און געפּלוידערט. אוסטיושאַ, די נײַע קריסטלעכע דינסט, איז עטלעכע מאָל אַרײַנגעלאָפן אין צימער, געבראַכט וואָס מען האָט פאַרלאַנגט און באַלד ווידער פאַרשוואונדן. מען האָט גע־

קאָנט זען, אַז זי איז געווען צושטרייט: איין מאָל איז זי געקומען מיט אויגן רויט פון וויינען.

— וואָס איז מיט אײַך, אוסטיושאָ? — האָט פּאַניאַ שטעמבער געפֿרעגט.

— גאָרניט, באַרינייאַ, וואָס קאָן מיט מיר זײַן?

עס איז געווען קלאָר, אַז עפּעס איז פֿאָרגעקומען מיט איר; אָבער וואָס? מינאַ, די שוואַכזיניקע, איז געקומען פֿון קיך, און קוקנדיק אַרויף אין דעם ברענענדן לאָמפּ אַרײַן, האָט זי געזאָגט:

— אַ פֿויער זיצט אין קיך און רעדט מיט אוסטיושאַן.

— וואָס פֿאַר אַ פֿויער?

— אַ פֿויער. זיצט אויף אַ טאַבורעט.

אוסטיושאַ האָט זיך באַוויזן אין טיר. מעגלעך, אַז זי האָט גע־הערט דעם געשפּרעך. זי האָט געזאָגט צו יאַשאַן:

— אַ מענטש וויל אײַך זען, באַרין.

— וואָס פֿאַר אַ מענטש?

— ער זיצט אין קיך. זאָל איך אים אַרײַנרופֿן אַהער?

— איז דאָס דער פֿויער, וואָס איז געקומען צו אײַך, אוסטיושאָ?

— האָט ער געפֿרעגט.

— ניט צו מיר, נאָר צו אײַך, — האָט זי געענטפֿערט. — ער האָט זיך פֿאַרהאַלטן אין קיך, געווען נאָס פֿון רעגן, האָט געדאַרפֿט זיך אויסטריקענען.

אין דעם מאָמענט איז דער פֿויער אַרײַנגעקומען. איך האָב אים באַלד דערקענט: דעם בלייכן, אומבאַוועגלעכן פּנים, ענלעך צו אַ קינסטלעך אויסגעאַרבעטער מאַסקע, די רונדיקע אויגן, וואָס קוקן גלײַך און טיף, די שיין־פֿאַרמירטע מיידלשע ליפּן — אַלעק־סאַנדער דאָבראָליובאָוו, דער „ביעלאָ־פּאָדקלאַדאָטשניק"! נאָר איצט איז דער פּנים געווען באַוואַקסן מיט אַ קליין שוואַרץ בערדל, וואָס האָט אים געמאַכט ענלעך צו אַ ביבלישער פֿיגור, און אפֿשר גאָר צו דער הויפּט־פֿיגור פֿון עוואַנגעליום. אָנגעטאָן איז ער געווען ווי אַ פֿויער: אַן איינפֿאַכע „סוויטקע", אַ שמאָטע אַרום האַלדז און „לאַפּטיעס" אויף די פֿיס. אַזוי האָט אויסגעזען דער געוועזענער פֿראַנט, דער עסטעטיקער, דער שעצער און מבין אויף קונסט,

מאָלעריַי און מוזיק. קיינער פון אונדז האָט ניט געקאָנט אויסרעדן אַ וואָרט. אַ מאָדנע מוראדיקע שטילקייט איז געווען אין צימער. רואיק, מיט קאָלטער איינפּאַכקייט, אָן שום געפיל, אָן דעם מינדסטן שאָטן פון געמאַכטקייט, האָט דער „פויער" אַרויסגערעדט:

— שלום צו דער הויז!

און ווענדנדיק צו יעדן איינעם זײַן היפּנאָטישן בליק, האָט ער באַגריסט אַלעמען, איינעם נאָך דעם אַנדערן:

— זײַ געגריסט, שוועסטער פאַניאַ (פרוי שטעמבער).

— זײַ געגריסט, ברודער יאַקאָב (יאַשאַ).

— זײַ געגריסט שוועסטער לאָטאַ (די באַבושקאַ).

אַלע זענען געווען בײַ אים שוועסטער און ברידער, אַלעמען האָט ער געזאָגט „דו", צו אַלטע און צו יונגע גלײַך.

זײַן בליק איז געפאַלן אויף מיר. אַ ווײַל האָט ער געשוויגן. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט מיך ניט דערקענט. אָבער ניין, ער האָט מיך גוט געהאַלטן אין זײַן זכרון. איך ווייס ניט פאַרוואָס, אָבער ער האָט מיך באַגריסט אַ ביסל אַנדערש:

— איז שלום אין דײַן הויז, ברודער אָסיפּ?

פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט דאָס געמיינט אַלעגאָריש: מײַן אינערלעך „הויז", מײַן גײַסט. איך האָב דערפילט אַ שטאַרקן פאַר־לאַנג צו פּראָטעסטירן קעגן זײַן נעמען אויף זיך די ראָלע פון אַ זעלבסטגעקרוינטן גײַסטיקן פירער. איך האָב געענטפערט:

— שלום? געוויס ניט, אַלעקסאַנדער מיכאַילאָוויטש.

ער האָט געענטפערט מיט אַ פאָרוואורף:

— פאַרוואָס „געוויס ניט"?

אַ גאָר אייגנאַרטיקע, זעלטן־ווען פאָרקומענדע אַטמאָספער האָט זיך געשאַפן אין צימער. ווען אַ ביבלישער נביא וואָלט פלוצים אַרײַנגעקומען אין שטעמבערס וואוינונג, אויפן כמאַרנעם יעקאַ־טערינינסקי קאַנאַל, וואָלט מען זיך מסתמא פאַרהאַלטן אַזוי ווי איצט. אַ גאַנצע גאַמע פון פאַרשיידענע געפילן זענען געווען אויס־געדריקט אין דעם מאָמענט: ליבע, שרעק, צערטלעכקייט, רחמנות, איבערגעבנהייט, צווייפל, טרויער. די באַבושקאַ האָט געטרויערט איבער דעם פאַרשוואונדענעם הויך־עלעגאַנטן בלישטשנדן סטו־

דענט, וואָס האָט מיט מאַנאַטן צוריק אַזוי „אַפּיצעריש" געקושט איר האַנט און איר גערופן „שאַרלאָטאַ וואַסיליעווגאַ". זשעניע שטעמבער, די יינגערע פּיאַניסטין, האָט געקוקט אויף דעם גאַסט מיט איר שיינעם מויל האַלב־געעפנט און אין פאַרויס אַנגענומען זײַן יעדעס וואָרט ווי דאָס וואָרט פון דער תורה. יאַשאַ איז צוגעגאַנגען צו אים און אים געבעטן זיצן אַזוי איינפאַך און נאַטירלעך, ווי די פאַנטאַסטישע דערשײַנונג פון דעם גאַסט וואָלט געווען אַ טאָג־טעגלעכע זאַך. אוסטיושאַ, די דינסט, איז געשטאַנען אין דער טיר, ניט אַהער און ניט אַהין, און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון אירע אויגן, נאַיווע פויערישע טרערן, מיט וועלכע עס ווײַנט דער רו־סישער דאָרף. פאַר איר איז דער יונגערמאַן מיט דעם יעזוס־פּנים געווען שוין אַ הייליקער, אַ לערער, אַ גײַסטיקער פירער, וואָס איז געקומען ראַטעווען איר טונקעלע, זינדיקע נשמה. ער האָט שוין געהאַט געוואוינט איר פולשטענדיקן צוטרוי פריער, ווען ער איז געזעסן אין קיך און געפּירט מיט איר אַ „געטלעכן שמועס".

— אַ גלאָז טיי? — האָט אים פאַרגעשלאָגן פאַניאַ.

— איך דאַנק דיר, שוועסטער פאַניאַ, — האָט דאַבראַליובאָוו געזאָגט, — אָבער עס וועט זײַן גענוג פאַר מיר נאָר אַ גלאָז וואַ־רעם וואַסער אָן טיי און אָן צוקער. ניין, קיין קוכן עס איך ניט. גיט מיר אַ שטיק שוואַרץ ברויט.

אוסטיושאַ איז אַרויסגעלאָפן אין קיך. מינאַ האָט געקוקט אַרויף, אין ברענענדיקן לאָמפּ אַרײַן.

— גיב אים פּוטער און קעז, — האָט זיך אָפּגערופן די באַ־בושקאַ, אַן אומצופרידענע.

אָבער ניין, פון דעם האָט דער גאַסט זיך אויך אָפּגעזאָגט. עס איז אַ לוקסוס. מען מוז זײַן צופרידן מיט אַ טרוקן שטיקל ברויט. עס איז אַ גאָטס מתנה, גאָטס ברכה. מיט איינפאַכע, אײַנדרוקספולע ווערטער, אָן שום פּאַטאָס, האָט ער גערעדט וועגן גאָט; אָבער דאָס איז ניט געווען דער גאָט פון דער קירך, אָדער פון וועלכן עס איז טעמפּל. דאַבראָליובאָוס טעמפּל איז געווען די גאַנצע וועלט. זײַן גאָט האָט געוואוינט אין „ברודער וואַלד", אין „שוועסטער וואַסער"; ער איז געווען מיט דעם „ברודער בער" און „שוועסטער

שלאַנג", פּונקט אַזוי ווי מיט מענטשן, וואָס דינען אים מיט דעם, וואָס זיי האַלטן אויף יושר און שלום. מיט וואָס פֿאַר אַן איבער־צײַגנדיקער ערנסטקייט האָט דער הויך־געבילדעטער פֿויער, דער ראַפֿינירטער וואַנדערער, גערעדט וועגן דעם, אַז דער „ברודער בער", ווען ער, דאַבראַליובאָוו, האָט געטראָפֿן פּנים אל פּנים, „איז גרייט צו מאַכן שלום מיט מענטשן". יאָ, ער האָט געוואַנ־דערט, אַ סך געוואַנדערט אין פֿאַרלויף פֿון דעם יאָר; פֿאַרוואָרפֿן דעם אוניווערסיטעט, די ביכער, זײַן שרײַבן, זיך אָפּגעזאָגט פֿון ציוויליזאַציע, פֿון זײַן משפּחה, פֿון פֿרײַנד, און איז אַוועק צו דער נאַטור און צום פֿאָלק; אָבער ניט אַזוי ווי די רעוואָלוציאָנערע „נאַראָדניקעס" פֿלעגן דאָס טאָן אין די צײַטן פֿון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. מיט פּאָליטיק האָט דאַבראַליובאָוו גאָרניט געהאַט צו טאָן. זײַן רעוואָלוציע איז געווען אַן אינערלעכע, אַ גײַסטיקע. אין דער דאָזיקער באַציאונג איז ער געווען נאָענט צו לעוו טאָלסטאָי, מיט וועמען ער האָט זיך געטראָפֿן און וועלכער האָט הויך געשעצט דעם יונגן אידעאַליסט־וואַנדערער.

ביז שפּעט אין דער נאַכט זענען מיר געזעסן און זיך צוגע־הערט צו דעם מאָדנעם יונגנמאַן, וואָס האָט זיך פּלוצים אַרײַנ־געריסן צו אונדז פֿון די ווײַטע וועלדער און פֿעלדער, ווי אַ שליח פֿון דער רוסלאַנד, וועלכע האָט זיך צעשפּרייט פֿון ים צו ים, פֿון איראָפּע ביז יאַפּאַן.

— קאָן איך איבערנעכטיקן בײַ אײַך? האָט דער גאַסט גע־פֿרעגט.

פֿאַניאַ איז אויפֿגעשפּרונגען צוצוגרייטן פֿאַר אים דאָס בעט.

— מען דאַרף קיין בעט ניט, — האָט ער זי אָפּגעשטעלט. — איך וועל שלאָפֿן דאָ.

ער האָט אָנגעוויזן אויף דער פּאָדלאָגע. עס איז געווען אי־בעריק צו שפּאַרן זיך מיט אים.

ווען אַלע זענען זיך צוגאַנגען, האָט ער אויסגעטאָן זײַן פּויערישע סוויטקע, האָט זי צונויפֿגעלייגט ווי אַ מין קישן און געלייגט אונטער זײַן קאָפּ. אַליין האָט ער זיך אַנידערגעלייגט אויף די גאָלע ברעטער און איז שטיל אײַנגעשלאָפֿן.

אויף מאָרגן, ווען מען האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז ער שוין געווען פאַרשוואונדן.

זײַן נאָמען האָט אויפגעטויכט אין די רוסישע צײַטונגען מיט אַ יאָר שפּעטער אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ סענסאַציאָנעלער געשעעניש, וועלכע האָט אויפגערודערט גאַנץ רוסלאַנד.

אין דער רוסישער דאָן־געגנט האָבן צוויי „נאָוואָבראַנצעס" (נײַע סאָלדאַטן), די קאָזאַקן אָרלאָוו און נעכלידאָוו, זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען אין האַנט ביקסן, וועלכע מען האָט זיי געגעבן. „האַלטן געווער איז אַ גרויסע זינד", האָבן זיי דערקלערט. מען האָט זיי אײַנגעשפּאַרט אין טורמע און אָנגעפאַנגען אונטערזוכן די גאַנצע זאַך: פון וואַנען האָבן זיי די דאָזיקע אידעען? האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין זייער „סטאַניצאַ" (אַ קאָזאַקן־דערפל) האָט געלעבט עטלעכע מאָנאַטן אַ בראָדיאַגע, וואָס רופט זיך ברודער אַלעקסאַנדער. דער בראָדיאַגע האָט געאַרבעט אין הויז פון די קאָזאַקן ווי אַן איינפאַכער אַרבעטער; פאַר דעם האָט ער געקראָגן צו עסן און אַ פּלאַץ צו שלאָפן. אין זייער פרײַער צײַט האָט ער גערעדט צו די קאָזאַקן וועגן גאָט. „ניט אַזוי ווי דער גלח האָט ער גערעדט, נאָר אַ סך האַרציקער", האָבן די קאָזאַקן דערקלערט. ווען די פּאָליציי האָט אָנגעפאַנגען צו זוכן דעם בראָדיאַגע, האָבן זיי קיין לאַנגע אַרבעט ניט געהאַט: דאָס איז געווען אַלעקסאַנדער דאָבראָליובאָוו.

דער מיליטער־געריכט האָט געמאַכט אַ קורצן סוף מיט די יונגע קאָזאַקן. מען האָט די „בונטאָוושטשיקעס" פאַרמשפּט צו „אַרעסטאַנסקע ראָטע". פון דעם מאָמענט אָן האָט זיך אָנגעפאַנגען אויף דער מאַרטירער־וועג פון „ברודער אַלעקסאַנדער". אויף אים האָט מען פאַרמשפּט פאַר פירן אַנטימיליטאַריסטישע פּראָפּאַגאַנדע. אָבער דאָ האָט זיך אַרײַנגעמישט זײַן מאַמע. זי איז געלאָפן צו מענטשן, האָט זיך געווענדט צו וועמען זי האָט נאָר געקאָנט און זי האָט געפועלט, מען זאָל לײַכטער מאַכן זײַן שטראָף. ווען אַלעקסאַנדער איז אַרויס פון טורמע, האָט ער זיך ווײַטער אַוועקגעלאָזן וואַנדערן — דער זעלבער „הייליקער" בראָדיאַגע, גאָטס וואַנדערער. הײַנט האָט מען אים געזען דאָ, מאָרגן — דאָרטן. אַ בלאָנדזשענדע נשמה, אַ מענטש וואָס רײַסט פון זיך אַראָפּ יעדן צוואַנג פון דער

ציווילייזירטער געזעלשאַפט. קיין פּאַספּאָרטן, קיין דאָקומענטן האָט ער נישט אָנערקענט. די פּאָליציי האָט געשיקט דאָבראָליובאָוון פון איין געגנט אין אַ צווייטן „פּאָ עטאַפּו", דאָס הייסט, ווי אַן אַרעסטאַנט, פון איין „סעלעדאָוואַטעל" (אונטערזוכונגס־באַאַמטער) צו אַ צווייטן, פון איין טורמע אין אַ צווייטער. מען האָט דערציילט, אַז די פּאָליציאַנטן, אוריאַדניקעס, סטראַזשניקעס, וואָס האָבן אים באַוואַכט, פלעגן אין איין מינוט ווערן גוטע פריינד מיט זייער אַרעסטאַנט. ער פלעגט זיי אָלעמען „פּאַרדאַרבן", דאָס הייסט, רעדן צו זיי ווען גאָט. די סטראַזשניקעס האָבן זיך געבעטן ביי אים, ער זאָל אַוועקלויפן פון זיי... די העכערע און מער געבילדעטע באַאַמטע האָבן געוואָלט פון אים פּטור ווערן און געפּרוּווט אים פאַרשיקן וואָס ווייטער פון זיך. איין מאָל האָט מען אים אַרעסטירט אין פּעטערבורג. די פּאָליציי האָט צוערשט געגלויבט, אַז מען האָט דאָ געכאַפּט אַ פּעטן רעוואָלוציאָנערן העכט.

— ווער ביזטו? — האָט זיך צושריען אויף אים דער גרויזאַמער גראַדאָנאַטשאַלניק, פאָן דער לאוניץ, אַליין.

— פּונקט אַזאַ מענטש ווי דו ביזט, — האָט דער בראָדיאַגע געענטפערט.

— ווי וואַגסטו צו זאָגן מיר „דו"? — האָט געדונערט דער הויפּט פון דער פּאָליציי.

— אַט זאָגסטו דאָך „דו" צו מיר, — איז געווען דער ענטפער.
— און דו זאָגסט „דו" צו דיין לאַקעי, דיין דינער, דיין דוואָרניק. זיי דאַרפן דיר אויך אַזוי זאָגן.

ניט איין מאָל האָט ער געכאַפּט קלעפּ. ער האָט זיך אָבער ניט באַקלאָגט אויף דעם. פאַר אים איז זיין וואַנדערונג געווען זיס. ער האָט זיך דאָס אַליין אויסגעקליבן. דאָס איז דאָך געווען זיין פאָרם פון דאַוונען, זיין האַלב־קריסטלעכע, האַלב־יידישע נשמה האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט צווישן צוויי רעליגיעס, און כדי ניט צו בלייבן שטיין אויפן שיידוועג, האָט ער זיך אויסגעטראַכט אַ נייע, אייגענע רעליגיע, דורך וועלכער ער האָט געוואָלט מאַכן שלום מיט זיך אַליין, מיטן דאָפּלטן בלוט, וואָס איז געפלאָסן אין זיינע אָדערן.

(באַמערקונג: דער נאָמען אַלעקסאַנדער דאָבראָליובאָוו איז גוט באַקאַנט אין רוסלאַנד. די אינטעליגענץ, באַזונדערס די שרייבער און דיכטער, קענען דאָבראָליובאָוון. מען האָט אַ סך געשריבן וועגן אים — צווישן אַנדערע אויך דער יידיש־רוסישער דיכטער ניקאָלאַי מינסקי. אָבער נאָך מער קען אים דאָס פאָלק, דער רוסישער פּויער, כאָטש ער ווייס, אייגנטלעך, ניט וועער דער מאָדנער בראָדיאַגע אַלעקסאַנדער איז געווען. פאַר דער שטאָט איז ער געבליבן אַ רע־טעניש; פאַרן דאָרף — אַ הייליקער. דער באַוואוסטער שרייבער בונין, דער נאָבעל־פּרייז געווינער, איז איבערצייגט, אַז דאָבראָ־ליובאָוו איז אַ משוגענער. איך גלויב דאָס ניט. איך קען דאָבראָ־ליובאָוון בעסער. צי לעבט ער נאָך? עס ווילט זיך מיר גלויבן, אַז יאָ. ער מוז איצט אַלט זיין אַ יאָר 67. אין אַמעריקע געפינט זיך זיין ברודער, אַ ביזנעסמאַן. ער ווייסט אויך ניט וואָס פון אַלעק־סאַנדערן איז געוואָרן).

דער איינדרוק פון דאָבראָליובאָווס וויזיט אין שטעמבערס הויז איז געווען אַ געוואַלדיקער. קיינער פון אונדז האָט ניט גע־קאָנט פאַרגעסן דעם מאָדנעם גאַסט, וואָס האָט זיך פּלוצים ווי אַ געשפּענסט אַריינגעריסן אין אונדזער לעבן. באַזונדערס שטאַרק האָט דער דאָזיקער וויזיט געווירקט אויף מיין פעטער יאַשאַ, וועל־כער איז מער פון אונדז אַלעמען געווען באַפריינדעט מיט דאָבראָ־ליובאָוון.

איינמאָל אין ווינטער, ווען איך בין געקומען צו דער באַבושקאַ, האָט זי מיך באַגעגנט אָן אויפגערעגטע.

— יאָזעפּכען, יאַשאַ האָט אָוועקגעשאָנקען זיין מאַנטל! ער האָט דערזען אויף דער גאַס אַ מאַן אָן אַ מאַנטל, וואָס האָט געציטערט פון קעלט, האָט ער אים זיין מאַנטל אָוועקגעשאָנקען.

— אויף דער גאַס?

— יאָ, אויף דער גאַס. ער איז געקומען אַהיים אַ האַלב־דער־פראָרענער, און ווען איך האָב אָנגעפאַנגען אים אויסרעדן, האָט ער מיר געענטפערט: „דו פאַרשטייסט דאָס ניט, באַבושקאַ”. וואָס פאַרשטיי איך ניט? אַז ער קאָן זיך פאַרקילן און כאַפּן אַ לונגען־אַנצינדונג!

זי האָט אָנגעהויבן צו וויינען, אי דער זון, אי דער מאַנטל זענען איר געווען טײַער.

— אָבער יאָזעפּכען, — האָט זי אָנגעהויבן מורמלען שטיל, — בעסער רעד ניט מיט אים וועגן דעם. וואַרט ביז ער אַליין וועט אָנהויבן רעדן.

יאַשאַ האָט גאָרניט גערעדט, אַזוי ווי ער וואָלט גאָר פֿאַרגעסן וועגן דעם. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך פֿיל און זע דאָ דאָבראָ־ליובאָווס האַנט.

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָב איך באַקומען אַ מאָדנעם בריוו פֿון מײַן מאַמען אין ביאַליסטאָק.

עס ווײַזט זיך איר אויס, האָט זי געשריבן, אַז יאַשאַ איז ניט בײַם פֿולן פֿאַרשטאַנד. זי האָט דורכגעלייענט די בריוו, וואָס ער שרײַבט צו אַנאַן, זײַן כלה. זי פֿאַרשטייט זיי ניט. אַנאַ פֿאַרשטייט זיי אויך ניט... די מאַמע בעט מיך, אַז איך זאָל האַלטן אַן אויג אויף יאַשאַן און איר צוריקשרײַבן וועגן מײַן אײַנדרוק. ווי פֿאַר־האַלט ער זיך? וואָס דענקען וועגן אים די אַרומיקע מענטשן? האָבן זיי גאָרנישט באַמערקט וועגן אים?

וואָס האָט די מאַמע ניט איבערגעטראַכט און איבערגעלעבט, איידער זי האָט זיך אַנטשלאָסן אָנצושרײַבן אַזאַ בריוו! און אַנאַ, מײַן אָרעמע שוועסטער, די כלה — וואָס פֿילט זי און וואָס טראַכט זי?! ווי אַזוי זיצן זיי דאָרט אין ביאַליסטאָק, אַליין, הינטער דער פֿאַרמאַכטער טיר, און רעדן און שושקען זיך, אַז קיינער זאָל, חלילה, ניט דערהערן, ניט דערוויסן זיך וואָס זיי רעדן. דער לאָמפּ ברענט — דער גוטער אַלטער לאָמפּ פֿון מײַן קינדהייט — און זײַן שײַן, וואָס האָט באַלויכטן מײַנע ערשטע ליטעראַרישע פּראָבעס, פֿאַלט איצט אויף דעם שרעקלעכן, פֿאַרדאַרבענדן, פֿאַר זיי ניט־פֿאַרשטענדלעכן בריוו, וואָס איז נאָר וואָס אָנגעקומען פֿון פּעטערבורג, פֿון דעם קלוגן, געבילדעטן, פֿאַנטאַסטישן פּעטערבורג, דעם צענטער פֿון רוסלאַנד. זיי לייענען איבער דעם בריוו איינמאָל און נאָכאַמאָל און נאָך... וואָס מיינט אָט די שורה און וואָס אַזוינס קאָנען מיינען אָט די ווערטער? אפֿשר איז עס אַ טעות? אָבער שוין קומט אָן אַ צווייטער בריוו.

— מאַמע, וואָס מיינט עס? ווענן וואָס אַזוינס שרײַבט ער מיר, דער געבילדעטער, דער קלוגער חתן מײַנער, דער פילאָסאָף, דער צוויי מאָל דיפּלאָמירטער זון פון דער ראַפּינירטער וועלט־שטאָט? און די מאַמע, די האַלב־שוועסטער פון דעם חתן, וואַרט אָפּ אײן וואָך, אַ צווייטע, און שרײַבט צו מיר דערשראָקן, פאַרטרוילעך און פאַרצווייפלט:

„מיר ווײַזט זיך אויס, אַז יאַשאַ איז גײַסטיק־קראַנק".

מאַדנע איז געווען מײַן אָפּרוף אויף דעם דאָזיקן שרעקלעכן, שוואַרצן בריוו. איך האָב אים אָנגענומען ווי אַ באַליידיקונג.

אויף קיין איין מינוט האָב איך זיך ניט פאַרטראַכט, אַז די מאַמע איז אפשר גערעכט. איך האָב זיך ניט דערלויבט אָפילו אָפּ־צושטעלן זיך אויף דער דאָזיקער מעגלעכקייט און אַ טראַכט טאָן: וואָס אַזוינס האָט זי געפונען אין יאַשאַס שרײַבן צו אַנאַן, וואָס גיט איר אַ רעכט צו צווייפלען אין זײַן גײַסטיקן צושטאַנד? איך האָב זיך אָוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַ זייער ענערגישן אָנטווערט, ווי דאָס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, זייער לאָגישן ענטפער, אַז דער מאַמעס פאַרדאַכט איז אויף גאָרנישט באַגרינדעט; אַז קיינמאָל איז יאַשאַ ניט געווען קלאָרער אין זײַנע געדאַנקען; אַז זײַן גאַנץ פאַר־האַלטן זיך איז נאָרמאַל, ווי דאָס קאָן נאָר זײַן, און אַז קיינער האָט קיין זאַך ניט באַמערקט, ניט אײַנגעזען פון זײַן זײַט וואָס זאָל זײַן ניט־נאָרמאַל, אָדער אָפילו ניט־געוויינלעך.

שרײַבנדיק אַזוי, איז מיר געקומען אין קאָפּ די געשיכטע מיטן ווינטער־מאַנטל. אָבער איך האָב וועגן דעם ניט געשריבן אין מײַן בריוו. צו וואָס? זיכער וועט די מאַמע זאָגן: נו, איז דאָס דען נאָרמאַל? אָט וואונדערט זיך דאָך די באַבושקאַ און זאָגט, אַז זי „פאַרשטייט עס ניט" און זי קלאָגט איבער דעם גוטן נײַעם מאַנטל. אָבער וואָס איז דאָ ניט צו פאַרשטיין? דער מאַן אויף דער גאַס האָט געציטערט פון קעלט — איז דאָס ניט גענוג? איז דאָס אַזוי ניט־נאָרמאַל צו האָבן מיטלייד מיט אַ מיט־מענטש, צו פּרוּוון אים העלפן ניט נאָר מיט ווערטער — נאָר טאָקע מיט עפּעס ממשותדיקס, מיט אַ נײַעם וואַרעמען מאַנטל? אויב דאָס איז ניט נאָרמאַל, איז דאָך ניט נאָרמאַל דאָס געפיל פון רחמנות, און ניט

נאָרמאַל זענען אויך די אַלע הייליקע ווערטער, וואָס מען לערנט אונדז אַלעמען, יידן און קריסטן גלײַך, — ליב האָבן דײַן מיט־מענטש ווי זיך אַליין. זיכער וואָלט דער הייליקער בראַדיאַגע, אַלעקסאַנדער, געטאָן דאָס זעלבע — ווען ער וואָלט נאָר געהאַט אַ מאַנטל אויף זײַנע פּלייצעס. נו, פאָלגט אים איצט אונדזער דע־ליקאַטער, ווייך־האַרציקער יאַשאַ.

איך ווייס ניט וואָס פאַר אַן אײַנדרוק מײַן ענטפער האָט גע־מאַכט אין ביאַליסטאָק. מעגלעך, אַז די מאַמע און מײַן שוועסטער זענען געוואָרן באַרואיקט, ווײַל מער האָט די מאַמע ניט געשריבן וועגן דעם און די גאַנצע זאַך איז ווי פאַרגעסן געוואָרן.

צי איך האָב געוואָלט צי ניט, אָבער מיט איין אויג האָב איך, אַזוי צו זאָגן, „נאָכגעשפּירט" יאַשאַן; אָבער נאָכשפּירן איז ניט געווען וואָס. רואיק, קלוג און באַשיידן, ווי שטענדיק, איז ער אָנ־געגאַנגען מיט זײַן אַרבעט. ער איז געווען פאַרטיפט אין שרײַבן אַ פילאָסאָפישע אַרבעט און האָט אַמאָל גערעדט וועגן דעם מיט מיר. אמת, איך האָב אים ניט פאַרשטאַנען. אָבער ער איז דאָך געווען דער אויסגעשטודירטער פילאָסאָף, ניט איך. אַנדערע חברים און קאָלעגן זײַנע האָבן שטענדיק דיסקוטירט מיט אים זײַנע גע־דאַנקען. צווישן זיי איז געווען אַ שטאַרקער, אַ געזונטער יונגערמאַן מיט אַן ענערגישן פּראָפיל און שיינע, אַ ביסל אַקטיאָרישע מאַנירן. ער האָט שיין גערעדט און, קענטיק, ליב געהאַט צו הערן זײַן אייגן קול. זײַן נאָמען איז געווען סעמיאָן גרוזענבערג, דער ייִנגערער ברודער פון דעם באַוואוסטן אַדוואָקאַט. סעמיאָן איז געווען אַ יונגער סטודענט און אַ פאָרשער אין פילאָסאָפיע. איינמאָל האָט גרוזענבערג מיטגענומען מיט זיך יאַשאַן צו דעם באַוואוסטן רוסישן קריטיקער אָקים וואָלינסקי, וועמעס אמתער נאָמען איז געווען חיים פלעקסער. יאַשאַ האָט זיך צוריקגעקערט פון דעם וויזיט זייער אַ צופרידענער. ווען ער האָט דערפילט, אַז איך בין אים מקנא, האָט ער געזאָגט:

— מען דאַרף זײַן גוט באַקאַנט מיט קאַנטס פילאָסאָפיע, צו קענען מיטמאַכן די זונטאָג־פאַרזאַמלונגען בײַ וואָלינסקין.

עס איז אָבער געווען נאָך אַ געביט, אויף וועלכן מײַן יונגער פעטער איז געווען טעטיק און וואו ער האָט אָפּגעגעבן מער האַרץ

ווי אין פילאָסאָפיע. דאָס איז געווען מוזיק. אָרום יאָשאַ ערליך האָט זיך פאַרמירט אַ קליינע גרופּע פון מוזיקער. זיי זענען אַלע געווען יידן, שילער פון רימסקי־קאָרסאַקאָוו, וועלכער האָט קיינמאָל ניט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן יידן און קריסטן. איך געדענק דעם קאָמפּאָזיטאָר אפרים שקלאַר, אַ דאַרן, אַ פאַרטראַכטן, מיט אַ דראָבנעם געלעכטער און אַ שטאַרקן אַקצענט אין רוסיש. ער פלעגט אָפט קומען צו יאָשאַן און ברענגען אים זיינע קאָמפּאָזיציעס. פון צייט צו צייט פלעגט איינער פון זיי אָנפאַנגען זינגען — אויב מען האָט נאָר דאָס געקאָנט רופן זינגען — און דעמאָלט האָב איך דערטלעך געהערט אַ יידישן ניגון. איך האָב זיך געוואונדערט: דאָס הויז, כאָטש יידיש, איז געווען ווייט פון יידישקייט און פּאַקטיש גאָרניט געוואוסט און כמעט גאָרניט געפילט, אַז זיי זענען יידן, אַ חוץ, פאַרשטייט זיך, די געוויינלעכע און אומפאַרמיידלעכע אומ־אָנגענעמלעכקייטן, וועלכע די פּאָליציי האָט פון צייט צו צייט זיי פאַרשאַפט.

איך געדענק, ווי מיר זענען געגאַנגען לעבן דעם יעקאַטעריי־נינסקי קאַנאַל און יאָשאַ האָט מיר דערקלערט:

— אין פעטערבורג האָט זיך געשאַפן אַ באַוועגונג צו שטודירן און אויפלעבן די יידישע מוזיק, יידישע פאָלקס־קאָמפּאָזיציעס. דער מוזיקער שקלאַר איז איינער פון די איניציאַטאָרס. ער קען אַ סך יידישע פאָלקס־ניגונים און אַרבעט פלייסיק אויף דעם דאָזיקן געביט. אַ חוץ אים איז פאַראַן אַ געוויסער סאָלאָמאָן ראָזאָווסקי. ביידע וועלן געוויס מאַכן אַ קאַריערע.

— מיט יידישער מוזיק?

— פאַרוואָס דען ניט? די מאָדערנע רוסישע מוזיק איז אויך אויסגעוואַקסן פון פאָלקס־מעלאָדיעס. אָט איז דאָך איינער פון די דאָזיקע שעפער, — האָט ער פלוצלינג געזאָגט אויף אַ מאַן וואָס איז געזעסן אין אַן אַלטער שאַקלדיקער דראָזשקע, וועלכע האָט זיך לאַנגזאַם געשלעפּט איבער דער גאַס.

דער מאַן איז געווען אַ הויכער, אַ דאַרער, ענלעך צו דאָן־קיכאָט, דעם שפּאַנישן ריטער. נאָר דאָס איז געווען אַ רוסישער דאָן קיכאָט, מיט ברילן אויף דער נאָז און אַ לאַנגער רוסישער

באָרד, מיט וועלכער דער פּעטערבורגער קאַלטער ווינט האָט זיך איצט געשפּילט. דער מאַן איז געזעסן אויף דער דראָזשקע ניט מיטן פּנים צום פערדל, נאָר קרום, אויסגעדרייט צום טראָטואַר, אַזוי ווי ער וואָלט וועלן יעדן מאָמענט אַרונטערשפּרינגען. זײַן האַנט האָט גערוט אויף זײַן הויך אויפגעהויבענער קני און די לאַנגע פינגער האָבן געהאַלטן אין באַוועגן זיך, אַזוי ווי זיי וואָלטן עפּעס געשפּילט אויף אַ ניט־עקזיסטירנדער פּאַרטעפּיאַנאָ. אין זײַן מוזיקאַלישער פאַנטאַזיע האָט ער געשפּילט אויפן קני אַ מעלאָדיע, וואָס נאָר ער אַליין האָט זי געהערט, וואָס עקזיסטירט נאָך ניט, נאָר וואָס ווערט איצט געבוירן אויף זײַן הויכער קנאָכיקער קני. אין גיכן וועט זי טריאומפירנד קלינגען איבער דער גאַנצער וועלט...

יאָשאַ האָט מיט יראת הכבוד אַרונטערגענומען זײַן היטל און באַגריסט דעם דאָזן קיכאָט. מעכאַניש האָב איך געטאָן דאָס זעלבע. ער האָט געקוקט אויף אונדז און ניט געענטפערט. ער האָט אונדז ניט געזען. אַ כוואַליע פון טענער האָבן געהילכט אין זײַנע אויערן. ער איז געווען מיט זיי, און ניט דאָ, ניט מיט אונדז אויפן יעקאַטערינינסקי קאַנאַל.

— דאָס איז רימסקי־קאָרסאַקאָוו, — האָט יאָשאַ געזאָגט.

קאַפּיטל אַכט.

אין אָנהויב פֿון מאָנאַט מערץ האָב איך מיט האַרץ־ציטערניש דורכגעלייענט אַזאַ מעלדונג:

„די ריכטער פון ליטעראַרישן קאָנקורס האָבן שוין אויסגעקליבן די בעסטע פּופּצן דערציילונגען. מאָרגן וועט די צײַטונג באַקאַנט מאַכן דעם רעזולטאַט".

קאָן דען פּאַרקומען, אַז גראָד מײַן דערציילונג זאָל זײַן צווישן די אויסגעקליבענע?! מיט מאָנאַטן צוריק, ווען איך האָב געשריבן די דערציילונג, איז זי מיר געפעלן. איצט געפעלט זי מיר גאָרניט. וואָס הייסט, סטודענטן לעבן אין אַ „זעמליאַנקע", וואו מען באַהאַלט אין ווינטער קאַטשאַנעס קרויט? ווי אַזוי לעבן זיי דאָס דאָרטן און האָבן נאָך צײַט צו פירן אַ ליבע מיט אַ יונגער סטודענטקע, זײַן אייפערזיכטיק, קריגן זיך צוליב איר, און דאָס אַלץ צווישן די קאַטשאַנעס? פאַר אַזאַ אויסגעטראַכטער זאַך גיט מען ניט קיין פרײַזן.

אויף מאָרגן האָב איך זיך אויפגעכאַפּט זייער פרי, ווײַל איך האָב געוואָלט צופאָרן צום וואַלד־אינסטיטוט. די פרילינג־זון האָט געשײַנט נאָך זייער קאַרג, אַ קאַלטער ווינט האָט געבלאָזן פון דער נאָך פאַרפרוירענער נעוואַ, די גאַס איז געווען ליידיק. דער ערשטער מענטש, וואָס איך האָב דערזען, איז געווען אַ צײַטונגס־פאַרקויפער. אונטער זײַן אָרעם, צווישן אַנדערע צײַטונגען, האָב איך דערזען אויך איינע מיט דער אויפשריפט „בירזשעוויאַ וויעדאָמאָסטי". זאָל איך קויפן די צײַטונג? זי קאָסט אָבער פינף קאָפּיקעס, אַ גאַנץ שיינע סומע געלט פאַר מיר, און פאַר וועמען דען ניט? אויב איך קויף די צײַטונג, וועל איך דאָך מוזן גיין צופוס

דעם לאַנגן קאַלטן יועג ביז צו דער דאַמף־„קאָנקע“. אָבער אויב איך קויף ניט, ווי־זשע וועל איך זיך דערוויסן וועגן דעם קאָנקורס? דער צײַטונג־פֿאַרקויפֿער קומט אַלץ נענטער, ער האָט זיך שוין אויסגעגליכן מיט מיר, באַלד וועט ער פֿאַרבײַגיין און פֿאַרשווינדן. „אַ שאָד, אַרויסגעוואָרפֿן אַ פּיאַטאַק (פֿינף קאָפּיקעס), זאָג איך צו זיך נאָכאַמאָל, און מײַן האַנט קריכט פֿון זיך אַליין אין קעשענע, כאַפּט אַרויס דעם פּיאַטאַק און שטרעקט זיך אויס צו דעם פֿאַרקויפֿער. „בירזשעוויאַ וויעדעמאָסטי“, רעדן אויס מײַנע ליפּן זייער גלײַכגילטיק. איך פּרוּוו עפֿענען די צײַטונג און קעמף מיטן ווינט. מײַנע אויגן כאַפּן דאָס קעפּל: „רעזולטאַט פֿון קאָנקורס“. עס איז אַ לאַנגער אַרטיקל, מסתּמא אַ דערקלערונג, אַ פֿאָררעדע ווי און וואָס. ווײַטער איז אָפּגעדרוקט אַ ריי פֿון נעמען — נעמען פֿון די גליקלעכע שרײַבער, פֿון די געווינער. דער שטאַרקער, קאַלטער פֿרילינג־ווינט רופֿט אַרויס טרערן אין די אויגן און דורך די טרערן דוכט זיך מיר אויס, אַז איך זע מײַן נאָמען. איך דריי זיך אויס, כּדי צו באַשיצן די צאַפּלדיקע צײַטונג פֿון דעם ווינט, — מײַן נאָמען פֿאַרשווינדט ניט. ער איז אָפּגעדרוקט גאַנץ דײַטלעך. און אַנטקעגן מײַן נאָמען שטייט דאָס וואָרט „ס י ל ו ע ט ן“ — אַזוי האָב איך דאָך אָנגערופֿן מײַן דערציילונג. נו, איז נאָך פֿאַראַן וואָס צו צווייפֿלען? מײַנע ליפּן שמייכלען און די אויגן וויינען — פֿון ווינט, פֿאַרשטייט זיך. איך געפֿין אויס, אַז איך בין אויף דעם פֿינפֿטן אָרט צווישן די געווינער און באַקום 275 רובל, ווי נאָר איך וועל זיך מעלדן אין רעדאַקציע.

נו, וואָס טוט מען איצט? איך שטיי אויף דער ליידיקער שפּאַלערנאַיאַ גאַס מיט דער האַלב־צוריסענער ליבער, האַרציקער צײַטונג אין דער האַנט, דער פֿרילינג־ווינט פּאַטשט מײַן פּנים, די קאַרגע זון באַלײַכט מיך און אַ מאָדנער טרויער כאַפּט מיך אַרום. איך קען שוין אָט דעם טרויער. איך האָב איבערגעלעבט דעם זעלבן געפֿיל, ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז איך בין געוואָרן אַ סטודענט; און נאָך פֿריער, ווען דאָראַ באַראַקס, די זיבעצן־יאָריקע טאָכטער פֿון דעם יוּוועליר באַראַקס, האָט מיר אַ קוש געטאָן און טרוימיק האָט געשײַנט די ביאַליסטאָקער ווײַס־רוסישע לבֿנה,

און דער בעז האָט געשמעקט אין דער נאַכט. איצט איז דאָ די לופט און מײַן האַרץ איז ווידער אָנגעפילט מיט שמעקעדיקן גליק.

מען קאָן זײַן אַליין מיט אַן אומגליק; עס איז אָבער שווער צו פאַרבלײַבן אַליין מיט אַ גליק. אימיצער דאַרף באַפרײַען דעם מענטש פון דער שווערער לאַסט צו זײַן פנים אל פנים מיט זײַן מזל.

איך האָב באַשלאָסן צו גיין צו מײַנע קאָזינס, די שטעמבערס, און זיי דערציילן וואָס מיט מיר איז געשען. און דאָס דאַרף געטאָן ווערן וואָס גיכער! ווי אַזוי גיכער? גאַנץ איינפאַך: מען נעמט אַן איזוואָזטשיק און מען פאָרט. איך בין דאָך איצט אַ גביר! איך קאָן פאָרן מיט פינף איזוואָזטשיקעס, אויב איך וויל, — אַ גרויסע זאַך!

און באַלד האָט ליטעיני פּראָספּעקט און דערנאָך נעווסקי געקאָנט זען אַ יונגן סטודענט מיט אַ האַלב־צוריסענע צײַטונג אין דער האַנט, וואָס זיצט אויף דער דראָזשקע צוזאַמען מיט זײַן מזל. דעם מזל האָט מען ניט געקאָנט זען אַזוי דײַטלעך, ווי דעם סטודענט אַליין, אָבער מען האָט דאָך געקאָנט פאַרשטיין, אַז ער מוז ערגעץ דאָ זײַן, ווײַל אַזוי מיר־ניט דיר־ניט וועט דאָך אַ סטודענט ניט פאָרן פון איין עק שטאָט צו דער אַנדערער. איז נישט אַנדערש, אַז ער האָט עפּעס געוואונען אַ פּרײַז אין אַ ליטעראַרישן קאָנקורס.

איך האָב געטראַכט וועגן מײַן דערציילונג. קינדערלעך, זי איז ווערט דעם פּרײַז! וואָס פאַר אַן אָריגינעלער אײַנפאַל דאָס איז: סטודענטן וואוינען אין אַ קליינער „זעמליאַנקע", וואו מען האַלט ווינטער קאַטשאַנעס קרויט. דאָרט לערנען זיי זיך, דאָרט עסן זיי און שלאָפן, און דאָרט שפּילט זיך אָפּ אַ שטיקל ליבע אויך. דאָס איז דער אמת אַליין, אַ שטיקל לעבן קונציק באַשריבן. די דיכטער האָבן עס באַלד דערפילט. איז ניט 275 רובל פאַר אַזאַ זעלטן־געלונגענע דערציילונג אַ ביסל ווייניק?

בײַ די שטעמבערס זענען אַלע געשלאָפן ווען איך בין אָנגעקומען. איך האָב געדאַרפט וואַרטן ביז מען האָט מיר אָפּגעגעבן מזל־טוב.

אַ פּאָר שעה שפּעטער בין איך שוין געווען אין קאָנטאָר פון די „וויעדעמאָסטי". די יונגעלײַט אין קאָנטאָר האָבן געקוקט אויף

מיר ווי אויף אַ וואונדער. איינער האָט מיר געזאָגט, אַז גאַספּאַדין פּראָפּער, דער אָרויסגעבער פון דער צייטונג, וויל פערזענלעך רעדן מיט די געווינער. ער האָט מיך אַרײַנגעפירט אין אַן אַנדער צימער. דאָרט איז שוין געזעסן אַ הויכע אַלטע פרוי מיט שניי־ווײַסע האָר און אַן אויסגעמוטשעטן פנים. זי האָט געקוקט אויף מיר, איך האָב געקוקט אויף איר, אָבער גערעדט האָבן מיר ניט.

אינגיכן האָט זיך באַוויזן אין צימער אַ זייער טשיקאַווער מענטשל. דער ערשטער אײַנדרוק איז געווען, אַז דאָס מענטשל איז „געמאַכט אומישנע" — עס איז עפּעס מיט אים ניט ווי עס באַדאַרף צו זײַן. די געדיכטע טונקל־ברוינע דראָבנע געקרייזלטע האָר זענען געווען ווי ניט־מענטשלעכע, ניט־לעבעדיקע האָר: דאָס מענטשעלע האָט זיי ערגעץ געבאָרגט און אַזוי איז אויך געווען דער אײַנדרוק פון דער געדיכטער ברוינער קורצער באָרד, וועלכע איז געווען צוזאַמענגעשטוקעוועט פון „געבאָרגטע" און צוגע־קלעפּטע שטיקלעך. עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס זענען געווען זײַנע אייגענע האָר און אייגענע באָרד. די וואָנצעס פון דעם זעלבן שמוציק־ברוינעם קאָליר האָבן באַדעקט דעם מויל, וואָס איז געווען אויסגעדרייט אַן אַ זײַט. די ציין זענען געווען אויך אַזוי ווי אַרויס־גענומען פון פאַרשיידענע מײַלער. איין צאָן אַהער, דער צווייטער אַהין; איינער אַ לאַנגער, דער צווייטער אַ קליינער, געלער, אָפּ־געביסענער. און אין מיטן פון דעם דאָזיקן דאָרן „אומישנע" פנים האָבן געשײַנט העלע, בלויע, קלוגע און נײַגעריקע אויגן. אַ שטעמפּל פון טראַגישער דערשראָקנקייט, פון אַן אינערלעכער טיפער צוטומלט־קייט איז געלעגן אויפן גאַנצן מענטשל. עס איז געווען שווער צו זאָגן ווי אַלט ער איז. די באַוועגונגען זײַנע זענען געווען יונגע, זײַן באַהאַלטענע טראַגישקייט אַלט, זײַנע אײַנגעפאַלענע בעקלעך באַ־דעקט מיט אַ פאַרמעט־ענלעכע הויט מיט רויטע פלעקן. ער איז געווען פון מיטעלן וואוקס, אָנגעטאָן גוט, אָבער אָפּגעלאָזן און ניט אַקוראַט. אין דער דאַרער, שמאָלער הענטל זײַנער האָט ער געהאַלטן אַ פעדער. אַז ער איז אַ ייד, האָב איך גלײַך דערזען, כאָטש יידן מיט אַזאַ אויסזען איז מיר ניט אויסגעקומען צו טרעפן. דער מענטש האָט געמאַכט אַ פּאָר אומישנע־צעשטרייטע טריט, אַזוי

ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט, און דערבײַ געוואָרפֿן אויף מיר נײַ־געריקע בליקן. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז די יונגעלײַט פֿון קאַנטאָר האָבן אים דערציילט וועגן מיר, און ער איז אַרײַנגעשפּרונגען — ווײַל ער איז געשפּרונגען מיך צו זען. מסתמא איז ער געווען איינער פֿון די מיטאַרבעטער פֿון דער צײַטונג. ער איז צוגעקומען צו מיר נענטער און געזאָגט:

— גייט ניט אַוועק, איידער איר זעט זיך מיט מיר. מײַן נאָמען איז בורדעס.

און אַרויסגעשפּרונגען, אַרויסגעטאַנצט, אַרויסגעכאַפּט זיך פֿון צימער.

— גאַספּאַדין פּראָפֿער בעט אײַך צו זיך, — האָב איך דער־הערט אַ שטימע.

פֿון הינטער אַ שיינעם, רײַכן שרײַבטיש האָט זיך אויפֿגע־הויבן אַ מאַן פֿון אַ יאָר 45 מיט שוואַרצע וואָנצעס, אַ בלישטשנדן פּליך און אַן אויסגעבויגענער פּאַפּוגאַישער נאָז. רוסיש האָט ער גערעדט זיכער בעסער ווי מײַן „באַבושקאַ”, אָבער זי איז דאָך ניט געשטאַנען אין שפּיץ פֿון אַ גרויסער רוסישער צײַטונג און ניט געזאָרגט זיך צו שאַפֿן נײַע רוסישע שרײַבער. ניט נאָר האָט ער פֿאַרדרייט די ווערטער, נאָר די גאַנצע פֿראַזע זײַנע איז געווען אָפּט מאָל אַזוי קאָמיש געבויט, אַז דער צוהערער האָט זיך געוואונדערט: פֿון וואַנען נעמט זיך דאָס אַזאַ קאָמפּאָט?

— ווי זאָל איך אײַך זאָגן צו דעם, — האָט ער אָנגעהויבן, — איך בין זייער צופֿרידן, וואָס איך קאָן העלפֿן אַ יונגענמאַן, אַזוי צו זאָגן, מאַכן אַ קאַריערע דורך מײַן צײַטונג.

אַזוי אומגעפֿער האָט געקלונגען זײַן באַגריסונג אויף דער שפּראַך פֿון פּושקין און טורגעניעוו. אָבער געמיינט האָט ער גוט. איך האָב אויך געזאָגט אַ פּאָר דאַנק־ווערטער, און ער איז געווען צופֿרידן.

— אָ, עס איז געווען ניט קיין גרינגע זאַך אויסצוגעפֿינען אין דעם צוגעשיקטן באַרג פּאַפּיר אמתע ליטעראַטור!

ער האָט אַ זיפֿץ געטאָן, אַזוי ווי טאָקע ער אַליין האָט זיך

דאָס געגריבלט אַ גאַנץ יאָר אין דעם באַרג פּאַפּיר און האָט ענדלעך אַרויסגעפּישט די פּאָסיקסטע דערציילונגען.

ער איז צופרידן, האָט ער ווײַטער גערעדט, אַז צווישן די אַלע פּרעמירטע שרײַבער זענען פאַראַן ניט מער ווי צוויי, וואָס האָבן שוין אַ נאָמען. די איבעריקע שרײַבער זענען גאָר אומבאַקאַנטע יונגעלײַט.

— דאָרט, אין וואָרט־צימער, זיצט אַן אַלטע דאַמע, — האָב איך זיך אָפּגערופן, — האָט דאָס איר זון אָדער אייניקל באַקומען דעם פּרײַז?

— ניין, — האָט פּראָפּער געענטפערט, — דאָס האָט זי אַליין. זי איז געוואָרן אַזוי אויפגערעגט פון דעם, אַז זי האָט באַקומען אַ האַרץ־אַטאַקע, און איצט זיצט זי און רוט.

און ער האָט פאַרענדיקט:

— איך בין זייער צופרידן וואָס ווי ווײַט עס גייט, ווי זאָל איך אײַך זאָגן צו דעם, קאָן איך מאַכן מענטשן גליקלעך.

מיר האָבן זיך צורעדט. ער האָט געוואָלט וויסן, ווער איך בין און וואָס איך טו. ווען ער האָט דערהערט, אַז איך בין דער סעקרעטאַר פון „טעאַטער און קונסט”, האָט ער אָנגעקלונגען:

— רופט אַרײַן אַלעקסאַנדער אַלעקסעיעוויטשן! — האָט ער געזאָגט צו דעם אַרײַנגעקומענעם דינער.

אַ מאָמענט שפּעטער האָט זיך געיאָוועט אַ העכערער, דאַרער מאַן מיט שמאָלע פּירקאַנטיקע פּלייצעס, מיט לאַנגע שוואַרצע האָר, קליינע שוואַרצע וואָנצעלעך און אַ קליין שיטער בערדל. זײַנע אויגן זענען געווען באַדעקט מיט שוואַרצע ברילן. אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַ לאַנגן שוואַרצן ראָק. ער האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק פון אַ מאָנאַך אין וועלטלעכע קליידער. פּראָפּער האָט אים פאָרגעשטעלט:

— דאָס איז איזמאַילאָוו, דער הויפּט פון אונדזער ליטעראַטור־און טעאַטער־אָפּטיילונג. ער איז געווען איינער פון די ריכטער און האָט געלייענט אײַער דערציילונג, ווי זאָל איך אײַך זאָגן צו דעם.

איזמאַילאָוון האָב איך שוין געזען פון ווײַטן אין די טעאַטערס

אויף ערשטע פאָרשטעלונגען און געוואוסט, אַז ער איז דער קרי־טיקער פֿון „בירזשעוויאַ וויעדאָמאָסטי". ער האָט מיך שטענדיק געשראָקן מיט זײַן „שוואַרצן" אויסזען און באַזונדערס מיט די שוואַרצע גלעזער זײַנע.

איזמאַילאָוו האָט געזאָגט, אַז ער האָט געלייענט מײַנע אַר־טיקלען אין „טעאַטער און קונסט" און איז צופרידן וואָס איך האָב באַקומען דעם פּרײַז.

— מיר האָבן גערעדט וועגן דעם, אַלעקסאַנדער אַלעקסעיעװ־וויטש, — האָט פּראָפּער געזאָגט, — אַז איר דאַרפֿט האָבן אַ גע־הילף. איך טראַכט, אַז אונדזער יונגער פֿרײַנד, הער דימנאָוו, איז דער פּאַסיקסטער מאַן פֿאַר דעם. מיינט איר ניט אַזוי?

איך האָב געלאָזט דורכגיין דעם „דימנאָוו" און זשעדנע זיך צוגעהערט: וואָס, אייגנטלעך, האָט פּראָפּער אין זינען? איזמאַי־לאָוו האָט צושטימיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און אויפגעהויבן זײַנע פּירקאַנטיקע פּלייצעס נאָך העכער.

— אַלזאָ האָט פּראָפּער ווײַטער גערעדט צו מיר, — איר זײַט אַנגאַזשירט צו שרײַבן אין מײַן צײַטונג אויף אַ פֿעסטן געהאַלט. איר וועט זײַן איזמאַילאָווס אַסיסטענט. חוץ דעם, וועט איר אויך שרײַבן פֿעליעטאָנען און דערציילונגען.

איך האָב זיך טיף פֿאַרנייגט. אויף דעם האָב איך זיך שוין גאָרניט געריכט. דער זאַק מיט מזל איז געוואָרן אַלץ שווערער.

— נו, און איצט נעמט גאָספּאָדין דימנאָוון צו יעראָנים יעראָ־נימאָוויטשן, — האָט פּראָפּער געזאָגט צו איזמאַילאָוון. — דאָ סווידאַניאַ (אויף ווידערזען), גאָספּאָדין דימנאָוו!

(באַמערקונג: פֿון דעם מאָמענט אָן בין איך געוואָרן פֿאַר פּראָפּערן „דימנאָוו". צו וואָס ער האָט געדאַרפֿט אַרײַנקנאָקן אַ „ב" אין סאָמע מיטן פֿון מײַן נאָמען, קאָן איך זיך ניט דערקלערן. נאָר אַזוי איז עס שוין פֿאַרבליבן. זעכצן יאָר כסדר האָב איך אָפּ־געאַרבעט אין „בירזשעוויאַ וויעדאָמאָסטי". עטלעכע טויזנט מאָל איז מײַן אונטערשריפֿט דערשינען אויף די זײַטן פֿון דער דאָזיקער צײַטונג. צענדליקער מאָל בין איך געווען זײַן גאַסט אין זײַן שיינער הויז; מיר זענען געוואָרן גוטע פֿרײַנד און מיר האָבן זיך

צוקושט, ווען מיר האָבן זיך געטראָפן נאָך אַ לאַנגער שיידונג. און דאָך בין איך געווען און געבליבן „דימנאָוו״, „ווי זאָל איך אײַך דאָס זאָגן צו דעם״...)

מײַן נײַער פֿרײַנד איזמאַילאָוו האָט מיך אַרײַנגעפֿירט אין דעם צימער פון יעראָנים יעראָנימאָוויטש יאָסינסקי, דעם הויפּט־רע־דאַקטאָר פֿון דער צײַטונג. געשריבן האָט ער אין „וויעדאָמאָסטי״ אונטער דעם נאָמען „ניעזאַוויסימי״ (אומאָפּהענגיקער). דער דאָ־זיקער פּסעוודאָנים האָט אין זײַן צײַט אַרויסגערופן אַן אויפרע־גונג צווישן די לעזער פון דער צײַטונג. וואָס הייסט אַ מענטש איז אומאָפּהענגיק אין רוסלאַנד? און דערצו נאָך אַ שרײַבער! טויזנטער בריוו זענען געפלויגן פון דער בריטער, ווײַטער רוסי־שער פּראָווינץ צו דעם גאָספּאָדין „ניעזאַוויסימי״! ער וועט זיך שוין אָננעמען, ער מוז ברענגען שוץ, אָרדענונג, יושר. יאָסינסקי האָט טאַקע אַמאָל אַרײַנגעמישט זיך אין געשעענישן אויף דער פּראָווינץ, אָבער געטאָן האָט ער דאָס אין אַ לײַכטער און אומשול־דיקער פאָרם. דאָס אַליין אָבער איז שוין געווען גענוג, און די פּראָווינץ האָט געשעצט זײַן פען און זײַן אַרײַנמישן זיך אין אירע קריוודעס. די יידן אין האָמעל און באָברויסק האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ און גערעדט:

— ניעזאַוויסימי! אַ קליינינקייט! האָט איר געלייענט ווי ער האָט נעכטן דערלאַנגט דעם פּריסטאַוו פון קרעמענטשוג? פאַרשטייט זיך, מען דאַרף וויסן ווי צו לייענען זײַנע אַרטיקלען. מען דאַרף פֿאַר־שטיין, וואָס ער זאָגט צווישן די שורות.

איך האָב דערזען דעם „צווישן די שורות שרײַבער״. אַזאַ ריז האָב איך נאָך ניט געזען, סײַדן אין אַ צירק. יאָסינסקי איז געווען מיט צוויי קעפּ העכער פון יעדן איינעם אַרום אים. ער האָט גע־האַט אַ לאַנגע האַלב־גרויע, האַלב־טונקעלע באָרד, — זאַלץ און פֿעפֿער, ווי מען רופֿט עס, — וואָס האָט באַדעקט זײַן מעכטיקע ברוסט כמעט ביז צו דער העלפט. זײַנע האָר זענען געווען לאַנג, צוקעמט אין מיטן. אַ זעלטן אויפפאַלנדע דערשײַנונג איז דאָס געווען. אָבער מיט וואָס פאַר אַ לײַכטקייט און גראַציע ער האָט געטראָגן זײַן ריזיקן גוף! זײַן שטים איז געווען אַ שטילע, אַ

גלאַטע, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט אָפּצושרעקן מענטשן מיט זײַן גרויס. יאַסינסקי איז געווען זייער טאַלאַנטפֿול ווי אַ בעלעטריסט. ער האָט געהאַט אַ שאַרף אויג, אַ בליק־קלאָרן סטיל.

אָנגעפּאַנגען זײַן קאַריערע האָט יאַסינסקי גאָר גרויס. אָבער אַ נאָמען צווישן די פּראָגרעסיווע שרײַבער האָט ער געהאַט ניט קיין גוטן, ווײַל ער האָט זיך ווייניק געזאָרגט וועגן די „לײַדן פֿון דעם מוזשיק" און נאָך ווייניקער באַגריסט די צוקונפֿטיקע רוסישע רעוואָלוציע, וועלכע דאַרף אָט־אָט קומען. ער האָט געענדיקט די פּעטערבורגער קונסט־אַקאַדעמיע און איז געווען אַ טאַלאַנט־פֿולער מאָלער.

מיר האָבן אָנגעפֿאַנגען רעדן וועגן מײַן צוקונפֿטיקער אַרבעט אין דער רעדאַקציע.

— גוט, זייער גוט! — האָט יאַסינסקי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. זײַן גרויסע באָרד האָט זיך אַ גליטש געטאָן אויף אַ זײַט און איך האָב דערזען, אַז ער טראָגט ניט קיין קאָלנער און קיין שניפּס. די באָרד און די לאַנגע האָר באַדעקן זײַן האַלדז אַזוי געדיכט, אַז ער דאַרף שוין קיין אַנדער זאַך ניט האָבן.

— אײַער אַרבעט בײַ אונדז וועט זיך אָנהויבן ניט פֿריער ווי אין האַרבסט, ווען מיר וועלן זיך איבערקלײַבן אין אונדזער נײַער וואוינונג. פּראָפּער בויט איצט אַן אייגן הויז פֿאַר דער צײַטונג און פֿאַר דער דרוקערײַ. איין זאַך מוז איך אײַך זאָגן: איר האָט מזל.

— מזל? — האָב איך דערהערט הינטער זיך אַ קוויטשנדיקע שטימע.

— רעדט ניט וועגן מזל, יעראָנים יעראָנימאָוויטש; רעדט וועגן דעם ייִדישן גאָט דער ייִדישער גאָט האָט אים אַ קוש געטאָן אין שטערן.

דאָס האָט גערעדט דער טשיקאַווער מענטשל, וועלכער איז פֿריער אַרײַנגעלאָפֿן אין וואַרט־צימער, בורדעס, ווי ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט. ער האָט געקוקט אויף מיר, און אַ צופֿרידענער שמייכל האָט זיך צוגאָסן איבער זײַן פּנים.

— ווער איז ער? האָב איך געפֿרעגט יאַסינסקין, ווען ער איז אַרויס פֿון צימער.

— אונדזער „פּאָליטיקער". ער שרײַבט לײַט־אַרטיקלען אויף פּאָליטישע טעמעס. ער קאָן אַלע אייראָפּעישע שפּראַכן, האָט אַ סך אַרומגערײַזט. ער איז אַ זייער פעיִקער און נוצלעכער זשור־נאַליסט.

— רעדט ער שטענדיק אַזוי שיין וועגן ייִדישקייט?

יאַסינסקי האָט געמאַכט אַ כיטרען פּנים, זײַנע קלוגע שמאָלע אויגן זענען געוואָרן נאָך שמאָלער, זײַן באָרד האָט אויפגעלעבט און אָנגעהויבן זיך גליטשן איבער זײַן ברוסט אַהין און אַהער. ער האָט געלאַכט:

— בורדעס איז אַ קריסט, אַ פּראַוואָסלאַוונער; אַ געשמדטער, פאַרשטייט זיך... נו, וויל ער אונדז אַלעמען מאַכן פאַר ייִדן.

דער כישופדיקער טאָג האָט זיך פאַרענדיקט. איך האָב באַ־קומען אַ רײַכן מאַטעריאַל נאָכצודענקען אויף מאָנאַטן.

איין זאַך איז איז געוואָרן קלאָר פאַר מיר: איך דאַרף ניט זאָרגן װעגן געלט. איך בין אויך אויף דעם וועג צו מאַכן אַ ליטעראַרישע און זשורנאַליסטישע קאַריערע. איך האָב זיך געשאַפן גוטע פרײַנד, באַציאונגען... איך מוז באַקומען מײַן דיפּלאָם, מײַן רעכט צו וואוי־נען אין פּעטערבורג, אין גאַנץ רוסלאַנד. אָן דעם, וואָס טויגן מיר אַלע פּראָפעסן און קוגעלס?

דער פרילינג האָט זיך דערנענטערט, באַלד וועלן זיך אָנהויבן די איבערגאַנג־עקזאַמענס. איך בין געווען מיט זיי מער אָדער ווייני־ניקער זיכער און זיך געפילט גוט צוגעגרייט. דאָ האָט פּלוצלינג פּאַסירט עפּעס, וואָס האָט איבערגעקערט אַלע מײַנע וויסנשאַפט־לעכע פּלענער.

איינמאָל, אַרײַנקומענדיק אין אונדזער סטודענטישער „טשי־טאַלקאַ" (לעזע־צימער), האָב איך דאָרט געפונען מײַנע קאָלעגן אין אַ גרויסער אויפרעגונג.

— וואָס האָט פּאַסירט?

מען האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ צעטל, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט:

— לייענט, וועט איר וויסן!

דאָס צעטל איז געווען אָפּגעדרוקט אויף אַ „מימעאָגראַף", ווי

די אומלעגאַלע בראָשורן און „ליסטאָווקעס" זענען געווען געדרוקט. דאָס אומלעגאַלע בלעטל האָט דערציילט, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען מיט אַ רוסישער סטודענטקע מיטן נאָמען וויעטראָוואַ. זי איז אַרעס־טירט געוואָרן פֿאַר איר רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט און מען האָט זי אַרײַנגעזעצט אין דער שטרענגער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פֿעסטונג (באַוואוסטע פּעטערבורגער טורמע). איינער פֿון די זשאַנדאַרן האָט געוואָרפֿן אַן אויג אויף איר און אָנגעהויבן זי צו פֿאַרפֿאָלגן מיט זײַנע ליבעס־דערקלערונגען... אויף זײַן באַפֿעל האָט מען וויעט־ראָוואַן אַריבערגעפֿירט אין אַ קאַמער, וואָס איז געווען מער באַקוועם פֿאַר אים, ניט פֿאַר איר. דאָס אומגליקלעכע מיידל האָט פֿאַרשטאַ־נען, וואָס דאָס מיינט. בײַנאַכט האָט זי אויסגעגאָסן אויף איר בעט דעם קעראָסין פֿון לאָמפּ, וואָס איז געהאַנגען אין איר קאַמער, האָט זיך אָנידערגעלייגט אין בעט און זיך אונטערגעצונדן. זי האָט זיך פֿאַרברענט אויף טויט.

— סכאָדקאַ! סכאָדקאַ! (מאַסמיטינג). מען דאַרף צונויפֿרופֿן אַן אַלגעמיינע באַראַטונג! — האָט זיך געהערט פֿון אַלע זײַטן.

אויף מאָרגן איז די „סכאָדקאַ" פֿאָרגעקומען. הונדערטער סטודענטן פֿון אַלע קורסן האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אין גרויסן אַקט־זאַל. קיינער פֿון די פּראָפֿעסאָרן אָדער פֿון דער אַדמיניסטראַציע איז ניט געווען אָנוועזנד, און, נאַטירלעך, קיינער פֿון דער פּאָליציי אויך ניט, — כאָטש אַ פּאָר שפּיאָנען זענען זיכער געווען (איינעם האָבן מיר אויך שפּעטער געכאַפּט). די „סכאָדקאַ" האָט געהאַט אַ פּרעזידיום, וואָס איז געזעסן אויבן בײַ דער קאַטעדרע, און מיר, סטודענטן, זענען געשטאַנען און האָבן זיך צוגעהערט צו די רייד פֿון אונדזערע פֿירער. די רעדנער האָבן אונדז גערופֿן אויסצודריקן אַ שאַרפֿן פּראָטעסט קעגן דער גאַנצער צאַרישער סיסטעם, וואָס האַלט רוסלאַנד אין קייטן. וויעטראָוואַס פֿאַל איז ניט מער ווי אַ שוואַכער, אָבער לאָגישער אָפּקלאַנג פֿון דער רוסישער אָרדענונג! אַרונטער מיט אָט דער אָרדענונג!

מיר האָבן אָפּלאָדירט: עס איז טאַקע צײַט אַרונטערצוזעצן דעם צאַר מיט זײַן פֿאַרברעכערישער באַנדע.

דערנאָך האָט גערעדט אַ סטודענט פֿון ערשטן קורס מיט דעם

נאָמען „שלעכטער" — אַ דײַטש, הייסט עס; אָבער דער דאָזיקער דײַטש איז אויך געווען אַ הייסער רוסישער פּאַטריאָט. ער האָט אונדז דערציילט, אַז די סטודענטן אין מאָסקווע, קיעוו אַדעס און טאָמסק זענען שטאַרק אויפגעבראַכט. זיי גרייטן זיך צו מאַכן אַ גרויסע עפנטלעכע דעמאָנסטראַציע, אַז דאָס פאָלק, גאַנץ רוסלאַנד זאָל זיך דערוויסן פון דעם, ווי מען האָט געטריבן צום טויט אַן ערלעכע רוסישע טאָכטער. כדי עפנטלעך אויסצודריקן אונדזער פּראָטעסט, מוזן מיר זיך פאַרזאַמלען אויף דעם קאַזאַנסקי פּלאַץ, לעבן דעם קאַזאַנסקי „סאָבאָר" (קירך). יעדער איינער מוז דאָרט זײַן. דאָס איז אונדזער הייליקע פליכט.

מיר האָבן ווידער אָפּלאָדירט.

אַ פּאָר טעג שפּעטער, צוועלף אַ זייגער בײַטאָג, איז די קאַזאַנסקאַיאַ פּלאָשטשאַד (סקווער) געווען פול מיט סטודענטן — ניט נאָר פון אונדזער אינסטיטוט: עס זענען געווען דאָרט אַלע אוניפאָרמס, פאַרשטייער פון אַלע הויכשולן. דער פּרעכטיקער קאַזאַנסקי סאָבאָר איז געבויט נאָך דעם מוסטער פון דער גראַנדיעזער פּעטער-און-פּאול קירך אין רוים. די אַרויסגערוקטע רייען קאָלאָנעס, האָבן געמאַכט דעם אײַנדרוק, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אַרומכאַפּן די נאַיִווע רוסישע יונגוואַרג, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט בײַם קבר פֿון אונדזער, מיטאַמאָל טײַער געוואָרענער, שוועסטער מאַרטירערין. אַ ספּעציעלער קאָמיטעט פֿון סטודענטן איז אַוועקגעגאַנגען צו דעם בישאָף, דעם הויפּט פון דעם סאָבאָר, מיט דער בקשה, ער זאָל פּראַווען אַ „פּאַניכידע", אַ גאָטעסדינסט, נאָך דער פאַרשטאָרבענער. זיי האָבן גוט געוואוסט, אַז דער בישאָף וועט זיך אָפּזאָגן אַרײַנצולאָזן די דעמאָנסטראַנטן אין דער קירך. אַ נאַר וועט ער זײַן, צו צוקריגן זיך מיט די זשאַנדאַרן! דער סטודענטישער קאָמיטעט האָט זיך ווייניק געזאָרגט וועגן אַ „פּאַניכידע". דאָס, וואָס דער בישאָף האָט זיך אָפּגעזאָגט, איז געווען וויכטיקער: זאָל עס וויסן דאָס פאָלק, די אַרבעטער, יעדער איינער!

די דעמאָנסטראַנטן זענען געוואָרן וואָס מער אויפגעבראַכט. מען האָט באַשלאָסן אויפצורײַסן די שווערע דעמבענע טיר פון סאָבאָר און פאַראַנשטאַלטן אַ ציווילע „פּאַניכידע".

אין דעם מאָמענט האָבן זיך באַוויזן קאָזאַקן, וועלכע זענען גע־וועזן באַהאַלטן אין אַרומיקע הויפן. די געטרײַע, אויסגעפּרובירטע שטיצער פון טראָן האָבן געמאַכט די זאַך קורץ: אַרײַנגעריסן זיך אויף זייערע פלינקע פערדלעך אין דער סאַמער מאַסע פון דע־מאָנסטראַנטן און אָנגעפאַנגען צו אַרבעטן מיט זייערע נאַגייקעס. מענטשן זענען צוטראָטן געוואָרן אונטער די פיס פון די קאָזאַצקע פערד. די קאָזאַקן האָבן געשריען און געסווישטשעט מיט חיהשער ווילדקייט. — און אַזוי ווי ביידע צדדים — אי די קאָזאַקן אי די סטודענטן — זענען געווען אָנגעטאָן אין אוניפאָרמס, האָט די גאַנצע זאַך אויסגעזען ווי אַ געמיש פון אַ פּאָגראָם מיט אַ בירגער־קריג — אַ טיפּיש־רוסישע בלוטיקע דערשײַנונג. פּעטערבורג, דער „פענצ־טער קיין אייראָפּע", די רוסישע פּאַריז, די שטאָט פון הויכער קונסט און ראַפינירטער ליטעראַטור, האָט פּלוצלינג געוויזן איר צווייטן פּנים. דאָס באַקאַנטע רוסישע ווערטל: „טו אַ קראַץ דעם רוס, וועסטו געפינען אַ טאָטער", האָט זיך אין דעם מאָמענט בלוטיק באַשטעטיקט. די מאַיעסטעטישע וואונדער־שיינע געביידע פון דעם קאַזאַנסקי סאָבאָר, די געניאַלע רעפּראָדוקציע פון דער רוימישער קירך, די אימפּאָזאַנטע זײַלן־רייען און די מעכטיקע שטיינערנע פליגלען פון דער געביידע, דער גאָלדענער צלם אויפן שפּיץ פון קופּאָל — דאָס אַלץ האָט זיך צוזאַמענגעמישט מיט פאַרבלוטיקטע פּנימער, ווילדע געשרייען, צוקלאַפּטע און צוטראָטענע יונגע קער־פּערס, צוריסענע קליידער, און ווידער געשרייען און ווידער בלוט, פערד, סטודענטן, קאָזאַקן, דער גאָלדענער צלם, אַ צוטראָטענער יידישער סטודענט מיטן נאָמען ק., פון אונטער די קאָזאַצקע פערד, — דאָס איז געווען רוסלאַנד, די צאַרישע מדינה, וואו רעליגיע איז געווען פאַראייניקט מיט זשאַנדאַרמעריע, און וויסנשאַפט מיט מאַרטירערײַ.

אויף מאָרגן איז בײַ אונדז ווידער געווען אַ „סכאָדקאַ". אייניקע פון די רעדנער זענען אויפגעטראָטן מיט פאַרבאַנדאַזשירטע פּנימער: זיי אַליין האָבן פאַרזוכט דעם טעם פון דער קאָזאַצקער נאַגייקע. אַ סך סטודענטן, האָבן זיי באַריכטעט, זענען שווער פאַרוואונדעט געוואָרן פון די נאַגייקעס אָדער צוטראָטן פון די פערד. מען האָט

אַרעסטירט גאַנצע גרופּעס סטודענטן און סטודענטקעס, פֿאַרשלעפּט זיי אויף אַ הויף, צוגעמאַכט דעם טויער און געשלאָגן, געשלאָגן אומברחמנותדיק.

דאָ איז אַרויסגעשפּרונגען אונדזער פּירער שלעכטער, דער דײַטש, און האָט אויסגעשריען:

מיר גייען ניט צו די עקזאַמענס! מיר מאַכן אַן אָבסטרוקציע! קיין איין סטודענט טאָר זיך ניט ווײַזן בײַ די עקזאַמענס! אויב מען באַהאַנדלט סטודענטן אַזוי ווי חיות, נו, זאָלן זיי האָבן חיות פֿאַר וואָלד־אינזשינערן, ניט אונדז!

די סטודענטן האָבן אַפּלאָדירט און איך אויך.

שלעכטער האָט ווײַטער גערעדט. זיינע שיינע טונקעלע אויגן האָבן געשפּריצט מיט פֿײַער. זײַן פּנים איז געוואָרן בלאַס פֿון אויפֿרעגונג. זײַן לעצטער אויסגעשריי הילכט נאָך הײַנט אין מײַנע אויערן:

— אויב איינער פֿון אײַך וועט נאָר וואַגן צו קומען צום אי־בערגאַנג־עקזאַמען, וועלן אָט די ווענט רויט ווערן פֿון בושה.

איך האָב געוואָרפֿן אַ בליק אויף די ווענט. זיי זענען איצט געווען ווײַס, אויסגעשמירט מיט אַ שניי־ווײַסער פֿאַרב, אָבער ווען איך, כאָטש אַ „ווטאָראָגאָדניק” (פֿאַרבליבענער אויף אַ צווייטן יאָר), וועל קומען האַלטן דעם עקזאַמען, וועלן די ווענט ווערן רויט, ווי דאָס בלוט, וואָס האָט געשפּריצט אויף דעם פּראַכטפֿולן קאַזאַנס־קער פּלאַץ.

— איך גיי ניט האַלטן מײַנע עקזאַמענס, — האָב איך געזאָגט צו יאַשאַן, ווען איך בין געקומען אַהיים.

ער איז געוואָרן זייער ערנסט:

— טו דאָס ניט, — האָט ער געזאָגט, — עס וועט זיך שלעכט ענדיקן פֿאַר דיר.

— פֿאַרוואָס פֿאַר מיר? מעגלעך פֿאַר אונדז אַלע. אָבער וואָס קאָן דאָ זײַן? מען וועט פֿאַרטרײַבן זעקס הונדערט סטודענטן פֿון דעם אינסטיטוט?

פֿאַרגעס ניט, אַז דו זיצסט אויף דעם זעלבן קורס דאָס צווייטע יאָר. דו קאָנסט דאָך ניט זיצן דרײַ יאָר!

— אָבער ווי קאָן איך גיין האַלטן מײַן עקזאַמען, ווען קיינער וועט ניט גיין? ווי וועלן די סטודענטן קוקן אויף מיר? — האָב איך אַרגומענטירט.

געוויס איז ער גערעכט. אָן אומגליק דערוואַרט מיך, אַ קאַטאַסטראָפע, אויב איך האַלט זיך בײַ מײַנס. מען וועט אונדז אויסשליסן, — אַזוי האָט געוואָרנט די אַדמיניסטראַציע פון אינסטיטוט. די קליינע גרופּע יידן, וואָס מען האָט אַרײַנגענומען אין אינסטיטוט כמעט פֿון רחמנות, זיי וועלן אַרויספֿליען די ערשטע. און דער סאַמע ערשטער צווישן זיי וועל איך זײַן, דער „ווטאָראָגאָדניק", וואָס וויל זיך גאָרניט לערנען, נאָר וויל שרײַבן. יאָ, איך האָב דאָס אַלץ געוואוסט, און געוואוסט נאָך מער: מײַן שרײַבער־קאַריערע וועט זיך פאַרענדיקן, איידער זי האָט זיך אָנגעפאַנגען! אַ סוף צו אַלע מײַנע פּלענער, אַ סוף אויך צו מײַן פאַרדינען געלט אין דער רעדאַקציע פֿון „בירזשעוויאַ ווידעאַמאָסטי"; צוריק קיין ביאַליסטאָק, צו ווערן אַ פּריוואַט־לערער! אָבער צום עקזאַמען בין איך פאַרט ניט געגאַנגען. איך האָב נישט געקאָנט זיך אַליין זען אין דער ראָלע פון אַ „פאַררעטער", פון אַ סטרײַק־ברעכער און מאַכן, אַז די ערלעכע ווײַסע ווענט פון דעם אַקט־זאַל זאָלן רויט ווערן צוליב מיר. קיינער פון די סטודענטן פון ערשטן קורס האָט זיך ניט באַוויזן בײַם עקזאַמען! קיינער ניט, אַ חוץ איינעם. און דער איין־און־איינציקער איז געווען דער דײַטש שלעכטער, וועלכער האָט אויסגעשריען די ווערטער, וואָס האָבן מיך אַזוי איבערגעשראָקן: „די ווענט וועלן רויט ווערן פון בושה!"...

אמת, אויף די אַנדערע קורסן האָבן זיך אָפּגעפונען מער סטודענטן, וועלכע האָבן געטענהט, אַז מיט דעם וואָס זיי וועלן ניט האַלטן די עקזאַמענס, וועלן זיי וויעטראָוואַן ניט לעבעדיק מאַכן און דעם צאַר פון טראָן ניט אַראָפּזעצן. אָבער זיי האָבן דאָך פריער ניט געהאַט געשריען אויף דער „סכאָדקע" ווי דער דײַטש שלעכטער...

דער דײַטש שלעכטער איז אַריבער אין צווייטן קורס און — פאַרשוואונדן. מער האָב איך אים קיינמאָל ניט געטראָפן.

קאַפּיטל נײַן.

די איבערגאַנג־עקזאַמענס זענען אַריבערגעגאַנגען אָן מיר. איך האָב גאָרניט געהערט פון דער אַדמיניסטראַציע פון אינסטיטוט. איך האָב אַליין ניט געוואוסט, צי בין איך נאָך אַ סטודענט, צי שוין ניט. זייער מעגלעך, אַז דער אינסטיטוט האָט דאָס אַליין ניט געוואוסט. בעסער ניט טראַכטן וועגן דעם אינגאַנצן. אַ נײַע פּאָסירונג האָט אינגיכן פאַרכאַפּט מײַן גאַנצע אויפמערקזאַמקייט.

חוץ די קייזערלעכע טעאַטערס, איז אין פּעטערבורג געווען אַ רײַכער פּריוואַטער טעאַטער, וואָס האָט באַלאַנגט צו דער „ליטעראַריש־דראַמאַטישער געזעלשאַפט”. גערופן האָט מען דעם דאָזיקן טעאַטער „מאַלי” (קליינער), כאָטש ער איז גאָרניט געווען קליין. פאַרקערט, דאָס איז געווען אַ גרויסע און שיינע געבײַדע אויף דעם קאַנאַל פאָנטאַנקאַ, ניט ווײַט פון נעווסקי פּראָספּעקט. די דירעקטאָרן פון דעם טעאַטער זענען כמעט אַלע געווען פאַרבונדן אָדער נאָענט צו דער גרויסער אַנטי־ליבעראַלער, „רעכטער”, פּראָ־צאַרישער און אַנטיסעמיטישער צייטונג „נאָוואָיע ווערעמיאַ” („נײַע צײַט”).

דער אַרויסגעבער און הויפּט־רעדאַקטאָר פון „נאָוואָיע ווערעמיאַ” איז געווען סוּוואָרין, „ביעזנאַקאָמיעץ” (אומבאַקאַנטער), ווי ער האָט זיך אַמאָל גערופן. סוּוואָרין איז געווען אַ באַגאַבטער מענטש, אַ גלענצנדער זשורנאַליסט און אַ גוטער געשעפטסמאַן אויך. עס איז געווען אַ צײַט, ווען ער איז געווען אין דעם לינקן לאַגער. צווישן זײַנע פרײַנד איז געווען דער גרויסער שרײַבער, דער שטאָלץ פון רוסלאַנד, טורגעניעוו. אויך זייער גוט זענען געווען מיט אים דאָסטאָיעווסקי, גריגאָראָוויטש און טאָלסטאָי אַליין. אָבער נאָך דער דערמאָרדונג פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן האָט אַלעקסעי

סערגעיעוויטש סוואָרין געביטן זײַן פּאָזיציע. ער איז אַוועק פֿון דער לינקער באַוועגונג. ער האָט זיך געשטעלט אין שפּיץ פֿון אַ „שוואַרצער", אַנטי־רעוואָלוציאָנערער פּרעסע און האָט אָנגע־פאַנגען צו דינען די אינטערעסן פֿון דער רעגירונג. אַזוי איז ער געוועזן פֿאַר דער צײַטונג, פֿאַר די לעזער, פֿאַר די העכערע באַאַמטע, וועלכע האָבן געלייענט די „נאָוואָיע וורעמיאַ". סוואָרין איז געווען צו קלוג ניט צו זען אין וואָס פֿאַר אַן אָפּגרונט די באַאַמטע מיט דעם צאַר אַליין שטופּן רוסלאַנד. זייער ווייניק אַכטונג און רעס־פּעקט צום צאַר און צו דער צאַרישער קליקע האָט ער אַרויסגע־וויזן, ווען עס איז אים אויסגעקומען צו רעדן וועגן זיי. יאָ, אָבער דאָס אַלץ פּריוואַט, אין דער רעדאַקציע, בײַ זיך אין דער היים, אָבער ניט אויפֿן פּאַפּיר, קיינמאָל ניט אין זײַן צײַטונג. גאַנץ רוסלאַנד האָט געוואוסט, אַז סוואָרינס צײַטונג איז די איינציקע, וועלכע דער צאַר, דער הויף, די מיניסטאָרן און די דיפּלאָמאַטן לייענען. אַ סך זענען געווען איבערצײַגט, אַז די „נאָוואָיע וורעמיאַ" שפּיגלט אָפּ און פֿירט דורך די געדאַנקען און פּלענער פֿון דער רוסישער רעגירונג. ביז אַ געוויסער מאָס איז דאָס טאַקע אַזוי געווען. יעדנפֿאַלס האָט מען אין אויסלאַנד געקוקט אַזוי אויף דער „נאָ־וואָיע וורעמיאַ", אַז זי איז אַן עכאָ פֿון דער רוסישער רעגירונג. ווילט איר וויסן וואָס רוסלאַנד טראַכט, לייענט סוואָרינס צײַטונג.

דער דיפּלאָמאַטיש־גליטשיקער אַלעקסעי סערגעיעוויטש האָט אָבער געהאַט אין האַרצן אַ גאָט, צו וועמען ער איז געווען אמתדיק איבערגעגעבן און אויפֿריכטיק געטרײַ. דער גאָט איז געווען — די רוסישע ליטעראַטור, די רוסישע קונסט. קיינמאָל האָט ער ניט געזינדיקט קעגן אָט דעם גאָט זײַנעם. דערפֿאַר טאַקע האָבן טור־געניעוו און דאָסטאָיעווסקי געשאַנקען דעם דאָזיקן „פּאָליטישן ליגנער" זייער פֿרײַנדשאַפֿט; דערפֿאַר האָט אויך, שוין אין מײַן צײַט, דער גרויסער, דער ערלעכסטער שרײַבער אַנטאָן טשעכאָוו זײַן גאַנץ לעבן געהאַט אַ וואַרעם געפֿיל צו אים.

דער גרויסער ליגנער סוואָרין, וואָס האָט געזאָגט ליגן אי דער רעוואָלוציע און אי דער רעגירונג, האָט אויך ליב געהאַט די אייביקע צויבערלעכע פֿאַרפֿירערין, די געטין פֿון טעאַטער. סוואָ־

רין האָט אַליין געשריבן פאַרן טעאַטער. זײַן דראַמע „טאַטיאַנאַ רעפּינאַ" איז פאַר אַ היפּש ביסל צײַט געווען איינע פון די פּאָפּולערסטע רוסישע דראַמען.

סוואָרין איז געווען דער פּרעזידענט פון דער אומזעבאַרער ליטעראַריש־דראַמאַטישער געזעלשאַפט און אין פּעטערבורג האָט מען געזאָגט אין איין אָטעם: סוואָרינס צײַטונג און סוואָרינס טעאַטער; דאָס האָט געמיינט דער „מאַלי טעאַטער", ווײַל דער אמתער באַלעבאָס פון דעם טעאַטער איז טאַקע געווען סוואָרין.

„מאַלי" טעאַטער איז געווען זײַן גײַסטיקע היים, דער פּלאַץ וואו ער האָט זיך געקאָנט פילן פרײַ און אומאָפּהענגיק, וואו ער האָט ניט געדאַרפט זאָגן קיין ליגנס, טראַכטן איין זאַך און שרײַבן פּונקט פאַרקערט. דאָ האָט דער „אַלטער" (אַזוי האָט מען אים שוין גערופן אין מײַן צײַט) אויך געקאָנט געפינען דעם געווינטשטן שלום, וועלכן ער האָט ניט געהאַט ניט אין זײַן אַרבעטס־קאַבינעט אין געסל „ערטעלעוו פּערעאולאָק" און ניט אין זײַן אייגענער שטוב, וואו יעדער איינער אין זײַן משפחה האָט זיך געקריגט מיט אַלע אַנדערע.

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז אין דער צײַט ווען די „נאָוואָיע ווּרעמיאַ", סוואָרינס רעכטע האַנט, איז אָנגעפאַלן אויף אַלצדינג וואָס איז געווען פּראָגרעסיוו און געהאַט אַ פרײַען געדאַנק, האָט דער טעאַטער, זײַן לינקע האַנט, געזוכט אויפצופירן די שענסטע און בעסטע פּיעסן, וואָס האָבן געפּרעדיקט פרײַהייט, שיינקייט און מענטשלעכקייט: פּיעסן פון איבסען, הויפּטמאַן, שניצלער, זודערמאַן, איבערזעצונגען פון פראַנצויזישן רעפּערטואַר, איטאַליענישן און ענגלישן... סוואָרין האָט אויך געפירט אַ ביטערע מלחמה מיט דער שטרענגער רוסישער צענזור און האָט אָפטמאָל אַרויסגעריסן פון אירע לאַפּעס גוטע, אינטערעסאַנטע דראַמען. עס איז גענוג צו דערמאָנען, אַז די פּיעסע „צאַר פיאָדאָר יאָאַנאָוויטש" איז אויפגעפירט געוואָרן צום ערשטן מאָל אין פּעטערבורג טאַקע אין סוואָרינס טעאַטער. אַ סך מי האָט עס געקאָסט אים פערזענלעך איבערצורעדן די צענזור, אַז דער פּרעסטיזש פון ניקאָלאַי דעם צווייטן וועט ניט לײַדן צוליב דעם, וואָס איינער

פון זײַנע אור־אור־זיידעס איז געווען אַ האַלבער אידיאָט; אַן אומ־שולדיקער, אָבער פאָרט אַן אידיאָט.

און אָט דער „מאַלי" טעאַטער האָט אַנאָנסירט, אַז ער פירט אַן אַ קאָנקורס אויף אַ פּיעסע. יעדע אויסגעקליבענע פּיעסע וועט געווינען דרײַ הונדערט רובל, און חוץ דעם, וועט זי אויפגעפירט ווערן אין טעאַטער מיט די בעסטע שוישפּילער און אונטער דער בעסטער רעזשי.

ווי קאָן מען זיך ווינשן עפּעס בעסערס? עס איז דאָך אַ גאָלדענע געלעגנהייט פאַר יעדן דראַמע־שרײַבער און פאַר אַן אָנפאַנגער בפרט. איך האָב פאַרגעסן מײַן וואָלד־אינסטיטוט, מײַנע עקזאַמענס, די פּאָליטישע אומרוען, וואָס האָבן מיך אַרײַנגעטריבן אין אַזאַ פלאָנטער, און האָב זיך גענומען שרײַבן אַ פּיעסע פאַר דעם קאָנ־קורס. מיר איז געלונגען איין מאָל — אפשר געלינגט מיר אַ צווייטן מאָל? אויב ניט, אויב איך פאַל דורך, וועל איך פאַרברענען די ניט־געלונגענע פּיעסע מײַנע און קיינער וועט גאָרניט וויסן.

מײַן דראַמע האָט געהייסן „גאַלאָס קראָווי" (די שטים פון בלוט), אָבער מיט בלוט האָט זי גאָרניט געהאַט צו טאָן. דער פּאָסיקסטער נאָמען וואָלט געווען: „ברידער און שוועסטער", דער יונגער דור אין אַ משפּחה. די ברידער און די שוועסטער אין מײַן דראַמע האָבן זיך ליב, נאָר זיי שעמען זיך, אָדער קאָנען ניט אַרויסווײַזן זייער ליבע. וואָס זיי ווײַזן יאָ אַרויס, איז האַס. אָט דער מאָדנער געפיל ליבע־האַס בינדט זיי אַלע צוזאַמען, האַלט זיי פּעסט ... זיי מאַטערן איינער דעם צווייטן, מאַטערן זיך אַליין, אָבער באַפרײַען זיך פון דעם געפיל קאָנען זיי ניט. דאָס איז די שטים פון בלוט־פאַרוואַנד־שאַפט, וועלכע איז שטאַרקער פון לאָגיק.

די טעמע האָט מיך פאַרכאַפּט, און גאָר אין גיכן בין איך גע־ווען פאַרטיק מיט דער אַרבעט. איך האָב אַרײַנגעלייגט די דראַמע אין אַ גרויסן קאָנווערט און אָנגעשריבן פון אויבן:

„די ניט־אויסגעזונגענע לידער זענען תמיד די שענסטע".
דאָס איז געווען אַ ציטאַט פון נאָרוועגישן דראַמען־שרײַבער הענ־ריק איבסען. אין אַ צווייטן, קלענעם קאָנווערט האָב איך אַרײַנגעלייגט אַ צעטל, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען מײַן נאָמען און אַדרעס.

פון אויבן, אויף דעם קליינעם קאָנווערט, האָב איך אָנגעשריבן דעם זעלבן שפּרוך פון איבסען. אויב מען וועט וועלן וויסן ווער דער מחבר פון דער פּיעסע איז, וועט מען אויפרײַסן דעם קליינעם קאָנווערט מיט דעם זעלבן שפּרוך.

און בײדע קאָנווערטן, דעם קליינעם מיט דעם גרויסן, האָב איך אַרײַנגעלייגט אין נאָך אַ גרעסערן און אַוועקגעשיקט אין „מאַלי" טעאַטער אַרײַן.

מער אין פּעטערבורג האָב איך שוין ניט געהאַט וואָס צו טאָן. מען דאַרף אַוועקפאָרן קיין ביאַליסטאָק. איך בין אַוועק צו געזעגענען זיך מיט מײַנע קאַזינס. דעם זומער האָבן זיי באַשלאָסן צו פאַרברענגען אין דער אַריסטאָקראַטישער „צאַרסקאָיע סעלאָ", ניט ווײַט פון פּאַוולאָווסק, וואו עס האָבן געוואוינט רײַכע און אײַנפלוסרײַכע מענטשן, קריסטן, פאַרשטייט זיך. יידן זענען דאָ געווען ווייניק. די שטעמבערס האָבן געוואוינט דאָרטן צוליב דעם, וואָס די עלטערע טאָכטער, עמאַ, איז געווען אַנגאַזשירט אויפצוטרעטן אין די וועלט־באַרימטע פּאַוולאָווסקער קאָנצערטן. שפּילן אויף אַזאַ קאָנצערט איז געווען אַ זייער זעלטענער און גרויסער כבוד, באַזונדערס נאָך פאַר אַ יידישער טאָכטער. אָבער עמאַס פּראָפעסאָר, פּרוי מאַלאָזיאָמאָוואַ, די אַמאָליקע שילערין פון אַנטאָן רובינשטיין, האָט שוין געזאָרגט וועגן דעם.

— אַ שאָד, וואָס דו פאָרסט אַוועק — האָט עמאַ געזאָגט צו מיר. — דו וועסט מיך ניט הערן שפּילן. איך טרעט אויף אין בעטהאָווענס קאָנצערט צוזאַמען מיט דעם גרויסן סימפאָנישן אָרקעסטער.

צו דער צײַט בין איך שוין געווען בײַ מײַנע ליבע קאַזינס אַ וויכטיקע פּערזאָן. מײַן ביאַליסטאָקער קרילאָטקע (מאַנטל אָן אָרבל) איז שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן. איצט בין איך דאָך געווען אַ סטודענט, אָנגעטאָן אין אַ שיינעם מונדיר מיט זילבערנע קנעפּ און עפּאָלעטן. איך בין געווען די רעכטע האַנט פון דעם מעכטיקן קריטיקער אַלעקסאַנדער קוגעל; איך האָב געוואונען דעם פּרײַז פאַר אַ דערציילונג (וועלכע איז קיינעם ניט געפעלן). און וואָס פאַר אַ וויצן, וואָס פאַר אַ אַנעקדאָטן איך האָב דאָס געקענט דער־

ציילן! מיט איין קלאַפּ האָב איך באַקומען דרײַ ליבע, האַרציקע, טאַלאַנטפולע שוועסטער. ניט ווי אַ קאָזין, נאָר טאַקע ווי אַ לײַבּ־לעכער ברודער האָב איך זיך געפּילט אין שטעמבערס הויז. אָבער פאָרן אין ביאַליסטאָק האָב איך דאָך געוואָלט. עס איז געווען אָפּ־געמאַכט, אַז דעם זומער וועט יאַשאַ חתונה האָבן מיט מײַן שוועס־טער אַנאַ. האָב איך, הייסט עס, געדאַרפט פאָרן פאָראויס און אַלצדינג צוגרייטן. יאַשאַ ערליך, דער חתן, וועט אָנקומען שפּעטער און שוין פאַרבלײַבן אין ביאַליסטאָק — אויף אַ גאַנץ יאָר. צו וואָס פאַרבלײַבן? צוליב דער „וואָינסקאַיאַ פּאָווינאָסט" (מיליטער־פליכט). האָבנדיק פאַרענדיקט דעם אוניווערסיטעט, האָט ער איצט געדאַרפט אַ יאָר דינען ווי אַ פרײַוויליקער. ער האָט געהאַפט צו קענען דאָס טאָן אין אַ רעגימענט, וואָס איז געשטאַנען אין ביאַליסטאָק. און דאָס האָב איך אויך געדאַרפט באַזאָרגן פאַר אים.

— זײַ געזונט, יאַשאַ — האָב איך צו אים געזאָגט. — איך וועל דיר אָנשרײַבן וועגן אַלצדינג, ווי נאָר איך קום אָן.

— שרײַב ניט אַהער, נאָר קיין... און ער האָט מיר געגעבן אַן אַנדער אַדרעס, ערגעץ אין פינלאַנד. ער האָט באַקומען אַ שטעלע אין אַ רײַכער הויז, ווי אַ מוזיק־לערער. אַ האַנט־דרוק, אַן אָפּשייד־קוש, אַ פרײַנדלעכער געלעכטער פון מײַן זײַט און פון זײַן זײַט — דער צוג האָט זיך אַ רוק געטאָן...

מיר זעען זיך אין צוויי מאָנאַטן אַרום — איז געווען דאָס לעצטע, וואָס איך האָב געהערט פון אים.

אָבער געזען האָבן מיר זיך ניט אין צוויי מאָנאַטן אַרום, נאָר אין עלף, ווען יאַשאַ איז געלעגן אויף זײַן טויטן־בעט אין דעם צימער פון דער מיליטער־מעדיצינישער אַקאַדעמיע אין פּעטערבורג.

אינגאַנצן אומדערוואַרט איז עס נישט געווען. איך האָב געפּילט אַ מין טונקעלע וואָרנונג, אַ דריקנדע אומרואיקייט. עס קלינגט מאָדנע; איך מײַד אויס צו רעדן וועגן דעם... פּערציק יאָר זענען שוין אַוועק, אָבער די טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט פאַר מײַנע אויגן, דריקט מיך נאָך הײַנט.

איך בין אָנגעקומען אין ביאַליסטאָק אין אַ זייער געדריקטער

שטימונג, באַזאָרגט וועגן מײַן צוקונפט. וואָס וועט איצט ווערן פון מיר, ווען דער אינסטיטוט וועט מיך טאַקע אויסשליסן?

מײַן מאַמע האָט זייער פּאַרזיכטיק גערעדט מיט מיר וועגן דעם. אָבער איך האָב דאָך געזען, וואָס זי לעבט איבער. איצט האָט זי שוין געגלויבט, אַז פון מיר קאָן אפשר אַרויסקומען אַ שרײַבער: אָט גיט מען דעם בחור אַ פּרײַז; מען גיט אים אַ פּאַראַנטוואָרט־לעכע שטעלע אויך; ער שיקט אַהיים געלט — נו, מוז דאָך דאָ עפּעס זײַן אין דעם. אָבער ער מוז דאָך לערנען — דער צוקונפטי־קער שרײַבער; אָן לערנען קאָן גאָרניט אַרויסקומען... טאָ וואָס וועט זײַן, אָסיפּ?

איינמאָל נאָכמיטאָג איז אַרײַנגעקומען אין שטוב דער בריוו־טרעגער און געבראַכט פאַר מיר אַ דיקן פּאַקעט. דאָס זענען געווען די דאָקומענטן, וואָס דער אינסטיטוט האָט מיר צוגעשיקט. אויס סטודענט, אַרויסגעוואָרפן פון פּעטערבורג, פאַרטריבן פון לעבן!... איך האָב באַקומען אַ נערוועזן אָנפאַל. דער געדאַנק צו דערהרגענען זיך איז געווען גאַנץ נאָענט... די מאַמע און די שוועסטער אַנאַ האָבן געקוקט אויף מיר פול מיט טיפן רחמנות, אָבער מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך לייען זייערע געדאַנקען: „נו, ביזט דאָך אַליין שולדיק! צו וואָס האָסטו געדאַרפט זיך אַרײַנמישן אין פּאָליטיק און אין סטודענטישע דעמאָנסטראַציעס?!"

גליקלעך און געבענטשט איז די יוגנט מיט דעם, וואָס זי איז לײַכטזיניק, נאַיִוו, אָפּטמאָל נאַריש. אַ נאַרישע לײַכטזיניקע האָ־פענונג, אָן אַן אורזאַך און אָן לאָגיק, באַשיצט אונדז, ווען מיר זענען 16, 17, 18 יאָר אַלט. ווען ניט דאָס, וואָלט געווען נאָך שווערער צו טראָגן די זיסע לאַסט פון דער יוגנט. אפשר וועט זיך נאָך אַלצדינג גוט ענדיקן — האָב איך געטראַכט. אָבער ווי אַזוי קאָן די זאַך גוט ווערן — אויף דעם האָב איך זיך ניט אָפּ־געשטעלט. דערפאַר איז מען דאָך יונג, צו גלויבן און צו חלומען אָן אַ „ווי אַזוי" און אָן אַ „פאַרוואָס".

אין ביאַליסטאָק איז אָנגעקומען דער דראַמאַטישער טעאַטער פון דעם באַקאַנטן ווילנער טעאַטער־אונטערנעמער קאָנסטאַנטין ניעזלאָביק. דער רעפּערטואַר איז געווען אַן אינטערעסאַנטער, אַ

פרישער. געשפּילט האָבן די שוישפּילער גוט; די הויפּט־שוישפּי־
לערין, פּשעסעטסקאַיאַ, האָט גערעדט מיט אַ קליינעם לשון־פעלער,
אָבער זי איז געווען טאַלאַנטפול, זי איז מיר זייער געפעלן. זי
האָט מיך געמאַכט צו פאַרגעסן אָן די פילע זאָרגן, וואָס איך האָב
געהאַט. איך האָב זיך באַקענט מיט ניעזלאָבינען, וועלכער איז געווען
כמעט קרענקלעך דיק. ער איז געווען אַ זייער פיַינער, דעליקאַטער
מענטש און עס איז געווען אַ פאַרגעניגן צו רעדן מיט אים. ער
האָט געשטאַמט פון אַ זייער ריַיכער משפחה (מאַראָזאָוו) און האָט
געקאָנט לעבן אָן שום זאָרג און אין לוקסוס. ער איז אָבער געווען
פאַרליבט אין טעאַטער, אין קונסט, אין דער בינע. ער אַליין האָט
פון ציַיט צו ציַיט אויך געשפּילט אָן באַזונדערן דערפאָלג, אָבער
דאָס האָט אים ניט געאַרט: אַבי זיַין נאָענט צום טעאַטער, צו
אַרבעטן אויף דעם דאָזיקן געביט. איך האָב אָנגעשריבן אָן איינ־
אַקטער און געגעבן עס לייענען ניעזלאָבינען. אים איז די זאַך
געפעלן.

— מיַין רעזשיסאָר טונקאָוו וויל עס אויך קענען, — האָט ער
מיר געזאָגט. — רעדט זיך דורך מיט אים. טונקאָוו איז אַ זייער
אינטעליגענטער מענטש, פאַרשטייט גוט טעאַטער.

מיַין געשפּרעך מיט אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש טונקאָוו איז
פאָרגעקומען אין אָוונט אין דעם טעאַטער „ראָסקאָש״, אין אַ
טונקעלן פלאַץ הינטער די קוליסן. מיר האָבן גערעדט מיט אַ
האַלבער שטימע, וויַיל אין טעאַטער איז מען אָנגעגאַנגען מיט
דער אָוונט־פאָרשטעלונג.

— דער איינאַקטער איז איַיך ניט געלונגען, — האָט ער מיר
געזאָגט רואיק און ערנסט, ווי עס רעדט אַ דאָקטאָר צום פּאַציענט,
וואָס וואַרט צו דערהערן דעם אמת. — אָבער דאָס מאַכט ניט אויס. איך
וועל עס אויפפירן. איר זיַיט נאָך צו־יונג. ווי אַלט זיַיט איר? נײַנצן?
צו־יונג צו שריַיבן פּיעסן. אָבער איך בין זיכער, אַז די ציַיט וועט
קומען, ווען מען וועט שפּילן איַיערע פּיעסן אומעטום, אין יעדער
שטאָט. גאַנץ רוסלאַנד וועט איַיך שפּילן.

און אַזוי ערנסט, כמעט טרויעריק, האָט ער גערעדט צו מיר,
אַז איך האָב זיך דערשראָקן. ווי קומט ער צו רעדן מיט אַזאַ

זיכערקייט? וואָס פאַר אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט לייגט ער אַרויף אויף מיר? די פאַרשטעלונג אין טעאַטער האָט זיך שוין פאַרענ־דיקט, די שוישפּילער האָבן שוין פאַרלאָזן די געביידע און מיר האָבן נאָך אַלץ גערעדט. אַ ווײַטער שטערן האָט אַרײַנגעקוקט אין טעאַטער דורך דער אָפן־געבליבענער טיר, דער בלאַסער הימל האָט געבענטשט אָדער אפשר גאָר געשאָלטן די ערד, בלאַסע טענער פון אַ ווײַטן מיליטער־אָרקעסטער האָבן אָנגעפּילט די לופט, און דער רואיקער בלאָנדער עלטערער מאַן האָט נאָך אַלץ גערעדט צו דעם יונגן יידישן בחור, אָנגעטאָן אין אוניפאָרם פון וואַלד־אינסטיטוט; אָן אוניפאָרם, וואָס ער האָט שוין ניט געטאָרט טראָגן.

מער ווי עפּעס אַנדערש האָט דער דאָזיקער געשפּרעך מיר געבראַכט אַן אינערלעכן שלום. איך וועל ווײַטער אָנגיין מיט מײַן שרײַבן. איך וועל קעמפן און וועל ניט נאָכגעבן.

מיט אַ וואָך שפּעטער איז מײַן איין־אַקטער טאָקע אויפגעפירט געוואָרן. געהייסן האָט ער „פּראָסטאָקוואַשאַ" ("זויערמילך") אָבער געהאַנדלט האָט עס זיך גאָרניט וועגן מילך, נאָר וועגן אַ מאַן, וואָס זעט אַז זײַן ווײַב באַטריגט אים, אָבער ער האָט קיין מוט ניט צו באַהאַנדלען די זאַך מיט אַ פעסטער האַנט. ער איז אַ לע־מעשקע, אַנשטאָט בלוט האָט ער אין זיך זויער־מילך.

דער איינאַקטער האָט קיין גרויסן דערפאָלג ניט געהאַט. דוכט זיך, מיט רעכט.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום דאַרף קומען צו פאָרן יאַשאַ ערליך, און מיר וועלן פּראַווען זײַן חתונה מיט מײַן שוועסטער. אָבער קודם־כל וויל דאָך יאַשאַ אַרײַנטרעטן אין ביאַליסטאָקער רעגימענט און אָפּדינען דאָ זײַן צײַט אַלס פרײַוויליקער. איך בין אַוועק אין דער קאַנצעלאַריע פון איין פּאָלק און פון אַ צווייטן און אויסגעפונען, אַז זיי האָבן ניט קיין וואַקאַנסיעס פאַר פרײַוויליקע. דאָס האָט געענדערט דעם פּלאַן, וועלכן יאַשאַ האָט געהאַט, צו פאַרבלייבן דעם ווינטער אין ביאַליסטאָק.

אין מײַנע געדאַנקען זע איך זיך זיצנדיק אין דעם קליינעם צימער אין ביאַליסטאָק, אין דאָמבראָוסקיס הויז אויף דער אַלעק־

סאַנדער גאַס. עס איז אין מיטן יולי. איך שרײַב אַ בריוו קיין פּעטער־בורג צו מײַן פעטער יאַשאַ ערליך. פליגן זשומען אַרום מיר און איך שרײַב אים וועגן דעם, אַז קיינע וואַקאַנסיעס אין רעגימענט זענען ניטאָ. איך פיל, איך ווייס, איך ציטער, אַז די דאָזיקע שורות מײַנע וועלן דאָרטן באַדײַטן אומגליק... עפּעס שרעקלעכעס וועט פאָרקומען, אַזוינס וואָס דער שכל קאָן עס גאָרניט באַנעמען. פון וואַנען איז געקומען צו מיר דער דאָזיקער געדאַנק? דעמאָלט האָט עס מיר אויסגעוויזן ווי אַ בייזער וואונדער, ווי עפּעס מיסטעריעזעס. די יוגנט האָט ליב צו סטראַשען זיך אַליין מיט אַ געהיימער, אי־בערמענטשלעכער קראַפט, וועלכע מישט זיך אַרײַן אין אונדזער לעבן... איצט, אָבער, זע איך דאָס אין אַן אַנדער ליכט. איך בין געניגט צו טראַכטן, אַז טיף אין האַרצן האָב איך זיך פאַרט צוגעהערט צו די ווערטער פון מײַן מאַמען, וועלכע האָט געהאַלטן, אַז יאַשאַ איז גײַסטיק קראַנק. צו־גרויס איז געווען פאַר מיר מײַן מאַמעס אויטאָריטעט, אַז איך זאָל קאָנען אַזוי לײַכט איגנאָרירן איר מיינונג. עס איז אויך מעגלעך, אַז איך האָב שוין אַליין באַ־מערקט עפּעס ניט נאָרמאַלעס אין יאַשאַס באַנעמען זיך, נאָר ניט געוואָלט זיך אַליין מודה זײַן אין דעם און געציטערט פאַר דעם געדאַנק, אַז אָט־אָט וועט עפּעס אַרויספּלאַצן, עפּעס שרעקלעכעס, גרויזאַמעס, אומפאַרמײַדלעכעס. איך געדענק די פאָרוואורפן, וועלכע איך האָב זיך דעמאָלט געמאַכט: „אויב דו שיקסט אַוועק דעם דאָזיקן בריוו, וועסטו זײַן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, וואָס וועט פאָרקומען. דו, דו, אָסיפּ, ברענגסט אים אום מיט דער בייזער נאָכריכט, אַז קיין וואַקאַנסיעס זענען ניטאָ. דו האָסט דאָך אַליין געזען, אַז יאַשאַ גייט אַרום אַ פאַרזאָרגטער, אַז ער וויל עפּעס זאָגן, עפּעס דערציילן און קאָן דאָס ניט.

איך האָב אָפּגעשיקט דעם בריוו. קיין ענטפער האָב איך ניט באַקומען.

דער באַלעבאָס פון הויז, דאָמעראַצקי, אונדזער אַלטער פרײַנד, האָט געזאָגט מײַן מאַמען:

— די חתונה וועט זײַן בײַ מיר אין שטוב, אין דעם גרויסן זאַל לאָזט מיר פאַרדינען אַ מצווה, מאַדאַם פערלמאַן.

פײַנע מענטשן זענען זיי געווען, די דאָמעראַצקיס. די טעכ־טער זענען יאָרן לאַנג געווען דער מאַמעס שילערינס און שטענדיק זיך באַצויגן צו איר מיט דעם גרעסטן רעספּעקט.

עס איז דער ערשטער אויגוסט, אַרום צוויי אַזייגער בײַטאָג. אַ פּאָר שעה שפּעטער, אין אָוונט, דאַרף אָנקומען דער חתן, יאַשאַ ערליך. עס וועלן אויך אָנקומען געסט און קרובים פון קאָוונע. מען דאַרף זיך אײַלן מיט די פּאַרבערייטונגען. די מאַמע, מײַן שוועסטער און איך געפינען זיך אויבן, אויפן צווייטן עטאַזש, אין דעם גרויסן שיינעם זאַל, וואו עס וועט מאָרגן פאָרקומען די חתונה. מיר זענען פאַרנומען מיט אויספּוצן דעם זאַל פאַר דעם יום־טוב. דאָ דאַרפן שטיין די בלומען־טעפּ, דאָרטן וועט זײַן דער פּלאַץ פאַר דער כלה, דאָ וועט מען שטעלן די חופּה... עס ווערט וואַרעמער.

אָסיפּ, — זאָגט צו מיר מײַן מאַמע, — זײַ אַזוי גוט, ברענג מיר פון קיך אַ גלאָז וואַסער.

איך גיי אין קיך אַרײַן, קום צוריק מיט דער גלאָז וואַסער אין דער האַנט. איך גיי פּאַרזיכטיק, כדי ניט צו צעגיסן דאָס וואַסער און קום אַלץ נענטער צו דער מאַמען. זי שטרעקט אויס די האַנט און איז גרייט צו נעמען דאָס גלאָז. אַ מין קאָנוואולסיע, אַ שאַרפע באַוועגונג, וועלכע איך אַליין האָב ניט דערוואַרט און האָב ניט געקאָנט באַהערשן, כאַפּט מיך אַרום און מאַכט מיך צו טאָן דאָס וואָס איך טו: אַנשטאָט צו געבן דאָס וואַסער דער מאַמען, הויב איך אויף דאָס גלאָז אין דער לופט און מיט אַ בייזער קראַפט וואַרף איך עס אויפן דיל. דאָס וואַסער צעגיסט זיך, שטיקלעך גלאָז צעפליען זיך אין אַלע ריכטונגען, און איך הער ווי מײַן מויל רעדט אויס מיט דער זעלבער אינערלעכער בייזקייט, מיט וועלכער עס איז אויך אָנגעלאָדן מײַן האַנט:

— די חתונה וועט קיינמאָל ניט פאָרקומען! קיינמאָל ניט!

און דער פּסיכאָלאָגישער בליץ איז פאַראיבער, ווי אויסגע־לאָשן, אָפּגעהאַקט. איך פיל זיך שוואַך און זוך אַ בענקל. די מאַמע ווערט בלייך, די שוועסטער אַנאַ קוקט אויף מיר מיט רונדע דער־שראָקענע אויגן. דאָס מערקווירדיקסטע איז, וואָס מען פרעגט מיך ניט, וואָס עס איז געווען מיט מיר. מען פאַרשטייט, אַז עס איז

עפּעס, וואָס איך פֿאַרשטיי אַליין ניט, און אַז עס איז בעסער ניט צו רעדן וועגן דעם, אַזוי ווי גאָרנישט וואָלט פּאַסירט. אין דעם דאָזיקן שווײַגן פֿיל איך, אַז מען גלויבט מיר, אַז די „חתונה וועט קיינמאָל ניט פֿאָרקומען". אמת, די פֿאָרבערייטונגען גייען אָן ווײַטער, אָבער אַנדערש ווי פֿריער: מעכאַניש, אָן אימפּעט. איך אַליין העלף צו אין דער אַרבעט, אַזוי ווי איך וואָלט געוואָלט גוטמאַכן מײַן פֿריערדיקן אויסברוך.

אַ ווײַלע שפּעטער פֿאַרזאַמלען מיר זיך אונטן אין עס־צימער צו מיטאָג. מען פּרוּווט אַפֿילו שפּאַסן, וויצלען זיך. הינטער אונדזער פֿענצטער באַווײַזט זיך אַ טעלעגראַפֿיסט. ער שטעלט זיך אָפּ און גיט איבער דער מאַמען אַ טעלעגראַמע; זיכער פֿון יאַשאַ, וועלכער דאַרף אָנקומען יעדע מינוט; מסתּמא בעט ער, מען זאָל אים טרעפֿן אויפֿן וואָקזאַל. די מאַמע בלײַבט זיצן מיט דער טעלעגראַמע אין דער האַנט און קוקט אין דער לופֿט און זעט אונדז ניט.

— וואָס איז, מאַמע?

זי קוקט אויף אַנאַן מיט אַ טיפֿן טרויער. זי לייענט די טע־לעגראַמע אויף אַ קול:

„לייגט אָפּ די חתונה. יאַשאַ איז קראַנק. אידאַ".

דער ערשטער אײַנדרוק איז געווען — פּחד. „קראַנק" און „לייגט אָפּ" האָט געקלונגען טראַגיש. אויב די שטילע, די גוטע, די שטענדיק שלום־מאַכנדיקע טאַנטע אידאַ שיקט אָפּ אַליין אַזאַ טעלעגראַמע, איז עס ערנסט. אָבער באַלד איז דער ערשטער אײַנ־דרוק פֿאַרקלאַפּט געוואָרן פֿון דער לאָגיק, וואָס האָט געפּרוּווט זיך אַליין אָפּנאַרן. די טעלעגראַמע זאָגט נאָך ניט: "אויס חתונה", נאָר „לייגט אָפּ", לייגט אָפּ אויף אַ ווײַלע, אויף אַ שטיקל צײַט, ווײַל דער חתן איז, נעבעך, קראַנק געוואָרן. עס קאָן זיך דאָך טרעפֿן, אַז אַ מענטש ווערט קראַנק, און דווקא ערב זײַן חתונה! מיט וואָס קראַנק? — וועגן דעם שווײַגט די טעלעגראַמע. מעגלעך אַ פֿאַרקילונג, אָדער, חלילה, צובראָכן אַ האַנט, אַ פֿוס. יאַשאַ איז די גאַנצע צײַט געווען אין פֿינלאַנד אויף אַ דאַטשע. עפּעס האָט דאָרטן פּאַסירט מיט אים. עס איז ניטאָ קיין אורזאַך צו זײַן פֿאַר־צווייפֿלט. יאָ, געוויס, ווען מען וואָלט נאָר געקענט פֿאַרגעסן דעם

מאָדנעם האַלב־משוגענעם אָנפאַל, וועלכן איך האָב געהאַט מיט עטלעכע שעה צוריק. ווען אַ גרויס אומגליק באַפאַלט דאָס הויז פון אַ רוסישן פויער, זאָגט ער שטיל מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ: „גאָט האָט באַזוכט מײַן הויז". הילפלאָז, דערשראָקן, צוטראָטן, ווײַל דער מענטש זען אין דעם אומגליק די האַנט פון דעם ווײַטן, אומבאַקאַנטן גאָט, וועלכער האָט פּלוצלינג זיך באַוויזן אין אַזאַ שווידערלעכער פאָרם.

אין דעם טאָג האָבן מיר, די צובראָכענע און צוטראָטענע, געקאָנט זאָגן: „גאָט האָט באַזוכט אונדזער הויז אויף אַלעקסאַנדראָווער גאַס אין ביאַליסטאָק"...

עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך זאָל אַוועקפאָרן קיין פּעטערבורג. איך האָב אָנגעפאַנגען פּאַקן מײַנע זאַכן צו קאָנען פאָרן נאָך די זעלבע נאַכט. אָבער אײדער איך בין אַוועק, איז אַרײַנגעפאָרן אין הויף אַ דראָזשקע אָנגעלאָדן מיט געסט: דאָס זענען געקומען אונדזערע קרובים פון קאָוונע נעמען אָנטייל אין דער מאָרגנדיקער שמחה. ערשט אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט אַ וויינען און יאָמערן. ניט מער ווי אַ שעה האָב איך געקאָנט זײַן מיט זיי, ווײַל איך האָב געדאַרפט פאָרן צום וואָקזאַל — כדי פּרווון נאָכיאָגן דעם שאָטן פון שיקזאַל, וואָס איז אַוועקגעפלויגן, פאַרשוואונדן אין דער ווײַטער לופט...

קאַפּיטל צען.

ניט אָפּשטעלנדיק זיך אין פּעטערבורג, האָב איך גענומען אַ צווייטן צוג קיין צאַרסקאָיע סעלאָ, וואו די שטעמבערס האָבן גע־וואוינט. אין אַ קליינעם גאָרטן פאַרן אַרײַנגאַנג אין הויז האָב איך דערקענט די באַקאַנטע סילועטן. דאָס זענען געווען די באַבושקאַ מיט אירע קינדער פּאַניאַ, אידאַ, ניקאָלײַ און אַ טייל פון מײַנע קאָזינס. זיי זענען געזעסן אויף אַ לאַנגער באַנק. יאַשאַ איז צווישן זיי ניט געווען. פון דער הויז האָט זיך געהערט דאָס שפּילן אויף דער פּאָרטעפּיאַנאָ. מסתמא האָט דאָס געשפּילט עמאַ. הייסט עס, אַז יאַשאַ איז אין הויז ניטאָ. אויב יאָ, וואָלט מען דאָך ניט גע־שטערט אַ קראַנקן מיט מוזיק. טאָ וואו־זשע איז ער?

איך האָב געעפנט דאָס גאָרטן־טירל און צוגעקומען נענטער צו דער באַנק. ווי שאָטנס זענען זיי דאָ אַלע געזעסן, זיך געשושקעט איינער מיטן צווייטן, — טונקעלע שאָטנס, פון דער צפון־נאַכט. זיי האָבן מיך דערקענט און האָבן פאַרנויגט צו מיר זייערע שאָטנ־דיקע קעפּ. איך האָב זיך אַנידערגעזעצט אויף דער לאַנגער באַנק צוזאַמען מיט זיי און אויך איך בין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שאָטנהאַפטיקער פיגור. מײַנע קרובים האָבן גערעדט וועגן יאַשאַן אין אַ האַלבן טאָן, געשטעלט פראַגן און געענטפערט זיך אַליין נאָכאַנאַנד, גערעדט דאָס זעלבע, וואָס איז שוין געווען אויסגערעדט, און יעדער איינער, אויס גוטסקייט און ליבע, האָט געזאָגט ליגנס און געפּרוּווט אָפּנאַרן זיך אַליין און דעם צווייטן.

דער סילועט פון טאַנטע אידאַ, אָדער פון טאַנטע פּאַניאַ האָט דערקלערט צו דעם סילועט פון דער באַבושקאַ, — יאַשאַס מאַמען, — אַז די קראַנקייט וועט אַריבערגיין, מוז אַריבערגיין און עס איז

ניטאָ וואָס צו זאָרגן זיך. און דער סילועט פון דער קליינער אַלטער פרוי האָט צושטימיק געשאָקלט מיטן קאָפּ, און געשאָקלט האָבן זיך די טונקעלע בלעטער אויף די טונקעלע ביימער. איך האָב געשוויגן, געוואָלט און מורא געהאַט צו פרעגן: אין וואָס, אייגנטלעך, גאָט מײַנער, אין וואָס באַשטייט יאַשאַס קראַנקייט?

אָנקל ניקאָלאַי, יאַשאַס עלטערער האַלב־ברודער, האָט מיר געגעבן אַ לײַכטן שטויס און זיך אויפגעהויבן. איך בין אים נאָכגעגאַנגען.

— וואָס איז מיט יאַשאַן?

ער איז נערוועז קראַנק, האָט ניקאָלאַי געזאָגט. — איך האָב מורא, אַז עס איז ערנסט.

איך האָב נאָך ניט פאַרשטאַנען וואָס עס מיינט „נערוון־קראַנק" און געפרעגט:

— וואו איז ער?

— אין מיליטעריש־מעדיצינישן קליניק.

— פאַרוואָס גראַד דאָרטן?

— האַלטן אַזאַ קראַנקן אין אַ קליניק קאָסט אַ סך געלט. דאָרטן אָבער דאַרף מען פאַר אים ניט צאָלן. זײַן פרײַנד בעזפּיאַטאָוו האָט עס באַזאָרגט.

(בעזפּיאַטאָוו, אַ קריסט, איז געווען אַ יונגער מיליטער־דאָקטאָר, וואָס האָט אויך געהאַט אַ נייגונג צו ליטעראַטור און וואָס פלעגט אָפט קומען צו יאַשאַן נאָך עצות. ער איז געווען אַ זייער פײַנער, גוטער מענטש, אַ יידן־פרײַנד, אַ פרײַנד פון אונזער משפחה).

ניקאָלאַי האָט אָנגעהויבן דערציילן מיט זײַן שטילער שטימע, אָן אויפרעגונג, מאָנאָטאָן און פאַרבלאָז — און פּחד, אומגליק און ווייטאָג האָבן זיך געפילט הינטער דער אויסערלעכער רואיקייט פון זײַן דערציילן.

ווי דו ווייסט, האָט יאַשאַ געלעבט אין פינלאַנד אויף אַ דאַטשע בײַ רײַכע מענטשן, וואו ער איז געווען מוזיק־לערער. אויסגעזען האָט עס, אַז אַלצדינג איז געגאַנגען גוט, ביז מיט דרײַ טעג צוריק. יאָ, דרײַ טעג איז שוין...

ניקאָלאַי האָט זיך אָפּגעשטעלט. איך האָב געוואַרט.

— יאַשאַ איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי, — האָט ניקאָלאַי ווײַטער דערציילט — אָפּגעגעסן פרישטיק, און פּלוצלינג איז ער אַרויסגעלאָפן מיט אַ געשריי אין גאָרטן. ער איז געווען אַזוי ווי אין אַן עקסטאַז, האָט גערעדט וועגן גאָט, איז געלאָפן מיט די הענט אויפגעהויבן, זיך אָנגעהויבן דרייען אויף איין אָרט און איז געפאַלן. ווען מענטשן פון הויז זענען צוגעלאָפן צו אים, האָט ער קיינעם ניט דערקענט. מען האָט אים געבראַכט קיין פּעטערבורג. ער איז געווען אין אַ זייער אויפגערעגטן צושטאַנד, געוואָלט אַנטלויפן און האָט געקעמפּט מיט די אַרומיקע מענטשן.

— האָט אימיצער פון אונזער משפחה אים געזען?

— ניין, קיינער ניט. מען האָט אים באַלד געטומען אין קליניק און קיינעם פון אונז ניט צוגעלאָזן צו אים. אָבער בעזפּיאַטאָוו האָט אים יאָ געזען. אַלס דאָקטאָר האָט ער אַ רעכט אים צו באַזוכן.

— וואָס זאָגט בעזפּיאַטאָוו?

— דער באַבושקאַ און די אַנדערע זאָגט ער איין זאַך. איך אָבער האָב געהאַט אַ געשפּרעך מיט אים. עס זעט אויס שלעכט, זייער שלעכט . . .

— ווען קאָן מען דערוואַרטן, אַז יאַשאַ זאָל פאַרלאָזן דעם קליניק?

— ווען? ווער ווייסט? עס קאָן נעמען לאַנגע מאָנאַטן, עס קאָן זיך ציען יאָרן. — האָט זיך מיט אַ ווייטאָג אַרויסגעריסן בײַ דעם גוטן שטילן ניקאָלאַי.

— ער האָט זיך אַליין אַרײַנגעיאָגט אין אַ ווינקל! — האָט ער געזאָגט, און איך האָב דערפילט אַ טיפן טראַגישן אמת אין דער באַמערקונג זײַנער. — דעם גאַנצן ווינטער האָט ער געקעמפט מיט זיך אַליין, געטראָגן דעם אָנהויב פון דער קראַנקהייט אין זיך, געלאָזט איר וואַקסן און אַנטוויקלען זיך און קיינער האָט גאָרניט באַמערקט.

— מײַן מאַמע האָט יאָ באַמערקט. זי האָט מיר געשריבן וועגן דעם.

— דער פאַרזוך חתונה צו האָבן מיט דײַן שוועסטער איז אויך געווען אַ קראַנקהאַפטער. זײַנע אָפּטע רייד וועגן רעליגיע זענען

געווען אַ סימן פון דער וואַקסנדער געפאַר. ער האָט געפּרוּווט רעדן מיט מיר וועגן דער יידישער און קריסטלעכער רעליגיע. איך האָב אים ניט פאַרשטאַנען.

— ער האָט מײַן שוועסטער אויך געשריבן וועגן רעליגיע, און אויך מיט מיר האָט ער גערעדט וועגן דעם.

ער האָט געשוויגן, אָפּגעלעקט זײַנע דינע ליפּן מיט דעם שפּיץ צונג, וואָס איז געווען זײַן געוואוינהייט, און האָט פּלוצלינג אַ פרעג געטאָן:

— האָסטו געהערט וועגן מאַשאַ דאָבראַליובאָוואַ?

— איך הער דעם נאָמען צום ערשטן מאָל. איז דאָס די שוועס־טער פון אַלעקסאַנדער?

— מען זאָגט, אַז זי איז גאָר אַ וואונדערבאַר מיידל, אַן אויסער־געוויינלעך מיידל.

— וואָס האָט זי צו טאָן מיט יאַשאַן?

— דאָס טאָקע וואָלט איך געוואָלט וויסן. יאַשאַ האָט זי געקענט. איך האָב אַ געפיל, אַז מאַשאַ האָט געשפּילט אין דער דראַמע די הויפּט־ראָלע. פאַרשטייט זיך, איך באַשולדיק איר אין קיין זאַך ניט. וואָס קאָן זי זײַן שולדיק?

— דו מיינסט, אַז יאַשאַ איז געווען פאַרליבט אין איר?

— אַזוי זעט עס אויס. יעדנפאַלס וואָלט דאָס געקאָנט דערקלערן די קאַטאַסטראָפע. עס איז זייער מעגלעך, אַז ער האָט זיך פאַר־ליבט אין מאַשאַן, געדאַרפט אָבער חתונה האָבן מיט אַן אַנדערער. און די אַנדערע איז דאָך געווען ניט קיין פרעמדע, זײַן פּלימעניצע.

— האָט מאַשאַ געוואוסט וועגן דעם?

— מען דערציילט, אַז מאַשאַ האָט אים אָפּגעזאָגט. אָבער ווער קאָן דאָס וויסן?

אַלץ טונקעלער, אַלץ טיפער האָט אויסגעזען די קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט געטראָפן יאַשאַן און אונז אַלעמען.

— מען מוז רעדן מיט מאַשאַן, — האָב איך פאָרגעשלאָגן.

— צו וואָס? — האָט ניקאָלאַי פּראָטעסטירט. — וואָס וועט דאָס דען העלפן? אַבי ער זאָל געזונט ווערן, דער אָרעמער...

— וואָס מיינט אייגנטלעך נערוון־קראַנק?

— ער דערקענט קיינעם ניט, רעדט אומזין.

— דאָס איז דאָך ניט נערוון, עס איז...

— נו, יאָ, יאָ, — האָט ניקאָלאַי צוגעשטימט. — עס איז אַ גײַסטיקע קראַנקהייט, נאָר פאַר דער באַבושקאַ און פאַר די קינדער איז בעסער עס אָנצורופן „נערוון". געדענקסט, ווי ער האָט אין ווינטער אָוועקגעשאָנקען זײַן מאַנטל? האָט ניקאָלאַי זיך פּלוצלינג דערמאָנט, — דעמאָלט איז שוין געווען דער אָנהויב. מעגלעך, אַז ער וועט עס קאָנען באַקעמפן אין זיך. איין זאַך איז אָבער שלעכט: ער האָט ווייניק אינערלעכע כוחות. ער איז געבוירן געוואָרן אין זיבעטן מאָנאַט, אַ „זיבעלע" איז ער, און האָט געהאַט אַ ברודער אַ צווילינג...

אונדזער גאַנצע משפּחה איז שווער געטראָפן געוואָרן פון דעם אומגליק. עס איז פאַרשוואונדן דער געלעכטער, די יונגע זאָרגלאָזיקייט, די העלע שטימונג, וועלכע האָט פריער געהערשט אין דער הויז פון די שטעמבערגס..

אַ חוץ דעם אומגליק מיט יאַשאַן, וואָס איז אויך געווען אַ שווע־רער קלאַפּ פאַר מײַן שוועסטער אַנאַ, האָב איך דאָך געהאַט גענוג צרות פערזענלעך. ווער בין איך איצט געווען? אַן אַרויסגעטריבע־נער סטודענט, אַן וואַנדערער, אַ מענטש אָן אַ צוקונפט. יעדע מינוט, ווי נאָר דער פּריסטאַוו כאַפּט זיך, קאָן ער מיך אַרויסשיקן פון פּעטערבורג.

איך האָב באַשלאָסן צוצופאָרן צום וואַלד־אינסטיטוט און דורכ־רעדן זיך מיט דעם דירעקטאָר.

מײַן האַרץ האָט אויפגעהערט קלאַפּן, ווען איך האָב דערזען די אַלטמאָדישע געביידע, דעם ברייטן אַרײַנגאַנג, די ביימער אַרום דער גרויסער און ברייטער הויז, און דערשמעקט די פרישע פײַכטע אָסיען־לופט. אַזוי טוט ווײ דאָס האַרץ, ווען דו טרעפסט זיך פּלוצ־לינג מיט דער מיידל, וואָס דו האָסט אַמאָל געליבט און וועלכע האָט דיר געזאָגט: „ניין, ניין, ניין מײַן הער!" זי איז שוין לאַנג פאַרהייראַט, זי האָט שוין צוויי קינדערלעך, אָבער ווען דו וואַרפסט אַ בליק אויף איר, טוט זיך דער וואָרעם פון האָפענונג אַ ריר אין

דײַן האַרצן. דער וואָרעם פון האָפענונג! אויף וואָס האָפסטו, דו נאַר איינער?! אפשר, אפשר וועט זיך עפּעס מאַכן.

דער דירעקטאָר פון אינסטיטוט האָט מיך אויפגענומען ניט זייער פרײַנדלעך. אָבער אויך ניט פײַנדלעך.

— איר האָט זיך אַליין פאַרטריבן פון אינסטיטוט: איר זײַט ניט געקומען צום עקזאַמען. איצט איז אײַך געבליבן נאָר איין זאַך: איר דאַרפט זיך ווענדן צום מיניסטער, ער זאָל אײַך דערלויבן צו האַלטן דעם איבערגאַנג־עקזאַמען קומענדיקן פֿרילינג צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע סטודענטן. אויב דער מיניסטער דערלויבט אײַך — איז אײַער גליק. אָבער איר מוזט אים געבן אַ דערקלערונג, פאַרוואָס אייגנטלעך איר זײַט ניט געקומען צום עקזאַמען פאַראיאָרן פֿרילינג.

— קיינער איז ניט געקומען, הער דירעקטאָר, בין איך אויך ניט געקומען.

— אָ, ניין, דאָס טויג ניט. וועגן דעם זאָלט איר בעסער ניט דערמאָנען. איר האָט געקאָנט זײַן קראַנק, זיך איבערגעאַרבעט. — דאָס איז אַן אַנדער זאַך. צו דעם קאָן זיך שוין דער מיניסטער צוהערן. ער וועט צושיקן אײַער פּראָשעניע (ביטע) צו אונדז און מיר וועלן שוין זען וואָס צו טאָן. איך ווינטש אײַך דערפאָלג.

איך בין אַוועק פון דירעקטאָר אַ נײַער מענטש. הייסט עס, אַז עס איז פֿאַרט פֿאַראַן אַ וועג ווי אַזוי צוריקצוקומען צו מײַן „אַלטער געליבטער", צום אינסטיטוט.

איך בין אַוועק צו אַ באַקאַנטן דאָקטאָר מיט אַ בקשה, ער זאָל מיר געבן אַ באַשטעטיקונג, אַז איך בין געווען קראַנק אין פֿרילינג און דערפֿאַר ניט געקאָנט קומען צו די עקזאַמענס. דער גוטער דאָקטאָר ראָזענבלום האָט שריפטלעך באַשטעטיקט, אַז ער האָט מיך באַהאַנדלט מאָנאַטן־לאַנג. איך האָב זיך געריסן צו האַלטן די עקזאַמענס, נאָר ער, דער דאָקטאָר, האָט עס מיר פאַרבאָטן, ווײַל אויב ער לאָזט מיך וואָלט עס זיך געענדיקט מיט אַן אַלגעמיינעם נערוון־צוזאַמענברוך.

איך האָב אָפּגעפּוצט און אָפּגעפּרישט מײַן סטודענטישע „טור־זשורקע" (רעקל) און ניט אָן האַרץ־קלאַפּעניש אַרײַנגעגאַנגען אין

דער קאָנצעלאַריע פון דעם מיניסטער יערמאָלאַוו, „מײַן" מיניסטער פון ערד־אַרבעט.

כ'בין געזעסן אין אַ זייער גרויסן צימער מיט אַ העל־בלישטשנ־דיקן, מיט וואַקס אָנגעריבענעם דיל. איך האָב קיינמאָל ניט געזען, אַז אַ פּאָדלאָגע זאָל אַזוי בלישטשען. עס איז געווען אַ געפאַר צו גיין איבער איר, ווײַל אָט־אָט גליטשט מען זיך אויס פּונקט אין דעם מאָמענט, ווען מען דערלאַנגט דעם מיניסטער די פּראָשעניע. איך האָב געקוקט אויף די אַנדערע באַזוכער, וואָס האָבן דאָ גע־וואַרט אויף דעם מיניסטער, און מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זיי זענען אויך באַזאָרגט וועגן דער גליטשיקייט פון דיל.

דער מיניסטער יערמאָלאַוו איז געווען אַ בײַכלדיקער מאַן, וואָס איז מיט קיין זאַך ניט געווען ענלעך צו אַן ערד־אַרבעטער. אַלצדינג אין אים איז געווען פּעטלעך, צופרידן, זאַט, דעם אויבנ־אָן אויף זײַן פּנים האָבן פאַרנומען די באַקן, פּײַן־פּאַרמירטע, פּעטע, זאַטע, באַדעקט מיט אַן אַקוראַט־אָפּגעשאָרענער גוט־ אויס־געהאָדעוועטער בערדל. צווישן די באַקן איז געווען אַ זייער ניט אָנזעעוודיקע נאָז, און אונטער איר אַ מויל פון אַזאַ פאָרם, וואָס עס קאָן זיך פאַרגינען צו האָבן נאָר אַ רוסישער מיניסטער. דער מי־ניסטער־מויל איז געווען אויסגעצויגן אויף פאָרויס, די אונטערשטע ליפּ אַרונטערגעלאָזן: ווען מען וועט זי דאַרפן, וועט זי זיך שוין אויסגעפינען! און דאַרפן וועט מען זי ניט ווען עס וועט קומען צום רעדן אָדער צום עסן, נאָר צום זויגן. דער גאַנצער מויל זײַנער איז געשאַפן געוואָרן צו זויגן עפּעס — זיסעס, דעליקאַטעס. דאָס איז געווען דער אײַנדרוק פון זײַן פערזענלעכקייט. דער אײַנדרוק פון זײַן טעטיקייט איז געווען, אַז ער האָט גאָר קיין מורא ניט געהאַט פאַר דער בלישטשנדיקער פּאָדלאָגע. ער האָט זיך געפילט אויף איר פּונקט אַזוי ווי אַ געניטער אײַז־לויפער פילט זיך אויפן אײַז. מיט לײַכטע, זיכערע טריט איז ער אַרויס אין מיטן צימער, דער־זען אַ סך סטודענטן פון דעם וואַלד־ און באַרג־אינסטיטוט (וועל־כער איז אויך געווען אונטער זײַן אויפזיכט) און אָנגעפאַנגען רעדן אויפן קול:

— יעדעס יאָר קומען צו מיר סטודענטן מיט פאַרשיידענע

בקשות. איך בין ניט געניגט צו זײַן מילד צו סטודענטן, וואָס באַטראַכטן זייער אינסטיטוט ווי אַ פּאַסיקן פּלאַץ פאַר אַנטי־רע־גירונג פּאָליטיק. עס איז איינס פון די צוויי: אָדער מען לערנט זיך, אָדער מען פירט פּאָליטיק. און אויב מען פירט פּאָליטיק, מוז מען פאַרלאָזן דעם אינסטיטוט.

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער רעדט דאָס דירעקט צו מיר, און אַז דאָס איז שוין אַן ענטפער אויף מײַן „פּראָשעניע". די קליינע האָפענונג, וואָס איך האָב פריער געהאַט, איז אָפּגעשטאָרבן אין מיר.

עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך באַקומען אַ „פּאַוועסטקע" (סאַמאַנס) פון דעם „אוטשאַסטאָק" (פּאָליציי־סטאַנציע) צו יאַווען זיך באַלד. עס איז ניט שווער געווען צו טרעפן, צו וואָס מען רופט מיר.

— ווי אַזוי וואוינט איר דאָ אין פּעטערבורג? — האָט דער קאַנצעלאַריסט מיך געפרעגט. — איר זײַט דאָך מער קיין סטודענט ניט. איר מוזט פאַרלאָזן די שטאָט.

איך האָב דערקלערט, אַז איך דערוואַרט יעדע מינוט אַן ענט־פער פון מיניסטער, מיט וועמען איך האָב פערזענלעך גערעדט און וועלכער האָט כמעט ווי פאַרשפּראָכן מיך לאָזן צוריק ווערן אַ סטודענט. ווי קאָן איך אַוועקפאָרן?

— נו, גוט, — האָט דער קאַנצעלאַריסט געזאָגט. — צוויי וואָכן קאָנט איר דאָ נאָך פאַרבלײַבן. אָבער דאָס סטודענטישע היטל טאָרט איר מער נישט טראָגן. איר זײַט אַ פּריוואַטער מענטש איצט, נישט קיין סטודענט.

אַ ביסל צײַט האָב איך געוואונען. אָבער עס איז דאָך געווען קלאָר, אַז דער מיניסטער וועט ניט ענטפערן אַזוי גיך. האָט ער קיין צײַט ניט? איך האָב אָנגעשריבן אַ בריוו דער מאַמען, זי זאָל מיר העלפן קריגן וואוינרעכט, ווײַל עס איז דאָ אַ וועג: איך דאַרף נאָר האָבן אַ „דאָוויערענאָסט" (פּאַוער אָוו אַטורני) פון אַ פירמע, אַז איך בין זייער פאַרטרעטער. דעמאָלט באַקום איך דאָס רעכט צו וואוינען אין פּעטערבורג צוויי חדשים. אַ וואָך שפּעטער האָט די מאַמע צוגעשיקט מיר אַזאַ „דאָוויערענאָסט" פון — איך מוז זאָגן, אַז איך האָב פאַרגעסן די נעמען פון די גוטע ביאַליסטאָקער

מענטשן, וואָס האָבן מיר געהאָלפן. איך האָב אויך ניט געוואוסט וואָס, אייגנטלעך, איך דאַרף „אײַנקויפן": צי דאָס איז געווען שיך, צי פּאַפּיר, אָדער גאָר ווײַן. אָבער אײַנקויפן מוז איך און דערפאַר מעג איך וואוינען אין פּעטערבורג אומגעשטערט.

ווען דער קאַצעלאַריסט האָט דערזען מײַנע נײַע דאָקומענטן, האָט ער פאַרדרייט די מאָרדע.

— אָט זײַט איר אַ סטודענט, און אָט גאָר אַ פּריקאַזטשיק! — האָט ער איראָניש אויסגערעדט.

— נו, אויב איך וועל ניט קאָנען ווערן צוריק אַ סטודענט, מוז איך דאָך עפּעס פאַרדינען אויף לעבן.

— שרײַבט אונטער אַ באַשטעטיקונג. — האָט ער פּלוצלינג אויסגערעדט, — אַז איר זאָגט זיך אָפּ אין דער צוקונפט צו ווערן אַ סטודענט.

דאָס איז געווען אַזוי אומגעריכט און חוצפּהדיק, אַז איך האָב זיך מיט מי געקאָנט קאָנטראָלירן און האָב בייז אויסגעשריען:

— אָ, ניין! אַזאַ דאָקומענט וועל איך קיינמאָל ניט אונטער־שרײַבן.

ער האָט זיך באַרואיקט און ניט געפּרוווט זיך שפּאָרן מיט מיר. איך האָב געוואוינט צוויי מאָנאַטן פּעטערבורג.

די צײַטונג „בירזשעוויאַ וויעדאָמאָסטי". די נײַע געבײדע לעבן וואָזניעסיענסקי פּראָספּעקט איז שוין געווען פּאַרטיק און די רעדאַקציע, דער קאָנטאָר און די דרוקערײַ האָבן זיך אַריבערגע־קליבן אין פּראָפּערס אייגענע הויז לעבן וואָזניעסיענסקי פּראָס־פּעקט. פּראָפּער האָט זיך געקליבן צו „גיין אויף פּעטערבורג" גאָר ערנסט: מיט אַ ספּעציעלער אָוונט־אויסגאַבע — אַ זאַך, וואָס איז נאָך ניט געהערט געוואָרן אין רוסלאַנד.

פּראָפּער האָט מיר געזאָגט, אַז איך קאָן שוין אָנהויבן אַרבעטן אין דער צײַטונג. מײַן געהאַלט איז פינף און זיבעציק רובל אַ חודש און, חוץ דעם, צוויי קאָפּיקעס פאַר יעדער געדרוקטער שורה. פאַר אַ יונגן סטודענט, אָדער געוועזענעם סטודענט, פאַר אַן אָנפאַנגער, איז דאָס געווען גוט באַצאָלט.

— און אַלצדינג וואָס איר וועט שרײַבן, דאַרפט איר איבער־געבן צו וולאַדימיר אַלעקסאַדראָוויטשן, — האָט פּראָפֿער געזאָגט.

וולאַדימיר אַלעקסאַנדראָוויטש באַנדי איז געווען דער נײַער רעדאַקטאָר פֿון דער צײַטונג. דאָס הייסט, אָפיציעל איז ער געווען אַ געהילף צו יאַסינסקין. נאָר גאָר אינגיכן האָב איך זיך איבער־צײַגט, אַז ער און הינטער אים פּראָפֿער אַליין זענען געווען די אמתע פֿירער פֿון דער רעדאַקציע. צען יאָר האָב איך געאַרבעט אין דער צײַטונג, געזען זיך מיט באַנדין עטלעכע מאָל אין טאָג, געטראָפֿן זיך מיט אים אין זײַן שטוב, און איך מוז זאָגן, אַז איך ווייס וועגן אים פּונקט אַזוי פֿיל, אָדער אַזוי ווייניק, ווי איך האָב געוואוסט דעם ערשטן טאָג ווען מיר האָבן זיך באַקענט. פֿון וואַנען ער האָט זיך גענומען, וואָס פֿאַר אַ דערציאונג ער האָט באַקומען, פֿון וואַנען ער שטאַמט — דאָס האָט קיינער פֿון אונדז ניט גע־וואוסט, אַ חוץ אפשר פּראָפֿער אַליין. מען האָט זיך געשושקעט, אַז באַנדי איז געווען פּראָפֿערס אַן אייגענער. הייסט עס, אַז ער איז געווען אַ ייד. אָבער איז עס טאַקע אַזוי געווען? דער נאָמען „באַנדי" האָט ניט געקלונגען יידיש, גיכער איטאַליעניש, און שוין גאָר זיכער ניט רוסיש.

זעלטן ווען עס איז מיר אויסגעקומען צו טרעפֿן זיך מיט אַ מענטשן, וואָס האָט געהאַט ווייניקער „פּערזענלעכקייט", ווי מײַן נײַער רעדאַקטאָר. ער איז געווען אַרום 35 יאָר אַלט, ניט מיאוס אויפֿן פּנים, אַנגעטאָן ציכטיק, פּראַנטעוואַטע, ניט אָן געשמאַק, געהאַלטן זיך גאַנץ פֿײַן, גערעדט אַזוי ווי עס דאַרף רעדן אַ מענטש אין זײַן פּאָזיציע, און — געווען אַ נול, אַ גאָרנישט, אַ מענטש אָן טעם, אָן אויסדרוק, אָן כאַראַקטער. אין די האָטעלן פֿון דער שווייץ גיט מען עסן אַ זופּ, וואָס קיינער קאָן דאָס אין מויל ניט נעמען — עס שמעקט ניט. עס איז אָן „אינטערנאַציאָנאַלער", אַ „נייטראַ־לער" זופּ, ספּעציעל געמאַכט אַזוי, ווײַל אין די האָטעלן קומען דאָך טוריסטן פֿון אַלע עקן וועלט. באַנדיס פּנים איז געווען ענלעך צו דעם שווייצער זופּ: ער איז געווען אַן אינטערנאַציאָנאַלער; ער האָט געקאָנט זײַן אַ קריסטלעכער, אַ יידישער, אַ דײַטשער, אַ פֿראַנצויזישער, אַ לוקסעמבורגער, — מיט איין וואָרט, אַ „מיטל־

איירפּעישער" פּנים. כדי מיט עפּעס אויסצוצייכענען זיך, האָט ער געטראָגן אויף דער לינקער האַנט, אונטער דעם מאַנזשעט, אַ דינע גאָלדענע קייטעלע, ווי אַ מין בראַסלעט. ער האָט געהאַט אַ טבע צו באַגיסן זיך מיט פּאַרפום. צו ליטעראַטור, צו זשורנאַליזם, צום געשריבענעם וואָרט האָט ער גאָר קיין שייכות ניט געהאַט. ער האָט קיינמאָל גאָרנישט געשריבן און האָט דאָס אַפילו ניט געפּרוּווט טאָן. פאַרוואָס־זשע איז ער פאַרט געווען דער רעדאַקטאָר? איז ווידער אַמאָל: פּראָפּערס אַ קרוב. אָבער אויב אַזוי, צו וואָס האָט מען דאָס געדאַרפט האַלטן בסוד? דאָס האָט מען געטאָן, כדי די וועלט זאָל זיך, חלילה, ניט דערוויסן, אַז ער איז אַ ייד, ווײַל דאָס קאָן שאַדן דער רעפּוטאַציע פון דער צײַטונג און פון דער אונטן־אויסגאַבע, וועלכע איז איינגיכן געוואָרן פּאָפּולער אונטער דעם נאָמען „בירזשאָווקאַ". באַנדי איז ניט געווען פאַרהייראַט. קיינמאָל האָב איך ניט געזען לעבן אים קיין פרוי, קיין באַקאַנטע, קיין געליבטע.. ער האָט ניט געהאַט קיין ברודער, קיין שוועסטער, קיין טאַטע־מאַמע. געלעבט האָט ער אַליין אין אַ שיינער אַלט־בחורשער וואוינונג. אַ חוץ דער „בירזשאָווקאַ", האָט ער קיינעם און גאָרנישט געהאַט. זײַן באַציאונג צו די מיטאַרבעטער איז געווען קאַלט, פרעמדלעך און העפלעך־געשעפטלעך. ווען מען האָט גערעדט צו אים וועגן יידן און יידישקייט, — און דאָס פלעגט געוויינלעך טאָן אונזער קאָלעגע בורדעס, דער געשמדטער ייד, איז באַנדיס פּנים געוואָרן נאָך „נייטראַלער". עס האָט אויסגעזען אַזוי ווי ער ווייסט פון גאָרנישט; פּשוט, ער פאַרשטייט גאָרנישט וואָס מען וויל פון אים. און מען האָט טאַקע גאָרנישט דערוואַרט פון אים. עס איז דאָך געווען באַנדי, אַ מענטש אָן פּערזענלעכקייט, אָן רעליגיע, נאַציאָנאַליטעט, משפחה און פּערזענלעכע אינטערעסן.

און דאָך איז אָט דעם מענטשן, אין וועלכן אַלצדינג איז געווען שאַבלאָן, וועלכער האָט ניט פאַרמאָגט קיין שום אייגענעם כאַראַקטער, וועלכער איז געווען ניט פלייש און ניט פיש, ניט ייד און ניט קריסט, — אויסגעקומען צו שפּילן די גרעסטע ראָלע אין דער געשיכטע פון אונדזער צײַט און אפשר פון אַלע צײַטן: דאָס האָט ער אָנגעהויבן די ערשטע וועלט־מלחמה! ניט קייזער

ווילהעלם, ניט דער אַלטער פראַנץ יאָזעף, ניט דער רוסישער קריגס־מינסטער סוכאָמלינאָוו — ניין! וולאַדימיר אַלעקסאַנדראָ־וויטש באַנדי האָט עס געטאָן. דאָס קלינגט ווי אַ שפּאָס, אָבער אַזוי איז עס פּאַקטיש געווען, און אַ סך מענטשן ווייסן, ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען. נאָך דער טאַראַראַם פון די געוואַלטיקע איבער־קערענישן האָט איבערגעשריען און פאַרוואָרפן אַט דעם קליינעם טרויעריקן אמת, פונקט ווי אַ סך אַנדערע גרעסערע אמתן. נאָר ווען דער צוקונפטיקער היסטאָריקער וועט ענדלעך זיך אָוועקזעצן צו באַשרייבן און משפּטן אַלץ, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט, וועט ער אָנהויבן אַזוי:

— אין די סאַמע לעצטע טעג פון מאָנאַט יולי, 1914, איז די וועלט געשטאַנען ביים בלוטיקן שיידוועג. דייטשלאַנד האָט גע־העצט עסטרייך און געקוקט אויף רוסלאַנד, רוסלאַנד אויף פראַנק־רייך, און פראַנקרייך אויף ענגלאַנד. איירָאָפּע האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן: אָנהויבן שיסן אָדער ניט. אין דעם מאָמענט איז דער־שינען אין דער „בירזשאָווקאַ" אַן אינטערוויו מיט דעם רוסישן קריגס־מיניסטער סוכאָמלינאָוו. אָנגעשריבן דעם אינטערוויו האָט באַנדי אַליין. ניט טראַכטנדיק קיין איין מינוט וועגן דעם, וועלכע פאָלגן דאָס קאָן ברענגען, האָט באַנדי, דער רעדאַקטאָר, אָפּגע־דרוקט דעם דאָזיקן אינטערוויו אונטער דער געפערלעכסטער פראַ־וואָקירנדער אויפשריפט: „מיר זענען גרייט!"

קאָרעספּאָנדענטן פון די דייטשע ציַיטונגען, וואָס זענען געזעסן אין פּעטערבורג, האָבן באַלד אָפּגעטעלעגראַפירט דעם גאַנצן אַר־טיקל. דער דייטשער אַמבאַסאַדאָר, גראַף פּורטאַלעס, האָט באַלד געלאָזט וויסן וועגן דעם די סאַמע העכסטע קרייזן אין בערלין. אַ קלייניקייט! דער רוסישער קריגס־מיניסטער אַליין האָט געהאַלטן פאַר נויטיק אויסצושרייַען אין די גאַסן פון פּעטערבורג — און די „בירזשאָווקאַ" איז געווען די גאַס — אַז ער איז גרייט, די אַרמיי איז גרייט!

די פאַרהאַנדלונגען, וואָס קייזער ווילהעלם האָט די גאַנצע ציַיט געפירט מיט צאַר ניקאָלאַי דורך אַ „דירעקטער טעלעפאָן־ליניע" זענען מיטאַמאָל אָפּגעבראָכן געוואָרן: וואָס איז דאָ צו רעדן, אַז „זיי

זענען גרייט״? אויב איר זײַט גרייט, זענען מיר אַוודאי גרייט! — „מי גאַטאָווי!״ — אַלזאָ, „זינד וויר פֿערטיג עבענפֿאַלס!״ און ווילהעלם גיט אַ באַפֿעל אָנצוהויבן די אַלגעמיינע מאָביליזאַציע.

די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן. אייראָפּע האָט אָנגעהויבן ברענען.

אויף אויפֿצובויען רוסלאַנד, דײַטשלאַנד, פֿראַנקרײַך און עסט־רײַך זענען נויטיק מענטשן ווי פּושקין, היינע, וואָלטער, בעטהאָווען; אויף געבן אַ סיגנאַל אויפֿצורײַסן די אַלע לענדער, איז געווען גענוג אַ באַנדי...